STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06980

A BRUNEM BAYM VEG

Moshe Dluznowsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה דלוזשנאָווסקי

א ברונעם
ביים וועג

דערציילונגען

☆

פארלאג „אונזער בוך" בוענאס-איירעס
1953 ה'תשי"ג

A BRUNEM BAIM VEG

(A WELL ON THE ROAD)

STORIES

by

MOSHE DLUZNOWSKY

Copyright
by
MOSHE DLUZNOWSKY

246 West End Avenue
New York, N. Y.

Published by

UNZER BUCH

BUENOS AIRES — 1 9 5 3

INDUSTRIA ARGENTINA
IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

MOSHE DLUZNOVSKY

A BRUNEM BAIM VEG

(UN ALJIBE AL LADO DEL CAMINO)

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723

EDITADO POR

"UNZER BUCH" (NUESTRO LIBRO)

BUENOS AIRES, 1953

בערטען

אינהאַלט

דער נסיון — 7
זינד — 27
אין אַ קלעם — 57
גנבה — 81
דער געשלאָגענער — 95
זיין לעצטער גלגול — 109
פריינטשאַפט — 125
טרייסט אין אַ צלמל — 135
די אומבאַקאַנטע זינגערין — 143
קנאה — 151
אַ פּאַרמעסט — 161
צעפאַלענער קוואַרטעט — 177
דער נדר — 187
אַ שפּיטאָל אָן קראַנקע — 201
גורל — 213
אַנטיקוואַרע סאָפע — 239
דער אוצר — 249

פארלאג
אונזער בוך
בוענאס-איירעס

דער נסיון

— צוויי בריוו זיינען אָנגעקומען פאַר אייך, מעסיע ווארגאַס. איר זיים שוין עטלעכע טעג נישט געווען אינדערהיים, דאָס זיינען זיכער וויכטיקע בריוו!

ברוך ווארגאַס האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו דער טיר. דערזען זיין באַלעבאָסטע, — האָט ער זיך אויפגעהויבן פון טיש:

— אַ דאַנק אייך, מאַדאַם קלאָדין! בין דאָס מאָל פאַרפאָרן אַזש קיין מאָנפעליע, צום יערלעכן יריד. דאָס וועטער... מע האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אַ קונה, געפּרוּווירן געוואָרן, קוים זיך דערשלעפּט אַ היים. דער ווינט — בושע־וועט ביי די ברעגן פונעם רהאָן. גאַנצע בערג זאַמד — אָנגעשאָטן אויף די וועגן, ביימער — אויסגעריסן מיט די וואָרצלען, די הילצערנע שינדל־דעכער איבער די הייזער האַלטן קוים אוים.

— אַזוי איז שוין ביי אונדז יעדעס יאָר אין שפּעטן האַרבסט! דער מיס־טראַל־ווינט צעשפּילט זיך איבער דער גאַנצער פּראָוואַנס. ס׳נעמט טעג ביז ער שטילט זיך איין. איר האָט זיך שוין, דאַכט זיך, צוגעוואוינט צו אונדזער קלי־מאַט? ווי לאַנג זייט איר שוין אין פראַנקרייך?

— אין פראַנקרייך בין איך שוין איבער צען יאָר. דאָ, אין דער פּראָוואַנס־געגנט, אַ שפּעטערע צייט! איך האָב שוין דאָ מיינע כוחות אוועקגעלעגט. שווער צו פאַרדינען דעם ביסן ברויט. אַ געפערלעכע קאָנקורענץ. יעדן חודש קומען צו פרישע מאַרק־שטייער, פאַרפלייצן יעדן ווינקעלע. פאַראַן שוין מער סוחרים ווי קונים. פאַרוואָס זיצט איר נישט, מאַדאַם קלאָדין?

זי האָט זיך אומגעקוקט איבער דער שטוב־ווירטשאַפט, זיך צעשמייכלט מיט אַ פולן מויל ווייסע ציין, און געזאָגט:

— איך האָב זיך נאָר אַריינגעכאַפּט אויף אַ מינוט, בלויז אָפּגעבן די בריוו! אַ שרעקלעכער אָנגעוואָרף ביי אייך אין הויז. ווי קענט איר לעבן אַזוי אַליין, מעסיע וואַרגאַס? פעלט עס אייך גאָרנישט אויף אַ טראַכט טאָן וועגן אַריינגעמען אַ נייע באַלעבאָסטע? איר האָט דאָך די מעגלעכקייטן צו פירן אַ שיין לעבן. איר זייט דאָך פּעאיקער פון די פראַנצויזישע מארק־שטייער ביי אונדז אין שטאָט!

זי איז שטיל געבליבן. ברוך וואַרגאַס האָט אויפגעכאַפּט אַ וואַרימען דורכדרינגענדיקן בליק אין אירע אויגן, אַביסל זשענירט פון אירע פראַגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איר זייט גערעכט, מאַדאַם קלאָדין, אָבער...

זי האָט אים נישט געלאָזן ענדיקן דעם זאַץ. ווי אַ פּראָווינסאַלער פּלאַפּלערקע, האָט זי ווייטער גערעדט מיט אַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס אַ געוואַלטיקן ענין:

— וואָס שטיי איך דאָ, וואָס האָב איך זיך צערעדט? איך וועל זיך אַריינכאַפּן צו אייך שפּעטער! איך דאַרף ביי אייך קויפן אַ פּאָר איילן שטאָף אויף אַ קלייד. איר האָט מיר אַנומלטן געזאָגט, איר האָט נייע מוסטערן פון „סאַטע דע ליאָן". איך האָב אייך אויך פאַרגעסן צו זאָגן: מעסיע דעגרען, דער פון דער שטאָט־מוניציפּאַליטעט, האָט זיך עטלעכע מאָל געפרעגט אויף אייך. איך גלייב, ער דאַרף אייך וועגן דער סינאַגאָגע.

— דעגרען? וואָס האָט ער זיך צוגעטשעפּעט — האָט ברוך אַ ברום געטאָן. — וואָס וויל ער פון מיר?

— וועגן דעם פּלאַץ גייט עס אים — האָט מאַדאַם קלאָדין געזאָגט — איך האָב געהערט, אַז מ'פּלאַנט דאָרטן אויפבויען עטלעכע שטאָט־הייזער. אינזשיניערן האָבן שוין געמאָסטן, געצייכנט, אַלע אין שטאָט ווייסן וועגן דעם!

זי איז אַרויס פון צימער. ברוך האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט ביים טיש. ער האָט געהאַלטן אין מיטן מאָלצייט, אָבער ער האָט מער נישט געקענט עסן. אויפן טיש איז געלעגן פאַרשפּרייט אַ טישטוך, מיט פלעקן פון פריערדיקע מאָלציַיטן. עס איז געלעגן אַן אָנגעהויבן ברויט און אויף דער שנעל צוגעגרייטע מאכלים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם אָנגעוואָרף אין שטוב. אַ ווייסטער אומעט פון עלנט און פאַרלאָזנקייט האָט אויף אים אַ יאָג געטאָן. אין אַ ווינקל פון דער עסשטוב איז געשטאַנען אַ שענקל ספרים מיט אָפּגעריסענע רוקנס, אַ צוויי משניותן, אַ גאַנג חומשים און עטלעכע יידישע ביכער. אויפן דיל האָבן זיך געוואַלגערט פּעק מיט גאַלאַנטעריי־סחורות, וואָס ער האָט צוריקגעבראַכט פון די מערק. עס זיינען געלעגן טעפּ, טעלער, סתם שטוב־חפצים. זי איז גערעכט די מאַדאַם קלאָדין — האָט ער געטראַכט — ער איז אַליין און פאַרלאָזן, אַ פרעמדער צווישן פרעמדע איז ער. זינט זיין ווייב גיטעלע, איז אים דאָ געשטאָרבן, איז ער עפּעס טאַקע נאָר

ווי א הונט. וואלגערט זיך טעג און נעכט אויף די מערק פון פארשיידענע שטעט און שטעטלעך, און ווען ער קומט אמאל אהיים בלויז איבערנעכטיקן, טרייבט עס אים פון שטוב.

ברוך ווארגאס האט זיך אויפגעשטעלט, גענומען שפרייזן איבער דער שטוב. זיין הויך געשטאלט האט זיך געוויגט אין גאנג. זיין פול פנים איז געווען רויט, אנגעלאפן און צעאקערט פון ווינטן, שטויב און היץ. פון די אויגן האט אים ארויסגעקוקט א טיפער טרויער. אין מוח האט אים געשלאגן א כוואליע מיט נישט־היימלעכע געדאנקען: שוין עטלעכע יאר צייט, ווי ער האט זיך איינגעווארצלט דא, אינעם שטעטל קארמאנט, אין דער סאמע טיף פון דער פראוואנס. דא וואו עס האבן אמאל געבליט און געוואקסן יידישע קהילות, געוואקסן, און אונטערגעשניטן געווארן אין מיטן זייער אויפשטייג. פון א קליין שטעטעלע אין פוילן, וואו ער האט אפגעלעבט עטלעכע און דרייסיק יאר, אין ליידן און פריידן, איז ער געקומען אהער צו לויפן. די נויט, וואס האט זיך געלייגט איבער זיין האלדז ווי א חלף, האט אים געטריבן פון זיין איינגעזעסענער היים. פאר פארשולדיקטע שטייערן האט די פויליש מאכט ביי אים צוגענומען דאס לעצטע ביסל סחורה פון קראם. אים געלאזן אויף הפקר, כאטש נעם און דערטרונק זיך. ער האט מיט זיין ווייב אנגעשפארט אין פראנקרייך. ווי פארבלאנדזשעטע פייגל זיינען יידן אהערגעקומען פון אומעטום, געזוכט שוץ ווו דעם קאפ אוועקצולייגן. דאס זיינען געווען געיאגטע, געפלאגטע יידן. זיי האבן היינטער זיך איבערגעלאזן פארחושכטע היימען, וויסטן דלות און שרעק פארן אייגענעם שאטן. דא, אין פראנקרייך, האבן זיי געפונען א היים. זיי האבן זיך צעשפרייט איבער דער ברייט און לענג פונעם לאנד, פון דער סען ביז עלזאס־לאטרינגען, פון די נארדישע קוילן־גרובן ביז — די זוניקע ברעגן פון מיטלענדישן ים, פון די בורגאניער וויין־פעלדער ביז — די נארמאנדישע פעטע לאנקעס. אומעטום האבן זיי פארפלאנצט דעם אלטן, היימישן יידישן שטייגער מיט דעם דורות־אלטן ניגון פון בטחון און טרייסט...

דאס איז געווען ערשט עטלעכע יאר נאך זייער חתונה. אים און זיין יונג ווייב גיטעלע האט עס פארטראגן אזש אין דער פראוואנס, ביי די ברעגן פונעם טייך רהאן, דארט ווו עס ליגן די שטעט פון די אמאל בארימטע יידישע קהילות: אוויניאן און קארפאנטראס. זיי האבן זיך באזעצט אין דעם שטעטל קארמאנט. אין אנהייב האט ברוך זיך פארנומען מיט סתם שווערער ארבעט. געהארעוועט ביז שפעט אין דער נאכט אריין, כדי אויסצוקומען מיט חיונה. שפעטער האבן אים די עטלעכע יידישע משפחות אין שטעטל, מארק־שטייער און פעדלער ארויסגעהאלפן. ער איז אויך געווארן א מארק־שטייער. די עטלעכע משפחות האבן אין קארמאנט אויסגעהאלטן א קליינע שול און געשפונען היימישן יידישן שטייגער אין דער פרעמד. אלץ וואלט אפשר גוט אוועק. א קליינע יידישע קהילה וואלט זיך פאנאנ־

דערגעוואַקסן מיט אַן אייגנאַרטיק היימיש פּנים. האָט זיך עפּעם דאָס מזל אָפּגעטאָן פון דעם אָרט. די צוגעוואַנדערטע יידן האָבן זיך דאָ נישט געקענט לאַנג האַלטן. פון איין זייט איז די האָרעוואַניע געווען צו גרויס, פון דער צווייטער זייט — האָט דאָ אַ שטיקל צייט געהערשט אַן עפּידעמיע. און זיין יונג ווייב גיטעלע איז געווען פון די ערשטע קרבנות. די אַלט־איינגעזעסענע פּראַנצויזישע יידן זיינען שוין לאַנג פון דאַנעט אַוועק. עטלעכע פון זיי, די ייִנגערע, זיינען בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אומגעקומען אויף די שלאַכט־פעלדער פאַר פראַנקרייך. ברוך וואַרגאַס איז געבליבן אַליין. דער איינציקער ייד אינעם שטעטל, מיט אַ שול, וווּ קיינער קומט נישט אַריין.

דער שפּעטער האַרבסט־ווינט האָט זיך געטראָגן מיט געוואַי און געברום. דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין. ברוך איז צו צום פענצטער, אַרויס־געקוקט אינעם טריבן דרויסן. דאָס שטעטל איז געלעגן שטיל. רייען נידע־ריקע הייזער — צוגעטוליעטע איינס צום אַנדערן, מיט געפאַרבטע שינדל־דעכער. איבער די לאָדנס — געזימסן, געשניצטע, קאָלירטע. די טירן פון די הייזער — שווערע מיט אייזערנע הענטלעך אָנצוקלאַפּן ביים איינגאַנג. פון אַ דערנעבנדיקן קאַפע־הויז, האָבן זיך געהערט געלעכטערס און גע־שרייען. אַ פּויער איז אַהיים געפאָרן פון פעלד אויף זיין צוויי־רעדערדיקן וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי ריזיקע אָקסן. אַ פרוי האָט אין איר גערטנדל אויפגעקליבן די אייל־בירטן, וואָס דער ווינט האָט אַראָפּגעשאָקלט פון די נידעריקע אַליוון־ביימלעך. דער קלויסטער־גלאָק האָט געקלונגען מיט אַ מאָנאָטאָן פּאַטעטישן ריטם, גערופן צו דער אָוונט־תפילה. פרויען געהילטע אין שוואַרצן מיט ווייסע טשעפּיקעס אויף די קעפּ, זיינען מיט אייליקע טריט געגאַנגען אין קלויסטערל, געטראָגן אויף די פּנימער און אין די אויגן דאָס געבעט, וואָס זיי זיינען גרייט אָפּצוגעבן פאַרן בילד פון דער הייליקער מאַריע. אַ מאַן איז אַרויס פון קאַפע מיט געזאַנג. ער איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט. פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן אין מיט גאַס אַ פאַרגאַפּטער. דער קערפּער זיינער האָט זיך געבויגן הין און צוריק. ער האָט אַלץ אַרום באַטראַכט מיט אַזאַ שטוינען, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ געזען צום ערשטן מאָל. ברוך האָט נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון זיך די געדאַנקען, וואָס האָבן געהאַמערט אין זיין מוח אָן אויפהער: וואָס טוט ער דאָ אין דעם פאַרנאַכט? אויך אים האָט זיך, ווי דעם שיכור אין דרויסן, אויסגעדוכטן ווי ער וואָלט דאָס אַלץ געזען צום ערשטן מאָל אָדער גלייך ווי ער איז שוין דאָ געווען מיט אַ סך דורות צוריק...

ער וואָלט שוין לאַנג געווען אַוועק פון דאַנען — האָט זיך ברוך געפּלאָנטערט אין די געדאַנקען — אָבער דאָס אָרט האַלט אים ווי געפּענטעט. ער האָט דאָ באַגראָבן זיין ווייב. אויף אים איז אויסגעפאַלן דער גורל צו זיין דער איינציקער ייד, וואָס היט דאָס איבערבלייבעכץ פון אַ פאַרוואַלגערטער קהילה, ער איז דאָ אַזוי גוט ווי

פארוואָרצלט; און נאָך עפּעס האָט אים געפּייניקט, און אַ כוואַליע היים בלוט האָט אים אַדורכגעשטראָמט איבערן לייב:

די מאַדאַם קלאָדין, די באַלעבאָסטע זיינע, די מלחמה־אַלמנה, מיט די שוואַרצע אויגן. זיי מאָגען עפּעס ביי אים די אויגן אירע. זי געפינט שוין אַלעמאָל אַן אויסרייד אַריינצוקומען צו אים אין הויז, אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דער אומאָרדענונג, וואָס ס'הערשט אין זיינע שטובן. אַט אַנומלט האָט זי זיך צערעדט מיט אַ געלעכ־טערל און מכלומרשטער זאָרג:

— מעסיע וואַרגאַס — האָט זי געזאָגט — איר וואָלט געדאַרפט חתונה האָבן, מער נישט פירן אַ לעבן פון אַ ציגיינער. וואָס וואַרט איר? ווי איר זעט בין איך אויך אַליין, איז מיר טאַקע זייער אומעטיק. מיין מאַן איז צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה מיט פאַרגאַזטע לונגען. אין ווערדען האָט ער דאָס געכאַפּט. נאָכדעם איז ער אָפּגעלעגן אין בעט צוויי יאָר צייט, פּאַמעלעך אויסגעשפּיגן דאָס לעבן. אַ יונגער מענטש נאָך געווען. איך האָב צוגעקוקט ווי מיט יעדן טאָג לעשט זיך ביי אים אויס דאָס ביסל חיות, צאַנקט ווי אַ ליכט. די רעגירונג גיט מיר דערפאַר אַ פּענסיע. איך בין רייך. איך פאַרמאָג וויין־פעלדער, איילבירט־ביימער, פּי, אַן אייגן הויז.

— פאַרוואָס זענט איר אַליין? — האָט ברוך געפרעגט — עס וואונדערט מיך טאַקע?

זי איז רויט געוואָרן, זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— נישט געפונען אַזוי שנעל קיין אַנדערן!

מאַדאַם קלאָדין וויים — ער איז אַ ייד. ער איז איינער אַליין, אָבער דאָס האַלט זי נישט אָפּ אַריינצוקומען צו אים, אַזוי ווי ער קומט נאָר פון די מערק. דאָ דאַרף זי סחורה אויף אַ קליידל, דאָ וויל זי כאַפּן אַ שמועס. עס איז איר אומעטיק מיט דער זאַטער באַלעבאַטישקייט, מיט איר פערציק יאָריקן עלטער. עס לאָקט איר דער געזונטער פעסט־געבויטער, אַרבעטזאַמער ייד ברוך וואַרגאַס. ער פאַרנעמט ביי איר אַ דירה פונעם ערשטן טאָג, ווי ער האָט זיך דאָ באַזעצט.

זי האָט אים, ברוכן, אויך דערציילט, אַז זי האָט שוין אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דאָס בילד פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס בילד האָט איר איצטער כסדר דערמאָנט אין טויט. זי האָט אים אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז ער דאַרף נישט מער פאַרשוואַרצט ווערן אויף די מערק. זאָל ער פאַרגעסן גיטעלען מיט זיין אָמאָ־ליקער היים, און זיך דאָ איינוואָרצלען, נעמען באַלעבאַטעווען מיט איר פאַרמעגן. דאָס וואָס ער איז אַ ייד און זי קלאָדין נישט, דאָס איז דאָך גאָרנישט. זי פאַרשטייט, אַז עס איז גאָרנישט. אָט גייט זי קיינמאָל נישט אין קלויסטער אַריין, זי איז נישט פרום. און ער, ברוך גייט דאָך אויך נישט אין דער סינאַגאָגע אַריין. זי האָט אים

קיינמאָל נישט געזען דאָרט אַריינגיין. איז וואָס איז דער אונטערשייד אַזוי גרויס צווישן זיי ביידן?...

ברוך האָט זיך איצטער אין דעם בין־השמשות אַ צאַפּל געטאָן, ווי ער וואָלט אויפגעקומען פון אַ מאָדנעם חלום. אַ שווערקייט האָט אים נעדריקט און עפּעס אַ לייכטקייט האָט געגלעט זיין געמיט. ער האָט ליכטיק געמאַכט אין צימער, און דערזען אויפן טיש די צוויי בריוו, וואָס די מאַדאַם קלאָדין האָט געבראַכט. ער האָט שוין אינגאַנצן געהאַט אין זיי פאַרגעסן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן איין בריוו, געעפנט און געליינט:

„לכבוד ר' ברוך וואַרגאַס, דער ראש פון דער ק"ק קאַרמאַנט אין פּראָווענסיה, שלום אויף אייך.

„מיר, די עדה יידן פון דער שטאָט אַוויניאָן, וואָס ליגט ביים לינקן זייט פונעם טייך רהאָן, די שטאָט, וואו עס האָט אַמאָל עקזיסטירט איינע פון די עלטסטע יידישע קהילות אין פראַנקרייך, מיר האָבן איינגעזען, אַז די קליינע קהילות אין דער פּראָוואַנס, וואָס האָבן זיך לעצטנס אַביסל געשטאַרקט, אַדאַנק דעם צופלוס פון די מזרח יידן, וואָס ליידן נויט אין זייערע לענדער און קומען קיין פראַנקרייך זוכן פּרנסה, אָט־די קליינע קהילות ווערן ביסלעכווייז ליידיק, און פאַרלאָזן. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן צו רופן די ראשים פון די דאָזיקע ערטער, כדי צו זען ווי אַזוי דאָרטן איינצוהאַלטן די יידן.

מיר בעטן אייך, ר' ברוך וואַרגאַס, צו קומען קיין אַוויניאָן, צו דער ערשטער אסיפה דעם און דעם טאָג.

מיט יידישן גרוס,
דער קאָמיטעט".

דער בריוו האָט געציטערט אין ברוכס האַנט. עס האָט זיך אים געגלוסט לאַכן. וואָס הייסט ער איז אַ ראש פון אַ קהילה, ווער איז ער? און וואָס פאַר אַ קהילה איז דאָ פאַראַן? ער האָט אָבער נישט געלאַכט. אַ שווערקייט האָט אים נעדריקט, נישט צום אויסהאַלטן. ער האָט זיך פּלוצלינג דערפילט מוראַדיק אַליין און פאַרלאָזן. ער האָט געעפנט דעם צווייטן בריוו. ער האָט דערזען אונטער דעם אונטערשריפט די חתימה פון דער שטאָט קאַרמאַנט. אויך אין דעם בריוו האָט מען אים, אין אַ העפלעך פראַנצייזישן טאָן, טיטולירט דעם פאָרשטייער פון דער יידישער געמיינדע אין דער שטאָט קאַרמאַנט. ער האָט געליינט:

„לויט ווי מיר ווייסן זיינען ביי אונדז אין שטאָט איצט נישט פאַראַן קיין יידן. די סינאַגאָגע ווערט פון קיינעם נישט באַזוכט. דעריבער האָט די שטאָט־פאַר־

וואַלטונג באַשלאָסן צוצונעמען דעם פּלאַץ, וואָס איז נייטיק, כדי אויפצושטעלן נייע שטאָט־געביידעס. ווילן מיר דעריבער האָבן די דערלויבעניש פון דער יידישער געמיינדע איינצוואָרפן די סינאַגאָגע־געביידע. דער באַשלוס קאָן ווערן צוריק־געצויגן, ווען מיר זאָלן וויסן באַשטימט, אז עס וועלן אין א קורצער צייט איינ־וואַנדערן עטלעכע יידישע משפחות. אין אַזאַ פּאַל וואָלטן מיר געקאָנט אוועקגעבן דעם פּלאַץ פאַר א געוויסער געלט־סומע אויף א לאַנגער צייט.

מיט גרוס

די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון קאַרמאַנט".

ברוך וואַרגאַס האָט אוועקגעלייגט ביידע בריוו אויפן טיש און זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. ער האָט זיך איצט געזען צווישן צוויי פייערן. זאָל ער אוועקפאָרן און איבערלאָזן אַלץ אויף הפקר, וועט ער זיין א דעזערטיר, פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוועזן. אָט האַלט מען אים דאָך פאַר א ראש פון א קהילה. אָט שרייבט מען צו אים, ווי צו א פאָרשטייער פון א יידישער געמיינדע. מיט וואָס פאַר א רעכט וואַרפט ער דאָס אַלץ אוועק און וועט נאָך דערלאָזן, אַז די אַלטע שול זאָל אַזוי אָרום אָפּגעווישט ווערן? ווי אַזוי וועט ער זיך פאַרענטפערן אויף דער אסיפה אין אַוויניאָן? זאָל ער ווידער בלייבן? ווי אַזוי וועט ער זיך אַרויספּלאָנטערן פון דער נעץ? אָט לייגט זי אוועק פאַר זיינע פיס עשירות, באַקוועמלעכקייט. זי איז דאָך א שיינע פרוי אויך די מאַדאַם קלאָדין, זי איז אין די יאָרן פון איבערגעלאָדענער רייפקייט, ווי אַזוי וועט ער קאָנען ביישטיין אַזאַ נסיון? ער אַליין איז דאָך גאָרנישט אַזאַ צדיק, אַזאַ אָפּגעהיטענער ייד. אַרום און אַרום איז ער דאָך אַן איינזאַמער מענטש, וואָס זוכט אביסל וואַ־רעמקייט, גאָרט נאָך אביסל היימישקייט. ווי אַזוי וועט ער זיך קאָנען אָקעגנשטעלן אַלץ דעם, וואָס איז פאַר אים אָנגעגרייט? און פאַרוואָס זאָל ער זיך אָקעגנשטעלן? פאַרוואָס זאָל ער פאַרטרייבן פון זיך א געזונטע, שיינע פרוי? שוין עטלעכע יאָר וויסט ער נישט דעם טעם פון פאַמיליען־אינטימקייט. לעבט ווי אַן איינזאַמער הונט. ניין! קיינער קאָן דאָס אויף אים נישט אַרויפצווינגען. איי, ער איז א ייד, איז וואָס? דאַרף ער דעריבער מיט די אייגענע הענט אוועקשטופּן אַזאַ גליק? ער גייט דאָך נישט חלילה פאַרלייקענען זיין יידישקייט, בלויז, בלויז — — —

ער האָט זיך געדרייט איבער דער שטוב הין און צוריק. דער מוח איז אים שיעור צעשפּרונגען פון שאלות און ספקות: דער יידישער נאָמען זיינער וועט דאָך ווערן פאַרפלעקט אויף אייביק! ער וועט דאָ ווערן א פּויער, האַנדלען מיט בהמות, איילבירטן, תבואה און דאָס אַלץ. ער וועט אָפּגעריסן ווערן פון זיין שטאַם...

מע האָט געקלאַפּט אין דער טיר. ברוך איז בלייך און רויט געוואָרן. ער האָט אויף דער שנעל גלייך געלייגט די כלים אויפן טיש, א גלעט געטאָן זיך איבערן

פנים און געגאנגען עפענען די טיר. מאדאם קלאַדין איז ווידער אריינגעקומען. זי האָט געטראָגן אַ שווארץ זיידן קלייד, פארקנעפּלט ביז ארויף צום נאַקן. עטלעכע שנירלעך פּערל האָבן ארומגענומען דעם האלדז און געפאלן פון נאַקן מיט שימער־רירנדיקע זילבער־גאָלדיקע קאָלירן. די האָר זיינען ביי איר געווען פארקעמט אין אַ טורעמדיקער, זיידיקער גלאַטקייט. זי איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל. עס האָבן פון איר געשפּאַרט דופטיקע ריחות פון פארשיכורנדיקע פיינע פּארפומען. זי האָט אָנגענומען אַ פּאָזע פון איינער וואָס איילט זיך זייער.

— איך מוז נאָך היינט באַזוכן די פאַמיליע לעגראַנזש — האָט זי געזאָגט — דער זון זייערער פאָרט מאָרגן קיין פּאַריז שטודירן. האָבן זיי מיך פארבעטן צום אָפּשייד־אָוונט. צוליב דעם האָב איך זיך אַזוי אויסגעפּוצט. איר וועט מיר מוחל זיין, מעסיע ווארגאַס, וואָס איך איייל זיך. איך וויל נאָר אָנקוקן אייערע נייע מוסטערן, די זייד־שטאָפן, אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין און מיר ווייזן!

— אָט שוין — האָט ברוך געזאָגט מיט אַ ווירדיקער העפלעכקייט — איך פּאַק נאָר אויף אָט דאָס פּעקל. זעצט אייך צו אַ ווײַלינקע.

די פּארפום־ריחות און דער באַלעבאַטעס עלעגאַנץ האָבן אים פארשיכורט און פארבלענדט. ער האָט נישט געוואוסט וואו זיך אַ קער צו טאָן. ער האָט זיך משער געווען, אַז זי איילט זיך נישט אַזוי שטאַרק צום ווייזט. עס איז נאָר בלויז אַן אויסרייד, אָט האָט זי דאָך אפילו נישט קיין איבער־מאַנטל אויף זיך. אומגע־לומפּערט האָט ער גענומען אַ פּאַק סחורה און ארויפגעלייגט אויפן טיש.

— איר האָט שוין איבערגעלייענט די בריוו? — האָט זי געפרעגט און זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל. זי האָט גאָר פארגעסן, אַז זי איילט זיך סכנות נפשות.

— איין בריוו, דאַכט זיך, איז געווען פון דער מוניציפּאַליטעט?

— יאָ! זיי ווילן איינוואָרפן די סינאַגאָגע.

— איך האָב פארשטאַנען. אָבער וואָס הייסט זיי ווילן איינוואָרפן? איר זיינט דאָך דאָ. פאַר דעם פּלאַץ פון דער סינאַגאָגע האָבן דאָך יידן זיכער אַמאָל באַצאָלט.

— זיי זאָגן, אַז עס זיינען נישטאָ קיין יידן אין קאַרמאַנט — האָט ברוך שטיל געזאָגט און גענומען אויסשפּרייטן שטיקער זיידן־געצייג — די סינאַגאָגע איז שטענדיק פארמאַכט. זיי זיינען אפשר גערעכט. איך וועל דאָ אויך מן הסתם לאַנג נישט בלייבן!

מאדאם קלאַדין האָט זיך אַ הייב געטאָן פון דער שטול. אירע אויגן האָבן זיך צעגליט מיט אַ פּלעמלדיקער נייגעריקייט. זי האָט שוין נישט געקוקט אויף דער גאַמע קאָלירן, פון די שטיקער זייד, וואָס האָט געמיניעט פאַר אירע אויגן.

— איר מיינט דאָך נישט צו זאָגן, אַז איר וועט פארלאָזן קאַרמאַנט? ביי

אונדז אין שטאָט זאָגט מען, אַז איר זיינט אַ מזלדיקער סוחר, אַז עס גייט אייך זייער גוט. איר האָט זיך גאָרנישט אויף וואָס צו באַקלאָגן.

— נישט וועגן דעם וועל איך פאַרלאָזן די שטאָט, נישט אין פּאַרדינסטן גייט עס. איך קאָן דאָ איינער אַליין נישט זיין.

— פאַרוואָס זאָלט איר זיין אַליין ?

פון ברוכס הענט איז אַרויסגעפאַלן אַ שטיק זיידן־שטאָף. די אויגן זיינען אים געוואָרן פאַרנעפּלט. ער האָט אַ שעפּטשע געטאָן :

— איך ווייס נישט. איך ווייס נישט וואָס מען טוט...

די פרוי האָט פאַרגעסן, אַז זי איילט זיך נאָך היינט אָפּצושטאַטן אַ וויזיט. זי האָט געפּלאַפּלט וועגן איר רייכקייט, וועגן איר לײדיקער גרויסער וווינונג: זי טוט אַלצדינג צו פאַרטרייבן דעם שאָטן פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן און אַז ער, ברוך, געפעלט איר, זאָל ער אַפילו נישט טראַכטן וועגן אַוועק פונדאַנען, זאָל אים אַפילו אַזאַ געדאַנק נישט איינפאַלן.

די גלאַטקייט פון איר צעהיצט ליבּ, האָט אים דערמאָנט אין זייד. אירע ליפּן — פולע, זאַפטיקע, האָבן זיך איינגעזויגן אין זיין פּנים. דער אָטעם אירער האָט אים פאַרפּייניקט מיט אַ זיס שכורנדיקן ווייטיק...

דער ווינט האָט געוואָיעט איבער דאַך, בוים און שטיין. די נאַכט האָט געפינצטערט מיט קאָשמאַריקן סוד און אומרו. ווען קלאָדין איז אַרויס פון ברוכס הויז, האָט אים אַרומגענומען אַ וויסטער טרויער. ער האָט זיך געפילט מיד, אַליין. עס האָט זיך אים געגלוסט יאָמערן, שרייען. וואָס וועט דאָ פון אים ווערן ? נישט אַלץ איז דאָך פרויען־לייב, געלט. ער וועט דאָך בלייבן אַ פאַרשניטענער אויף דורי־דורות. קיין קדיש וועט ער נישט איבערלאָזן. עס וועט קיין אָנדענק אפילו פון אים נישט בלייבן. ווי אַזוי וועט ער אָבער קאָנען ביישטיין נאָכאַמאָל אַזאַ נסיון ? איך מוז אַוועק פונדאַנען — האָט ער געברומט — באַלד מאָרגן פרי. אַז נישט וועל איך זינקען, פאַלן טיף. אַנטלויפן !

ער האָט זיך געשעמט פאַר זיין אייגענעם שאָטן, פאַר זיינע אויסגעפּראַצעוועטע הענט. ער האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט,, צוגעשלייכט זיך צום אָפענעם שענקל, מיט די פינגער דערטאַפּט דאָרט אַ ספר מיט אַן אַראָפּגעריסענעם רוקן. ער האָט דאָס ספר געהאַלטן פעסט אין די הענט, געטוליעט עס צו דער ברוסט, ווי ער וואָלט וועלן איינזאַפּן אין זיך די שטומע אותיות פון די קילע בלעטער. עטלעכע מינוט האָט ער עס געהאַלטן, די הענט האָבן אים געבריט, האָט ער עס פאַרזיכטיק צוריק אַריינגעשטעלט צווישן די אַנדערע ספרים און ביכער. אַ דערשעפּטער האָט ער זיך צוגעשלעפּט צום בעט, אַרויפגעוואָרפן זיך און פאַרמאַכט די אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א גאַנצע נאַכט האָבן ברוכן געהאַמערט אין מוח ספקות און פראַגעס. פאַר־וואָגלט געוואָרן דאָ אַהער. פאַרפלאָנטערט זיך... וואָס טוט מען? די בעסטע זאַך וואָלט געווען אַוועק פונדאַנען. באַלד מאָרגן מוז ער אַוועק... דאַרף ער טאַקע אַנטלויפן און איבערלאָזן אויף הפקר דאָס איבערבלייבעכץ פון אַ קהילה?

צומאָרגנס איז ברוך אַוועק זען מעסיע דעגרען, דעם פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג.

דעגרען אַ העפלעכער, צוגעלאָזטער שטאָט־באַאַמטער, האָט ברוכן וואַרעם אויפגענומען. מע האָט אים דאָ געקענט פאַר אַן אַנשטענדיקן סוחר, וואָס האַרעוועט שווער אויף זיין שטיקל ברויט. מע האָט אים געלאָזט וויסן, אַז די שטאָט־פאַרוואַל־טונג באַדויערט זייער, וואָס זי דאַרף אָננעמען אַזאַ שריט, ווי איינוואַרפן די איז־ראַעליטישע שול. זיי ווייסן, אַז שוין יאָרן־לאַנג פוסטעוועט די שול. אַזוי ווי קאַרמאַנט איז אַ קליין שטעטל, קאָן זי זיך דעריבער נישט דערלויבן אויפצוהאַלטן אַן אַרכאַיש־מוזעאַלן מאָנומענט. מע דאַרף דעם פּלאַץ, ס'איז דאָך אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט...

ברוך האָט אויסגעהערט די רייד. ער האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי אַ פאַרשולדיקט יינגל. אין מוח און אין האַרצן האָט אים געשטאָכן ווי מיט גליאיקע נאָדלען. ער האָט נישט געקאָנט ריידן. ער האָט זיך געפילט שולדיק אין דעם אומקום פון אַן אַלטער יידישער שול, אַ זכר פון אַ קהילה, אַ זכר פון אַ קיבוץ, וואָס האָט דאָ געוואָרצלט. ער איז געשטאַנען ווי אַ פאַרמשפּעטער, און מעסיע דעגרען האָט גערעדט:

— מיט הונדערטער יאָרן צוריק זיינען אין דער פּראָוואַנס געווען יידן, וואָס האָבן בייגעטראָגן צו דער קולטור פון לאַנד. די אומשטענדן און צייטן זיינען געווען אַנדערע, מע האָט נישט געדולדיקט קיין יידן, מע האָט זיי פאַרטריבן פונדאַ־נען. מיר, פאַרקערט, ווילן דאָ האָבן יידן, מיר ווייסן זיי זיינען פּראָדוקטיווע, אַר־בעטזאַמע, שטילע מענטשן, אָבער זיי זיינען זיך צעלאָפן. עס איז פאַר אונדז אַ חרפה. זאָלן זיך דאָ באַזעצן עטלעכע יידישע משפחות וועלן מיר די שול נישט טשעפּען. מיר וועלן קיין הייליקטום נישט פאַרשעמען.

דעם זעלבן טאָג איז ברוך וואַרגאַס אַריין אין דער שול. איבער אַלץ איז געלעגן אַ דיקער שיכט שטויב. אויף די טישן האָבן זיך געוואַלגערט סידורים און מחזורים. אויפן עמוד זיינען געשטאַנען נישט דערברענטע ליכט. אַ קליינער זיידע־נער טלית איז אַ פאַרשטויבטער געלעגן צעשפּרייט איבער אַ טיש. אויף איין וואַנט איז געהאָנגען אַ מאַרמאָרנער טאָוול מיט אויסגעקריצטע יידישע נעמען פון דער שטאָט קאַרמאַנט, וואָס זיינען געפאַלן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה פאַר פראַנק־רייך. ברוך האָט צום ווייפלטן מאָל איבערגעלייענט די נעמען. זיי האָבן פאַר אים געקלונגען היימיש און נאָענט. עטלעכע שויבן־פענצטער זיינען געווען אויסגעהאַקט.

עס האָט דורך זיי אַריינגעבלאָזן דער ווינט. אונטער איין פענצטער־קאַרניז האָט ברוך באַמערקט אַ נעסט פון פייגעלעך. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט. אַלץ איז אים דאָ מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי נאָענט. אָפּגעלעבט דאָ עטלעכע יאָר — האָט ער געטראַכט — און זעלטן אַריינגעקומען. שטענדיק פאַרהאָרעוועט אויף די מערק. פאַרגעסן, אַז דאָ וואָלט ער זיך געקאָנט אָראָפּריידן פון האַרצן, אַזוי ווי דער טאַטע זיינער אינדערהיים, אינעם ווייטן פּוילישן שטעטל, ווען די צרות האָבן אים דער־קוטשעט, עס איז געוועזן באו מים עד נפש, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין חסידים־שטיבל, פאַרטיפן זיך אין אַ גמרא, און פאַרגעסן אין אַלץ מיט אַנאַנד. פאַרוואָס טוט דאָס ניט ער, ברוך, דאָ אין דעם פרעמדן שטעטל? ווען זיין ווייב האָט געלעבט, האָט ער נאָך אַמאָל געטראַכט וועגן אַ שול, אַ ספר. זינט אָבער זי איז געשטאָרבן, האָט ער אין אַלץ פאַרגעסן, אין אַלץ. און ער איז דאָס דער שומר, דער איינציקער איבערגעבליבענער ייד פון אַ גאַנצער עדה...

ברוך איז אַרויס פון דער שול. געשלייכט זיך איבער די געסלעך פון שטעטל. באַגריסט זיך מיט פאַרבייגייער. אַלץ איז אים געוועזן נאָענט און — פרעמד. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט אַהיימגיין און דאָך האָט עס אים געצויגן אַהיים. בלויז פאַרבייגיין די פינצטער פון קלאָדינס וואוינונג און כאַפּן אַ קוק אינעווייניק. דער שאַרפער ווינט האָט געפּרישט זיין פּנים און אויף אים אָנגעיאָגט ריחות, וואָס עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס זיינען אירע פּאַרפום־ריחות, פון איר לייב, פון אירע קליידער. ער האָט נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צוטאָן. אַ בענקשאַפט האָט אים געפייניקט זי צו זען. ער איז פּאַמעלעך צוגעקומען צום הויז. ער האָט דערבליקט איר פיגור אין גאָרטן. זי איז געשטאַנען ביי אַ טיש אָנגעשטעלט מיט בערג פרוכטן און געקליבן איין פּרי נאָך דער אַנדערער. אַ ווייליקנע איז ער גע־שטאַנען אַ פאַרגאַפטער, אַ באַנומענער. זי האָט אים נישט באַמערקט, באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, וואו ער איז און אַ פאַרשעמטער שנעל אַוועק ווייטער.

* * *

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ברוך וואָרגאָס געפאָרן קיין אַווינייאָן צו דער אסיפה. דער וועג איז געלעגן צווישן וויין־פעלדער און קליינע אייל־בירט־ביימער, צעוואָרפן לענג אויס די וועגן. ער איז פאַרביי־געפאָרן קליינע דערפלעך, מיט קאַלירטע הייזער פון האָלץ און שטיין, וואָס האָבן געוואונקען מיט היימישקייט און געמיט־לעכער איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט. בהמות האָבן זיך געפּאַשעט, פערד זיינען אַרומגעלאָפן איבער די פעלדער און געפּראַוועט הפקר־שטיק. דער מיסטראַל־ווינט האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט און די קאַלטע שאַרפע לופט האָט גע־

ליכטיקט מיט אַ וואונדערלעכער דורכזיכטיקייט. אין מיטן טאָג האָט ער דערגרייכט די שטאָט אַוויניאָן. עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט די מעכטיקע געביידע „דער פּאַלאַץ פון די פּויפּסטן", דאָס זיץ־אָרט פון די פּויפּסטן, וואָס האָט עטלעכע הונדערט יאָר עקזיסטירט אין דער שטאָט. ברוך האָט פאַר זיך דערזען פונאַנדערגעוואָרפענע טורעמס איבער ריזיקע מויערן. זיי האָבן זיך געהויבן שטאָלץ, מעכטיק אין אַ גיגאַנטישן געפלעכט פון שטיין און גראַניט. שוין עטלעכע מאָל איז אים אויסגעקומען צו זען די געביידע, וואָס זעט אויס ווי אַ מוראדיקע פעסטונג, וואָרפט אָן אַ דריקנדיקע שטימונג פון אַ מיטלאַלטערלעכער צייט. וואָס נעענטער ברוך איז צוגעקומען צו דער אַלטער שטאָט אַוויניאָן, אַלץ מער האָט אין אים גענומען וואַקסן אַן אומרו און בענקשאַפט.

ער האָט פאַרקירעוועט צום מאַרק, וואָס געפינט זיך אויפן אָרט פון דער אַמאָליקער געטאָ אין אַוויניאָן. אויפן מאַרק האָט זיך געטראָגן אַ געפילדער, אַ רעש פון קרעמער און קונים. יעדער קרעמער האָט אויף קולי־קולות געלויבט זיין סחורה. צווישן זיי זיינען געשטאַנען יידן פון פּוילן, גאַליציע, רומעניע, ליטא. יידן מיט אָפּגעברענטע ניט־ראַזירטע פּנימער, מיט פאַרהאָרעוועטע הענט. יידן געזעצטע, קנאָביקע, קרעפּקע, הויכע און אויך געהויקערטע, איינגעדאַרטע, צעקנייטשטע פון ווינטן, רעגנס, זאָרגן און שווערער פּראַצע. אַלע מיט געשטעל און תנועות פון געניטע, אויסגעפּרוּווטע מאַרק־שטייער. יידן אָנגעלאָפענע פון ווייטע, ווייטע שטעטלעך, אַזעלכע, וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען אַלע גיהנמס פון פּיין פאַר דעם ביסל פּרנסה. די מאַרק־שטייער האָבן אויסגערופן די סחורות, איינער דעם אַנדערן געקראָכן אין דער גרגרת אַריין, און אויף אַ געבראָכענעם פראַנצויזיש, געמישט מיט יידיש אין אַלע דיאַלעקטן, האָבן זיי געשריגן און געריסן די קונים איינער פונעם אַנדערן.

— זעטץ נאָר ווער ס'איז דאָ! — האָט איין קרעמער אַ געשריי געטאָן, זעענדיק ברוכן — זעטץ נאָר, ברוך גאַמבינער פון קאַרמאַנט. וואָס טוסטו דאָ היינט?

— שלום עליכם, ברוך! — האָבן אַנדערע גענומען שרייען. און אויסגעשטרעקט פאַרהאָרעוועטע דלאָניעס — וואָס האָסטו זיך אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אויסגעפּוצט? נישט אַמאָל אַ שטיקל שידוך, דו גאַליציאַנער איינער. אַ רוח אין דיין!...

— שטעקסט נאָך אַלץ אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל? מען שמועסט, אַז ביסט געוואָרן אַן עושר. עס פּאַסט דיר שוין גאָרנישט אַריינצושמעקן אין אונדזערע מקומות!

— עליכם שלום, יידן! לאָזט אויסריידן אַ וואָרט! — האָט ברוך געפּרוּווט זיי איבערשרייען.

— מען שמועסט — האָט איינער געשריגן, לאַכנדיק און געהויבן די הענט — אַז האָסט דערטאַפּט אַ רייכע נקבה. אַ פראַנצויזיש אַלמנה׳לע, אָדער אַ גרושה׳לע, מיט פעטע פּאַלקעס. האָסט זיך אויסגעטויגט, האַ?

— שווייג דו, שמענדריק איינער! — האָבן זיך געהערט קולות — מאַך צו דיין פּיסק, ווער פרעגט דיך? הער אים נישט, ברוך, זאָל ער בילן!

ברוכן האָט אַ צופּ געטאָן ביים הארצן. אַ רויטקייט האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן פּנים און אַ נאַסער שווייס האָט געקילט זיין לייב. ער האָט זיך וואַרעם באַגריסט מיט זיינע חברים מאַרק־שטייער. וואָס פאַר אַ גוט יאָר האָט מיך פאַרטראָגן קיין קאַרמאַנט — האָט ער געטראַכט — אָט דאָ איז פריילעך און לעבעדיק, פאַרוואָס וואוין איך נישט צווישן זיי? יאָ. און עפּעס האָט מען שוין דאָ דערשמעקט. עס וועלן שוין קיין צרות נישט פעלן. עס איז אַ קליינע וועלט. אַזעלכע זאַכן צעטראָגן זיך ׳שנעל...

— מען האָט מיך אַהער גערופן צו אַן אסיפה! — האָט ער געזאָגט און אַנגענומען אַ פריילעכן, צוגעלאָזענעם טאָן, — געמאַכט מיך פאַר אַ גאַנצן ראש־הקהל. ווי קום איך אָבער אַ פּראָסטער חי־וקים צו אַזעלכע הויכע זאַכן? פאַרפאַלן. מען האָט מיך איינגעשפּאַנט, ברידער, מוז איך גיין אין שפּאַן! איך זאָל אַזוי ווייסן פון צער, ווי איך ווייס וואָס מען רעדט אויף אַן אסיפה!

— מען וועט דיך נאָך מאַכן פאַר אַ ראש ישיבה אויך און פאַר נאָך עפּעס. היט זיך, ברודערקע!

— זיי ווייסן שוין די קאָך־לעפל וועמען צו רופן — האָט איינער מיט באַהאַלטענער קנאה גערעדט — זיי ווייסן, אַז דו ברוך רייבסט זיך צו ווערן אַ גאַנצער כל־וכל...

— אויב דו מיינסט איך וויל ווערן אַ קהילה־גראַבלער — האָט ברוך געענטפערט — גיב איך עס דיר אַוועק מיט קנין און מנין. דו, חיימקע, האָסט זיך אינדערהיים שטענדיק געריבן צווישן קהל־פאַרזאָרגער. אויף מיר וועט עס קיינער נישט זאָגן!

— הער נישט ברוך, וואָס מען רעדט!

— איך מוז שוין גיין. די אסיפה קומט פאָר אין דער אַלטער שול — האָט ברוך ווייטער גערעדט — איך וועל שפּעטער זיין צוריק. עס איז כלל־אַרבעט טאָר מען נישט פאַרשפּעטיקן.

— גרים דאָרט די קאָך־לעפל — האָבן טייל קרעמער אים נאָכגעשריגן — אַ גאַנצע חברה קהל־פאַרזאָרגער זיינען היינט אָנגעקומען קיין אַוויניאָן! זאָלן זיי בעסער זען, אַז איינער זאָל ביים אַנדערן נישט אַרויסרייסן דעם ביסן ברויט, עס זאָל נישט זיין אַזאַ קאָנקורענץ! איין ייד זאָל ביים אַנדערן נישט שניידן דעם גאָרגל! מיטן דאַווענען בציבור וועלן מיר זיך שוין אַליין אַן עצה געבן. נישקשה!...

— הער נישט וואָס זיי ריידן דאָרטן! — האָבן עטלעכע מאַרק־שטייערס געשריגן צו ברוכן — גיי צו דער אַסיפה און זיי מצליח. מען דאַרף אויך די נשמה באַזאָרגן. מיר זיינען דאָ צעזייט און צעשפּרייט. פרעמדע זיינען מיר, ווער קען אונדז און ווער ווייסט אונדז! אדרבא זאָלן זיך די יידישע קהילות דאָ אַביסעלע באַ־פעסטיקן, ווען מען נישט זיין אַזוי עלנט, ווי מען איז היינט. גיי ברוך און זיי מצליח!

ברוך איז אַוועק. די רייד פון די פאַרהאַרעוועטע מאַרק־שטייער האָבן אים געהאַמערט אין די אויערן: „קאָנקורענץ, איינער שניידט דעם אַנדערן דעם גאָרגל. מען דאַרף באַזאָרגן די נשמה, מיר זיינען עלנט און פאַרפרעמדט״... אין צווישן די ווערטער האָבן זיך ווי מיט אַ שאַרפן מעסער אַריינגעשניטן די רייד פון יענעם שרייענדיקן קרעמער: „טויגסט זיך אויס, ברוך, האָסט דיר אָפּגעזוכט אַ רייך פראַנצויזיש אַלמנהלע מיט פעטע פּאָלקעס!״ ער האָט גענומען גיין מיט שנעלע פעסטע טריט, כדי צו פאַרשרייען דעם אינעווייניקסטן פּיין און די גריזאָטע אין לייב. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער אַלטער שול, וואָס איז דאָ געשטאַנען האַרט ביים טויער און איז מיט הונדערטער יאָרן צוריק געווען דער איינגאַנג אין געטאָ פון אַוויניאָן. גייענדיק צו דער שול, האָט ער געלייענט די נעמען פון די פּלעצער און געסלעך. אָט איז אַ גאַס אויפן נאָמען פון אַמאָליקן פּויפּסט פּיוס. אָט איז „אַברהם פּלאַץ״, „יעקב גאַס״. אַלץ איבערבלייבענישן פון אַמאָל — האָט ער געשעפּטשעט — פון אַ ווייטער צייט.

* * *

אין דער שול זיינען געווען פאַרזאַמלט אַ צוויי מנינים יידן. פּוילישע, ליט־ווישע, פראַנצויזישע, טערקישע, אַזעלכע, וואָס זיינען שוין דאָ געזעסן עטלעכע צענדליק יאָר און אַזעלכע, וואָס האָבן ערשט אין די לעצטע יאָרן איינגעוואַנדערט פון פּוילן קיין פראַנקרייך. דער אַלטער שמש, אַ טערקישער ייד, אַ געבוירענער, אַ טויבלעכער, האָט זיך געפּאָרעט, גלייך געשטעלט די בענק, געטיילט סידורים מיט יאַרמעלקעס פון געוואוינהייט ווענן. ער האָט אונטערגעקרעכצט, וואָס אין מיטן אַ פּראָסטן טאָג האָט מען אים מטריח געווען צו באַדינען אַזויפיל יידן מיט אַמאָל. ער איז נישט געוואוינט געווען צו זען אינדערוואָכן קומען אַזויפיל חשובע יידן אין שול אַריין. עס טרעפט, מען קומט זאָגן קדיש, ווען איינער האָט יאָרצייט, אָדער סתם אַזוי. דאָס איז נישט צו פאַרשטיין. דער אַלטיטשקער האָט געקרעכצט און שוין צום וויפלטן מאָל דערציילט:

— דאָ אין דער שול, האָט מען מיך מל געווען — און דערביי געגעבן אַ מאַך

מיט דער האַנט איבערן חלל, ווי ער וואָלט נעמען אַלס עדות, דאָס יידישקייט, וואָס שוועבט דאָ אַרום.

— דאָס איז אַ קימאַ־לן פון אַ אַכציק יאָרעלעך — האָט אַ ייד אַ שמייכל געטאָן.

— יאָ, יאָ. אַכציק יאָר...

אַ נר־תמיד האָט געברענט אויפן באַלעמער. אַ גרויסער ווייסער מאַרמאָרנער טאָוול מיט באַגילדעטע אותיות האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט. אויפן טאָוול זיינען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון אוויניאָנער יידן, וואָס זיינען געפאַלן פאַר פראַנקרייך אין דער ערשטער וועלט־מלחמה.

איינציקווייז זיינען זיך צונויפגעקומען יידן פון פאַרשיידענע געגנטן פון דער פּראָוואַנס, טייל האָבן זיך באַגריסט ווי אַלטע באַקאַנטע, אַנדערע האָבן אויף דער שנעל געשלאָסן פריינטשאַפט.

די פאַרזאַמלטע האָבן שוויייגנדיק זיך אויסגעזעצט און געוואַרט. דער שטאָט־ראַבינער, אַ פראַנצויזישער ייד מיט אַ פיר־עקיק בערדל, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, איז געזעסן באַזונדער. די אייבערשטע ליפּ האָט ביי אים נערוועאיש אונטערגעציטערט. זיינע ווייסע אויסגעאיידלטע הענט וואָס האָבן אַרויסגעוואַקסן פון שניי בלענדנדיקע מאַנדזשעטן, זיינען געלעגן מידע אויף די קניען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. אין שטילע געציילטע פראַנצייזישע ווערטער האָט ער געעפנט די פאַרזאַמלונג און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. איינער פון די זיצנדיקע האָט זיך אויפגעשטעלט. ברוך האָט אין אים דערקענט נפתלי גלאַס, אַ ייד, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַנטלאָפן פון פוילן, אָנגע־שפּאַרט קיין אוויניאָן, איינגעוואָרצלט זיך דאָ בלב ונפש און געוואָרן איינער פון די רייכסטע סוחרים אין שטאָט. ברוך האָט זיך וועגן דעם ייד אָנגעהערט אין דער גאַנצער פּראָוואַנס־געגנט אַזויפיל גוטס, אַז נפתלי גלאַס איז פאַר אים אויסגעוואַקסן ווי אַ וואונדערלעכע מעשה פון אַלטע, אַלטע צייטן.

נפתלי איז מיט פאַמעלעכע טריט אַרויף דעם באַלעמער. ער איז געווען הויך־געוואוקסיק, גלייך. זיין קאָפּ איז געווען זילבער־גרוי ווי אַ טויב, דאָס פּנים — גאָלדיק מאַט, די אויגן זיינען ביי אים געווען יונג און שאַרף.

— דאָס איז אַ דעמב — האָט ברוך אַ שעפּטשע געטאָן צו זיין זיצנדיקן שכן — פאַרוואָרצלט זיך ווי אַ דעמב אויף פרעמדער ערד. אָט צוליב אַזאַ יידן איז כדאי געווען צו קומען צו דער אסיפה.

— מע זאָגט, ער איז שוין ווייט אין די זיבעציקער, פאַרמאָגט פייער און פלינקייט פון אַ יונגערמאַנטשיקל — האָט דער שכן שטיל געזאָגט — אַ טובה צו טאָן אַ ייד איז ער גרייט אפילו אין מיטן נאַכט.

נפתלי גלאַס האָט מיט זיינע שאַרפע קלוגע אויגן באַטראַכט די פאַרזאַמלטע און מיט אַ פייערלעכער שטימע אָנגעהויבן :

— רבותי! מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אין דער אַלטער שול פון דער שטאָט אוויניאָן. אייך אַלעמען איז באַוווּסט, אַז מיט דורות צוריק האָט דאָ גע־לעבט אַ גרויסע יידישע קהילה.איינגעקוועטשט געווען אין געטאָ־מויערן, געווען דער שטאָלץ פון יידן אין פראַנקרייך! יידן האָבן דאָ אין געטאָ געהאַט אַפּילו זייער אייגענעם נוסח פון דאַוונען, זיי זיינען געווען איינגעוואַקסן אין דער ערד, מען האָט זיי אָבער דאָ נישט געוואָלט האָבן, מען האָט זיי פאַרטריבן. נישט בלויז פונדאַנען פאַרטריבן, נאָר פון אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער פּראָוואַנס. היינט זיצן מיר, איינגעוואַנדערטע יידן, אויף די זעלבע ערטער. מיר האָבן די פולע פרייהייט זיך אויסצולעבן ווי שטאָלצע יידן. דעריבער ווילן מיר באַפעסטיקן די קליינינקע עדהם פון דער געגנט, אויב עס וועט זיך נאָר לאָזן. מיר האָבן צונויפ־גערופן פאַרשטייער פון די קהילות פון ווייט אַרום, כדי צו הערן זייער מיינונג!

נפתלי גלאָס איז שטיל געבליבן. אין זיינע טיפע קלוגע אויגן, האָבן זיך געצונדן פלעמלעך פון פרייד און טרויער. ער האָט מיט אַ האַנט־פלאַך זיך אַ גלעט געטאָן איבערן פנים און זיך אָפּגערוקט עטלעכע טריט הינטערוויילעכץ.

דער פראַנצייזישער שטאָט־ראַבינער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, פּאַמע־לעך אויסגעהוסט זיך, ווי ער וואָלט געזוכט צייט, כדי זיך מיט זיך אַליין מישב זיין וואָס ער זאָל טאָן. נאָכן אויסהוסטן זיך האָט ער מיט קווענקלדיקע פשרה־רייד געלאָזט וויסן, אַז ער איז מסכים מיט נפתלים אויפטו. נאָכן ראַבינערס הסכמה, האָבן איינצלנע יידן פון די פאַרזאַמלטע גענומען ריידן. דאָס לשון איז זיי אָנגע־קומען שווער, עס האָבן זיך געהערט טענער וואַכנדיקע, רויִע, שטאַמלדיקע, האַרטע. זיי זיינען נישט געוואוינט געווען צו ריידן איידעלע דיבורים, די דאָזיקע יידן און בפרט פאַר קהל, בפרהסיה, אָבער זיי האָבן גערעדט. ברוך האָט אין זייערע רייד געהערט די זעלבע טענות, די אייגענע בענקשאַפט, וואָס פּייניקט אים, ער האָט אַרויסגעפילט זייער עלנט. ווי אָפּגעריסענע בלעטער זיינען זיי — האָט ער גע־טראַכט — ווערן געטראָגן פון ווינט, געשליידערט אויף אַלע וועגן און שליאַכן. עס איז זיי שווער זיך איינצוואָרצלען אין דער פרעמד, זיי בענקען אַזוי ווי ער ברוך נאָך אַביסעלע היימישקייט, אַ קאַפּעטשקע יידישע וואַרעמקייט, נאָר קיינעם פון זיי איז נישט אַזוי שווער, ווי אים. צווישן צוויי פייערן געפינט ער זיך. ער קאָן דאָס אַפּילו פאַר קיינעם נישט דערציילן. ער ווערט פאַרצערט פון יסורים. וואָס טוט מען? ווי אַזוי לאָזט מען איבער אַזאַ רייכטום, אַ פרוי, וואָס גאַרט צו דיר? ...

עס איז נאָך צייט — האָט דער קנויל געדאַנקען געריסן ברוכס מוח — ער דאַרף אַוועק פון דער אסיפה, צוריקפאָרן קיין קאַרמאַנט זי וועט אים אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. וואָס אַרן אים די מאַרק־שטייער? עס רעדט פון זיי אַרויס די קנאה צו אים. יעדער פון די יידישע מאַרק־שטייער, וואָלט חתונה געהאַט מיט אַזאַ פרוי, און וואָלט געמאַכט אַ שוויג. ער, ברוך דאַרף אויך אַזוי טאָן... סיי־

נוי־סיי, ווייס מען שוין דאָ עפּעס פון דעם, וואָס ס'קומט פאַר אַרום אים אין קאַרמאַנט, איז, פאַרוואָס נעמען אַזאַ גליק און עס אָפּשטופּן מיט די אייגענע הענט? ...

— ברוך וואַרגאַס פון קאַרמאַנט! — האָט ער געהערט זיין נאָמען? האָט איר עפּעס צו זאָגן?

ברוך האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן שלאָף. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, ער האָט נישט געוואוסט פון וואָס אָנצוהייבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבער דער שול און באַגעגנט די אויגן פון נפתלי גלאַס. זיי האָבן אויף אים געקוקט מיט אַזויפיל פאַטערלעכקייט און גוטסקייט, אַז ער האָט דערפילט, ווי עס קומט אים צו כוחות און ער האָט אָנגעהויבן ריידן.

ער האָט זיך אין אָנהייב געפּלאָנטערט אין די אייגענע רייד. עס איז אים שווער געווען אַרויסצוברענגען וואָס ער וויל זאָגן. ער האָט דערציילט פון וואַנען ער שטאַמט, ווי אַזוי רדיפות און נויט האָבן אים פאַרטריבן פון זיין היים־שטעטל גאַמבין. ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אין קאַרמאַנט, געפּרוּווט זיך איבערפּלאַנצן, זיין ווייב איז אים געשטאָרבן און ליגט אויפן דאָרטיקן קליינעם בית־עולם. ער האָט געוויזן דעם בריוו פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון קאַרמאַנט, וואו עס רעדט זיך וועגן אַראָפּרוימען די שול, אויב עס וועלן זיך דאָרטן נישט באַזעצן עטלעכע יידישע משפּחות. זיין קול האָט זיך געבראָכן, איבערגעגאַנגען פון מוטיקע ווערטער צו אַפּאַטישער רעזיגנאַציע, געשטיקט זיך אין אַ שלוכצן פון נישט קאָנען געוועלטיקן איבער דעם געפילן־אויסברוך:

— איך מוז אַוועק פון דאָרטן! — האָט ער געשריגן — איך קאָן דאָרטן מער נישט בלייבן. איך מוז אַוועק. ליגט נישט אַרויף אויף מיינע פּלייצעס קיין שום עול פון אַ ראש הקהל! איך מוז, איך מוז! ... איך קאָן דאָרט מער נישט בלייבן, דערבאַרעמט זיך אויף מיר!

— קאַרמאַנט? — האָט איינער פון די פאַרזאַמלטע איבערגעריסן ברוכן — איך בין אַנומלט געווען אין דער דאָרטיקער שול!

אַלע האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים.

— אַנומלט בין איך פאַרבייגעפאָרן קאַרמאַנט. עס איז געווען פאַרנאַכט. מחשבות האָבן געפּייניקט. איך האָב גראָד דעם טאָג געהאַט יאָרצייט נאָך מיין טאַטן עליו־השלום. איך וואָלט אַלץ פון זיך אַוועקגעגעבן, אַבי צו האָבן אַ מנין און זאָגן קדיש. פּלוצלינג האָב איך אין מיט אַ גאַס דערזען די שול, אַ קליינינקע, פאַררוקט אַביסל אין אַ הויף מיט אַ שטאַכעטיקן פּאַרקן אין פראָנט. כ'האָב אָפּגעשטעלט מיין אויטאָמאָביל, בין אַריין דאַווענען מנחה־מעריב. אינעווייניק איז שוין געווען פינצטערלעך. כ'האָב זיך געשטעלט דאַווענען, געזאָגט קדיש אויפן קול. איך האָב אַפילו אַריינגעכאַפּט עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים, דאָס קאָן קיינמאָל נישט

שאַטן. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן, יידן! איך האָב געפילט אַ דערלייכטערונג, אַ גענעזונג. איך האָב געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר דעם חסד, וואָס כאָטש די שול שטייט אַ פאַרלאָזענע, אַן עלנטע איז אָבער גוט, וואָס זי שטייט!...

ברוכן האָט אינעווייניק אין לייב געגומען קלעמען. אין קאָפּ האָב אים געשווינדלט בילדער, ווערטער און איבערלעבענישן, און איבער אַלץ קלאַדין, אַ שיינע, אַ פולע, אַ רייצנדיקע... אָט ווי זי רעדט צו אים וועגן אירע וויין־פעלדער, אַליוון־גערטנער, בהמות אין די שטאַלן. איר שטימע איז וואַרעם. זי זאָגט:

— מעסיע וואַרגאַס, בלייבט מיט מיר. איך וועל אייך אַלץ אָוועקגעבן, איר וועט נישט דאַרפן שווער אַרבעטן. מיין לייב בענקט נאָך אייך. איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן אין מיין אַמאָליקן מאַן... מעסיע וואַרגאַס, פאַרוואָס ענטפערט איר מיר נישט? איר האָט מיך נישט ליב?...

— רב ברוך וואַרגאַס! איר הערט! — האָט זיך אין זיינע אויערן אריינגעריסן נפתלים קול.

אַ הייסער שטראָם בלוט האָט אַ שפּאַר געטאָן אין ברוכס לייב. ער האָט אַ שטאַרקן בים געטאָן די אונטערשטע ליפּ און אַ געשריי האָט זיך ארויסגעריסן פון זיין האַלדז:

— יאָ, רב נפתלי!

— איז וואָס זאָגט איר, ר' ברוך? איר זייט דאָך אַ קלוגער ייד, לויט ווי איך האָב געהערט זייט איר אויך אַ יודע ספר!

— אַליין קאָן איך דאָרטן נישט זיין! איך קאָן נישט, ר' נפתלי! איר פאַרלאַנגט פון מיר אַ גרויסן קרבן, גלייבט מיר, איך בין צו שוואַך צו זיין אַ ראש־הקהל. איך בין אַ פּראָסטער ייד, קען קוים אריינקוקן אין אַ ספר, קען קוים ריידן מיט מענטשן, פאַרלאַנגט נישט פון מיר קיין קרבן!

— ווער פאַרלאַנגט פון אייך אַ קרבן? איך גיב אייך מיין וואָרט — האָט נפתלי פייערלעך געזאָגט — אַז אין משך פון עטלעכע חדשים, וועלן אין קאַרמאַנט זיך באַזעצן אַ צאָל יידישע משפחות. איך וועל נאָך היינט שרייבן בריוו צו די קהילות פון פּאַריז, מאַרסעי, שטראַסבורג, מען זאָל איבערשיקן קיין קאַרמאַנט, אין פּראָוואַנס ניי־איינגעוואַנדערטע יידישע משפחות פון פּוילן, פון רומעניע, פון ליטע. מיט האָק און פּאַק זאָל מען זיי איבערשיקן. מיר וועלן זיי צוהעלפן און מיט פּרנסה וועלן זיי זיין באַזאָרגט. אויב עס איז אייך, ר' ברוך, שווער צו זיין אַליין דאָרטן, בלייבט אַ שטיקל צייט אין אַוויניאָן צווישן אונדז און שרייבט תיכּף אַ בריוו צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין קאַרמאַנט, אַז עס וועלן קומען עטלעכע יידישע משפחות און מען וועט אָפּקויפן דעם פּלאַץ פון דער שול פאַר כסף עובר לסוחר...

ברוך איז געבליבן זיצן אַ פאַרגליווערטער. אין מוח האָבן די מחשבות זיך

געפלאָנטערט אין א קנויל, אז דער קאָפּ האָט אים שיעור געפּלאַצט: די מאַרק־שטייער שרייען צו אים, אז ער האָט זיך אָפּגעזוכט א פראַנצייזישע פרוי, אַן אַלמנהלע מיט פעטע פּאָלקעס. ער זינדיקט מיט איר וויפל עס גלוסט זיך אים, און דאָ רופט אים אזא ייד ווי נפתלי גלאָס, רב ברוך. ער זאָגט עס נפתלי אזוי איידל און ווייך: „רב ברוך”, איז ווי מעג ער טאָקע אפילו א טראַכט טאָן צו פאַרפלעקן דעם נאָמען, ער ברוך ווארגאס פונעם שטעטל גאָמבין? ער וועט זיך אליין פאַרמשפּטן צוליב דער נישט יידישער פרוי, וואָס גלוסט צו אים. אַלע וועלטן וועט ער דאָך פאַרלירן... ווער וועט אים שוין דעמאָלט רופן „רב ברוך”? קיינער נישט! מען וועט זיך פון אים אָפּזונדערן, אפילו די מאַרק־שטייער וועלן אים פאַריאָגן פון זיך — — —

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער באַנק און א וואַקלדיקער זיך געלאָזן צו דער טיר.

ביים אַרויסגאַנג פון דער שול, האָט ער זיך אָנגעטראָפן פּנים אל־פּנים מיט נפתלי גלאָס. דער זקן איז צו אים צו א שמייכלדיקער און שטיל געזאָגט:

— רב ברוך! איך האָב אייערע רייד גאַנץ גוט באַנומען. איך פאַרשטיי אייך זייער גוט. איר לעבט דאָרטן צווישן פרעמדע. זיכער קאָנט איר נישט מיט די איי־גענע פּלייצעס בויען א נעסט. איך האָב געהערט, אז איר זייט אַן אלמן. פאָלגט מיך, איך בין א קאַפּעטשקע עלטער פון אייך, זוכט זיך אָפּ א יידישע טאָכטער, נאָר א יידישע טאָכטער, האָט חתונה און שטעלט אויף א דור. איר וועט קיינמאָל נישט חרטה האָבן. פאַלט נישט אַריין אין ספקות, פאַרלירט נישט דעם בטחון!

ברוך האָט זיך א לייכטן טרייסל געטאָן און געטראַכט מיט שרעק: אויך ער, נפתלי גלאָס, האָט זיך שוין דערוואוסט פון דעם, וואָס יענער מאַרק־הענדלער האָט היינט געשריגן אויפן קול, וועגן דער פראַנצייזישער אלמנהלע, מיט וועלכער ער האָט מחזקות. ער איז פאַרלוירן ברוך, פאַרלוירן, קייקלט זיך אין א תהום אַריין — — —

— ספקות — האָט נפתלי ווייטער גערעדט, ווי ער וואָלט דערביי געלייענט ברוכס געדאַנקען — ספקות קאָנען חלילה־וחס ברענגען צו נישט באַרעכנטע מעשים, אין וועלכע מען קאָן זיך פאַרפּלאָנטערן, אז עס זאָל שוין זיין שווער זיך אַרויסצו־קריגן. יאָ. עס איז שטענדיק צייט גוט צו מאַכן. איר דאַרפט זיך נאָר שטאַרקן, רב ברוך. איך דאַרף דאָך אייך נישט זאָגן, אז ספקות ברענגען אויך צו נסיונות, און אויב א ייד שטייט פאַר א נסיון, דאַרף ער זיך שטאַרקן...

— איר זייט גערעכט, רב נפתלי. איך האָב אויך אזוי געטראַכט.

— איר קאָנט אייער זיווג געפינען ביי אונדז אין שטאָט. קיין עין־הרע א גאַנץ שיינע קהילה האָבן מיר. איר זיינט נאָך יונג, פאַרלירט נישט קיין צייט. פאַרט נישט צוריק אַליין. למען־השם נישט אַליין! איינזאַמקייט איז — עצבות!...

דעם זעלבן אָוונט האָט ברוך ווארגאַס געשריבן צוויי בריוו. איין בריוו איז געווען אַדרעסירט צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון קאַרמאָנט מיט עטלעכע שורות:

„אַלס ענטפער אויף אייער בריוו פון דעם און דעם דאַטום, לאָז איך אייך וויסן, אַז אין די נאָענטסטע חדשים, וועלן זיך אין קאַרמאָנט באַזעצן עטלעכע איזראַעליטישע משפחות. מיר וועלן ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אָפּקויפן דעם פּלאַץ פון דער סינאַגאָגע. אין עטלעכע טעג אַרום שיקן מיר אַרויס די ערשטע איינצאָלונג, לויט דעם ווי איר וועט שטעלן דעם פּרייז.

מיט גרוס,

ברוך ווארגאַס, פאָרשטייער פון דער איזראַעליטישער קהילה אין קאַרמאָנט".

אינעם צווייטן בריוו האָט ער געשריבן:

„זייער געערטע מאַדאַם קלאָדין,

איך לאָז אייך וויסן, אַז איך קלייב זיך אַרויס פון אייער הויז. איך וועל באַצאָלן ביז דעם טאָג, ווי מיינע זאַכן וועלן זיך דאָרטן געפינען. איך בלייב דערווייל אין אַוויניאָן. איך ווייס נאָך נישט גענוי, ווען איך וועל קומען קיין קאַרמאָנט. איך שיק אייך איצט פאַר אַ חודש דירה־געלט אין פאָראויס. איר קאָנט די דירה מיינע שוין פאַרדינגען צו אַן אַנדערן. איך גלויב ניט, אַז איך וועל אייך נאָך שרייבן.

נעמט אָן מיין האַרציקן דאַנק פאַר די זאָרג און פריינטשאַפט, וואָס איר האָט אַלעמאָל מיר אַרויסגעוויזן.

מיט גרוס,

ברוך ווארגאַס".

ברוך האָט דערפילט אַ דערלייכטערונג, ווי ער וואָלט אַרויס פון אַ לאַנגן קאַשמאַר־פיבער. אַ דערלייכטערונג, וואָס קומט אָדער פון פרייד, אָדער פון שווערע איבערגעקומענע יסורים. עס האָט אין זיין גוף גענומען אַריינפּליצן אַ שפּאַנענדיקע דערוואַרטונג פאַר דעם, וואָס דאַרף קומען. די שפּאַנונג פון אַ מענטש, ווען ער שטייט פּנים אל פּנים פאַר גרויסע מעשים. ער וועט צוריקפאָרן אין קאַרמאָנט — האָט ער געטראַכט — און טראָגן אויף די פּלייצעס די שליחות, וואָס מע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. ער וועט העלפן בויען די קהילה, מיט אַלץ וואָס ער קאָן. ער וועט אויך פּרוואון זיין אייגן לעבן אוועקשטעלן אויף אַ געזונטן יסוד. פאַרגעסן אין דער פראַנצייזישער פרוי קלאָדין מיט איר רייכטום. ער וועט פאָלגן נפתלי גלאָסן. מיט אַ יידיש ווייב וועט ער צוריקפאָרן און אויפשטעלן אַ דור. דער אַלטער גלאָס האָט גוט פאַרשטאַנען זיין נשמה־געראַנגל. דער עיקר נישט אַריינפאַלן אין ספקות, נישט פאַרלירן דעם בטחון...

זינד

דער הינקענדיקער אַראַבער בו־האַלאַש פֿונעם דערפֿל סוסמאַ. איז אין אַ קלאָרן פרימאָרגן אַרויס פֿון זיין היים, אינאיינעם מיט זיינע דריי ווייבער, צוויי אייזלען, אַ הונט, אַ זעקל ברויט און צוויי לאָגלען וואַסער.

די זון איז ערשט אַרויס פֿון הינטער די אַטלאַס־בערג־שפּיצן און אָנגעצונדן מיט אַ ראָזעווער בלוילעכער ליכטיקייט. זילבערנע טוי־פּערלעך זיינען געלעגן צעשאָטענע איבער פלאַנצן און גראָזן, איינגעזאַפּט אין זיך זונען־שטראַלן מיט אַ שימערירנדיקער רייכקייט.. די אויפגעאַקערטע ערד האָט געשמעקט מיט שאַרפע ריחות. פּויערים, געבויגענע, געשפּאַנט מיט אייזל און אַקער, האָבן נישט דערשלאָפענע זיך געשלעפּט איבער דער ערד. פֿון בערג־שפּאַלטן אַרויס האָבן גערוישט זינגענדיקע וואַסער־פֿאַלן און אָנגעזאָגט פריידיקע בשורות פֿאַר מידע, דורשטיקע וואַנדערער.

בו־האַלאַש האָט זיך געאיילט. ער האָט באַגערט אָנצוקומען אין דער שטאָט מאַראַקעש איידער די זון וועט שטיין אין מיטן הימל. ער האָט געהאַט ליגן אַ וויטן מהלך, פֿאַר זיך און ער האָט געוואָלט זיין פֿון די ערשטע וואָס קומען זיך משפּטן. ער האָט געוואָלט ברענגען זיין יונג ווייבל סולימאַ פֿאַר אַ משפּט צו די דריי אַראַבישע שטאָט־שופטים, וואָס זיצן ביים טויער „דעם נביאם אויג”, הערן אויס טענות פֿון אָנקלאָגער, געקריוודעטע, דערשלאָגענע און אויך פּרעטענזיע־זוכער.

פֿאַרויס האָבן זיך געשלעפּט די צוויי אייזלען, פויל, מיד. אויף איינעם איז געזעסן בו־האַלאַש, דער באַלעבאָס, אויפֿן צווייטן אייזל איז געזעסן די עלטסטע ווייב זיינע אַ פֿאַרשלייערטע, אַ פֿאַרהילטע אין ווייסע פּלאַכטעס, פֿון הינטן האָבן זיך געשלעפּט זיינע צוויי ווייבער באַלאָדן מיט לאָגלען וואַסער און ברויט. די גאָר

ייִנגסטע פֿון די דריי, סולימאַ, איז געגאַנגען אַ דערשלאָגענע, מיט אַן אויפֿגעדעקטן
פּנים — אַ סימן, אַז זי האָט געפּעלשט אין איר מאַן. אירע אויגן — שוואַרצע ווי
טיפֿער סאַמעט, האָבן געקוקט דערשראָקענע, מיט בלאָנדזשענדיקע בליקן, געזוכט
הילף און רחמנות. איר שיין פּנים איז געווען בלייך. די נאָזלעכער האָבן זיך
געהויבן מיט אַ ליידנשאַפֿטלעכן פֿלאַטער. דאָס מויל אַ קליינס, ווי אַ בלוטיקער
שניט מיט צוויי פֿולע ליפּן, איז איצט געווען פֿאַרשמאַכט. דער קערפּער אירער אַ
שלאַנקער, אַ גלייכער, האָט זיך געוויגט אונטער דער משׂא פֿון אַ זאַק ברויט, וואָס
איז געווען פֿאַרוואָרפֿן איבער אירע פּלייצעס. אויף די באָרוועסע פֿיס האָט זי
געטראָגן אָפּגעריבענע סאַנדאַלן, מיט גרויס מי געשטעלט די טריט און נאָכגעפֿאָלגט
די ווייבער מיט די צוויי אייזלען, וואָס האָבן זיך געשלעפּט צופֿוסנס די אַטלאַס־
בערג, נישט ווייט פֿון דער מדבר סאַהאַראַ.

בו־האַלאַש איז געזעסן אויף זיין אייזל אַ שווערער, אַ באַטריבטער. זיין
אַלט צעקנייטשט פּנים, ווי אָפּגעריבענער פּאַרמעט, האָט זיך געשטרעקט פֿאָרויס
אויסגעגלייכט מיטן קאָפּ פֿונעם אייזל. אין זיין מח האָט אַ פֿלאָנטער געדאַנקען זיך
געדרייט ווי אַ ווירבל־ווינט, געדאַנקען גאָר נישט קיין פֿריילעכע. ער האָט געטראַכט
וועגן זיין יונג ווייבל סולימאַ, וואָס שלעפּט זיך איצטער הינטער אים, די וואָס ער
האָט ערשט מיט אַ האַלב יאָר צוריק איינגעהאַנדלט ביי איר פֿאָטער פֿאַרן פּרייז
פֿון אַן אייזל, אַ זאַק מעל און אַ פּעטן שעפּס. ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט,
סולימאַן. זי האָט ערשט אַריבערגעשפּאַנט דעם עלטער פֿון פֿופֿצן יאָר. זיינע אַנדערע
צוויי ווייבער זיינען אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. ער האָט זיי נאָר אויף אַזויפֿיל גע־
ברויכט, אויף וויפֿל זיי האָבן געהאָרעוועט ביי אים אין דער באַלעבאַטישקייט. זייערע
לייבער זיינען געווען איינגעפֿאַלענע, צעקראָכענע און די פּנימער זייערע — פֿאַר־
וויאַנעטע, ווי די טרוקענע בלעטער פֿון זיין קאַרטאָפֿל־פֿעלד אין שפּעטן זומער.
זינט ער האָט חתונה געהאַט מיט סולימאַן האָט זי אים פֿאַרביטערט די נעכט, זיך
געוואָרפֿן מיט צאַפּלדיקע גלידער, געשאָלטן, און איז געווען בייז. נישט איינמאָל
האָט זי צעדראַפּעט זיין פּנים און אים געקאָפּעט אין בויך אַריין. זי איז נישט געווען
געטריי און נישט געוואָלט אים זיין אַ ווייב. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט זי
מיט אַ צייט צוריק געפֿונען ליגן מיט זיין שכנס זונדל...

דער אַראַבער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אויף זיין אייזל. די צעפּלאַטערטע
קויטיקע אַבאַיע האָט זיך אַזש אַראָפּגערוקט פֿון זיינע פּלייצעס. ער וואָלט זי
דערהרגעט, סולימאַן. מיט די אייגענע הענט וואָלט ער זי דערשטיקט — האָט אין
אים געברענט אַ געדאַנק — האָדעוועןאַ שלאַנג, אַ נישט טרייע חיה אין הויז, איז
גלייך ווי ברענגען אַן אומגליק אויף זיך אַליין. ער האָט אָבער נישט געוואָלט
פֿאַרלירן דעם פּרייז, וואָס ער האָט פֿאַר איר באַצאָלט — אַן אייזל, אַ זאַק מעל און
אַ פּעטן שעפּס. אַ חוץ דעם האָט דאָס בלוט אין זיין לייב געגאָרט, אַז מע זאָל זי

משפטן און שמייסן. שטיקער לייב זאָל מען פון איר שינדן, איר שיין פנים זאָל מען אויסשמירן אין דער בלאָטיקער ערד, עס זאָל איר מער נישט גלוסטן צו זינדיקן מיט אַנדערע, ווען זי האָט אַזאַ געטרייען מאַן...

וואַנדערנדיקע אַראַבער, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פאַרחושכטע, זיינען זיי אָקעגן געקומען אויפן וועג. טייל האָבן געריטן אויף מאָגערינקע אייזעלעך און זייערע ווייבער האָבן זיך געשלעפּט פון הינטן. טייל זיינען געוועזן פּשוטע פוס־גייער. זיי האָבן זיך באַגריסט מיט בו־האַלאַשן מיט אַן איבערגעטריבענער פריינטלעכקייט:

— פרידן אויף דיר האַר, באַלעבאָס פון דאָרף, פעלד און זאַטקייט!

— פרידן און גליק אויף דיר, שטאָט־מענטש, וואָס רייכקייט און מזל ליגן ביי די שוועלן פון זיין הויז!

גאָר שפּעט אויף טאָג, האָט בו־האַלאַש מיט זיין סוויטע דערגרייכט די טויערן פון דער טומלדיקער שטאָט מאַראַקעש, וואָס ליגט משופּע אויף אַ באַרג, מיט פלאַכע פאַרביקע דעכער, מיט אַ מאָזאַיק פון פלאַנצן, גערטנער און מעטשעטן. בו־האַלאַש האָט באַפוילן די ווייבער זיך אָפּצושטעלן, זעטיקן דעם הונגער, און שטילן דעם דורשט מיט ברויט און וואַסער. ער אַליין האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטיין. די ווייבער האָבן מיט הכנעה אים דערלאַנגט די סעודה. סולימאַן האָט מען נישט צוגעלאָזן נאָענט. מען האָט איר צוגעוואָרפן אַ שטיק ברויט, ווי מען וואַרפט צו עפּעס אַ קרעציקן מענטשן, וואָס איז מחוץ למחנה. בו־האַלאַש האָט אויף איר געוואָרפן בליקן פול מיט תאוה און אַכזריות.

אַזוי האָבן זיי דערגרייכט דעם טויער „דעם נביאס אויג”. האַרט ביים טויער איז אויף דער הוילער ערד, מיט אונטערגעלייגטע פיס, געזעסן אַן איינגע־שרומפּענער, צעקנייטשטער אַראַבער. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ געגנדזענע פּע־דער און געשריבן אויף ווייסע טאָוועלעך. בו־האַלאַש האָט פאַרן סופר אויסגעלייגט זיינע טענות. יעדעס מאָל אויסגעשטרעקט די הענט און אָנגעוויזן אויפן ווייבל מיטן אָפּגעדעקטן פּנים, די זינדיקע סולימאַ. דער סופר מיטן צעקנייטשטן סריס־פּנים, האָט געמאַכט אַ דעכעלע איבער די אויגן, איינגעקוקט זיך, געטאָן אַ רחבותדיקן זיפץ, באַלעקט די ליפּן מיט אַ שפּיץ פון דער צונג, און געשריבן. נאָכן באַשרייבן עטלעכע טאָוועלעך, האָט ער זיך געהייסן באַצאָלן שכר־ טירחא. בו־האַלאַש האָט זיך געקווענקלט, עס האָט אים שוין באַנג געטאָן דער גאַנצער ענין, עס איז אַ צו טייערער ביסן פאַר אַן אָרעמען אַראַבער צו באַשטראָפן אַ ווייב בפני כל עם ועדה. אָבער דאָס סופרל מיטן סריס־פּנים האָט אויף אים געקוקט מיט צוויי דינינקע אויגן שפּעלטעלעך, ווי ביי אַ טיגער, און אַ געלעכטערל אַ שפּיציקס, אַ שטעכיקס איז געלעגן אין די אויגן־שפּעלטעלעך. דעריבער האָט בו־האַלאַש אַרויס־

געשלעפּט פון ערגעץ אַ טאַש אַ ברודיק טיכל, אויפגעקניפּט אַ וועלט מיט קניפּלעך, אַרויסגעשלעפּט עטלעכע מטבעות און זיי דערלאַנגט דעם סופר, אינאיינעם מיט עטלעכע הכנעהדיקע ווערטער:

— אויב אַזוי איז דער רצון פון נביא, גיב איך אַוועק מיין האָר און חכם דעם שכר פאַר זיין טירחא און זאָל קומען פרידן אויף דיין ליכטיקן פּנים!

און געטראַכט האָט ער, בור־האַלאַש אין זיך, אַז נישט קיין האָר איז ער, דער דאָזיקער, נאָר אַ הונט, אַ רשע, זיינע ביינער זאָלן צעריבן ווערן און דער ווינט זאָל צעטראָגן זייער שטויב אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט.

דאָס סופרל האָט באַהאַלטן די מטבעות אין אַ טיפער שפּאַלט פון זיין אַבאַיע, און פאַמעלעך געזאָגט צו בור־האַלאַשן:

— ווען די זון וועט שטיין אין מיטן הימל, זאָלסטו קומען צו גיין, זאָלסט מיטברענגען דיין זינדיק ווייב און אויך עדות זאָלסטו ברענגען! אַ גערעכטער משפּט וועט געטאָן ווערן צו דיר, דעם מאַן, וואָס אַ גהינום־פייער ברענט אין דיין אינגעווייד פאַר חרפּה און ווייטאָג. און אַ שווערע שטראָף וועט פאַלן אויפן קאָפּ פון דער פאַרשייטער חצופה, דיין ווייב, וואָס האָט געטאָן ליגן מיט אַן אַנדערן — ווי דו האָסט דערציילט — און נישט געוואָלט אויספירן דעם רצון פון איר מאַן. ווען די זון וועט שטיין אין מיטן הימל, וועלן שוין די דריי שופטים, גאָטס אויס־דערוויילטע חכמים, זיין פאַרזאַמלט דאָ ביים טויער, און אויפנעמען די רייד פון אַלע, וואָס זוכן אַ גערעכטן משפּט...

בור־האַלאַש האָט אויסגעהערט די גאַנצע רעדע, צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן, אַנגעבויגן דעם קאָפּ, און מיט זיין קליינעם האַרעם אַוועק פון טויער. זיי האָבן זיך געלאָזן גיין אין שטאָט אַריין.

אַ רעש און אַ האַנדל־וואַנדל אויף אַלע קולות איז אַנגעאַנגען אין שטאָט. אַ שלאַנגען־באַצווינגער, אַן אויסגעדאַרט מענטשל מיט דראָטענע וואָנסעס, פאַר־שפּיצטע פוןביידע זייטן, האָט געצויגן לעבעדיקע שלאַנגען פון אַ קויבער, געוויקלט אַרום זיין האַלדז. לעבן דעם שלאַנגען־באַצווינגער האָט אַ האַלב־נאַקעטער אַראַבער מיט גליענדיקע אויגן און אָפּגעגאָלטן קאָפּ, געקלאַפּט אויף אַ פּייקל מיט דאָרע לאַנגע פינגער און אַ נידעריק מענטשל מיט אַן אויסגערונען אויג האָט געשפּילט אויף אַ פּרימיטיוו פּייפל אַ פאַרבענקטן פּאַסטוך־ניגון. אַ פאַרפום־סוחר, מיט אַ טישעלע אָנגעשטעלט מיט פלעשעלעך און וואַזעלעך, האָט אויסגעשריען אַ לויב פאַר זיינע בשמים; אַ טעפּער האָט געקערט וועלטן, אַז זיינע טעפּ קאָנען איבערלעבן גאַנצע דורות; אַ וואַסער־סוחרל האָט געקלונגען מיט גלעקלעך, וואָס זיינען גע־האַנגען אויף אַ לאַנגער שטאַנג איבער זיין קאָפּ און פאַרקויפט וואַסער פון אַ לאָגל.

בור־האַלאַש האָט זיך דורכגעבראָכן ** ייזג צו דער מעללאַה (דער יידישער

קווארטאַל, די גּעטאָ וואָס עקזיסטירט שוין הונדערטער יאָרן אין די שטעט פון מאַ־ראָקאָ). יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען אין שטאָט אריין, האָט ער פאַר זיין באַלעבאַטישקייט איינגעקויפט נאָר ביי יידן. ער האָט גוט געוואוסט, אַז נאָר דאָרטן קאָן ער קויפן מציאות און נישט ווערן אָפּגענאַרט. נאָך אים האָבן זיך געשלעפּט זיינע ווייבער און די יונגע שיינע סולימאַ. מענער האָבן אויף איר געקוקט מיט בליקן, וואָס האָבן אויסגעדריקט רחמנות, שפּאָט, תאוה, דורכגעשטאָכן איר לייב מיט באַגעריקייט און צעהיצטקייט. מען האָט אין שטאָט שוין געוואוסט, אַז עס דערוואַרט איר אַ משפּט. אויף דעם האָט אויך עדות געזאָגט איר נישט־פאַרשלייערט פּנים. מע האָט געוואוסט, אַז זי איז נישט געטריי געווען איר מאַן. סולימאַ האָט געפּרוּווט פאַרמאַכן די אויגן, פאַרשטעלן מיט די הענט דאָס פּנים, נאָר די אַנדערע בו־האַלאַשעס ווייבער, וואָס האָבן געהיט אירע טריט, זי געפּרעסן מיט קנאה און נישט פאַרגינערישקייט, ווייל זי איז יונג און דאָס הארץ פון בו־האַלאַש האָט געהערט נאָר צו איר — אָט די ווייבער האָבן אויף איר אָנגעשריען מיט צאָרנדיקע קולות און נישט געלאָזט זי זאָל פאַרשטעלן דאָס פּנים, אפילו נישט מיט די הוילע הענט...

* * *

חליפה בענסוסאַן איז מיט אונטערגעלייגטע פיס געזעסן אין זיין קרעמל, און אריינגעקוקט אין אַ פאַרגעלבטן ספר „רזיאל המלך". דאָס קרעמל, איז געווען אַן אויסגעהאַקטער לאָך אין דער מויער, קוים פיר איילן די גרויס, פאַרלייגט מיט אַלערליי סחורות, וואָס דער שטעטלשער קונה דאַרף האָבן פאַר זיין געברויך. אַריינ־גיין אינעווייניק האָט מען נישט געקאָנט, און דער בעל־הבית האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען, ער האָט שטייענדיק מיט דער האַנט דערלאַנגט די סחורות, וואָס דער קונה האָט געפאָדערט. פאַר היימלעכקייט וועגן, האָט חליפה זיך אונטערגעברומט אַ ניגונדל, זיך געקראַצט אין די באָרוועסע פּיאַטעס, פון צייט צו צייט אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר און מיט זיינע בליקן געבלאָנדזשעט איבער דעם שאָטנדיקן שטח פונעם געסל וווּ אין יעדער מויער זיינען געווען אויסגעהאַקט לעכער מיט אַזעלכע ענלעכע קראָמען, און אויך אַזעלכע לעכער, וווּ יידישע בעלי־מלאכות זיינען געזעסן ביי זייערע וואַרשטאַטלעך, מיט די אויגן אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. איינער האָט גענייט איבער אַ גרויען געוואַנט, דאָס האָט ער צוגעגרייט אַ נייע געשטיקטע אַבאַיע פאַר אַ רייכן אַראַבער אַ בעל־גוף; צי פאַר אַ יידישן נגיד פון מאַראָקעש; אַ צווייטער האָט געלאַטעט שיך, געצויגן דראַטוועס מיט קלעפּיקע פינגער, און זיין דאַרן גוף געקאָרטשעט איבער אַ קיילעכדיק שוסטער־בענקל; אַ דריטער האָט מיט אַ העמערל געקלאַפּט איבער אַ שטיקל קופּער, אַ פערטער האָט

געקריצט מיט אַ דינינקן געציינג איבער אַ גאָלדענעם אָדער זילבערנעם האַלדז־באַנד, אָרעם־באַנד, בראַסלעט אָדער פינגערל.

חליפה האָט אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין פון דער רו און קילער שאָטנדיי־קייט, וואָס איז דאָ געווען איבער אַלץ אויסגעשפרייט. זיין הארץ האָט זיך געפרייט פון דעם וואָס די בידנע, אָרעמע יידן, די ברידער זיינע, זיינען זיך מפרנס איינער פונעם אַנדערן. שלעפן אַרויס פון זייער שווערער האַרעוואַניע, פון זייער האַנדל־וואַנדל, אויף אַ שטיקל ברויט פאַר זיך, פאַרן הויז־געזינט, אַ גלאָז גרינע טיי און טיילמאָל אויף אַ ביסל קוסקוס (יום־טובדיקער מאכל ביי יידן אין צפון־אַפריקע, וואָס באַשטייט פון אַ דינער קאַשע, געמישט מיט גרינצייג). פאַר זיינע אויגן, אינעם געסל, האָבן זיך פאַרביינגעשלעפט אויסגעדאַרטע אייזעלעך, באַלאָדן מיט שווערע משאות. עטלעכע קעמלען האָבן מיט מאַסיווע געמאָסטענע טריט זיך פאַרבייגע־שלייכט, געטריבן פון אַן אָפּגעריסענעם אַראַבער. פאַרשלייערטע פרויען, אין ווייסע לייכעבער, האָבן זיך געאיילט איינצוקויפן מציאות אין די יידישע קראָמען. זיי האָבן מיט פייערדיקע בליקן גענישטערט איבער די סחורות און מיט שטילער קנאה נאָך זיי געגאַרט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

בור־האַלאַש האָט זיך דערנענטערט צו דער קראָם פון חליפה בענסוסאַן. ער האָט איין פּוס אַריינגעשטעלט אינווייניק, מיטן צווייטן, דעם הינקענדיקן, געבליבן אין דרויסן. זיין דאַרער גוף האָט נישט געקאָנט אַריין אין דעם ענגן קרעמל.

— פרידן אויף דיר, ייד חליפה. דיין קראָם ווערט פולער און געפּאַקטער מיט סחורות און דער בייטל דיינער מיט גאָלדענע מטבעות, — האָט בור־האַלאַש געזאָגט מיט אַ חניפה־שמייכעלע — איך בין דאָ היינט אין שטאָט, ווייל איך איינקויפן פאַר מיין הויז אַ סך זאַכן!

— פרידן אויף דיר, בור־האַלאַש פון סוסמאַ, — האָט אים חליפה אָפּגעמאָסטן מיט אַ פריינטלעך־שפּאָטישן בליק, — איך מיין, אַז דיינע אויגן ווערן גרעסער מיט יעדן טאָג, ווען דו קומסט אין שטאָט אַריין און דעריבער זעסטו מיין קראָם אַ געפּאַקטע, און מיין בייטל פול מיט גאָלדענע מטבעות. זאָג מיר, וואָס האָט דיך געבראַכט היינט קיין מאַראַקעש? קיין גאָלדן געשטיקטע סאַנדאַלן פאַר דיין יונג ווייב און באַרפוסען פאַר איר לייב, דאַרפסטו דאָך נישט אין מיטן דער וואָך, און זאַלץ מיט בוימל פאַר דיין באַלעבאַטישקייט, קריגסטו דאָך אין דאָרף סוסמאַ אויך. דעריבער וואָלט איך וועלן וויסן באַשייד, וואָס איז בור־האַלאַש היינט געקומען אין שטאָט אַריין, פאַרוואָס האָט ער מיר אָנגעטאָן דעם כבוד צו באַטרעטן די אָרעמע שוועל פון מיין קראָם?

— דעם אמת געזאָגט, — האָט בור־האַלאַש געמאַכט אַ טרויעריקע מינע און שאַרף אָנגעקוקט חליפהן, — האָב איך היינט נישט געדאַרפט קומען אין שטאָט

אריין. נישט קיין סאנדאלן און פארפומען בין איך געקומען קויפן, נאר א גרויס אומגליק האט מיך דא אהערגעטראגן. איך שעם זיך פאר א ייד דאס צו דערציילן, דער ייד וועט אין זיין הארצן לאכן אויס נקמה און הנאה.

חליפה האט אוועקגעלייגט דאס ספר פון האנט, אנגעשפיצט די אויערן און געזאגט:

— אן אומגליק אויף מיין פריינט און קונה בו־האלאש, דעם חכם און בעסטן מענטשן וואס איך קען צווישן מיינע אראבישע שכנים. דאס מאכט וויינען מיין הארץ, ציטערן מיינע ליפּן און צעברעכט מיין גוף פאר יסורים. הער אויס, בו־האלאש, אויב דו האסט מורא מיר פארטרויען דיין סוד און אומגליק, איז באהאלט דיינע רייד און זאל דיין צונג שטומען, אויב אבער אין דיין מוח איז פאראן א ביסל פארשטאנד, דארפסטו וויסן, אז חליפה האט קיינעם נישט אפגענארט נאר, פארקערט, געהאלפן מיט עצות, מיט א טרייסט־ווארט.

— דו רעדסט קלוג, ייד! — האט בו־האלאש זיך א בויג געטאן און צו־געלייגט א פינגער צו די ליפּן, פאר א צייכן פון פריינטשאפט. — איך וועל צוערשט איינקויפן, וואס איך דארף, ווייל איך האב נישט קיין סך צייט. איך דארף זיין ביים טויער „דעם נביאס אויג" איידער די זון וועט זיין אין מיטן הימל. אויב איך וועל באוויזן, וועל איך דיר דערציילן פון מיין אומגליק. ערגער קאן דאך שוין נישט זיין, אללאה האט מיך שוין גענוג געשטראפט. מיין נשמה ברענט צווישן צווי פייערן...

בו־האלאש האט אויסגערעכנט די סחורות, וואס ער האט באדארפט איינקויפן, חליפה האט אים אלץ דערלאנגט שווייגנדיק. ביים באצאלן, ווען בו־האלאש האט פון זיין ברודיקן טיכל מיט די קנופּן ארויסגעשלעפט די מטבעות, האט חליפה נעלאזט פאלן רייד סתם אזוי ווי ער וואלט גארנישט געמיינט:

— ביים טויער פון „נביאס אויג" זאגסטו? א משפט, הא? איז מיר שוין קלאר, וואס ביסט היינט געקומען אין שטאט אריין, מן הסתם זיך געקריגט מיט א שכן, וואס? אדער מען האט דיר נישט פארקויפט דאס אמתע ווייב? אדער גאר מען האט אן דיין וויסן אפגעשארן די וואל פון דיינע שעפּסן? פאר־טוישט א קינד?...

— ביזט א חכם, חליפה, האסט אבער נישט געטראפן! די זון איז נאך ווייט פון מיטן הימל, וועל איך דיר דעריבער דערציילן, הייב אויף דיינע אויגן, חליפה, און קוק אן מיינע ווייבער.

חליפה האט זיך צעשמייכלט. ארויסגעשטעקט דעם קאפ פון קרעמל און געטראכט, וואס פאר שטותים מע דארף אלץ מיטמאכן, כדי צו פארדינען דאס ארעמע שטיקל ברויט, כדי צו האלטן דעם קונה. קוקן אויף זיינע יפה־פיה'ס וואס זיינען באהאנגען מיט שמאטעס. און צוריק־געשמועסט, וואס דארף איך, חליפה,

וויסן פון זיינע משפחה־עניינים? און וואָס גייט מיך אייגנטלעך אָן דער גאַנצער ענין?...

ער האָט אָבער נישט געקאָנט גובר זיין די תאווה פון וועלן וויסן, וואָס עס טוט זיך אַרום אים.

זיין בליק איז געפאַלן אויף דעם ניט פאַרשלייערטן פּנים פון דער יונגער סולימאַ. געהילט אין צעריסענעם לײַלעך. די שוואַרצע כוואַליעס האָר זײַנען איר געפאַלן איבער די אַקסלען. דאָס פּנים איז בײַ איר געווען בלייך, צעשראָקן, אומ־רואיק, די אויגן אירע האָבן געקוקט מיט טיפן רחמנות, ווי בײַ אַ בלאָנדזשנדיקער שאָף.

— וואָס איז מיט איר? האָט חליפה געפרעגט, אָנשטויסנדיק זיך, וואָס דער אַראַבער איז אויסן.

מיט אַ האַלב יאָר צוריק, — האָט בו־האַלאַש געזאָגט, — האָב איך פאַר איר באַצאָלט אַן אייזל, אַ זאַק מעל און אַ פעטן שעפּס. אַזוי ווי איך האָב זי דערזען בײַ איר פאָטער אין הויז, וווּהין דער שדכן יוסוף האָט מיך געפירט, האָט זי אָנגעצונדן מײַן לײַב מיט תאווה, ליבשאַפט און באַגער. איר פאָטער האָט צו מיר געזאָגט: „בו־האַלאַש, איך גיב דיר אַוועק די קרוין פון מײַן קאָפּ. היט זי אין דײַן שאַץ־קאַמער. זי איז אַ ביסל ווילד, יונג. אויב זי וועט דיר ווידערשפּעניקן, איז זי דײַן ווײַב און דו דאַרפסט וויסן ווי אַזוי אומצוגיין מיט איר". אין מײַן אָרעמען מוח האָב איך געטראַכט, אַז אַללאַה האָט אויסדערוויילט זײַן הינקענדיקן קנעכט בו־האַלאַש, אויף אים רחמנות געקראָגן אויף דער עלטער און אים פאַרגיטיקט מיט אַ טייערער מתנה: די שענסטע בלום פון גן־עדן, דעם זאַפט פון לעבן. קיינער האָט זיך צו מיר נישט געקאָנט גלײַכן, ווען איך האָב זי אַהיים געפירט אין מײַן הויז אַרײַן. אַ פרייד האָט אָנגעשלאָגן אין מײַן שוועל, אַ ליכט האָב איך אַרײַנגע־בראַכט אין מײַן וואוינונג. איך האָב זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן אויף דער גליקלעכער שעה, ווען זי וועט טיילן מײַן געלעגער און איך וועל געניסן פון אירע זאַפטיקע ליפּן...

חליפה האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד, וואָס זײַנען געווען פול מיט תאווה און גלוסט. אין געדאַנק האָט ער געבעטן דעם רבונו של עולם, ער זאָל אים פאַר־געבן, אויב אַ זינדיקע מחשבה וועט זיך אַרײַנגנב'ענען אין זײַן מוח. און נאָך האָט ער געטראַכט, חליפה, אַז דער שטן פּרוּווט אים איצטער אויס, האָט ער אים אונטערגערוקט אַ געשטאַלט פון בו־האַלאַשן, כדי אים צו מאַכן הערן רייד, רחמנא ליצלן, וואָס שמעקן מיט זינד מיט סיטרא אחרא און מ"ט שערי טומאה. ער האָט בליץ־שנעל אָפּגעמאַכט בײַ זיך, חליפה, מער נישט צו הערן בו־האַלאַשעס רייד. וואָס דאַרף ער זיך מישן אין אַן ענין פון נישט־יידישע מאַן און ווײַב? נאָר

עפּעס אַ רחמנות האָט אים אַרומגענומען צו דער דערשלאָגענער יונגער פרוי, און ער האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַן אומגליק האָט דיך געטראָפן, בו־האַלאַש?

— זי איז געווען קאַלט צו מיר. נישט צוגעלאָזט צו איר לייב. געוויינט אין די נעכט, געיאָמערט ווי אַ שאַקאַל אין דער מדבר. איך בין אין די פרימאָרגנס אויפגעשטאַנען אַ דערשלאָגענער, אַ צערודערטער און געטראַכט, אַז אפשר דאַרף זי זיך צוגעוואוינען צו מיר, פאַרט...

— יאָ. קיין פרינץ ביסטו דאָך נישט, בו־האַלאַש, — האָט חליפה געלאַכט.

— און לויטן קוק, דאַכט זיך, ביסטו שוין ביי איבער אַ פיר צענדליק יאָר עלטער פון איר. מיט גוואַלד טאָר מען דאָך נישט. זי איז דאָך אויך גאָטס באַשעפעניש...

— איך האָב אויך אַזוי געטראַכט, — האָט בו־האַלאַש צוגעגעבן. — אָבער נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, און גאָרנישט. איר האַרץ ווערט נישט אומגעקערט צום גוטן. זי וויל אויף מיר נישט קוקן. קריגט זיך מיט מיינע איבעריקע ווייבער, און וויינט. ביינאַכט רייסט זי זיך פון געלעגער, ווי אַ הונט פון דער קייט. האָב איך דאָך איינגעזען, אַז נישט קיין ליכט האָב איך געבראַכט אונטער מיין דאַך, נאָר גאָר אַ געדיכטע פינצטערניש, אַז נישט די בלום פון גן־עדן האָט מיר אַללאַה געשאָנקען, נאָר די שלאַנג האָט ער מיר געשיקט אין שטוב אריין, איז מיר געוואָרן ביטער, נישט אויסצוהאַלטן. איין טאָג, האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַנטלאָפן פון מיין הויף. לייטן האָבן זי נאָכדעם געפונען, ווען זי האָט געזינדיקט מיט מוסטאַפאַן, דעם זון פון אַבדול יאַזיד, דעם אייזל־סוחר, זי האָט געטאָן ליגן אין זיינע אָרעמס. לענגער וואַרטן האָב איך שוין נישט געקאָנט, האָב איך איינגעשפּאַנט די אייזלען, מיטגענומען מיינע געטרייע ווייבער און סולימאַן געבראַכט צום משפט. זאָל מען זי משפטן און באַשטראָפן.

— וואָס פאַר אַ שטראָף דערוואַרט איר? — האָט חליפה געפרעגט.

— מען וועט איר לייב שמייסן מיט ריטער און מיט לעדערנע פּאַסן, באַשמירט מיט קנאָבל.

— זי קאָן דאָך נאָך אומקומען פון אַזאַ שטראָף! — האָט חליפה שטיל געזאָגט.

— אויב זי איז אַ זינדיקע, האָט זי עס פאַרדינט. קיין שטראָף איז פאַר איר נישט צו פיל.

חליפה האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, געהאָלפן בו־האַלאַשן אָנלאָדן דעם איינקויף אויפן אייזלס רוקן. נאָכדעם האָט ער געהייסן בו־האַלאַשן נענטער אַריינבייגן דעם קאָפּ אין קראָם, און צו אים אַזוי געזאָגט:

— וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען מען לייזט אויס גאָטס באַשעפעניש און מען טוט איר נישט די שטראָף? זי קומט דאָך שוין אָפּ פאַר אירע זינד. דו

פירסט זי אַרום היינט איבער דער שטאָט, זי ווערט צו שאַנד און צו שפּאָט. עס איז דאָך אַ רחמנות. קאָן מען זי אויסלייזן?

בו־האַלאַש האָט זיך גענומען קראַצן אין קאָפּ. אָן אַ שיעור געדאַנקען האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן אין זיין מוח. ער איז עטלעכע מאָל אונטערגעשפּרונגען אויף זיין הינקענדיקן פוס. ער האָט פאַר זיך, אין דער פאַנטאַזיע דערזען אַ גאָלד־גרוב; דער ייד חליפה איז אַ ווייכהאַרציקער. ער קאָן נישט זען ווי מען פּייניקט יענעם, איז ער דעריבער גרייט אויסצולייזן סולימאַן. אויסלייזן מיינט דאָך: געלט, אָדער סחורות וועט דער ייד געבן, אַזוי אַרום וואָלט ער, בו־האַלאַש, צוריק באַקומען דעם ווערט פאַרן אייזל, זאַק מעל און פעטן שעפּס, וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר זיין אומגעטריי ווייב. זיינע ליפּן זיינען דעריבער געוואָרן זיס, ווי באַשמירט מיט האָניק, זיין קול האָט זיך געלאָזט הערן ווי דורך אַ זיידן טיכל, איידל און געלאַסן:

— עס איז טאַקע אַ רחמנות אויף איר, אָבער גערעכטיקייט מוז געטאָן ווערן. עס איז דאָ אָן עצה, מען קאָן זי אויסקויפן פון די שמייסער. מען דאַרף באַצאָלן אויסלייז־געלט, וויפיל דער אייגנטימער פון גאָטס־באַשעפעניש וועט פאָדערן.

— וועמען דאַרף מען צאָלן? — האָט חליפה געפרעגט און געזען, ווי אומהיימלעכע פייערלעך צינדן זיך ביים אַראַבער אין די אויגן.

בו־האַלאַש האָט אַ שפּרונג געטאָן און צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן פאַר אַ צייכן פון פריינטשאַפט. דערביי האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן:

— מיר דאַרף מען באַצאָלן, ווייל זי געהערט מיר!

— גוט! וויפיל האָסטו פאַר איר באַצאָלט, זאָגסטו?

— אַן אייזל, אַ גרויסן זאַק מעל און אַ גרויסן פעטן שעפּס.

— איך וועל דיר צוריקגעבן צוויי אייזלען, אַ זאַק מעל מיט אַ שעפּס.

— איך וויל צוויי אייזלען, צוויי זעק מעל און צוויי שעפּסן!

— ס׳איז צופיל!

— גיב מיר צוויי קליינע שעפּסן.

— מסכים! — האָט חליפה געזאָגט.

— וואָס וועסטו מיט איר טאָן, חליפה?

— מיר דאַרפן גראָד אַ דינסט אין הויז. מיין ווייב איז שווער קראַנק. זי קאָן זיך נישט רירן, מוז כסדר ליגן אין בעט. די גאַנצע באַלעבאַטישקייט מוז איך און מיין זון נפתלי טאָן. אַז איך וויל זי אויסלייזן, וועט זי ביי מיר אַרבעטן און וועט זיין אַ הילף פאַר מיין הויז. ווי הייסט זי?

— סולימאַ איז איר נאָמען. האָסט אַ גוט האַרץ, ייד. ביזט זיך מרחם אויף גאָטס באַשעפעניש.

— אויב דו ווילסט, גיי מיט איר אַרויף צו מיין ווייב. לאָז זי דאָרט איבער און איך וועל דיר געבן דעם פּרייז.

— ניין! נישט איצטער, חליפה, צוערשט מוז מען זי משפּטן.

— און שמייסן?

— דאָס וועלן די שופטים באַשטימען.

— אויב אַזוי, וויל איך נישט געבן קיין אויסלייז־געלט. מען טאָר נישט שלאָגן אַ לעבעדיק באַשעפעניש. מען טאָר נישט שמייסן. זי קומט שוין אָפּ גענוג פאַר אירע זינד.

— איך האָב באַצאָלט דעם סופר פון די שופטים — האָט בו־האַלאַש געטענהט — ער איז אַ בייזער און ער וועט מיר דאָס געלט נישט צוריקגעבן. ער האָט שוין פאַרשריבן די גאַנצע מעשה ביי זיך אין פּנקס, אַלע טענות און מענות, האָט ער פאַרשריבן און אַלע אין שטאָט ווייסן שוין, אַז מיין ווייב סולימאַ האָט געטאָן ליגן מיט מוסטאַפאַן, דעם זון פון אייזל־סוחר אבדול יאזיד. מוז מען זי דעריבער משפּטן!

— הער אויס, בו־האַלאַש — האָט חליפה געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הייך.די שוואַרצע אַבאַיע האָט זיך אויסגעגלייכט איבער זיין גוף, זיינע אויגן פול מיט טרויער, האָבן זיך צעפלאַמט: — איך האָב רחמנות אויף סולימאַן, ווייל זי איז אַ לעבעדיק באַשעפעניש, וואָס מע טאָר נישט פּייניקן, מע טאָר נישט פאַרשמייסן צום טויט. זי איז נאָך יונג, זי וועט תשובה טאָן. זי האָט הייס בלוט און דער יצר־הרע האָט זי זיכער אָנגערעדט צו זינדיקן מיט אַן אַנדערן. ווילסט זי פירן צום משפּט, זאָל זיין אַזוי ווי דיין ווילן איז, אָבער זאָלסט זי נישט לאָזן פאַרשמייסן צום טויט, ווייל דו וועסט פאַרלירן צוויי אייזלען, צוויי זעק מעל און צוויי גרויסע שעפּסן.

— גרויסע, זאָגסטו, ייד, חליפה?

— יאָ, און פעטע!

בו־האַלאַש איז ווידער אונטערגעשפּרונגען פאַר גרויס שמחה. ער האָט זיך אַזש באַלעקט די פאַרטריקנטע ליפּן פון קריגן אַזאַ פאַרמעגן אין הויז אַריין. ער האָט אויסגערופן:

— דער ייד חליפה איז דער קליגסטער און איידלסטער אונטער דער זון! און פאַר מיר איז שוין צייט צו גיין. קום אויך דאָרט צו, חליפה, און זאָלן מענטשן זען דעם בעסטן ייד פון מאַראָקאָ!

בו־האַלאַש האָט אַ שלעפּ־געטאָן זיין אייזל, אַרויפגעזעצט זיך און מעשה בעל־הבית זיך געלאָזן רייטן פאָרויס. הינטער אים האָבן זיך געשלעפּט: אַ באַלאָדענער אייזל מיט פּעק און זעק, זיינע צוויי געטרייע אַלטע ווייבער, און הינטער

זיי — די צאַרטע, שלאַנקע שיינהייט, סולימאַ. דאָס אָרעמע קאַראַוואַנדל האָט זיך געלאָזן צום טויער „דעם נביאס אויג".

* * *

ביים טויער „דעם נביאס אויג" איז שוין געשטאַנען אַ גרויסער עולם מענער און ווייבער, יונג און אַלט. אַלע האָבן זיי מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפן משפּט פון בור־האַלאַש מיט זיין ווייב סולימאַ. אונטער אַ ברייט־פּאַרצווייגטן און באַבלעטערטן בוים, זיינען געזעסן דריי אַלטע לייט, געהילט אין גרויע געשטיקטע אַבאַיעס מיט ווייסע טורבאַנען אויף די קעפּ. זייערע אויסגעטריקנטע געלבלעכע, פּאַרמעט־פּנימער, מיט קליינע שאַרפע אויגן־שפּעלטלעך, זיינען געווען געווענדט מיט אומהיימלעכע בליקן צו דער מאַסע. ביי זייערע פיס איז אויף דער הוילער ערד געזעסן דאָס סופרל פון בית־דין, מיטן סריס־פּנים. די גענדזענע פעדער האָט געציטערט צווישן זיינע פינגער פון דער רעכטער האַנט. אַרום זיינען געווען צעשטעלט קעסטלעך און טישלעך, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ מסחר פון עסנוואַרג, קמיעות, בשמים איילן און טעפּיכער. אויף גליענדיקע קוילן האָבן אַראַבער געפּרעגלט שעפּסן־פלייש, שטיקלעך לעבער, געהירן, אויפגעשטאָכן אויף אייזערנע שפּיזלעך, אינאיינעם מיט געטריקנטן פעפער, שטיקער קנאָבל און ציבעלעס. דער ריח פון געפּרעגלט פלייש האָט געריסן די נאָזלעכער פון די שטייענדיקע און פול געמאַכט זייערע מיילער מיט וואַסער. מען האָט דאָ אויך פאַרקויפט איילבירטן, טייטלען, פייגן און מילגרוימען. אַ וואַסער־סוחר האָט געקלונגען מיט די גלעקלעך, געצויגן פון אַ לאָגל טעפּעלעך צעוואַרעמט וואַסער. יונגע אַראַבער האָבן נאָכגעקוקט די נאַקעטע פיאַטעס פון די פאַרשלייערטע פרויען, כדי צו וויסן זייער עלטער, זיי געקנייפּט אין די פּלאַטערנדיקע פּלאַכטעס, אָנגעכאַפּט שטיקער לייב און געהירזשעט פאַר גרויס תענוג.

מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן. איינער פון די דריי שופטים האָט זיך אויפגעשטעלט. די פאַרשפּיצטע וואָנסע האָט ביי אים געציטערט. ער האָט מיט דער רעכטער האַנט געמאַכט אַ צייכן, אַז דער משפּט הייבט זיך אָן און די בעלי־טענות זאָלן גענענען. בור־האַלאַש האָט זיך דערענטערט מיט זיינע אייזלען און ווייבער. די מאַסע האָט זיך צערוקט און זיי צוגעלאָזן צום אַלטן בוים.

בור־האַלאַש האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן און זיך דריי מאָל געבוקט.

דאָס סופרל האָט אים צוגעפירט נעענטער צום בית־דין. איינער פון די דריי שופטים האָט אויפגעהויבן זיין קול, אַ טרוקן הייזעריק קול, וואָס האָט ווי מיט אַ טעמפּ מעסער געשניטן די לופט:

— ווי איז דיין נאָמען?

— בור־האַלאַש דער הינקענדיקער, פון דאָרף סוסמאַ!

— וואָס איז דיין באַנער, בר־האַלאַש ?

— אַז מיין ווייב סולימאַ, וועלכע איך האָב געקויפט פאַרן פרייז פון אַן אייזל, אַ זאַק מעל, אַ פעטן שעפּס, זאָל געמשפּט ווערן פאַר פעלשן אין מיר.

— פון וואַנען ווייסטו, אַז זי איז דיר אומגעטריי ?

— מען האָט זי געפונען ליגן אין די אָרעמס פון מוסטאַפאַן דעם אייזל סוחר אַבדול יאַזידס זונדל. זי איז געלעגן אַ נאַקעטע און האָט געלאַכט.

— האָסטו עדות ?

— איינע פון מיינע ווייבער, די זעקס־פינגערדיקע פאַטימאַ, האָט געזען !

— אַ ווייב טויג נישט פאַר אַן עדות !

— אַנדערע מענטשן פון סוסמאַ, מיינע שכנים, האָבן אויך געזען !

— זאָלן זיי עדות זאָגן ! — האָט דאָס קול פון ריכטער געשניטן די שטילקייט.

— זיי זיינען נישטאָ ! זיי האָבן געוואָלט באַצאָלט, און אייזלען האָבן זיי געוואָלט, כדי אַהערצוקומען.

דער שופט איז שטיל געוואָרן. אַ צווייטער שופט האָט דורכגעשפּיזט דעם עולם און זיך געלאָזט הערן מיט אַ דין קולכל :

— ווי לאַנג איז זי שוין דיין ווייב, סולימאַ ?

— אַ האַלב יאָר.

— טוט זי דיין רצון ? איך מיין, זי ליגט מיט דיר ?

— ניין ! זי אַנטלויפט ביינאַכט. זי וויינט און יאָמערט !

אַ הירזשענדיקער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן אין דער מאַסע. דאָס סופרל האָט געשריען, געפּאַכעט מיט די הענט אַז מען זאָל שווייגן. עס האָט גענומען אַ ווילע, ביז דער המון האָט זיך איינגעשטילט. דער שופט האָט ווייטער גערופן :

— זאָל דיין ווייב גענענען !

איינע פון בר־האַלאַשעס ווייבער האָט אַ כאַפּ געטאָן סולימאַס אָרעם און זי צוגעשלעפּט צום בית־דין. סולימאַ איז געבליבן שטיין אַ וואַקלענדיקע, ווי אַ יונגביימל אויפן ווינט, אָט־אָט און עס ברעכט איין. אירע שיינע אויגן זיינען געווען פאַרנעפּלט און געקוקט ווייט אַן אַ ציל. איבערן בלייכן פּנים האָבן רויטע פלעקן זיך געשפּרייט מיט אַ צאַרטער שפּילעוודיקייט.

— ביסט זיך מודה, אַז האָסט געטאָן ליגן אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן מאַן, האָסט געלאַכט, געשטיפט, הגם דו ביסט אַן אשת־איש ?

סולימאַ האָט געשוויגן. האָט דער שופט ווייטער געפרעגט :

— פאַרוואָס ענטפערסטו נישט ?

— איך האָב ליב מוסטאַפאַן — האָט זי שטיל געזאָגט.

— בר־האַלאַש איז דיין מאַן. ער האָט דיך געקויפט ביי דיין טאַטן פאַר אַ פרייז פון עובר לסוחר, דעריבער מוזטו נאָר אים געהערן !

— בו־הלאש הינקט, ער איז אלט און זיין לייב איז זויער!

א ווילד געלעכטער האט זיך א ריס געטאן אין דער לופט, קולות און קולבעלעך האבן זיך צעכאכאטשעט שפיציק, גראב, הייזעריק. דאס סופרל האט מיט אויפגעהויבענע הענט געפאכעט און געשריען:

— שווייגן! שווייגן! דער בית־דין הייסט אלעמען שווייגן!

די מאסע האט זיך קוים איינגעשטילט. די דריי שופטים האבן זייערע קעפ צוגעבויגן איינער צום אנדערן, געשעפטשעט איינער אין דעם אנדערנס אויערן אריין. זייערע פנימער ווי דריי געפורעמטע מאסקעס זיינען געווען קאלט, רוי און שטרענג. דער דריטער שופט האט זיך אויפגעשטעלט און פייערלעך מיט א ברומענדיקער שטימע גערעדט:

— דער פסק־דין איז, אז סולימא, דאס אומגעטרייע ווייב פון בו־הלאש, די וואס זאגט אז איר מאן איז אלט, הינקענדיק און זיין לייב איז זויער, דארף פאר די אויגן פון אלע גלויביקע געשמיסן ווערן אויפן הוילן לייב. און דערפאר, וואס זי האט זיך אליין מודה געווען אין אירע זינד, העט זי נישט געשמיסן ווערן מיט קיין לעדערנע פאסן געריבענע אין קנאבל, נאר מיט דינע ריטער. דער משפט וועט אויסגעפירט ווערן תיכף ומיד...

געענדיקט די רייד האט ער מיט דער האנט געגעבן א צייכן:

צוויי יונגען מיט רויע פנימער, צעהיצטע, צעיאכמערטע, זיינען צוגעקומען צום אלטן בוים. זיי האבן א כאפ געטאן די צארטע סולימא, צוגעפירט זי צו א לאנגער הילצערנער באנק און זי אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג. איינער האט פון איר אראפגעריסן דאס ווייסע ליילעך און עס האט זיך אנטפלעקט א פרויען־לייב, מיט ליניען ווי א פידל. די ווייסקייט ווי מארמאר האט א בלענד געטאן מיט דער שפילעוודיקער רייפקייט פון פרויען־גלידער. דער צווייטער תליון האט תיכף ארויפגעווארפן א שווארצע שמאטע אויף איר אונטערשטן קערפער־טייל צו פארדעקן איר שאנד.

די דריי שופטים האבן איצטער מיט חשיבות גערוט אונטערן אלטן געדיכט־באבלעטערטן בוים. דאס סופרל מיטן סרים־פנים האט מיט דער גענדזענער פעדער געשריבן שנעל און פיבעריש. בו־הלאש האט מיט די אויגן געזוכט דעם ייד, חליפה, וואס האט צוגעזאגט אויסצולייזן סולימאן און אים, בו־הלאשן, געבן דעם שכר.

בו־הלאש האט צוגעהינקט צו איינעם פון די שופטים און אים אריינגעשעפטשעט אין אויער.

איינער פון די צוויי תלינים האט מיט א בינטל ריטער א שנייד געטאן דאס צארטע לייב פון סולימאן. א שארף געשריי פון יסורים האט זיך א וויג געטאן איבער

אלעמענס קעפ. נאָך דעם ערשטן געשריי — אַ צווייטער און אַ דריטער. פּלוצלונג האָט איינער פון די שופטים אויסגערופן:

— שטעלט אָפּ אויף אַ ווײַלע דאָס שמייסן! לויטן געזעץ קאָן בור־האַלאַש זי נעמען פאַר אַ דינסט, ווײַל זי איז שוין מער נישט זײַן ווײַב, מען קאָן זי אויך אויסלייזן פאַר מזומנים, אָדער פאַר ווערט־זאַכן! איז דאָ פאַראַן איינער וואָס וויל זי אויסלייזן?

די תלינים האָבן אָפּגעשטעלט זייער אַרבעט. סולימאַ האָט אין קראַמפּן זיך געוואָרפן אויף דער באַנק. בור־האַלאַש האָט געלאָזט הערן זײַן קול:

— הויכער בית־דין, דורך וועמענס מײַלער עס גייען אַרויס די רייד פון עם נביא, צו וועמענס פּיס איך בוק זיך. איך האָב פאַרנומען דעם גערעכטן משפּט. זיי ווייסן, אַז איך בין אָרעם און קאָן נישט אַריינגעמען אַ דינסט אונטער מײַן דאַך! מײַנע צוויי ווײַבער אַרבעטן און פירן די ווירטשאַפט. הײַנט באַטאָג האָט דער אונטערטעניקער, באַליידיקטער בור־האַלאַש גערעדט מיט אַ רײַכן ייִד, אין מאַראָקעש, וואָס איז וויליק אויסצולייזן סולימאַן און זי אַריינגעמען פאַר אַ דינסט אין זײַן הויז, ווײַל זײַן ווײַב איז זייער קראַנק. ער האָט צוגעזאָגט צוויי אייזלען, צוויי זעק מעל און צוויי שעפּסן...

— צוויי פעטע, גרויסע שעפּסן! — האָט זיך געהערט אַ קול, און אַ יונגער בחור האָט זיך דערנעענטערט צום בוים, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— הויכער בית־דין, וועמענס רייד זײַנען קלאָר און לויטער ווי גינגאָלד. זאָלן די אויערן פון די שופטים פאַרנעמען מײַנע רייד און זאָל דער סופר פאַרשרײַבן אַלץ וואָס איר הערט:

— מײַן פאָטער, חליפה בענסוסאַן, וואָס האָט אַ קרעמל און פאַרקויפט אַלע זאַכן פאַרן הויז־געברויך, האָט הײַנט גערעדט מיט בור־האַלאַשן פון דאָרף סוסמאַ. זיי האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז נאָכן משפּט זאָל מײַן פאָטער אויסלייזן די זינדיקע סולימאַ און זי אַריינגעמען פאַר אַ דינסט אינעם הויז, ווײַל די מאַמע איז שווער קראַנק, דער טאַטע און איך קאָנען נישט טאָן די גאַנצע שטוב־אַרבעט. דער טאַטע האָט מיך דאָ אָהערגעשיקט איבערצוגעבן זײַנע רייד. מײַן פאָטער האָט זיך אויך אויסגערעדט, אַז מע זאָל זי אויסלייזן איידער מען וועט זי פאַרשמייסן. בור־האַלאַש האָט צוגעזאָגט, אָבער ווי ס׳ווײַזט אויס, איז זײַן האַרץ פול מיט נקמה, האָט ער געוואַרט, זי געלאָזט שמייסן, און איך האָב געוואַרט. איצט, אַז דער הויכער בית־דין באַוויליקט זי צו לאָזן פרײַ, וועט מײַן טאַטע אויך באַווילינגן צו געבן בור־האַלאַשן אויסלייז־געלט.

איינער פון די שופטים האָט זײַנע קליינע אויגן־שפּעלטלעך אָנגעשפּיזט אויפן פּנים פון דעם יונגן בחור און אַזוי געזאָגט:

— דײַנע רייד, ייִד, זײַנען קלאָר און קלוג. יעדעס וואָרט איז אויסגערעכנט

און געוואויגן אויף אַ וואָג. קאָנסטו מיר ענטפערן אויף מיינע שאלות וואָס איך וועל דיר פרעגן?

— מיינע אויערן וועלן צוערשט פאַרנעמען די רייד פון גרויסן שופט, דורכ־מאָלן זיי אין מיין מוח און ערשט דעמאָלט ענטפערן!

צום ערשטן מאָל האָט זיך אויף די קאַלטע פאַרמעט־פּנימער פון די שופטים באַוויזן אַ שמייכל. און דער ערשטער שופט האָט ווייטער גערעדט:

— וועט דער ייד גוט אכטונג געבן אַז עס זאָל ביי אים אין הויז נישט געשען קיין שום בייז צו אַ גלייביקער, פרומער אַראַבישער טאָכטער, וואָס זוכט האָפענונג און טרייסט ביים נביא?

— יאָ!

— וועט דער ייד חליפה זי פריילאָזן, ווען עס וועט זיך געפינען אַן אַראַבער, אַ מאַן וואָס וועט זי וועלן נעמען פאַר אַ ווייב כדת וכדין?

— יאָ!

— וועט דער ייד און זיין משפחה פאַרגעסן, אַז דאָס ליבּ פון אַן אַראַבישער טאָכטער איז געלעגן אויף דער שמיים־באַנק און דריי מאָל האָבן די ריטער באַרירט אירע גלידער און איר געמאַכט ווייטאָן, און אַז די אויגן פון אַ סך מענטשן און זון און הימל האָבן געזען איר אַנטפּלעקט לייב?

— דער ייד און זיין משפחה וועלן נישט טראַכטן וועגן דעם! — האָט דער בחור געענטפערט קלאָר און דייטלעך — זיי וועלן אַרויסרייסן אַלץ פון זכרון און קיינמאָל וועגן דעם נישט טראַכטן!

— ביסט דורכגעטריבן, ייד פון מאַראָקעש, זון פון חליפה בענסוסאַן! ווי הייסטו?

— נפתלי!

— וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?

— איך בין אַ שניידער!

— ווי אַלט ביסטו, נפתלי, זון פון חליפה?

— זעכצן יאָר!

— וועסטו נישט גלוסטן צו אַ גלייביקער אַראַבישער טאָכטער, וואָס וועט זיך מיט דיר געפינען אונטער איין באַלקן? וועסטו נישט גלוסטן צו זען די טיפ־קייט פון אירע אויגן אָדער די געדיכטקייט פון אירע האָר?

— זאָל דער הויכער בית־דין נישט באַלעסטיקן דעם קנעכט נפתלי מיט אַזאַ שאלה, וואָס ער קאָן דעם ענטפער גאָר נישט ברענגען אויף די ליפּן...

— האָסט אַ סך חכמה, ייד. מיר וועלן אייך אָנגעטרויען די אַראַבישע טאָכטער פאַר אַ דינסט! האָט שוין דער סופר אַלץ פאַרשריבן?

— יאָ!

— בו־האַלאַש פון סוסמאַ! — האָט זיך איצטער דער שופט געווענדעט צו בו־האַלאַשן — אָט דער געשלאָגענער, דער באַליידיקטער, וואָס האָט פאַרלאָרן אַ ווייב, באַשטייט ער צו נעמען אויסלייז־געלט? אויב יאָ, זאָל ער ענטפערן הויך אויפן קול!

— יאָ! — האָט בו־האַלאַש אויסגעשריען — איך בין גרייט צו נעמען אויסלייז־געלט!

— דעם בית־דין פון מאַראָקעש, וואָס זיצט ביים טויער „דעם נביאס אויג״ — האָט ווייטער דער שופט געצויגן זיינע רייד בקול רם — געהערט שכר־טירחא: איין אייזל, איין זאַק מעל און איין גרויסן פעטן שעפּס!

בו־האַלאַש איז שיר ניט געפאַלן אין חלשות. ער האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביי די אויערן פון אייזל, שטיל אַרויסגעברומט:

— אַזוי איז דער ווילן פונעם הויכן בית־דין און דער אונטערטעניקער, באַליידיקטער בו־האַלאַש וועט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן, טאָר זיך נישט אַנטקעגנשטעלן...

די דריי שופטים האָבן זיך איבערגעקוקט, געשעפּטשעט איינער אין דעם אַנדערנס אויערן אריין, פאַררויכערט לאַנגע נאַרגילעס, געבלאָזן דעם רויך און גערוט אונטער דעם אַלטן בוים...

דאָס סופרל האָט פאַרשטעקט די פעדער אונטערן אויערן און אויסגערופן:

— זאָל סולימאַ זיך פאַרדעקן דאָס לייב, פאַרשטעלן דאָס פּנים, כדי עס זאָלן אויף איר נישט פאַלן די בליקן פון מאַנסבילן!

נאָכדעם האָט דאָס סופרל מיט צעשפּרייטע הענט, גענומען צעטרייבן די מאַסע. בו־האַלאַשס צוויי ווייבער, האָבן זיך געקרימט בייז און גיפטיק. עס האָט זיי מוראדיק פאַרדראָסן, וואָס סולימאַ איז געבליבן לעבן און אויסגעמיטן די שמיץ פון די תלינים. סולימאַ האָט מיט גרויסע יסורים זיך אויפגעזעצט אויף דער באַנק, אַרויפגעצויגן אויפן לייב די פּלאַכטע, זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים, מען האָט בלויז אַרויסגעזען איין אויג. עלטערע מענער און ווייבער זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן אויסגעשפּיגן, ביי די יונגע מענער, האָט פון די מיילער געגרונען גאַוועך און פייכטקייט, פון די תאווה־געדאַנקען, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט ביי זיי אין מוח. בו־האַלאַש האָט אַ צי געטאָן דעם ערשטן אייזל, זיך געלאָזט גיין צו חליפהן אין קראָם, אָפּנעמען זיין שכר. אויך דאָס סופרל איז מיטגעגאַנגען, צו נעמען דעם מעשר פאַר די דריי שופטים, וואָס האָבן אַזוי גערעכטיק אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין...

* * *

חליפה בענסוסאָן איז אַ געבוירענער געשטאַנען איבער אַ שעפּל קאַרטאָפּליעס, געשיילט, געשניטן, אַריינגעוואָרפן אין אַ טאָפּ מיט וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויפן פייער. ער האָט זיך געגרייט אָפּקאָכן אַ לעפּל וואַרעמס פאַר וועטשערע.

— וואָס נעמט עס ביי דיר אַזוי לאַנג, חליפה? — האָט זיך פון בעט, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון דעם צימער — געהערט אַ שוואַך פרויען־קול. פילכט עפּעס נישט מיט אַלעמען?

— איך בין ברוך־השם געזונט — האָט חליפה געענטפערט — עס איז מיר גאָרנישט, איך האָב זיך בלויז פאַרטראַכט וועגן די מעשים תעתועים פון מענטשן, ווי אַזוי איין מענטש איז גרייט אויפעסן דעם אַנדערן לעבעדיקערהייט. אָט האָט בו־האַלאַש פון סוסמאַ, דער אַראַבער, וואָס קויפט שטענדיק איין אין מיין קראָם פאַר זיין שטוב־געברויך — געבראַכט אין שטאָט זיין יונג ווייב סולימאַ פאַר אַ משפּט, זי איז אים נישט געטריי — זאָגט ער — און איז גרייט צו שטיין דערביי און צוזען, ווי מען וועט זי פאַרשמייסן צום טויט.

— זאָל גאָט שומר ומציל זיין — האָט חנה, אַ דאַרע יידענע מיט אַ פּנים, צעקנייטשט פון יסורים און שלאַפקייטן, פרום גערעדט שאָקלענדיק מיטן קאָפּ — אַ וועלט מיט רשעים. אַקעגן וואָס דערציילסטו דאָס, חליפה?

— אַקעגן דעם. איך מיין. עס איז דאָך אַזוי שווער פאַר אונדז אַריינצונעמען אַ דינסט אין הויז, פאַר ווייניק געצאָלט, זיי הייסן זיך דאָך פון אַ ייד באַצאָלן שוה־כסף, האָב איך דעריבער געטראַכט, אפשר אָפּשפּאָרן דעם ביסן פון מויל און אויסלייזן פון אַ זיכערן טויט, די סולימאַ. זי איז מוכאַמעד־יוסיפס טאָכטער פון דאָרף קאַבזי און זי איינגעמען פאַר אַ דינסט, וואָס זאָל צוהעלפן אין שטוב, כדי איך זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן מער מיטן מסחר, מיט לערנען תורה, איך זאָל קאָנען אַריינקוקן אין אַ ספר. זי וואָלט פאַר דיר אָפּגעקאָכט אין צייט אַ לעפּל וואַרעמס.

— נו? — האָט חנה געפרעגט און געפּרוווט איר קערפּער באַוועגן אין בעט — נו?

— איך האָב געטראַכט און אויסגעפירט דעם רצון פון מיינע געדאַנקען. איך האָב זי אויסגעלייזט פאַר צוויי אייזלען, צוויי זעק מעל און צוויי שעפּסן.

— מילא מן־הסתם ווייסטו וואָס דו טוסט. וואו געפינט זי זיך זיך?

— זי וועט באַלד אָנקומען. איך האָב דאָרט אַהין געשיקט נפתלין.

— הלואי עס זאָל חלילה קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען. איך ווייס, אַן אומגעטריי ווייב, אַ געשמיסענע, נאָר האָסט שוין אָפּגעטאָן די זאַך, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה...

סולימאַ איז אָנגעקומען אין הויז פון חליפה בענסוסאָן. זי איז געווען זייער שטיל, געטאָן איר אַרבעט מיט פלייס. זעלטן האָט זי אַרויסגערעדט אַ וואָרט און

זעלטן איז זי ארויס אין גאס. זי האט באדינט די קראנקע חנה, צוגעגרייט עסן פאר די מאנסבילן און גערוימט די קליינע ארעמע וווינונג. זי האט אין זיך געטראגן די חרפה און בושה, וואס איז איר געטאן געווארן פאר די אויגן פון א וועלט מיט מענטשן, זי האט אויך אין זיך געטראגן א גרויסן פארדרוס אויף איר געליבטן מוסטאפא, דעם זון פון אייזל־סוחר אבדול־יאזיד, פארוואס ער איז נישט געקומען צום משפט, מודה זיין, אז ער האט זי באגערט, צוגערעדט צו טאן זינדיקן; צוגע־רעדט מיט אלע פייערן פון זיין מויל און קרעפטיקן געשטאלט. זי האט אויף אים געטראגן א כעס און אויך א טיפע בענקשאפט צו אים.

ביי אירע פופצן יאר, איז זי געווען גוט אנטוויקלט, געוואקסן אונטער דער השגחה פון דער ווילדער נאטור, בערג און מדבר. אירע אויגן האבן געברענט מיט א פייער, וואס האט אין זיך דעם הייסן מדבר־שטורעם און די נאקעטע בערג־קילקיים, דעם טיפן אומעט פון אומענדלעכע.וויסטענישן און די גרויזאמע בענקשאפט פון בערג איינזאמקיים.

עס איז פאר דעם אראבישן מיידל שווער געווען זיך צוגעוויינען אין חליפהס הויז. זי האט נישט געקאנט פארטראגן די דריקנדיקע שטילקייט, דאס באדינען כסדר דער קראנקער, עס האבן איר נישט געשמעקט די יידישע מאכלים, עס האבן זי געררייצט די בילדער אויף די ווענט, בילדער פון רמב"ם, פון הייליקע יידן בעלי־מופתים, וואס האבן געלעבט אין צפון־אפריקע. זי האט זיך געשראקן, ווען חליפה האט געדאוונט אין טלית און תפילין, געברומט א טרויעריקן ניגון, בשעת ער האט אריינגעקוקט אין ספר, אדער געזאגט תהלים. אין די נעכט האט זי טיילמאל אויפגעציטערט, ווען זי האט געזען ווי חליפה שטייט אויף צו חצות, זעצט זיך אויף א בענקל, צינדט אן א לעמפל, ברומט און וויינט, זאגט און איז מתפלל.

כדי צו שטילן אירע וויטיקן, האט זי גענומען נאכקוקן דעם שיינעם, שלאנקן בחור נפתלי, חליפהס איינציקער זון. ווי נאר נפתלי האט באטראטן די שוועל קור־מענדיס פון דער ארבעט, האט זי אים אנטקעגן געטראגן פריש וואסער צו וואשן די פיס, געגרייט פאר אים א ריינעם טיש, געררייניקט זיינע סאנדאלן, די קליידער. צו קיינעם אין שטוב האט זי נישט אויפגעהויבן אירע אויגן, נאר צו נפתלין, געברענט זיין לייב מיט אירע הייסע בליקן, געגלעט זיינע מלבושים, געטאן אלץ, אז ער, נפתלי, זאל אויף איר קוקן, זאל זי באשענקען מיט א ווארעמען בליק, מיט א גוט ווארט...

אין אנהייב האבן עס טאטע־מאמע נישט באמערקט. אבער ביסלעכווייז האבן זיי דערזען ווי סולימא רויטלט זיך ווען נפתלי איז דא אין הויז; עסט אים פשוט מיט אירע בליקן, עס פאלט איר פון די הענט, ווייסט נישט וואס מיט זיך צו טאן. א ווילדע שרעק האט ארומגעכאפט דעם אלטן חליפה. וואס וועט ער איצט טאן? עס איז א ביטערע מעשה.

— וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך? האָט ער געטענהט צום קראַנקן ווייב.
— צו וואָס האָב איך זיך פאַרדרייט דעם קאָפּ? אַרויסגעראַטעוועט זי פון די תליינימס הענט, כדי צו ברענגען אַן אומגליק אויף מיין הויז־געזינט.
— מען וועט זי מוזן פריי לאָזן, חליפה, פאַרלירן דאָס אויסלייז־געלט. עס קאָן ווערן אַ סכנה.
— נפתלי האָט אָבער געגעבן אַ וואָרט די אַראַבישע שופטים, אַז מען וועט די דינסט שעצן ביי זיין פאָטער אין הויז, אַז מע וועט זי נישט אַרויסטרייבן. וואָס טוט מען, אַז דער יונג זאָל קאָנען ביישטיין דעם נסיון פון דער לילית, וואָס האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַ יונגער יפת־תואר, מגולגל געוואָרן אין בור־האַלאַשס הויז, פון דאָרט אין אַ יידיש הויז. רחמנה־ליצלן, וואו לילית קאָן אַלץ אָנשפּאַרן! וואָס טוט מען?...
האָט חליפה באַשלאָסן צו האַנדלען אין דעם ענין שנעל. נאָך דעם זעלבן אָוונט, האָט ער די זאַך איבערגערעדט מיט נפתלין אונטער פיר אויגן און מיט דיבורים בלשון סגי־נהור, וואָס זיינען שווער צוזאַמענצוהאַלטן:
— נפתלי, איך האָב מורא, אַז מיר האָבן אַריינגענומען אַ קליפּה אין הויז אַריין. דו האָסט יונג בלוט, דער יצר־הרע קאָן אויף דיר האָבן אַ גרויסע שליטה, ווייל געפינסט זיך אונטער איין דאַך מיט דער קליפּה, מיט ליליתן. זי האָט שיינע אויגן, איר פּנים איז פול מיט יצר־הרע און תאוות, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין...
נפתלי איז רויט געוואָרן. דאָס בלוט פון לייב, האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. אַ שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן און די צונג האָט קוים אַרויס־געברענגט:
— איך האָב אויך אַזוי געטראַכט טאַטע. וואָס איז די עצה?
— מיין קינד, מיין עצה איז זאָלסט אַוועקפאָרן קיין סאַפי, דאָרט זיך זעצן אַרבעטן, ביסט אַ גוטער בעל־מלאכה און אם ירצה השם, אַז זי וועט אַוועק פון אונדז, וועסטו צוריק קומען אַהיים.
נפתלי האָט געפאָלגט. צומאָרגנס פרי איז ער אַוועק אין דער שטאָט סאַפי.

גאַנצע טעג איז איצט סולימאַ געווען אַליין מיט דער קראַנקער חנהן, וואָס איז געלעגן אַ האַלב פאַראַליזירטע. שלעכטע מחשבות זיינען סולימאַן געקומען אין קאָפּ אַריין. זי איז נישט געוואוינט געווען צו זיין אַן אַזאַ ענגער יידישער שטוב, זי איז געוווינט געווען צו זיין פריי, אַרומלויפן צווישן די בערג, וואַשן דאָס לייב אונטער די זינגעוודיקע וואַסער־פאַלן, וואָס פליסן אין די בערג־שפּאַלטן, געוואוינט געווען צו רייטן אויף אַן אייזל, הוידן זיך אויף אַ קעמל, נאָכקוקן די פּאַסטוכער אין פעלד, די יונגען ביי דער אַרבעט, אָדער באַוואונדערן מוסטאַפאַן, ווי ער רייט אויף אַ פערד, שיסט פייגלען אין דער לופטן, לאַכט הויך און ווילד...

מיט יעדן טאָג איז זי איצט געוואָרן טרויעריקער. די פייערדיקע בליקן האָבן זיך ביי איר געלאָשן. דאָס פּנים איז געוואָרן בלייכער און מאָגערער. די ארבעט אין הויז איז איר געפאַלן פון די הענט. זי האָט קיין וואָרט נישט גערעדט צו דער קראַנקער און צום אַלטן חליפה, וואָס האָט איר געגעבן קליינינקע מתנות: אַפּאָר געשטיקטע שטעק־שיכלעך, אַ בייטש קרעל, אַ קופּערל האַלדז־בענדל. זי האָט די מתנות נישט אָנגענומען און ווי אַ שאָטן זיך געדרייט איבער דער שטוב.

איינמאָל אַ טאָג איז זי אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון חליפהס הויז.

צומאָרגנס האָבן זיך אין די קרומע, ענגע געסעלעך פון מאַראַקעש, דאָרט וואו אַראַבער וואוינען מיט קינד און קייט, מיט האַרעמס, אייזל און קעמל — פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז נפתלי, דער זון פון דעם ייד חליפה דער קרעמער, איז אַוועק מיט דער אַראַבישער דינסט אין דער ווייטער וועלט אַריין.

דער ווייטער קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער לענג און ברייט פון דער שטאָט. אַריינגעדרונגען אין די ענגע יידישע הייזער פון דער געטאָ, אָנגעפילט יידישע הערצער מיט שרעק און מורא. אַראַבער האָבן אין זייערע קליינע קאַפע־הייזער געשמועסט וועגן דעם ענין בפרטיות. געררייכערט די נאַרגילעס, געטרונקען גרינעם טיי. זיך געקראַצט אין די פּיאַטעס, זיך דערציילט מוראדיקע מעשיות און נישט געקאָנט אַזוי שנעל תופס זיין, ווי אַזוי אַ ייד האָט געוואַגט צו אַנטלויפן מיט אַן אַראַבישער טאָכטער, דערצו נאָך אַ שטיקל אשת־איש. דער זעלבער ייד, האָט דאָך ביים בית־דין פון טויער: „דעם נביאס אויג" געגעבן זיין וואָרט, אַז קיין בייז וועט איר נישט געשען. די אַראַבער האָבן דעריבער אָנגעגורט זייערע לענדן און געוואַרט מיט פאַרביסענעם שווייגן, כדי צו זען „מה יעשה הזמן", וואָס וועט פון דער מעשה אַרויסקומען און ווי אַזוי מען וועט קאָנען צעפירן די הענט איבער יידישע לעבנס...

זיי האָבן געשוויגן און געוואַרט...

עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן, וואָס מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז נפתלי אויפן פּאַטערס באַפעל אַהיים געקומען, געשוואוירן בפני כל־עם־ועדה, דאָס הייסט פאַר אַראַבער און יידן, אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, ער האָט קיינמאָל נישט געטאָן גלוסטן צו זייער דינסט סולימאַ, וואָס זיין פאָטער האָט זי אויסגעלייזט ביי די קלוגע שופטים אונטערן אַלטן בוים בעת די בלוט־דורשטיקע תלינים האָבן געהאַלטן אין פאַרשמייסן זי אויף טויט. עס האָט נישט געהאָלפן.

חליפה איז אין אַ קורצער צייט גרוי געוואָרן ווי אַ טויב. ער האָט פאַרמאַכט די קראָם, געזאָגט תהילים, מורא געהאַט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן אין דרויסן. אין בית־המדרשל, וווּ ער האָט געדאַוונט, האָבן יידן אינאיינעם מיט אים געפּלאַטערט פאַר שרעק און מורא.

— רחמה־ליצלן — האָט יעקב דער פאַרבער געקרעכצט — ווער ווייסט, וואָס

פון אַזאַ בלבול וועט אַרויסקומען. די אַראַבער קוקן דאָך נאָר אויס אַזאַ שעת־הכושר, ווען זיי וועלן קאָנען טרייבערן יידישע קעפּ.

— לאָמיר זאָגן תהלים, יידן — האָט לוי דער גאָלדשמיד געהערט — לאָמיר נישט פאַרלירן דעם בטחון!

— יאָ, לאָמיר טאַקע בעטן דעם רבונו־של־עולם, אַז די זונה זאָל זיך געפינען — האָט מסעוד דער שמיד געדונערט מיט זיין רוי קול — אַן עסק אביסל, אַריינגענומען אַ נפקא אין הויז אַריין, חליפה האָט שוין נישט געהאַט אויף וועמען רחמנות צו האָבן, נאָר אויף בו־האַלאַשס ווייב! זאָל גאָט זיך דערבאַרעמען, וואָס דאָ טוט זיך. אַזאַ צרה!

— חליפה האָט אַן אומשולדיק באַשעפעניש געראַטעוועט פון טויט. נישט קיין זונה איז זי, נאָר אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה — האָט אהרן מקובל איינגענומען דעם עולם — אין דעם זכות פון מציל זיין אַ מענטשלעך לעבן, וועט אונדז קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען.

רפאל דער זייד־קרעמער האָט גענומען ריידן מיט אַ וויינענדיקן ניגון:

— לאָמיר אַלע בעטן גאָט, זי זאָל זיך געפינען, אַז קיין שלעכטס זאָל זיך מיט איר נישט טרעפן, כדי די גויים זאָלן זען, אַז אַ בלבול איז אויסגעטראַכט געוואָרן אויף אומשולדיקע יידן. זאָל אונדזער גאַנצע קהילה גוזר־תענית זיין, גיין אויף די קברים פון די צדיקים און בעטן, אַז די דאָזיקע, ווי הייסט זי דאָרט? סולימאַ, זאָל זיך אומקערן און אַזוי אַרום זאָל אָפּגעקערט ווערן דאָס שלעכטס, וואָס שטייט אונדז פנים־אל־פנים.

—זיי גרייטן צו אַ גרויסן משפט קעגן מיר און מיין הויזגעזינט — האָט חליפה געהעשעט — זיי באַשולדיקן אונדז אין רציחה, און אין, איך וויל עס גאָר פאַר מיין מויל נישט ברענגען. וואָס טוט מען, יידן?

. אין די ענגע געסלעך פון דער מעללאה אין מאַראַקעש, אין דער צוזאַמענגע־דרענגטער יידישער אָרעמקייט, האָט שוין אין דער לופט געהאָנגען די וויסטע אימה פאַר דעם פינצטערן גזר, וואָס וועט זיך אַ ליאַדע טאָג אויסגיסן, ווי אַ שטורעמדיקע בייזע כוואַליע און פאַרפלייצן אַלץ מיט אַנאַנד. יידן האָבן געקרעכצט, געיאָמערט און געהאָפט, אַז עס קאָן נאָך טרעפן אַ נס, סולימאַ וועט זיך אומקערן, נאָר אַ נס...

* * *

אין זיין דאָרף סוסמאַ האָט צום הינקענדיקן בו־האַלאַשס אויערן דערגרייכט די ידיעה, אַז סולימאַ איז פאַרשוואונדן פונעם יידנס הויז. די גאַנצע צייט פון נאָכן משפט האָט זיך בו־האַלאַש נישט געקאָנט קיין אָרט געפינען. אין די שטיקנדיקע נעכט אויפן געלעגער האָט ער זיך געוואָרפן אַן אומרואיקער, אַ צעטרייסלטער, ווי

א פאַרוואונדעטע שלאַנג. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן דאָס ווייסע, אויסגע־צערטלטע לייב פון דער יונגער סולימאַ, ווי ער האָט זי געזען ליגנדיק אויף דער הוילער שמיים־באַנק און די תלינים האָבן זי געשמיסן. א האַלב יאָר צייט האָט ער זי אין הויז ביי זיך כסדר געשלעפּט נאָענטער צו זיין געלעגער און זעלטן געזען איר נאַקעט לייב, די בלענדנדיקע ווייסקייט אירע. ערשט אינדרויסן צוזאַמען מיטן געזעמל, האָט ער זי געזען: ווי ווייסער זייד, גלאַטיק ווי רייפע עפּל, ווי גרויסע פלוימען אין שפּעטן זומער, וואָס קילן די פינגער מיט אַ טויאיקער פיינקייט. ערשט אויף דער שמיים־באַנק האָט ער איר קערפּער געזען, ווי אַ גרויסע פידל זעט עס אויס, די ווייס־קייט אירע ברענט ווי פייער...

עס האָט אים אויך געקרענקט, וואָס די שופטים האָבן ביי אים צוגענומען אַ העלפט וואָס דער ייד חליפה האָט אים געגעבן פאַר סולימאַן. דעם שאָדן האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט זיך געפרעגט לעבעדיקערהייט: וואָס הייסט, מען פאַרלירט אַן אייזל, אַ זאַק מעל און אַ שעפּס? פאַרוואָס האָבן די שופטים דאָס ביי אים צוגענומען? זיי האָבן דאָך שוין איינמאָל גענומען שכר־משפּט.

ווען בו־האַלאַש האָט דערהערט, אַז סולימאַ איז פאַרשוואונדן פון דעם יידנס הויז, האָט אין אים אויפגעקאָכט דאָס בלוט. אין מוח האָט עס גענומען ראַיען, ווי אין אַ בינענשטאָק אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט. ער האָט פאַר זיך איצט דערזען אַ שעת־הכושר, ווי ער וועט קאָנען צאַפּן פון יידן געלט און אַלץ, וואָס נאָר זיין האַרץ וועט גלוסטן. איצטער — האָט ער געטראַכט — וועט ער שוין די שופטים קיין העלפט נישט געבן. אַליין וועט ער זיך אַלץ נעמען און ער וועט זיך קויפן פרישע צוויי ווייבער, אַזעלכע ווי סולימאַ, נאָך ייגנערע, נאָך שענערע...

אַ פריילעכער, מיט אַן אויפגעפרישט געמיט, האָט ער באַפוילן זיינע צוויי ווייבער שפּאַנען בלויז איין אייזל, אויף וועלכן ער אַליין וועט רייטן: מאָרגן פרי, אַזוי ווי די שפּיץ בערג וועלן ווערן איינגעטונקען אין בלויקייט, וועלן זיך אַלע לאָזן אין וועג אַריין קיין מאַראַקעש צום טויער „דעם נביאָס אויג". ער, בו־האַלאַש, וועט איצטער פאַרלאַנגען גערעכטיקייט, אמתע גערעכטיקייט...

פאַרטאָג האָט בו־האַלאַש אָנגעגורט די לענדן, אַרויפגעזעצט זיך אויף זיין אייזל. די ווייבער האָבן מיטגענומען אַ זעקל ברויט, לאָגלען וואַסער, און נאָך עטלעכע שעה שפּאַנען האָבן זיי דערגרייכט צום טויער ביים אַלטן בוים, וואו גערעכטיקייט ווערט געטאָן פאַר יעדן מיט גרויס חכמה און מיט יושר, דורך די מיילער און מוחות פון דריי קלוגע אַראַבישע שופטים...

— פרידן אויף דיר, אויסדערוויילטער פון נביא, וואָס פאַרשרייבט מיט אַ געניטער האַנט אַלע פּערלדיקע רייד, וואָס גייען אַרויס פון די מיילער פון די שופטים — האָט בו־האַלאַש באַגריסט דעם סופרל מיטן סרים־פּנים.

— פרידן אויף דיר, בו־האַלאַש פון סוסמאַ, דער וואָס זוכט גערעכטיקייט און באַקומט עס אין אַ פולער מאָס — האָט דאָס סופרל געענטפערט און אַ בליץ

נעטאָן מיט זיינע דינינקע אויגן־שפּעלטעלעך, אַז עס איז בו־האַלאַשן זוייער געוואָרן אין די געדערים. — מיר האָבן געוווּסט, אַז, אַז דו וועסט קומען מאָגען יושר פאַר דיר און אַ שטראָף פאַרן ייִד, חליפה. די גאַנצע שטאָט קלינגט מיט דעם. קינדער ביי די מאַמעס־ברוסטן ווייסן עס אויך, אַז דער ייִד, חליפה, האָט פאַראומווערדיקט אַ כשרע אַראַבישע טאָכטער און זי נאָך פאַרטריבן פון זיין הויז...

— ווענן דעם טאַקע, חכם און סופר, האָט זיך דער דערשלאָגענער בו־האַלאַש מטריח געווען אַזאַ ווייטן וועג, מיד געמאַכט זיין אייזל און געקומען צום טויער, „דעם נביאס אויג". גערעכטיקייט זוך איך — האָט בו־האַלאַש געמאַכט אַ פרום, צעוויינטיקט פּנים. — מיין האַרץ צאַפּלט אין מיר, וואָס עס איז, נעבעך, געוואָרן פון דער צניעותדיקער סולימאַ, ווען איך וואָלט איצטער אַריינגעפירט אין מיין אָרעמען הויף מיט דער רייכקייט פון אַ פּרינצעסין...

— דיינע רייד זענען קלוג, בו־האַלאַש. מאָרגן פרי, נאָך דער ערשטער תפילה, זאָלסטו זיך שטעלן צום משפּט. מיר וועלן היינט לאָזן וויסן חליפהן, ער זאָל זיך אויך צושטעלן. גערעכטיקייט וועט געטאָן ווערן צו דיר, חכם פון סוסמאַ, און אַ אַ שווערע שטראָף וועט פאַלן אויף די קעפּ פון די ייִדן פון מאַראָקעש.

בו־האַלאַשן זענען דעם סופרס רייד אַריין טיף אין קאָפּ. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך נאָכדעם אַרומגעדרייט אין דער „מעלאַה" צווישן ייִדן. אָפּגעשטעלט זיך ביי חליפהס קראָם, פונדערווייטנס באַקוקט אַלע סחורות און אַ צופרידענער געטראַכט, אַז מאָרגן וועט דאָס אַלץ זיין זאַק־רויב. ער וועט דאָס אַלץ צונעמען, און אויך די סחורות ביי אַנדערע ייִדישע קרעמער וועט ער צונעמען. מ'וועט נאָך די ייִדן שלאָגן און ממיתן, עס וועט זיין גאָר היימלעך. זיין טעמפּער מוח האָט גערעכנט און גערעכנט, וויפיל, אַ שטייגער, סחורות ער דאַרף צונעמען, כדי ער זאָל האָבן גענוג זיך איינצוקויפן אַ פּאָר יונגע ווייבער, אַ שטיק פעלד, אייזלען, קעמלען און אויך לאָזן גראָבן אַ ברונעם ביי זיך אין הויף. די הויפּט־זאַך — האָט בו־האַלאַש געטראַכט — דאַרף ער איצטער זיך איינשאַפן עטלעכע אייזלען, זיין גרייט מאָרגן, באַלד נאָכן משפּט, אויפצולאָדן די סחורות פון די ייִדישע קראָמען. נו, וווּ וועט ער, בו־האַלאַש, אין דער הייסער מינוט, נעמען אייזלען?

בו־האַלאַש האָט געטראַכט, געטראַכט און איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי ער האָט אַ ליידיקן טאָג פאַר זיך, וועט ער דעריבער צורייטן צו אַבדול־יאַזידן, דעם אייזל־סוחר, און דינגען עטלעכע אייזלען אויף אַ טאָג צייט. אַבדול יאַזיד איז אפילו זיין שונא פון אַלטע צייטן אָן, דערצו נאָך איז סולימאַ געלעגן אין די אָרעמס פון זיין טייער זונדל, מוסטאַפאַ. עדות האָבן געזען, אָבער פאַרפאַלן. בו־האַלאַש דאַרף היינט האָבן אַ צענדליק אייזלען מוז ער אָנקומען צו אַבדול־יאַזידן, דעריבער מוז ער פון זיין האַרץ אַרויסרייסן אַלע בייזע מחשבות און אָנשטעלן אַ פּנים פול מיט פריינטשאַפט און גענעדיקייט...

בו־האלאש האט זיך אויפגעזעצט אויף זיין רייט־אייזל, און ווען די זון איז געשטאנען אין מיטן הימל, איז ער אנגעקומען אינעם הויף פון זיין שונא, אבדול־יאזיד.

ביידע האבן זיך עטלעכע רגעס צוריקגעהאלטן פון באגריסן און דאך זיך באגריסט. בו־האלאש האט געזאגט וואס ער וויל.

— וואס דארפסטו פלוצלונג צען אייזלען, בו־האלאש? — האט אבדול־יאזיד, א געזעצטער, קנאכיקער אראבער, מיט א גוטמוטיקן פנים און פריילעכן געמיט, געפרעגט און א באהאלטן שמייכעלע האט זיך א גליטש געטאן איבערן פנים. — דאכט זיך, אז דו דארפסט נישט פירן קיין תבואה און קיין געשונדענע פעלן אין שטאט אריין. ווארט, אפשר גייסטו גאר ווידער חתונה האבן?

— ניין, מיין טייערער פריינט, דער וואס איז צו מיר שטענדיק א ברודער אין אן עת צרה, גוטער און ליכטיקער אבדול־יאזיד! נישט קיין תבואה דארף איך פירן אין שטאט אריין. איך גרייט זיך אויך נישט חתונה צו האבן היינט. אפשר וועל איך אין מיין ארעם הויז אריינגעמען א ווייב אין א קורצער צייט ארום, דעמאלט וועסטו, אבדול־יאזיד, זיין מיין אנגעליינטער גאסט. וועסט זיצן אויבנאן ביי מיין טיש און דעם בעסטן חלק פון דעם פעטסטן שעפס וועסטו באקומען. איך בין געקומען דינגען ביי דיר צען אייזלען אויף עטלעכע טעג, ווייל עס וועט באלד שלאגן א גרויסע שעה פאר דעם ארעמען בו־האלאש פון סוסמא!

און בו־האלאש האט מיט א נידעריק קול דערציילט וועגן וואס ער איז געקומען און צו וואס ער דארף די אייזלען. ער האט אויך אבדול־יאזידן איבערגעגעבן בסוד־סודות וועגן דעם גרויסן רייכטום, וואס וועט מארגן אריינפאלן אין זיינע הענט.

אבדול־יאזיד האט מיט קאפ אויסגעהערט בו־האלאשעס רייד. זיין גוטמוטיק פנים האט זיך אנגעגאסן מיט א רויטקייט און אונטערן הארץ האט אים גענומען ווארעמען פאר גרוים שמחה צוליב א גליקלעכן געדאנק, וואס איז אים איינגעפאלן אין מוח.

ער האט אריינגערופן איינעם פון זיינע מענטשן, וואס ארבעטן אין די שטאלן ביי די אייזלען און באפוילן:

— זאל מען בו־האלאשן פון דארף סוסמא געבן די בעסטע שטארקסטע צען אייזלען פון מיינע שטאלן! זאל מען זיי אויספוצן און שפאנען איינאיינעם. זאל מען אויך בו־האלאשן מיטגעבן א פערטל געבראטענעם שעפס, כדי ער זאל דערקוויקן זיין פארחלשט הארץ!

בו־האלאש האט מיט גרוים הכנעה זיך גענומען בוקן פאר אבדול־יאזידן, אים אנגערופן מיט די ווארעמסטע נעמען, לסוף האט ער זיך געלאזן מיט די אייזלען צוריק אין שטאט אריין פול מיט שמחה און גליקלעכער דערווארטונג...

ווען בר־האַלאַש האָט זיך דערוווּסטערט מיט די אייזלען האָט אַבדול־יאַזיד אַ געשריי געטאָן אין הויף אַריין:

— זאָל מוסטאַפאַ מיין זון זיך באַלד שטעלן פאַר מיין פּנים! אויב ער איז נישטאָ אין הויף זאָל מען אים אויפזוכן. איך מוז באַלד מיט אים ריידן!

שנעל, שנעל, האָט אַבדול־יאַזיד אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי אָפּצוטאָן אַ בייז שפּיצל זיין שונא בר־האַלאַש. ער האָט גרייליך געוווּסט, אַז מוסטאַפאַ זיין זון, דער הולטאַי און סורר ומורה, ווייסט ווו סולימאַ געפינט זיך. ער וועט דעריבער מיט זיין זון צוגרייטן אַ שפּיצל פאַרן מאָרגנדיקן משפט.

אַבדול־יאַזיד האָט זיך געריבן די הענט פאַר גרויס פרייד, וואָס עס איז געקומען די שעה ער זאָל קאָנען זיין ערגסטן שונא בר־האַלאַשן אָנרייבן אַ מאָרדע און אים אַוועקנעמען אַן אוצר פון אונטער דער נאָז...

* * *

אַזוי ווי די זון האָט דעם פרימאָרגן באַגילדעט מיט אירע שטראַלן די שפּיצן פון די אַטלאַס־בערג, האָבן מחנות מענטשן גענומען ציען צום טויער „דעם נביאס אויג״, כדי בייצווזיין דעם גרויסן משפט, וואָס וועט היינט פאָרקומען קעגן דעם יידישן קרעמער חליפה בענסוסאַן.

עס האָבן געצויגן יונג און אַלט. בייזע אָנגעכמורעטע פּנימער, מיט אויגן פול גיפט און נקמה, גוטמוטיקע פּנימער, מיט פריילעכע אויגן. מענטשן — גיריקע, בלוט־דורשטיקע און מענטשן — גלייכגילטיקע, צופרידענע, וואָס זיי וועלן בייוואוינען אַ בחנמדיקע פאַרווײַלונג.

ווידער זענען די דריי שופטים געזעסן אונטער דעם אַלטן בוים. זייערע פּנימער זענען געווען בייז און אָנגעכמורעט. ביי איינעם זענען די וואָנסעס געווען פאַרשפּיצט מיט רוגזה. ביים צווייטן האָט געציטערט דאָס לינקע אויג. ביים דריטן האָט געקאַפּעט פון דער נאָז.

ביי זייער צופוסנס איז געזעסן דאָס סופרל צוזאַמענגעקאָרטשעט ווי אַ האַלבער בייגל. זיין סרים־פּנים האָט אויסגעדריקט בייזע צופרידנקייט, נקמה און זיין געגנדזענע פעדער האָט געציטערט אין זיין רעכטער האַנט.

דער שופט, וואָס ס'האָט אים געטריפט פון דער נאָז, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— געפינט זיך דאָ צווישן די פאַרזאַמלטע דער ייד חליפה בענסוסאַן פון מאַראַקעש מיט זיין זון נפתלי?

— מיר זענען דאָ! — האָבן זיך געהערט צוויי שטימען

— זאָלן זיי גענענען!

דער שופט האָט ווייטער גערופן:

— איז צווישן די פאַרזאַמלטע דאָ בר־האַלאַש פון סוסמאַ?

דער הינקענדיקער בו־האַלאַש האָט אַ שפּרונג געטאָן און אױסגעשריען:

— הױכער בית־דין! אױסדערװײלטע חכמים פון אַללאַה און זײן נביא! איך, דער באַלײדיקטער און געטרעטענער בו־האַלאַש פון סוסמאַ, בין דאָ. איך בין הײנט געקומען מיט אַ גרױס װײ־געשרײ. מײן האַרץ גײט אױס אין בלוט. מײנע גלידער ברעכן זיך מיט ברענענדיקע קראַמפּן. מײנע אױגן פאַרנעמען נישט קײן שלאָף, זײט אַ כשרע אַראַבישע טאָכטער האָט באַװיליגט צו זײן אונטער אײן דאַך מיט אַ ייִד. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך זיך דערװוּסט װאָס עס איז אָפּגעטאָן געװאָרן צו סולימאַן, די טאָכטער פון אַ פרומען אַראַבער, די שײנקײט אונטער דער זון, די װאָס האָט אַ האַלב יאָר צײט געגעסן בײ מײן טיש און מיר געװען אַ װײב!

— װאָס איז דײן באַגער, בו־האַלאַש? — האָט דער שופט געפרעגט און מיט אַ גרױסן טוך זיך געװוּשט די נאָז.

— מײן באַגער איז, הױכער בית־דין, אַז מען זאָל שװער באַשטראָפן דעם ייִד חליפה און זײן זון. מען זאָל זײער פאַרמעגן מיר אָפּגעבן פאַר מײן שאַנד און װײטיק.

— װעגן דעם פאַרמעגן װעט מען זען — האָט דער שופט געזאָגט און אַן אומהײמלעך פײערל האָט אַ גלי געטאָן אין זײנע דינע אױגן־שפּעלטלעך — דײן פאַרלאַנג װעגן שטראָף װעט באַװיליקט װערן!

דער צװײטער שופט האָט זיך אױפגעשטעלט. זײנע װאָנסעס זענען געװען שפּיציק װי דינינקע שפּיזלעך און זיך אָנגעשטעלט קעגן די צװײ ייִדן חליפה און זײן זון נפתלי, װעלכע האָבן געציטערט אונטער די ברײטע אַבאַיעס װי בלעטער אױפן װינט. די פּנימער פון די ייִדן זענען געװען בלײך, די אױגן אױסגעלאָשן, װי אָן לעבן. דער שופט האָט געערדט הױך און שטרענג:

— ייִד חליפה! דײן זון האָט געגעבן אַ װאָרט צום אַראַבישן בית־דין, אַז איר װעט בכבוד האַלטן די דינסט סולימאַ, דאָס געװעזענע װײב פון בו־האַלאַש! איר האָט קײן װאָרט נישט געהאַלטן, נאָר פאַראומרײניקט און פאַראומװירדיקט אַ כשרע טאָכטער! װאָס האָסטו צו זאָגן װעגן דעם?

— הױכער שופט! — האָט חליפה אָנגעהױבן מיט אַ שװאַך קול — דײנע רײד זענען װי שטײנער אױף מײן צעװײטיקט האַרץ.

— װוּ איז דאָס מײדל סולימאַ, ייִד חליפה? װוּ האָט איר זי אַהינגעטון? אפשר האָט איר זי גאָר אומגעבראַכט, כדי יעדער שפּור זאָל אָפּגעװוּשט װערן?

— מיר װײסן נישט. מיר האָבן איר קײן שלעכטס נישט געטאָן. װי אַן אײגענע טאָכטער האָבן מיר זי באַהאַנדלט. בכבודיק און מיט חשיבות. מיר האָבן איר קײן סך אַרבעט נישט געגעבן. זי איז אַװעק און אײן גאָט װײסט פאַרװאָס.

— דײנע רײד זענען פאַלשע! מיר װעלן דיך לאַנג נישט אױסהערן, ייִד. זאָל דײן צונג שװײגן און מיר װעלן אַרױסגעבן דעם פּסק־דין!

— הױכער בית־דין פון מאַראָקעש — האָט חליפה װידער גענומען רײדן —

אַן אומגליק האָט זיך אויסגעגאָסן, איבער מיין הויז. מיר האָבן געמיינט נאָר גוטס, מיר האָבן סולימאַן גענומען פאַר אַ דינסט און גוט באַצאָלט פאַר איר אַרבעט. אַן אומגליק, הויכער בית־דין!

— שווייג ייד חליפה! דיין געוויין, דיינע תחנונים, וועלן דיך נישט ריינוואשן. אויף דיין קאָפּ און אויף די קעפּ פון יידישן ציבור אין שטאָט, וועט פאַלן אַ הארבע שטראָף, פאַר דעם פאַראומווירדיקן אַ כשרע אַראַבישע טאָכטער!

חליפה האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די אַקסלען פון זיין זון, נפתלי.

די דריי שופטים האָבן זייערע מאסקע־פּנימער צוגעבויגן איינער צום אנדערן און זיך געשושקעט, געאַמפּערט און געשושקעט. נאָכדעם האָט זיך אויפגעשטעלט דער מיטן צוקנדיקן אויג, געוואָלט אָנהייבן ריידן, אָבער אין דער מינוט האָט זיך געהערט אַ גערודער צווישן המון. אַ יונגע פאַרשלייערטע פרוי האָט זיך דורכגעריסן אַ וועג צום בוים, צוגעקומען צו די שופטים און געפאַלן צו זייערע פיס.

דער סופר האָט זי אַ רים געטאָן מיט אַ געשריי:

— ווי וואגסטו?

— איך בין סולימאַ — האָט די פרוי אויסגעהעשעט.

די שופטים האָבן זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ וויג געטאָן אין אומרו. איין שופט האָט אַ געשריי געטאָן:

— דעק אָפּ דיין פּנים און זאָלן מענטשן עדות זאָגן, אַז דו ביסט עס סולימאַ!

זי האָט אָפּגעדעקט איר פּנים. אַ פּנים — בלייך, פאַרביסן און שיין. עס האָבן זיך געהערט שטימען:

— יאָ. דאָס איז סולימאַ!

— איז דאָ פאַראַן אירער אַ נאָענטסטער קרובֿ, וואָס זאָל עדות זאָגן?

אַ דאַרער אַראַבער מיט אַ צעפּליקטן טורבאַן אויפן קאָפּ, האָט זיך אַרויסגערוקט פון דער מאַסע, צוגעגאַנגען נעענטער צום בוים און זיך כסדר געבוקט.

— ווער ביסטו? — האָט דאָס סופרל געפרעגט.

— איך בין סולימאַס פאָטער, יוסוף פון דאָרף קאַבזי.

— קוק אָן די פרוי און זאָג עדות!

דער אַראַבער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, אַ קוק געטון אויף דער פרוי און דייטלעך געזאָגט:

— זי איז מיין טאָכטער סולימאַ, וועמען איך האָב אָנגעטרויט בו־האַלאַשן פאַר אַ ווייב! ער זאָל זי בכבוד האַלטן און זי מאַכן פאַרן קאָפּ פון זיין הויז!...

די פּנימער פון די דריי שופטים זיינען געוואָרן בייז און אומגעדולדיק.

— זאָג וואָס דו האָסט צו זאָגן, סולימאַ — האָט איינער פון זיי געזעצט.

— עס איז מיר געווען ענג אינעם הויז פון ייד חליפה בענסוסאַן — האָט סולימאַ גערעדט דייטלעך, קלאָר — ענג און טרויעריק. איך האָב מיט קיינעם ניט

גערעדט. מיין פנים ניט באוויזן אין א שפיגל. קיינמאל ניט געשמייכלט און קיינער האט צו מיר ניט קיין לאך געטון און ניט געגלעט מיין הויט, ניט באריִרט מיין ליִיב. עס האט מיך געשטיקט א בענקעניש ניט אויסצוהאלטן. בין איך אנטלאפן צו מוס־טאפאן, אויסבאהאלטן זיך דארט אין א שייער פאר די אויגן פון זיין פאטער אבדול־יאזיד. אבער מוסטאפא איז א פאלשער. ער האט אן אנדערע פרוי און מיך האט ער געטריבן פון זיך. נעכטן פאר זונען־אונטערגאנג האט ער מיך אנגעכאפט פאר די האר און געשריען: „מארגן פרי, ווען די נאכט וועט נאך קילן די שפּיצן בערג, זאלסטו לויפן אין שטאט אריין, צום טויער „דעם נביאס אויג", באווייזן דיך דארטן און זאג ווער דו ביסט, ווייל אויב ניט, וועט א ניט־גערעכטער משפט געטאן ווערן און די זינד וועט פאלן אויף דיין קאפ. לויף אהין! בו־האלאש האט שוין געדונגען ביי מיין פאטער צען אייזלען איינצוזאמלען זאק־רויב ביי די יידן פון מאראקעש. דער הינקענדיקער ממזר גרייט זיך שוין איינצוקויפן א פאר נייע ווייבער פאר דעם רויב, וואס ער וועט צונעמען". דעריבער בין איך, סולימא, די טאכטער פון מוכא־מעד יוסוף, פון דארף קאבזי, געקומען צו לויפן צום הויכן בית־דין באליִיגן די רייד.

די דריי שופטים זיינען בלאס געווארן. דער סופר האט געשריען מיט באנומענע קולות. בו־האלאש האט זיך געוואקלט ווי א שיכור, גרייט אומצופאלן. עס האט אים פארפעלט לופט און עס איז אים געווארן פינצטער פאר די אויגן.

נאך עטלעכע מינוט גערודער און טומל, האט איין שופט אויפגעהויבן זיין קול און געזאגט:

— צוליב דעם, וואס סולימא איז צוריקגעקומען, וועט דער ייד חליפה קיין גרויסע שטראף ניט באקומען, און צוליב דעם, וואס עס איז סולימאן ענג געווען ביי דעם ייד אין הויז, ענג און טרויעריק, ווי זי אליין האט מודה געווען, מוז חליפה אוועקגעבן א העלפט פון זיין פארמעגן דעם בית־דין פון דער שטאט מאראקעש פאר זייער צייט און שכר פאר פסקענען. צוויי לייט, געניטע שאצערס, וועלן באלד מיטגיין מיט חליפהן צו אים אין קראם און אויך צו אים אין הויז אריין וועלן זיי גיין און וועלן אפּשאצן זיין פארמעגן, סיי אין נכסים און סיי אין מטלטלין און זיי וועלן א העלפט דערפון צונעמען. קיין איבעריקע האר וועלן זיי ניט רירן.

דער שופט האט זיך אויף א ווײַלע אפגעשטעלט או ווייטער גערעדט:

— זאל דער סופר ווייטער פארשרייבן די רייד פון הויכן בית־דין! קלאר און דייטלעך זאל ער פארשרייבן! דער ייד חליפה מוז אויך געבן מתנות צו סולימאן דערפאר, ווייל זי איז א צייט געווען מיט אים און מיט זיין משפחה אונטער איין דאך. ער מוז איר געבן קליידער פאר איר לייב, סאנדאלן געשטיקטע פאר אירע פיס און קאמען, נאדלען און זיידענע בענדלעך פאר אירע האר! פאר איר פאטער, דעם ארעמען און באליידיקטן, מוז דער ייד חליפה געבן א זעקעלע צוקער, א פעקל גרינע טיי, א קויש טייטלען און א פעסעלע אייל! סולימא איז פריי פון שטראף,

פון זינד, און אַלע דאַרפֿן זי בכבוד האַלטן, ווייל זי האָט אַ שטאַרקן ווילן פון אַ גלוייביקער טאָכטער, ניט געוואָלט בלייבן קיין דינסט אינעם הויז פון חליפה בענ־סוסאַן! זי מעג איצט גיין וווּ זי וויל און וואַרטן אויף איר באַשערטן!

דער סופר האָט מיט זיין געגדזוענער פעדער אַלץ פאַרשריבן אויף ווייסע טאָ־וועלעך, פאַרשריבן דייטלעך, לדורות...

סולימאַ האָט דאָס ליילעך, איר קלייד, פעסטער פאַרהילט איבערן קערפּער און אַ העשנדיקע האָט זי זיך אַריינגעדרייט אין דער מאַסע.

בו־האַלאַש האָט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ איינגעשפּאַנט די צוויי אייזלען פון אבדול יאַזיד. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין אייזל, באַפוילן זיינע ווייבער, אַז זיי זאָלן טרייבן די אייזלען און ניט אַראָפּלאָזן אַן אויג פון זיי. בו־האַלאַש האָט זיך געשלעפּט צו זיין שונא אבדול יאַזיד, דער וואָס האָט אים איבערגעכיט־רעוועט. ער האָט געשאָלטן די גאַנצע וועלט, געטראַכט פון וואַנען ער וועט נעמען צו באַצאָלן אבדול יאַזידן דעם שכר פאַר די אייזלען, וואָס ער האָט געהאַלטן אַ מעת־לעת צייט.

די זון האָט גענידערט איבער די אַטלאַס־בערג אַ צעגליטע אין פלאַקערנדיקן גאָלד. די שפּיצן פון די בערג האָבן געברענט און געלאַשן זיך. די אַפריקאַנער נאַכט האָט גענידערט פּאַמעלעך, פּאַמעלעך מיט אַ טריפנדיקער בלויקייט, איינגעהילט אין איר קילקייט בו־האַלאַשן פון דאָרף סוסמאַ צוזאַמען מיט זיין טרויער און וויסטן כעס, מיט זיינע שטומע טענות צו דער וועלט, וואָס איז ניט יושרדיק צו אים, דעם אָרעמען קנעכט, ניט פאַרגונען אים אַ גוטן ביסן אין אַ שעת־הכושר, וואָס טרעפט זיך זעלטן; אַ געשמאַקער ביסן, וואָס ער האָט געקענט אַרויסרייסן פונעם ייד חליפה בענסוסאַן...

דעם זעלבן פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי די גענייטע שאַצערס, האָבן אָפּגעשאַצט זיין גאַנץ פאַרמעגן, סיי אין דער קראָם און סיי אין הויז, און נאָכדעם ווי מען האָט דערוויל אַ העלפט סחורות פון דער קראָם אויפגעלאָדנט אויף אייזל און קעמל, האָט חליפה זיך אַריינגעכאַפּט אינעם קליינעם בית־המדרשל לעבן זיין הויז. דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט פון ווייטיק, איבער דעם „גערעכטן משפט", וואָס די דריי קלוגע שופטים האָבן דורכגעפירט; איבער דעם חרפּהדיקן פּסק־דין, וואָס זיי האָבן אַרויסגעגעבן.

חליפה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, אונטערגעלייגט די פיס הינטערן דיך, זיך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל געזאַנג און ברומען פון תהילים. ער האָט אָפּגע־געבן אַ לויב דעם באַשעפער פאַר באַשיצן אים קעגן די שאַרפע ציין פון זיינע שכנים. אַ לויב האָט ער אָפּגעגעבן, וואָס די עדה יידן פון שטאָט און זיין הויז־געזינט זיינען אַרויס גאַנץ. ניט באַצאָלט מיט זייערע לעבנס פאַר אַ רציחהשן בלבול.

אין א קלעם

די איינגעפונדעוועטע פעסטקייט פון שטיינגאָלדס הויז, האָט זיך א וואַקל געטון. הערי שטיינגאָלד האָט אָנגעהויבן פאַרנאַכלעסיקן זיינע געשעפטן, וואָס ער האָט אַ לעבן לאַנג געפירט מיט געניטער סוחרישער פּינקטלעכקייט. אויך היינט, אין אַ פראָסטן וואָכן־טאָג איז ער מיט עטלעכע שעה פריער געקומען פון אָפיס, און אַ נערוועאישער, אַ צעטראָגענער, האָט ער באַלד ביים איבערטרעטן די שוועל פון זיין הויז גערופן דאָס ווייב:

— בעסי! דער דאָקטאָר איז געווען?

פון אַ צווייטן צימער האָט בעסי אַ געררייצטע געענטפערט:

— געווען! ער איז ערשט ניט לאַנג אוועק!

— וואָס זאָגט ער היינט צום יונג?

— וואָס קען ער שוין זאָגן? — האָט בעסי צוריק־געענטפערט מיט אַ פראַגע

— דער יונג איז ווילד, ברעכט אַלץ אין שטוב, שרייט מיט באַנומענע קולות.

הערי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום ווייבס צימער, און מיט אַ שניידיקער שאַרפקייט איבערגעחזרט די פראַגע:

— דאָך, וואָס האָט ער געזאָגט דער דאָקטאָר? ער איז דאָך אַ ספּעציאַליסט, דער בעסטער אין ניו־יאָרק, דאַרף ער דאָך וויסן ווי לאַנג עס קען אָנהאַלטן, צי וועט זיך בעני באַרואיקן.?

— וואָס דיינע ספּעציאַליסטן קענען שוין וויסן, משטיינס־געזאָגט, וועגן אונדזער אומגליק!

— הער אויף צו פּלאַפּלען! — האָט הערי אַ וואָרף געטון דעם פאַרלאָשענעם ציגאַר אויפן דיל — וואָס איז זיין מיינונג?

— דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז בענים איצטיקער צושטאַנד, קען לייכט פירן דערצו, ער זאָל אַראָפּ פונעם זינען.

— וואָס טוט מען ס'זאָל דערצו ניט קומען?

— קיין סך וואָס צו טון איז ניטאָ. בענין איז שווער צו קורירן. דער דאָקטאָר האָט אים געמאַכט אַן איינשפּריצונג. פון מאָרגן אָן וועט ער אים פּרוּוון געבן „שאָק"־רפואות, עס זאָל אים נאָך מער אויפטרייסלען, אפשר וועט עס אַביסל העלפן — די מעדיצין קען אין אַזאַ פאַל גאָרניט גאַראַנטירן — האָט ער געזאָגט — וואָס קלערסטו, הערי, ווער ס'איז אונדז שוין מקנא...

ער האָט זיך שווער אַוועקגעזעצט אין אַ טיפער שטול, הערי שטיינגאָלד, דעם קאָפּ אַריינגענומען אין זיינע ביידע האַנט־פלאַכן, און אַזוי געבליבן זיצן אין אַן אומבאַוועגלעכע פּאָזע. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוואויגן, אַרויסגעבראַכט אַ שטילן שעפּטשען:

— ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן? אַזאַ חורבן...

* * *

אָנגעהויבן האָט עס זיך אין איינעם אַ פאַרנאַכט:

אינעם אָפיס פון דער ניו־יאָרקער פירמע „שטיינגאָלד ענד קאָמפּ." איז אַריינגעקומען אַ מאַן, מיט אַ שטילער שטימע געפרעגט אויף מיסטער שטיינגאָלד. אַ שפּאָרע ווײַלע האָט מען דעם מאַן געלאָזט וואַרטן, ביז מען האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ טיר און געהייסן אַריינגיין.

אינעם צימער, וווּ ער איז אַריין איז ביי אַ גרויסן ביוראָ־טיש, איינגעהילט אין אַ וואָלקן ציגאַרן־רויך, געזעסן הערי שטיינגאָלד, אַ פולער, מיט אַן איבערגעגאָסענעם קערפּער, דאָס פּנים גלאַט־ראַזירט, מיט געדיכטע ברעמען איבער אויגן גרויע, ווי קאַלטער שטאָל, דער מאַן איז צוגעגאַנגען נענטער צום טיש, איינגעקוקט זיך און מיט אַ ניט־דרייסט קול געפרעגט:

— איר זענט מיסטער שטיינגאָלד? — און באַלד זיך אַליין געענטפערט — יאָ. אויב איך האָב קיין טעות ניט, זענט איר הערשל, ביילע דער פישערקעס זון! מיך דערקענט איר ניט, ווייל ווען איר האָט פאַרלאָזן אונדזער שטעטל, בין איך נאָך נעגאַנגען אין חדר אַריין, עס איז אַ מעשה פון אַ שיינע פּאָר יאָר.

שטיינגאָלד האָט האַסטיק אַ ציִ געטאָן דעם גליענדיקן ציגאַר און די אויגן־שפּעלטלעך, פאַרלאָפענע אונטער געדיכטע ברעמען, זיינען ביי אים גרעסער געוואָרן. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם שטראָם רייד, וואָס האָט זיך פלוצלינג, ווי פון דער העלער הויט אויף אים אַ גאַס געטאָן, און מיט אַ ברום איבערגעהאַקט דעם שטראָם:

— נו? וואָס פלוצלינג?

— וואָס זאָל איך אייך דערציילן? וואָס פון אונדזער שטעטל איז געוואָרן, ווייסט איר דאָך מן־הסתם, פּונקט ווי פון אַלע יידישע שטעלעך אין פּוילן. זעלטן אַ יידיש נפש זאָל זיך האָבן געראַטעוועט פון די רוצחימס הענט. איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, האָב זיך מיט גרויס ניסים דורכגעשלאָגן די שבעה־מדורי־גיהנום, און בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע. ווי אַזוי? גלויבט מיר, איך ווייס אַליין ניט. צו אייך, מיסטער שטיינגאָלד, בין איך געקומען עפּעס בעטן ניט פאַר מיר, וועגן מרימען בין איך געקומען — — —

— מרים?! — האָט שטיינגאָלד איבערגעריסן דעם פרעמדנס רייד, וואָס זיינען געפאַלן איבער אים שווער און שפּיציק — מרים, ווער איז זי, מרים?

— אייערס אַ קרובה, מיסטער שטיינגאָלד.

— אַ קרובה?

— זי איז די איינציקע לעבנגעבליבענע טאָכטער פון אייער אַן עלטער־פעטער, אַזוי דאַכט זיך. זי דאַרף היינט זיין אַ מיידל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק.

הערי שטיינגאָלדס ליפּן האָבן ליכט אַ ציטער געטון. זיינע ביידע הענט — שווערע, צעוואַקסענע מיט האָר, זיינען געבליבן ליגן אויפן טיש. דער ציגאַר איז אים אַרויסגעפאַלן פון צווישן זיינע פינגער. נאָך אַ ווײַלע שווייגן, האָט ער מיט אַ שטיל קול געזאָגט:

— ניט געוווּסט. דערציילט, וואָס איז וועגן מרימען? וווּ איז זי איצטער?

— ווי אַזוי זי איז געבליבן לעבן ווייס איך ניט. איך ווייס בלויז, אַז זי האָט זיך געראַטעוועט, נאָך דער מלחמה זיך דערשלאָגן קיין שוועדן. דאָרט געפינט זי זיך ביז היינט.

— אין שוועדן?

ערשט דאָ אין אַמעריקע, האָב איך זיך וועגן דעם דערוווּסט — האָט דער פרעמדער גערעדט מיט אַ נערוועאיזשן אימפּעט — פון מענטשן, וואָס זיינען אָנגעקומען פון דאָרטן, האָב איך זיך דאָס דערוווּסט. איך אַליין בין דאָ קוים אַ יאָר צייט, איך קען פאַר איר גאָרניט טאָן. איר, מיסטער שטיינגאָלד, זענט דער איינציקער גואל אירער. איר זענט קיין עין־הרע גאַנץ פאַרמעגלעך — אַזוי האָב איך געהערט — דאַרף אייך ניט שווער זיין זי אַריבערצוברענגען און טאַקע אין דער ערשטער צייט איר אַביסל צוהעלפן. איך האָב מורא אַרויסצוברענגען די ווערטער פאַרן מויל: מרים איז די איינציקע יידישע טאָכטער, וואָס איז געבליבן פון אונדזער שטעטל.

דער פרעמדער איז שטיל געבליבן. זיך אַביסל טיפער אַריינגערוקט אין דער שטול. הערי שטיינגאָלד האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, אַ ווײַלע באַטראַכט דעם פרעמדן, ער האָט אין זיין פּנים ניט געזען קיין סימן פון געבעט. דעם פרעמדנס אויגן האָבן געבריט, געפאָדערט, געמאָנט. שטיינגאָלד האָט אין דער זעלבער רגע

אויפגעכאַפּט דעם גלי פון יענעמס אויגן. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכטן, אַז אַ תהום ליגט אין פרעמדנס בליק און ער, הערי, אָט־אָט פאַלט ער אַריין אין אָט דעם תהום.

אין שטיינגאָלדס מח האָט עס געהאַמערט. געדאַנקען האָבן פיבערדיק זיך געקנוילט, איין געדאַנק איבערן אַנדערן. די רגעס האָבן אויסגערינען. אַ מונטערער האָט ער אויסגערופן:

— שור! שור! נאָך היינט. באַלד רוף איך אָפּ מיין לאָיער, מיר וועלן אויסאַרבעטן אַלע נייטיקע פּאַפּירן צו אַריבערצוברענגען. איר גיט מיר נאָר געניי איר נאָמען. וואָס הייסט, איר דאַרפט מיך בעטן טאָן אַזאַ זאַך? אפילו איך וואָלט געווען אַ ווילד־פרעמדער, אָבער אַ ייד בין איך דאָך! ראַטעווען אַ מענטשן פון דאָרטן, דאַרף מען דאָס ערשטן בעטן הערי שטיינגאָלדן! איר קענט מיך ניט. זי וועט דאָ זיין מרים! ביי מיר אין הויז וועט זי וווינען. ווי אַן אייגן קינד וועל איך זי באַהאַנדלען. איר דאַרפט גאָרניט זאָרגן!

זיין קול איז געוואָרן מונטערער, העכער. אַ פייערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן, אַ פייערל פון לייטזעליקייט און פרייד. ער האָט דעם פרעמדן באַזונדער פעסט געדריקט די האַנט. ער האָט תיכּף, אויפן אָרט, אים געוואָלט מהנה זיין מיט אַ טובה, געבן אים אַ „דזשאָב". ער האָט אים איינגעלאַדן אויף דינער, געקלאַפּט אים איבער דער פּלייצע, אַז אַלץ וועט זיין אָלרייט. אין אַמעריקע שטעלט מען זיך אויף די פיס, מען פאַרגעסט אין אַלץ וואָס איז געווען — האָט ער געלאַכט — איי־ראָפּע מיט אַלע שוואַרצע יאָרן דאָרט. אָט זאָל ער טאַקע נעמען אַ משל פון אים, הערין אַליין ,זאָל ער זען, ווי אַמעריקע איז אַ טייערע מדינה, ניטאָ צו איר קיין גלייכן אין דער וועלט, אַלץ קען מען דאָ דערגרייכן, אויב מען וויל נאָר...

— מיטן בלויזן שטעקעלע אָנגעקומען, קיינעם ניט געהאַט דאָ, אַליין זיך גענומען אין די הענט אַריין — האָט שטיינגאָלד גערעדט מיט ברען — און אָט ניט אַ קוק: געשעפטן, פאַבריקן, אָפיסעס, אַ פירמע מיט אַ שם!

ער האָט פון אַ קעסטל האַסטיק אַרויסגענומען אַ פולע פויסט מיט ציגאַרן און געשטופּט זיי דעם פרעמדן אין די הענט אַריין:

— נעמט, קומט אַרויף צו דינער! איר וועט ערשט זען, וועך הערי שטיינ־גאָלד איז! זע נאָר, ער דאַרף מיך ערשט בעטן וועגן אַראָפּברענגען עמיצן פון דאָרטן!

שטיינגאָלדס סעקרעטאַרין האָט שוין עטלעכע מאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער שרייב־מאַשינקע, דורכגעלאָזט עטלעכע פּונקטן אין די בריוו, וואָס זי האָט געשריבן, געכאַפּט זיך, אַז זי מאַכט פעלערן, און ווידער גענומען קלאַפּן איבער די קלאַווישן. זי האָט איר באַלעבאָס באַטראַכט מיט אַ נייגעריקייט. ווי מען באַטראַכט אַ זעלטענע דערשיינונג: וואָס פאַר אַ שימחה איז דאָס אויף אים אין מיטן דערי־

נען? — האט זי זיך געוווּנדערט — איז דאס איר באַלעבאָס? ער איז דאָך שטענ־דיק אַן אָנגעכמורעטער, אַ פאַרנומענער מיט די ביזנעס, האט ניט קיין צייט אַרויס־צורעדן אַ וואָרט מיט אַ פרעמדן מענטשן אין מיטן העלן טאָג. אַלעמאָל אַ בורטשנ־דיקער, אַ בייזער. וואָס איז עס היינט מיט אים?...

זי האט ווייניק פאַרשטאַנען דאָס לשון, וואָס זיי רעדן, ניט אויפגעכאַפּט די שנעלע קלאַנגען, וואָס האָבן דאָ, אינעם רייכן אָפיס, אָפּגעקלונגען מיט פרעמדקייט. זאָל דאָס זיין אַ ביזנעס־טראַנזאַקציע? ניין. דער פרעמדער זעט ניט אויס, ווי קיין ביזנעסמאַן. ער מוז זיין איינער פון די וואָס קומען טיילמאָל אַריין, רעדן, רעדן און דער באַלעבאָס, הייסט נאָכדעם אַרויסשיקן אַ טשעק און פאַרצייכענען אַלס טשאַריטי...

די אַרבעטס־שעה'ן פון טאָג, האָבן זיך דערנענטערט צום סוף. די אָפּיס־מייד־לעך, האָבן גענומען זיך צורעכט מאַכן דאָס פּנים: אַ שמיר איבער די ליפּן, אַ וויש איבער די אויגן־דעקלעך, געפּודערט די באַקן, אַרויפגעלייגט די היטעלעך אויף די קעפּ און איינציקווייז פאַרלאָזן דעם אָפיס. הערי שטיינגאָלדס סעקרעטאַרין האָט אפילו ניט געוואַגט צו פרעגן איר באַלעבאָס, וועגן געשעפטס־אינסטרוקציעס, ווייל צו פייערלעך, האָט ער אויסגעזען אין דעם מאָמענט. זי האָט דעריבער פאַמעלעך צורעכט געמאַכט איר היטעלע אויפן קאָפּ, און אַרויס מיט אַ שטילן „גוד־באַי". דער פרעמדער, האָט זיך אויך גענומען געזעגענען, צוגעזאָגט צו קומען נאָכאַמאָל. ער נייטיקט זיך איצטער ניט אין קיין „דזשאָב" — האָט ער געזאָגט — ער אָרדנט זיך שוין האַלב־וועגס איין. ער איז געקומען, וועגן דעם מיידל, מרים...

* * *

הערי שטיינגאָלד איז געבליבן אַליין אין זיין גרויסן אָפיס. די לאָמפּן האָבן היימלעך געפלאַקערט, אויסגעזען גאָר יום־טובדיק. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין אַ באַקוועמער וויג־שטול, פאַרויכערט אַ פרישן ציגאַר, פאַרמאַכט די אויגן, און זיך גענומען וויגן. אַ וווּנדערלעך געפיל האָט איצטער געוואַרעמט זיין לייב און געגלעט זיין געמיט. אַ געפיל פון דערהויבונג, דערוואַרטונג, פון עפּעס נייס, וואָס דאַרף אַריינ־פלאַטערן. אַ ציטערדיקע בענקשאַפט, האָט זיך אין אים אויסגעשפּרייט, נאָך עפּעס וואָס איז וווּיט, — נאָך דעם אַמאָל: קינדער־יאָרן, היים, טאַטע־מאַמע, אַ קליין געסעלע, חברים חדר, הונגער־טעג. פּונקט ווי מען רירט אָן אַן איידעלן אינס־טרומענט און עס ציטערן אויף טענער, קלאַנגען, אַזוי האָט עס אין אים אַרויס־גערופן וויברירנדיקע געדאַנקען וואָס זיינען זיך צעלאָפן, אָנגעשלאָגן איינער אין אַנדערן, געפלאָנטערט און זיך פאַרשפּיצט אין זיינע יאָרן דאָ, אין אַמעריקע: דורך אומדערמידלעכער אַרבעט, האָרעוואַניע, האָט ער אָנגעזאַמלט געלט, געשעפטן, היי־

זער. זיין ווייב, ניט קיין שיינע, ניט קיין גוטע אַ צעפּלאָסענע, אַ קרענקלעכע, פֿאַר־ניגט אים ניט זיין געזונט, זיין קרעפּטיקן קערפּער, רייט איבער זיין קאָפּ, לאָזט אים ניט געניסן פֿון גאָרניט, איז שטענדיק בייז, גערייצט. אין די פֿרימאָרגנס, איידער ער גייט אַוועק אין אָפיס, ליגט זי אין בעט אַ וואַכע, פֿאַרבונדן מיט טיכעלעך, די האָר באַשטעקט מיט שפּילקעס, דאָס פּנים באַשמירט מיט קרעמען און זאַלבן. אירע אויגן וואַכן דעמאָלט איבער אים, ווי די אויגן פֿון אַ גערייצטער וועלפּיכע. אין די אָוונטן, ווען ער קומט אַהיים, באַקלאָגט זי זיך אויף מיגרענע, שטעכעניש, די לעבער, אַרטרעטיזם. די מערסטע פֿאַרנאַכטן זיצט זי ביים טואַלעט־שפּיגל, און פּירט אַן אַרויסגערופֿענעם קאַמף קעגן דער עלטער, וואָס שניידט זיך איין אין איר לייב און לעבן, פּירט אַ קאַמף מיט דעם וויאַנען פֿון איר פּנים און מיט אַלע אומחנען, וואָס זויגן זיך אין איר אַריין...

הערי שטיינגאָלד האָט פּאַמעלעך אויפֿגעריסן די אויגן־שפּעלטלעך. דער ציי־גאַר איז געווען פֿאַרלאָשן און אַ קופּקעלע אַש איז געלעגן ביים ברעג טיש. פֿון דרויסן האָט אַריינגעקוקט די נאַכט. די ריזיקע געביידעס קעגנאיבער דעם פֿענצטער פֿון שטיינגאָלדס אָפיס, האָבן געלויכטן, ווי אילומינירטע פּיראַמידעס, אָנגעוואָרפֿן היימיש קאָלירפֿולע טענער און דערציילט פֿון דער ברויזנדיקער טעמפּאָ, וואָס שמידט דעם כרך ניו־יאָרק. אין די ריזיקע געביידעס איז אַ גאַנצן טאָג אָנגעגאַנגען דאָס געפּעכט פֿון ביזנעס, ציפֿערן טראַנזאַקציעס, קייבלס. די ליכטער אין אַ סך פֿענצטער האָבן זיך שוין געלאָשן, אָנגעזאָגט דאָס פֿאַרגיין פֿון אַ טאָג אַרבעט. אין אַנדערע, האָבן הענט נאָך אויסגעקלאַפּט אותיות, ציפֿערן, צו דערגענצן די לעצטע מינוטן צו אַ פֿולן טאָג. אַ זיסע פֿוילקייט האָט געהאַלטן שטיינגאָלדן איינגעצוימט אין זיין וויג־שטול, און דער פֿאָדעם, וואָס האָט פֿאַרבונדן שטיקער און שטיקעלעך, קאַפּיט־לעך און בלעטלעך פֿון זיין לעבן, האָט זיך ווייטער געוועבט:

צוויי זין האָט אים זיין ווייב בעסי געבוירן. על־פּי־שכל איז עס דאָך אַ זעל־
ניו־יאָרקער סוחרישער וועלט, אַ פּרעכטיקע וווינונג, אַן אייגן הויז אין דער
ניו־יאָרקער סוחרישער וועלט, אַ פּרעכטיקע וווינונג, אַן אייגן הויז, אין דער
אַריסטאָקראַטישער געגנט פֿון ניו־יאָרק. מיט איין וואָרט: אַלע גלעטן און שמייכלען, וואָס מען קען אַרויסקריגן פֿון דעם בידנעם לעבן, און דאָך...

עפּעס האָט זיך אין זיין מזל אַריינגעכאַפּט אַ צו־להכעיס־זאַך: איינער פֿון זיינע צוויי זין, בעני, דער עלטערער, איז אַ געבוירענער מרה־שחורהניק. רעדט ניט, נאָר ברומט, האַלט אַרויסגעשטעקט די צונג, לאַכט אומהיימלעך און זיצט כסדר צוזאַמענגעקנוילט אין אַ שטול, פֿאַרביטערט אַלעמען דאָס לעבן ניט צום אויסהאַלטן. ער, הערי שטיינגאָלד, איז שטאַרקער פֿון אייזן, אַז ער האָט ביז איצטער אויסגע־האַלטן, דאָס זעלבע איז מיט זיין ווייב בעסי, ווי־אַזוי זי האַלט עם אויס, איז שווער צו פֿאַרשטיין.

דער צװײטער זון, לואי, איז גראָד אַ גערױטענער, האָט אַ זעלטן גוטן קאָפּ, שוין געענדיקט אױף לאָיער, האַלט בײם חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ רײַ־כער משפּחה. יאָ, דער לואי װעט אַמאָל זײַן אימשטאַנד איבערצונעמען דעם טאַטנס געשעפטן און װעט גײן אױף דעם זעלבן װעג פון מאַכן געלט.

פּלוצלינג האָט הערי שטײנגאָלד זיך אַ צאַפּל געטון. ער איז שיִעור ניט אַראָפּ־געפאַלן פון שטול. עפּעס האָט אין זײַן מח אױפגעבליצט. ער האָט אַזש אַ געשרײ געטון פאַר התפּעלות:

— אַ װוּנדערבאַרע אידײע!

די געדאַנקען בײ אים אין מח, זײַנען שױן איצטער געלאָפן שנעל, האַסטיק, פּונקט װי ער װאָלט געהאַלטן בײ אַ גרױסער געשעפטס־טראַנזאַקציע. דאָס בלוט אין זײַן גאַנצן לײַב האָט געגומען קאָכן, אַלץ אין אים האָט געברױזט מיט אַן עקזאַלטירטער אױפרעגונג: אַראָפּברענגען מרימען!... ער װעט טון אַ גרױסע מצוה, ער װעט ראַטעװען אַן עלנט ײדיש קינד, דערצו אַ צװײַג פון זײַן אײגענער משפּחה, אפילו אַ װײַטע משפּחה, אָבער דאָך פון זײַן אַמאָליקער הײם. נאָך מער װי אַ מצוה — האָט אין אים אַ געדאַנק פון צופרידנקײט אָנגעשלאָגן אין לײַב — ער װעט נעמען אַן אָרעם, פאַרלאָזן מײדל, איר געבן אַ הײם, און... טאָקע חתונה מאַכן מיט בענין. דער יונג װעט װערן אױפגעריכט, אפשר װעט ער װערן אַ לײט, געזונט װערן, כאָטש אַזאַ זאַך איז שלא־כדרך־הטבע, אָבער װער װײסט? דאָקטױ־רים, האָבן אים, הערין, עפּעס געגעבן אָנצוגעהערן, אַז װען ער קען דעם יונג חתונה מאַכן, װאָלט עס אױף אים געװירקט צום גוטן... ער, הערי, האָט שױן ניט אײנ־מאָל געלײענט װעגן אַזעלכע זאַכן װי אַ פרױ, האָט אין אַ קראַנקן גוף פון אַ מאַן אַרײַנגעבראַכט אַ נײַ לעבן. בעני איז דאָך יונג, אין אַן עלטער, װען דאָס בלוט מאָנט זײַנס. — — —

ער האָט זיך געדרײט הין און צוריק אינעם אָפיס, הערי שטײנגאָלד, פאַרטיפט אין דער אידײע װאָס איז ערשט אין מח געװאָרן געבױרן, פאַרטיפט אין דעם פּלאַן פאַר דעם בנין, װאָס ער װעט אױפבױען: דער דאָקטאָר, האָט אים װעגן בע־נין שױן עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז אַזעלכע זאַכן, װאָלטן געהאָלפן. ער האָט גע־רעדט, דער דאָקטאָר, װעגן פרױדן, פּסיכאָ־אַנאַליז און װאָס אַ פרױ קען אױפטאָן אין אַ לעבן פון אַ מאַן סײַ פון אַ קראַנקן, אַנאָרמאַלן און סײַ פון אַ געזונטן...

דאָס גרעסטע גליק װאָלט עס געװען פאַר אים הערי שטײנגאָלדן, ער װאָלט דאָס פאַרפאַלק אײַנגעאָרדנט אין אַ פּרעכטיקער װױנונג, געקױפט פאַר זײ אַ געשעפט, זײ װאָלטן געקענט זײַן גליקלעך און אים װאָלט אַראָפּ אַן אומגליק פון די פּלײ־צעס. ער װאָלט ערשט געקענט אױסגלײַכן די בײנער, פאָרן קײן אײראָפּע, אַרײַנ־כאַפּן אַ ביסל פאַרגעניגן אין פּאַריז, לאָנדאָן, איטאַליע, אױף דער ריװיערע, אַבי־

סעלע דערפרישן די אַלטע גלידער, דאָס בלוט איך ליַיב, וואָס הייבט אָן צוביסלעך גליווערן.

דעם זעלבן אָוונט האָט הערי, אַ פאַרשיכורטער פון זיַין וווּנדערלעכן איינ־פאַל, איבערגערעדט דעם ענין מיט זיַין וויַיב. ווי אַלעמאָל, ווען ער האָט דערציילט פון אַ נײַעם איינפאַל, אַ נײַעם פּלאַן, איז זי אויך היינט געווען קעגן. זי האָט זיך געקרומט און ניט געלאָזן ס'זאָל איר מאַן באַקומען די המצאה.

— פריי זיך נאָך ניט באַציַיטנס, הערי. די קאַץ איז נאָך ניט אין דיַין זאַק. איך האָב דאָך ביַי דיר סיי ווי סיי קיין דעה ניט. ווילסט טאָן אַ מצוה, זייער גוט, רעד זיך אָבער ניט איַין קיין פייגעלעך אין בוזעם. הלואי דו זאָלסט קיין חרטה האָבן, און דיַינע פּלענער זאָלן דיר ניט צעפאַלן ווערן ווי שטויב.

* * *

עטלעכע חדשים האָט גענומען מאַכן די פּאַפּירן מיט אַלע פאָרמאַליטעטן. הערי שטיינגאָלד האָט אונטערגעיאָגט דעם לאַיער, דורכגעשריבן זיך מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס, באַצאָלט פאַר אַ שיפס־בילעט און געגרייט זיך אויפצונעמען אַ גאַסט.

מרים איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק.

באַלד ביַים איבערטרעטן די שוועל פון שטיינגאָלדס הויז, האָבן אירע אויגן געשטראַלט מיט דאַנקבאַרקייט צו איר אומבאַקאַנטן רעטער. הערי אַליין האָט זי אָפּגעוואַרט אין הויז. זי האָט זיך נאָך רעכט ניט געהאַט אַרומגעקוקט, קוים געדריקט זיַין האַנט, האָט שוין איר קול, ווי אַ זילבער־גלעקל געפּליַיצט מיט קלינגענדיקע ווערטער:

— איך ווייס ניט ווי אַזוי אייך אָפּצודאַנקען פאַר אַריבערברענגען מיך קיין אַמעריקע, פאַר אַלץ דעם, וואָס איר האָט פאַר מיר געטון. איר זענט דער איינציקער גואל מיינער. איך בין אַזוי גליקלעך.

אין שטיינגאָלדס אויגן האָט אַ גלאַנץ געטון אַ פיַיכטקייט. אינעווייניק אין זיַין אַלט־ווערנדיקן גוף, האָט אַ פלייצנדיקע וואַרעמקייט אַרויפגעשלאָגן צום האַלדז. ער האָט געזוכט ווערטער, געוואָלט עפּעס זאָגן, און ניט געוווּסט, ווי אַזוי מען הייבט אָן רעדן מיט דעם מיידל, וואָס האָט אַזעלכע טיפע אויגן, דאַנקט אים פאַר אַזאַ קליי־ניקייט. ער האָט קוים געקענט גלויבן, אַז דאָס איז די מרים, וואָס וועגן איר האָט ער אין די לעצטע חדשים אַזוי פיל געטראַכט, דאָס איז זי, דאָס מיידל, וואָס האָט איבערגעטראָגן אַזויפיל פּיַין און יסורים, וואָס האָט קיינעם ניט אין דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך דאָך פאָרגעשטעלט אַן אויסגעהונגערט מיידעלע, אַ שטילינקע, אַ שעמעוודיקע, און דאָ שטייט פאַר אים אַ פּרעכטיק יידיש מיידל מיט אַ שמייכ־

לענדיק פּנים, מיט אַ שטאָלץ אין יעדן קער און באַוועג, עם ברוינט פון איר מיט רייץ און פרויאישער רײפקײט.

ער האָט אין די ערשטע מינוטן בײ זיך אין הויז ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך אַליין. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גערירטער. אין מח האָט אים געהאַמערט און אין לייב האָט געפּרעסט אַ שווערקייט פון אַ שולד־געפיל. עס האָט אים גע־קרענקט, וואָס זיין ווייב בעסי לאָזט אויף זיך וואַרטן, זיצט דאָרט אין איר צימער אין אַ באַקוועמער וויג־שטול, שפּילט זיך מיט דער קאַץ, אָדער לייגט אויס קאָרטן. זי איילט זיך ניט, בעסי, צו באַגעגענען דאָס פרעמדע מיידל, זי האָט צייט. הערי האָט געהאָלפן מרימען זיך מאַכן באַקוועם, ער האָט אפילו ניט אַריינגערופן די דינסט. ער האָט איר אַליין צוגעטראָגן געטראַנקען מיט פאַרבייסנס, זיך אַנטשול־דיקט פאַרן ווייב, וואָס יענע פאַרשפּעטיקט זיך:

— בעסי פילט זיך עפּעס היינט ניט מיט אַלעמען — האָט ער געזאָגט, — אָט־אָט קומט זי אַריין.

אין מח האָבן זיך אים געמישט אָן אַ שיעור געשעענישן און זאַכן: בעני, דער עלטערער זון, וועט זיך באַלד באַוויזן, נאָכדעם וועט קומען לואי, דער געענ־דיקטער לאָיער, וואָס לאַכט פון טאַטן, אַז ער, דער טאַטע איז אַלט געוואָרן, זוכט צו טאָן מצוות און פאַרנעמט זיך מיט סענטימענטאַלע ענינים. זיי וועלן איצט אַלע זען — — —

— נו, מרים, ביסט איצטער ביי דיר אינדערהיים, — האָט הערי אַ שמייכ־לענדיקער גערעדט — דאַרפסט מיר ניט דאַנקען. פאַרקערט! איך בין זייער צופרידן צו טאָן עפּעס פאַר מיין משפחה. איך געדענק קוים דיין טאַטן. דאַכט זיך ער איז געווען דעם פעטער ברוכס זון. שווער היינט צו געדענקען — האָט שטיינגאָלד אַ פיר געטון מיט דער האַנט־פלאַך איבערן שטערן, וועלנדיק אין זכרון אויפוועקן ווייטע געשעענישן — ווען איך בין אַוועק קיין אַמעריקע, בין איך נאָך קיין פופצן יאָר ניט אַלט געווען, און היינט שוין ווייט ניט קיין יונגערמאַנטשיק. וואָס איז דאָ פאַראַן צו טענהן, ביסט אין אַמעריקע אין אַ נײ־לאַנד, אַ טייער־לאַנד. יעדער קען צו אַלעם דערגרייכן, מען דאַרף נאָר וועלן. אַזעלכע קליינע מענטשן, ווי מיר זייַ־נען, האָבן דאָס לאַנד געבויט. דו דאַרפסט גאָרניט זאָרגן, מרים, אַלץ וועט זיין אַלרייט...

דאָס מיידל האָט זיך גערויטלט און גליקלעך געשמייכלט.

עס איז אים נעקומען אויפן זכרון אַ פּסוק:

„הזאת נעמי”? איז דאָס טאַקע זי? אַ מיידל קיין עין־הרע. אַנטוויקלט, שיין. זעט אויס ווי אַ מיליאָן דאָלאַר.

הערי שטיינגאָלד האָט זיך אַליין פאַרשעמט פאַר דעם פאַרגלייך, און ניט אַראָפּ־גענומען די אויגן פון דער מיידל.

בעסי איז אַריינגעקומען אינעם אויפנאַם־זאַל. איר קנייטשנדיק פּנים מיט די לויזע, אַראָפּהענגענדיקע באַקן, האָט אַ שמייכל געטון צו מרימען. דער שמייכל איז געווען דער ערשטער חוב אירער, וואָס זי צאָלט אָפּ צו אַן עלנטער יתומה. מיט אירע גרוילעכע אויגן האָט זי אויף דער שנעל באַטראַכט די ניי־געקומענע און אין איר מח, האָט די ווייבערישע, באַהאַלטענע ניט־פאַרגינערישקייט, נייגעריקייט, פּראַקטישע אויסרעכענונג באַלד צונויפגעשטעלט אַ סך־הכל, אַז פון איר מאַנס פּלאַן וועט גאָרניט ווערן. „פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט ניט זיין" — האָט זי אין געדאַנק צוגעזוכט דעם פּאַסיקן אויספיר. זי האָט זיך צעקושט מיט מרימען, נאָכאַמאָל זי באַטראַכט, אָנגעשטעלט די גוטמוטיקסטע מינע פון אַ מאַמע, אַ פאַרזאָרגערין און גענומען פּאַמעלעך רעדן:

— ווייסט גאָרנישט, וואָס מיין מאַן האָט צעאַרבעט דיך אַראָפּצוברענגען קיין אַמעריקע. גאַנצע נעכט איז ער ניט געשלאָפן. נו יאָ, ווי האָט מען געקענט איינרוען, אַז עס איז נעבעך קיינער דאָרט ניט געבליבן. עפּעס אַ קליינקייט, אַזאַ חורבן! איז עס טאַקע אמת, וואָס מע דערציילט? נו יאָ, וואָס קענען מיר מער העלפן? מיין מאַן גיט אַ סך געלט טשאַריטי פאַר די אַלע אָרגאַניזאַציעס, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, זיי טוען זייער אַ סך די אָרגאַניזאַציעס, ראַטעווען יידן פון פייער אַרויס.

זי האָט זיך באַקוועם אַריינגעזעצט אין אַ שטול, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל און ווייטער גערעדט:

—האָסט געהאַט אַ שווערע רייזע? זעסט נישט אויס מיד. עס עפּעס, טרינק. איך זע, אַז מיין מאַן, האָט שוין אַלץ באַזאָרגט. דיר וועט דאָ גוט זיין. וועסט ביי אונדז זיין ווי אַן אויג אין קאָפּ. מיר האָבן בלויז צוויי זין, וועסטו ביי אונדז זיין ווי אַ טאָכטער. די דינסט וועט דיר ווייזן דיין צימער. דו מוזט זיך גוט אויסרוען. אַ קליינקייט אַזאַ רייזע!

בעסי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דאָס פּנים האָט ביי איר געפלאַמט. הערי האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר. מרים איז געווען גערירט פון דעם וואַרעמען ברוך־הבא. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר בעסי האָט ווידער גענומען רעדן:

— וועסט זיך גוט איינלעבן מרים. מאָרגן וועלן מיר צוגיין אינעם גרעסטן „דעפּאַרטאַמענט סטאָר" אין ניו־יאָרק, איינקויפן קליידער און אַלץ, וואָס דו דאַרפסט. ביסט דאָך באַרוועס און נאַקעט, אַ מיידל אין דיינע יאָרן מוז אויסזען ווי אַ מענטש. אַלץ וועט דיר קליידן, האָסט אַ ברעכטיקע פיגור, אַ פּנים האָסטו, זעט מען נישט קיין שענערס ביי די רייכסטע מיידלעך אין ניו־יאָרק.

מרים האָט זיך צעלאַכט:

אַלץ איז דאָ אַזוי וווּנדערלעך — האָט זי געזאָגט — איך האָב זיך אפילו אין חלום נישט פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל אַריינפאַלן אין אַזאַ פיין הויז, צווישן אַזעלכע טייערע גוטע מענטשן. איך ווייס גאָרנישט...

ביי די רייד האָט זיך געעפנט די טיר און מיט פּאַמעלעכע טריט האָט זיך אַרייַנגעשלייכט אַ נידעריקער, קײלעכדיקער מענטש. דאָס פולע פּנים איז ביי אים געווען צעגאָסן ווי אויפגעיוירן טייג, צווישן די אויגן און גאָמבע איז געלעגן אַ טאַמעוואַטער געלעכטער. די צונג איז ביי אים געלעגן אויף דער אונטערשטער ליפּ, די האָר — צעשויבערטע, די נאָז האָט געאָטעמט מיט ברייטע לעכער, און די אויגן זענען ביי אים געווען בלויע, מילדע, ווי ביי אַ קאַלב, אָנגעזאַפּט מיט רחמנות און טרויער. דער מענטש איז געבליבן שטיין אין מיטן צימער. אַ פּאַס־זון איז געפאַלן איבער זיין צעפלאָסענעם פּנים. ער האָט אַ רגע פאַרזשמורעט די אויגן און זיין רחמנות־בליק אָנגעשטעלט אויפן גאַסט.

— דאָס איז אונדזער זון בעני — האָט הערי שטיינגאָלד געזאָגט מיט אַ ווייכער מילדקייט אין טאָן, אַרויסלאָזנדיק פון צווישן די ליפּן אַ וואָלקן רויך — באַקענט זיך. בעני! דאָס איז מרים, ערשט געקומען פון אייראָפּע. זי איז דיינע אַ ווייטע קוזינע.

בעני האָט געוואָלט איינהאַלטן דאָס געלעכטער אויף זיין פּנים. ער איז רויט געוואָרן. דער האַלדז איז ביי אים געוואָרן פולער מיט אָנגעלאָפענע אָדערן. די צונג האָט אָפּגעלאָזן די אונטערשטע ליפּ און ווערטער ברומענדיקע זענען אַרויס פון זיין מויל:

— מרים... דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז קומסט...ביסט לאַ־נג גע־פאָרן? איך בין נאָך קיינמאָל נישט געשווומען אין ים.

איבער מרימס ליֵב האָט דורכגעשטראָמט אַ דינינקער ציטער, ווי דער שפּיץ פון אַ נאָדל וואָלט זי באַרירט אין זיגזאַגן. אין די שליפן האָט איר גענומען האַמערן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט. זי האָט געזען נישט קיין גוטן סימן אין דעם באַגעגענען אַזאַ מענטשן באַלד ביים איבערטרעטן די שוועל פון איר בעל טובה. זי איז שנעל געקומען צו זיך, געמאַכט אַ פריילעך פּנים, אויסגעשטרעקט איר האַנט צו בענין און געזאָגט:

— איך בין זייער צופרידן אייך צו קענען, בעני, געפונען אַ ווייטן קוזין. מיר וועלן זיך איצט אָפּטער זען. איר וועט מיר וויַיזן ניו־יאָרק. איר זייט נאָך קיינמאָל נישט געווען אויפן ים? פאַרוואָס פאָרט איר נישט אַרויס מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען?

בעני האָט איר האַנט געהאַלטן צווישן זיינע פולע פּוכקע פינגער, וועלכע זענען געווען פייכט פון שוויס. מרים האָט געפילט אַן איבלדיקייט. עס האָט איר גענומען שווינדלען. זי האָט זיך קוים אָנגעכאַפּט ביים שטול, זיך באַמיט אַרויס־צוקריגן די האַנט פון זיינע קלעפּיקע פינגער.

— מיר קלערן טאַקע מאַכן אַ רייזע קיין בערמודאַ — האָט בעסי איבער־

געשלאָגן מרימס פראַגע — מיר וועלן עס מאַכן אין אַ קורצער צייט אַרום. בעני וועט אַ ביסל זען די וועלט. דו וועסט אפשר מיט אונדז מיטפאָרן און זיך פאַר־ווײַלן, האָסט זיך נעבעך אַזויפיל אָנגעליטן, מרים, און ביסט נאָך אַזוי יונג. איז עס אמת, וואָס מען זאָגט, אַז מען האָט יידישע קינדער — איך וויל עס פאָרן מויל נישט ברענגען — פאַרברענט און מען האָט יידישע יונגע מיידלעך געצוווּנגען...

הערי שטיינגאָלד האָט האַסטיק אַרויסגעכאַפּט דעם ציגאַר פון מויל און נישט געלאָזן דעם ווייב פאַרענדיקן אירע פראַגן. ער האָט דערפילט, אַז בעסי גייט אַרויס־זאָגן אַ שרעקלעכע נאַרישקייט, וואָס וועט אָנרירן די וווּנדן פון דעם מיידל. ער איז שנעל צו צו מרימן, אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר אַקסל און אַרײַנרייסנדיק זיך אין זיין ווייבס רייד, האָט ער געזאָגט:

— ווייסט וואָס, מרים! דו ביסט זיכער זייער מיד. מיר וועלן נאָך צייט האָבן פּלאַפּלען. קום! איך וועל דיר ווייזן דיין צימער. עס איז מיט די פענסטער צו דער גאַס. וועסט קאָנען זען ניו־יאָרק, וויפל דיין האַרץ גלוסט. דאַרפסט פאַרגעסן אַלץ, וואָס איז געווען, ביסט ביי אונדז ווי אַן אייגן קינד, מאָרגן וועלן מיר אַלע מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט.

נישט פאַרענדיקנדיק די רייד, האָט הערי אָנגענומען מרימן אונטערן אָרעם און מיט איר אַרויס פון זאַל. בעני האָט נאָכגעקוקט דעם מיידל מיט אַן אָפן מויל און ברייט צעעפנטע אויגן. אויפן שטערן איז אים געקומען אַ פּערלדיקער שווייס, וואָס האָט זיך טראָפּנווייז געגליטשט איבער די לויזע באַקן און דער טעמפּער גע־לעכטער, האָט זיך געקורטשעט אויפן פּנים, געראַנגלט זיך דורך קאָנוווּלסיווע קרעמפּן פון פאַרביסענעם ווייטיק...

* * *

פאַרנאַכט איז געקומען לואי, דער יינגערער זון. ער איז אַריין אין הויז אַ צעזונגענער, אַ פריילעכער, געקלאַפּט מיט די טירן, דאָס גאַנצע הויז איז פול גע־וואָרן מיט אים. זיין קול — הילכיק, דינאַמיש, האָט זיך געקייקלט פון איין חדר אינעם אַנדערן מיט דער פראַגע:

— די גרינע איז געקומען? יאָ! דער טאַטע איז צופרידן?

אינעם עס־זאַל, האָט די דינסט געגרייט דעם טיש: אַ קרישטאָלענע וואַזע מיט בלומען איז געשטאַנען אין מיטן טיש און איינגעזאַפּט די ליכטער פון די לאָמפּן מיט אַ שפּילעוודיקן קאָלירן־שימער. שווערע און לייכטע זילבער־געשיר איז געווען צעלייגט איבער אַ בלענדנדיקן רייך געשטיקטן טישטוך. פינף שטולן זענען געשטאַנען אַרויסגערוקטע און דרך־ארצדיק געוואַרט אויף דער משפּחה.

א פּאָר מינוט פאַר אָוונט־ברויט, איז מרים אַריינגעקומען אינעם עס־זאַל. זי האָט אויסגעזען פריש און מונטער. הערי האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר לואין:

— דאָס איז מרים, מיינע אַ וויטע קרובה!

— לואי, מיין ייִנגסטער זון!

דאָס פאָרשטעלן איינער דעם אַנדערן איז געווען אַזוי זיך, כּלאחר־יד. עס איז דאָ נישט געווען די זעלבע פייערלעכקייט, ווי ביים פאָרשטעלן זי פאַר בעניִן. מרים האָט געזען אַ שיינעם בחור, אַ געצערטלטן, אַן עלעגאַנטן מיט פיינע מאַניערן. עס האָט זיך איר קוים געגלויבט, אַז אָט דער שלאַנקער, עלעגאַנטער מאַן איז אַ ברודער פון דעם מרה־שחורהדיקן בעני.

בשעתן אָוונט־ברויט, איז לואי געווען פריילעך און אויפגעלייגט. ער האָט געהאַלטן אין איין אויספרעגן מרימען וועגן אייראָפּע, וועגן איר רייזע. ער האָט איר בפרהסיא געמאַכט קאָמפּלימענטן און פאַרגעזען פאַר איר אַ פּרעכטיקע צוקונפט אין נייעם לאַנד. ער האָט געלויבט דעם פאָטער פאַר אַראָפּברענגען מרימען, און זיך אָפן מודה געווען, אַז ער האָט שוין נישט איינמאָל געלאַכט פונעם טאַטן, וואָס איז אויף דער עלטער געוואָרן סענטימענטאַל. ער האָט אויך געלאָזן פאַלן אַ וואָרט, אַז ער וועט אָפּרופן זיין מיידל, איר לאָזן וויסן, אַז ער וועט — הייסט עס — היינט נישט אַרויסגיין פון שטוב, טאָקע צוליב דעם גאַסט. אויף דער דאָזיקער אַנצוהערעניש, האָט ער אויפן אָרט געכאַפּט אַ קרומען בליק פון טאַטן און ביי דער מאַמען איז דער ביסן פלייש געבליבן שטעקן אין האַלדז.

די קאָלירן אויף מרימס פּנים האָבן זיך געביטן פון בלייך צו רויט. אירע אויגן — פולע, האָבן אויף אַלע ביים טיש געקוקט מיט שטילער פרייד. זי האָט אויף לואיס פראַגן געענטפערט מיט אַ גראַציעזער באַשיידנקייט.

בעני האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים געקרומט אין גרימאַסן. מען האָט נישט געקאָנט וויסן צי פון פרייד, וואָס ער האָט פּלוצלינג געפונען אַזאַ שיינע קרובה, צי פון ווייטיק, וואָס די שיינע קרובה קוקט אויף אים זעלטן און ווען זי שענקט אים יאָ שוין אַ בליק, איז עס אַ רחמנות־בליק. ער האָט געשוויצט, זיך געדרייטלט. עס איז אים שווער אָנגעקומען עפּעס צו זאָגן. ער האָט געקוקט אויף זיין ייִנגערן ברודער לואי מיט קנאה און טאַטע־מאַמע האָבן באַמערקט אַ מאָדנעם אויסדרוק אין בענים בלויע, וואַסערדיקע אויגן, אַ קרענקלעכע נייגעריקייט, האָט אין זיי געגליט, ווען ער האָט געקוקט אויף זיין ייִנגערן ברודער, געברענט מיט אַן אומהיימלעכן פייער׳ל. ווען ער האָט זיין פּנים געוואָנדן צו מרימען, איז זיין בליק געווען פול מיט אַ גוטסקייט, וואָס האָט זיך איבערגעגאָסן אין אַ טעמפּער מילדקייט. בענים אויגן־שפּיל האָט אויף טאַטע־מאַמע אָנגעוואָרפן אַן אומרו, אַ באַהאַלטענעם שרעק...

אין שטיינגאָלדס רייכער דירה, האָט זיך פון דעם טאָג אָן גענומען וועבן עפּעס נייס. אָן אומגעזעענע האַנט, האָט אין אַלע ווינקלען פונאַנדערגעוואָרפן: פרייד, אומרו, שרעק, בענקשאַפט. אָנגעצונדן, אויסגעלאָשן חלומות און ציטערדיקן פּיין...

* * *

שוין עטלעכע וואָכן צייט האָט מרים געוווינט ביי די שטיינגאָלדס. אַלע אין הויז זענען אַרום איר אומגעגאַנגען מיט שטילע טריט. מען האָט איר אָקעגנגע־טראָגן פון שענסטן און בעסטן. געקויפט איר שיינע קליידער, אַרויסגענומען זי אין נאַכט־קלובן, אין טעאַטערן. די מצווה פון אַרויסנעמען זי צו אַ „שאָו", האָבן אויף זיך גענומען בעסי און הערי. יעדעס מאָל האָבן זיי אַזוי אויסגעפּלאַנירט, אַז בעני זאָל מיטגיין און זיצן ביי מרימס זייט. דאָס מיידל האָט זיצנדיק אין דער שטול אין טעאַטער, געפילט די שטילע ציטערן און אומרואיקע צאַפּלענישן פון דעם יונגס לייב. זי האָט געזען די רויטע פלעקן מיט אַ בלייכער קרענקלעכקייט אויף זיין פּנים. ער האָט זיין האַנט אומגעלומפּערט געשטרעקט צו איר לייב. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט איר צו רעדן:

— מר־י־ם. פאַר־וואָ־ם קוקסטו נישט אויף מיר? איך... איך וואָ־לט גע-וואָ־לט מיט דיר זיין אַליין.

דאָס מיידל האָט ביי יעדן וואָרט זיינעם אויפגעציטערט. קאַלטע שווידערן האָבן דורכגעשטראָמט איר לייב. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס אים צו ענטפערן, ווי אַזוי מיט אים צו רעדן. זי האָט פון רחמנות וועגן אים אַ גלעט געטון איבערן פּנים. ער האָט אין דער רגע אַריינגעכאַפּט אירע פינגער צווישן זיינע פייכטע האַנט־פלאַכן, צוגעטראָגן שנעל צו די נאַסע, פלייסיקע ליפּן, זיך אין זיי איינגעזויגן.

דאָס מיידל האָט אויפגעפלאַמט, קוים דערשטיקט אַ ביטערן געפיל אונטערן האַרץ.

* * *

הערי שטיינגאָלד, האָט איר עטלעכע מאָל מיטגענומען אין זיין גרויסן אָפּיס, אין די פאַבריקן, באַקענט מיט די סחורות, וואָס ער אַרבעט אויס:

— דאָס איז אַמעריקאַנער פּראָדוקציע — האָט ער מיט שטאָלץ גערעדט — מיט די אייגענע צען פינגער דערגאַנגען צו דעם. געהאָרעוועט טאָג און נאַכט, אויס־געריסן געוואָרן פון אַלערליי באָסעס, יוניאָנס, אַנדערע שלעק און ווי דו זעסט, קאָן

איך זיך פֿאַרמעסטן, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, מיט יעדן ניו־יאָרקער קליידער־סוחר קאָן איך זיך פֿאַרמעסטן.

אין די פֿאַרנאַכטן איז ער שוין הערי שטיינגאָלד אַהיימגעקומען אַביסעלע פֿריער ווי געוויינלעך. ביי יעדער געלעגנהייט זיך אַריינגעלאָזן אין אַ שמועס מיט מרימען. אויסגעפֿרעגט, ווי זי פֿילט זיך, ווי זי פֿאַרברענגט, ווי זי האַלט מיטן ענגלישן לשון און צי עס איז איר באַקוועם, און די הויפּט־זאַך, האָט ער איר יעדעס מאָל דערמאָנט צוויי זאַכן: זי דאַרף פֿאַרגעסן. וואָס עס איז געווען נעכטן, פֿאַרגעסן די יסורים, די צרות אַלץ מיט־אַנאַנדער און געדענקען זאָל זי, מרים, אַז זי איז ביי זיך אינדערהיים — — —

בעסי האָט אויך אַרומגעפּאַדעט אַרום דעם צוויי און צוואַנציק יעריקן מיידל, ווי אַ בין אַרום האָניק, גענומען זי אין די גרויסע דעפּאַרטאַמענט־סטאָרס, געקויפֿט איר אַלערליי שמאָכטעניש, נישט געלאָזט איר טון אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער, באַפֿוילן דער דינסט צו באַדינען מרימען און גוט אַכטונג געבן אויף איר. אין יעדן שמועס האָבןביידע, הערי און בעסי, געצילט פֿאַרשטיין צו געבן מרימען, אַז בעני איז אַ ווויִלער בחור, אַ קלוגער, מען האָט אים שוין עטלעכע מאָל מיטגענומען אין די ביזנעס. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ טיפֿע פֿאַרשטענדעניש.

— אַן אומגליק, אַ גורל־זאַך, עפּעס אַ מרה־שחורה האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט און פּייניקט אים — האָט הערי גערעדט — דאָקטוירים זאָגן, אַז עס וועט נישט אייביק ביי אים אָנהאַלטן די... שלאַפֿקייט. ער וועט פּאַמעלעך צוריק ווערן אַ מענטש. ער איז מרה־שחורהדיק, ווייל ער זיצט צו אָפֿט אין שטוב, האָט ווייניק צעשטרייאונג, טראַכט צופֿיל אַריין אין זיך. אָט האָט מען אים אַנומלט גענומען צו אַ באַרימטן פּסיכיאַטער, האָט ער געגעבן גרויסע האָפֿענונגען. ער האָט אויך געזאָגט, אַז בעני איז שוין אַ מאַן אין די יאָרן, פֿאַרשטייט זיך, ער וואָלט געדאַרפֿט חתונה האָבן, ברענגען קינדער אויף דער וועלט — — —

אין מרימס מוח האָט אַ שנייד געטון, ווי מיט אַ שאַרף פֿון אַ טעמפּן מעסער:

„קינדער ברענגען אויף דער וועלט. אַזאַ ווי בעני"...

און הערי האָט ווייטער געצויגן זיינע רייד, געלאַסן ווי אויף אַ שניר־ל אַרויף:

— טאַטע־מאַמע וואָלטן אים וועלן חתונה מאַכן, איינאָרדנען מיט אַ גרויס געשעפֿט. מרים דאַרף פֿאַרשטיין, אַז זיי זוכן אַ פּאַסיקן שידוך... אַ מיידל פֿון אַן אָרנטלעכער משפּחה, אַזאַ מיידל וואָלט געקאָנט זיין גליקלעך... נאָכדעם וועלן זיי חתונה מאַכן לואין, ער וואַרט טאַקע צוליב דעם ברודער.

מרים האָט אויסגעהערט זייערע רייד. זי האָט זיך אָנגעשפּיצט ווי ווהין דאָס פֿאַרפֿאָלק שטיינגאָלד צילט: די גאַנצע צייט, וואָס זי איז דאָ שפּינט מען אין הויז אַרום איר אַ נעץ, מען זעט נישט און מען הערט נישט מער, ווי בעני. בעני, בעני...

זעלטן מאַכט זיך אַ געלעגנהייט, אַז זי זאָל זען לואין. אַלערליי מיטלען ווערן אויס־געזוכט, אַז לואי זאָל זי נישט באַגעגענען.

לואי כאַפּט זיך אַריין אין הויז, דערציילט איר אינטערעסאַנטע מעשהלעך, ברענגט בילעטן פאַר אַ „שאָו". ער האָט איר, מרימען, אויך שוין באַקענט מיט זיין מיידל פּרענסים. עפּעס אַזאַ בייזלעכע איז זי, די פּרענסים, רעדט אַ סך וועגן זיך, לאָזט קיינעם נישט קומען צום וואָרט. די שטיינגאָלדס טאַנצן אַרום איר מיט ליב־לעכע, זיסע ריידעלעך, ווייסן נישט, וואָס מיט איר צו טון פאַר גרויס התפּעלות. הערי און בעסי רופן זי „פּרענסים טייערינקע", „פּרענסים האַרציקע", טראָגן איר אַקעגן די ליבלעכסטע שמייכלען און שפּרייטן פאַר איר אויס אָפענע אָרעמס. יענע צייט מיט דער נאָז, האַלט זיך פאַר אַ גרויסער שיינקייט און קוקט אויף מרימען פון אויבן אַראָפּ.

און בעני ?

די אויגן זענען ביי אים געוואָרן שאַרפער מיט יעדן טאָג, אַ רויטקייט אויפן פּנים האָט זיך אָפטער געצונדן, דערגאַנגען ביז אַ בלוילעכער מאַטקייט, ווי ביי מענטשן, וואָס קריגן אָנפאַלן פון פיבער. גאַנצענע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די חדרים, מיט די בליקן און נאָז־לעכער געפאָרשט, געניִשטערט, צי מרים איז דאָ אינדערהיים, צי זי איז אינדרויסן. ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען אין זיין אויסגערונדיקטער שטול, וווּ ער זיצט יאָרן דורכאַנאַנד מיט זיך אַליין. אַלץ אין זיין לייב און געבליטן האָט אויפגעוואַכט. ווי נאָר לואי פלעגט אַריינקומען אין הויז, האָט אים בעני נאָכגעקוקט מיט האַס און ווילדער רציחה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן, ווען לואי האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט צו מרימען, ווען יענער האָט הויך געלאַכט, געזונגען, דערציילט אַ וויץ און מרים האָט געלאַכט, אָדער ווען לואי האָט אויפגעמאַכט דאָס ראַדיאָ־קעסטל און איינגעלאַדן מרימען צו אַ טענצל, פון וועלכן דאָס מיידל האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. בעני האָט געברומט אַ צעכעסטער, פון מויל האָט אים אַ פליסיקייט גערונען, די אָדערן אויפן האַלדז זענען געוואָרן אָנגעלאָפן. טאַטע־מאַמע האָבן אויפגעכאַפּט זיינע רייד:

— וואָס וויל ער פון מרימען ? וואָס האָט ער זיך צו איר אויך צוגעטשעפּעט. אַלץ איז אים ווייניק.

נאָכן ברומען, האָט ער טיילמאָל אַרויסגעפּלייצט מיט אַ געוויין.

הערי און בעסי, האָבן זיך איבערגעקוקט מיט שרעק, שטוינונג און גע־שעפּטשעט:

— דער יונג איז פאַרליבט. מען מוז די זאַך צואיילן.

אין מיטן דעם צואיילן, האָט גראַד לואי אָנגעהויבן אַהיימקומען אָפטער און אָפטער. ער האָט שוין אויסגעפונען אַלערליי תירוצים: דאָ האָט ער באַקומען בי־

לעטן פאַר אַן אָפּערע, בלויז צוויי און עס גייט אים פּשוט אין לעבן, מרים זאָל די אָפּערע זען. היינט ווידער האָט זיינס אַ קליענט אים געבראַכט בילעטן פאַר אַ קאָנצערט, אויך בלויז צוויי, ער, לואי, וויל שטאַרק, אַז מרים זאָל דעם קאָנצערט הערן, עס וועט זי צעשטרייען.

אָט מיט אַזעלכע אויפטוען פלעגט ער אַריינפאַלן אין הויז, דעמאָלט ווען קיינער האָט זיך אויף אים נישט געריכט. דאָס מיידל איז גערן מיט אים געגאַנגען, קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט ווי זי טוט עס, למשל, ווען הערי און בעסי לאַדן זי איין, און בעני גרייט זיך מיטצוגיין...

איינמאָל אין אַזאַ פאַרנאַכט ווען לואי איז אַ פריילעכער אַריינגעפאַלן אין הויז מיט דער בשורה אַז ער נעמט היינט אַרויס מרימען, האָט זיך הערי צו אים געוואָנדן, אַריינקוקנדיק אים שאַרף אין די אויגן:

— וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? דו צערייסט זיך די קאַפּאָטע, אַרויסצוגיין מיט מרימען, פאַרוואָס נישט מיט פרענסיסן, זי איז דאָך דיר נענטער, ווי מרים?

— מרים דאַרף זיך צעשטרייען! דו ווייסט דאָך טאַטע, וויפיל זי האָט זיך אַנגעליטן.

— דאַרפסטו זיין איר פאַרזאָרגער? עס גייט דיר פּלוצלינג אַזוי אין לעבן, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן!

— יאָ. זי האָט מיר בלויז דערציילט עפּעס פון דעם, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען. אין הויז איז זי שטענדיק פריילעך, זי וויל קיינעם נישט מצער זיין, נאָר טיילמאָל וועקן זיך אין איר אויף שטיקער, אָפּגעריסענע בילדער פון דעם נעכטן, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, קאָן זי זיך נישט באַהערשן און דערציילט.

— הם... איך האָב נישט געוווּסט, אַז האָסט אַזאַ ווייך האַרץ, לואי. זאָג מיר פאַרוואָס זעט מען פרענסיסן אַזוי זעלטן מיט דיר?

אויף אַזעלכע פראַגן, האָט לואי נישט געהאַט פאַרן טאַטן קיין פאַרטיקע תּירוצים אונטער דער האַנט.

* * *

אַרומגערינגלט מיט וואוילזיין אין שטיינגאָלדס הויז, האָט זיך פאַר מרימען אָנגעהויבן אַ לעבן פון פיין, דאָפּלט־שפּיל און נישט־זיכערקייט. איר געזונטער קערפּער, וואָס האָט איבערגעטראָגן פיין, יסורים, וואַלגערנדיק זיך אין לאַגערן און טויטן־קאַמערן, האָט איצטער אויפגעציטערט ביי יעדער באַגעגעניש מיט די פיר מיטגלידער פון דער שטיינגאָלד משפּחה: זי האָט זיך געשראָקן פאַר הערים גוטסקייט, פאַר זיין איבערגעטריבענער זאָרג, פאַר זיינע לייכטע שמועסן וועגן תּכלית,

וועגן בענים געזונט־צושטאַנד און וואָס די גרויסע ניו־יאָרקער דאָקטוירים און פּסיכיאַטאָרן זאָגן... זי האָט געציטערט אימת־מות פאַר בעסים קרומלעך, גע־זאַלצענעם שמייכל, וואָס איז פעט, ליבלעך. זי האָט מורא געהאַט פאַר דעם פּנים פון דער פרוי, וואָס איז אויסגעשטרעקט צו איר מיט הוילער גוטסקייט, רעדט מיט גלייכווערטלעך, האָט אין יעדן וואָרט אַ מיין. מרים האָט אויפגעשווידערט פאַר בענים בליקן, פאַר זיין הכנעהדיקער גוטסקייט, פאַר זיין אומהיימלעכן שווייגן, אָדער ברומען, פאַר זיינע פייכטע הענט, די צונג, וואָס ליגט פליישיק־ווייך איבער דער אונטערשטער ליפּ. אין איר לייב האָט דורכגעשטראָמט אַ גליאיקער אומרו ביים באַגעגענען לואין, אַלע אירע גלידער האָבן אויפגעצאַפּלט, געשטרעקט זיך צו אים — — —

זי האָט זיך געפונען אין אַ קלעם, געריסן זיך אַרויס פון דעם הויז, אַרויס.

און איינמאָל אַ טאָג, האָט מרים געלאָזט וויסן די שטיינגאָלדס, אַז אַט הייבט זי אָן אַרבעטן ביי דאַמען־היט און שוין מאָרגן, וועט זי אַרויס פונדאַנען. זי האָט זיך שוין געדונגען אַ צימערל און וועט פון איצטער אָן זיין זעלבסטשטענדיק.

— וואָס איז? — האָט הערי זיך אויפגעריסן פון אָרט און געפילט ווי אַ קאַלטער שוויים באַדעקט זיין לייב — פאַרוואָס?

— איך בין דאָך שוין נישט קיין קינד — האָט מרים געשמייכלט — צייט צו זיין זעלבסטשטענדיק. איר ווייסט דאָך זייער גוט, אין אַמעריקע מוז יעדער אַליין זיך העלפן...

בעני איז געזעסן איינגעטוליעט אין זיין רונדער שטול, הערנדיק מרימס באַשלוס, זענען די אויגן ביי אים גרעסער געוואָרן. דאָס פּנים האָט זיך געקורטשעט אין אַ גרימאַסע. די הענט זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויף די קני, ווי אונטערגעשלאָ־גענע פליגל. ער האָט אַרויסגעברומט:

— מרים...

בעסים פּנים האָט זיך אָנגעכמורעט, די ליפּן זענען ביי איר געוואָרן דינער, בלייך. זי האָט אין דער מינוט גרויס חשק געהאַט אַריינצוזאָגן מרימען אַ שאַרף וואָרט, נאָר זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן און מיט אַ געמאַכטער ווייכקייט געלאָזט פאַלן ווערטער:

— צו וואָס טויג דאָס דיר, מרימל? איז דיר דען שלעכט ביי אונדז? אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי מיר באַהאַנדלען דיך. צו וואָס זאָלסטו גיין אַרבעטן ביי פרעמדע? פאַרוואָס זאָלסטו אוועק פון אונדז, ווער וועט אויף דיר אַכטונג געבן, מיין טייערע? ביסט ביי אונדז ווי אַן אייגן קינד.

— איך זיץ שוין ביי אייך אין הויז עטלעכע וואָכן, איר קעכלט און צערטלט

מיך. ווי לאַנג קאָן איך אַזוי אַרומגיין ליידיק? איך האָב זיך אויסגעלערנט אַ ביסל ענגליש און וועל זיכער נישט פאַרלוירן גיין אין ניו־יאָרק.

ווען לואי האָט זיך דערוווּסט פון מרימס באַשלוס, האָט ער אין אָנהייב געשוויגן, געמאַכט זיך ווי דער גאַנצער ענין פון מרימס אַוועקגיין גייט אים נישט אָן, נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, האָט ער אַ זאָג געטאָן, סתם־אַזוי:

— ווי לאַנג קאָן זי זיצן אין די רייכע צימערן און גאָרנישט טון?

צומאָרגנס האָט מרים פאַרלאָזט שטיינגאָלדס הויז און אַוועק וווינען פאַר זיך.

עטלעכע טעג שפּעטער, ווען הערי שטיינגאָלד איז אַ ביסל געקומען צו זיך פון מרימס אַוועקגיין, האָט ער אָפּגעמאַכט צו רעדן מיט דעם מיידל אָפענע דיבורים און טאַקע נישט פאַרלירן קיין איבעריקע מינוט. ער האָט זי אָפּגערופן אין שאַפּ, וווּ זי האָט געאַרבעט און געבעטן צו קומען היינט אויף אָוונט־ברויט:

— דאַרפסט זיך נישט דערווייטערן פון אונדז. ביסט אַלעמאָל דער אָנגע־לייגטסטער גאַסט.

מרים איז געקומען.

נאָכן עסן, האָט הערי זי אַרײַנגערופן אין אַ באַזונדער צימער, און באַלד צוגעטרעטן צום שמועס. אײַנגעטלעך דער זעלבער שמועס, וואָס האָט אין פאַרשידענע וואַריאַציעס זיך שוין געצויגן עטלעכע וואָכן. איצטער איז שטיינגאָלד צוגעטרעטן צום סאַמע תוך:

— איך האָב אַנדערש נישט גערעכנט, ווי דיך גליקלעך צו מאַכן. ביסט די איינציקע פון אונדזער משפּחה פון דער אַלטער היים. איך מיין פּשוט חתונה מאַכן דיך מיט מיין בעניין. איך וועל אייך אַוועקגעבן אַ פאַרמעגן, פאַרזאָרגן אייך אויפן גאַנצן לעבן. בעני איז נאָך יונג. זיין געזונט־צושטאַנד קאָן זיך אַ ליאַדע טאָג ענדערן צום גוטן. זייט דו ביסט אין ניו־יאָרק, האָט ער זיך פיל געבעסערט, ער רעדט לייכטער, דענקט פאַרשטענדלעכער. אמת איז, ער איז נישט קיין שיינער, אָבער ער האָט אַ גאָלדן האַרץ. איך וואָלט אייךביידן געוואָלט זען גליקלעך. דו, מרים, וואָלסט פאַר אים געווען צוגעפּאַסט...

— פאַרוואָס איך? — האָט מרים געפרעגט און אַרויסגעפּלייצט מיט אַ גע־וויין — פאַרוואָס איך? איך קאָן נישט. איך...

— דו אַליין האָסט דאָך אַזויפיל געליטן. דו פאַרשטייסט דאָך גוט, וואָס עס הייסט פאַר אַ יונגן מענטשן ווי בעני צו זיין אַליין, אַרומבלאָנקען אַ מרה־שחורהדי־קער און אַלט ווערן. ער איז פאַרליבט אין דיר. ער האַלט כסדר אין איין פרעגן אויף דיר. ער וועט עס נישט איבערהאַלטן...

— פאַר וואָס האָט איר גראַד מיך אויסגעקליבן? אויב איר האָט מיך צוליב דעם געבראַכט פון אייראָפּע, איז עס פון אייער זייט נישט שיין געווען.

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז עס וועט אַזוי ווייט גיין — האָט הערי גע־רעדט מיט אַ נעבראָכן קול — דער יונג האָט אויפגעוואַכט. איך גלויב עס קוים מיט מיינע אייגענע אויגן, אָבער אַזוי איז עס, דער מוח אַרבעט ביי אים שאַרפער. זייט דו ביסט אַוועק פון אונדז, איז ער אינגאַנצן אויס מענטש. דער פרישער גלאַנץ אין זיינע אויגן, וואָס ער האָט אין דער לעצטער צייט באַקומען, נעמט זיך — אויס־לעשן. ער גייט איין אין זיין אייגענעם צער, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה אין אַ נאָרע, גייט ער איין...

— וואָס ווילט איר אַרויסרופן ביי מיר רחמנות, מיסטער שטיינגאָלד? בעני איז אַ פיינער בחור, אָבער איך קאָן נישט. טאָקע דערפאַר, וואָס איך האָב אין מיין לעבן אַזויפיל זיך אָנגעליטן, בין איך באַרעכטיקט צו אַ ביסעלע גליק, כאָטש אַ ביסעלע, נישט ווערן דאָס ווייב פון... בענין.

— דער יונג איז פאַרלוירן — האָט הערי געזיפצט — וואָס טוט מען?

— פאַרוואָס האָט איר נישט אַ טראַכט געטון וועגן לואין, ווען איר האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אייער הויז? — האָט מרים אויפגעהויבן דעם קאָפּ, און מיט אויגן פול טרערן, אָנגעקוקט הערין — פאַרוואָס האָט איר נאָר געטראַכט צו ראַ־טעווען בענין דורך מיר?

— וואָס מיינסטו, פאַרוואָס איך האָב נישט געטראַכט וועגן לואין?

— מיר האָבן זיך ליב!

הערי שטיינגאָלד האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ער האָט געפילט אַ שטומען גליווער אין זיינע אבֿרים. אין מוח איז אים געוואָרן הויל, ליידיק...

* * *

ער האָט מער נישט געפילט קיין טעם אין זיינע געשעפטן, הערי שטיינגאָלד, אין זיין האָוון, יאָגן זיך צו מאַכן מער געלט און אויסגלייכן זיך מיטן גרעסטן קליידער־סוחר אין ניו־יאָרק. ער האָט נישט געקאָנט איינזיצן אין אָפיס, עס האָט אים געטריבן און געפּלאָגט. אין הויז איז געוואָרן אַ גיהנום. בעני איז איינגעגאַנגען, געוואָרן מרה־שחורהדיקער, שטילער, איינגעשרומפּענער. טעג און נעכט געמורמלט: „מרים". לואי איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער פול מיט סוד. ער האָט פרענסיסן מער נישט אַרויפגעבראַכט אין הויז אַריין. זי האָט געקלונגען, נאָכגעפרעגט אויף אים, הערי און בעסי האָבן געגעבן אַלע תירוצים, געפּרוווט פאַרנלעטן. בעסי האָט אַלעמען געגריזשעט, אַ בייזקייט האָט אַרויסגעשריגן פון אַלע אירע גלידער:

— וואָס פאַר אַן אומגליק! די מויד וועט אונדז לעבעדיקערהייט טרייבן אין קבר אַריין!

זיצנדיק איינמאָל ביים אָוונט־ברויט, האָט לואי אַזוי זיך, כלאחר־יד, געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער:

— איך האָב איבערגעריסן מיט פרענסיסן.

דריי פּאָר אויגן האָבן אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג, שרעק, באַדויערונג.

לואי האָט אויסגעמיטן די בליקן פון טאַטע־מאַמע, ער האָט נאָר געקוקט אויף זיין ברודער, געזען אין זיינע אויגן אַן אָפּגרונט פון צער און פאַרצווייפלונג. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, אָנגעשטעלט דעם בליק אויף סתם אַ פּונקט פון דער וואַנט, און שטיל גענומען ציילן ווערטער:

— מרים און איך... מיר גייען חתונה האָבן.

לואי האָט קוים פאַרענדיקט די ווערטער, ווי בעני האָט זיך געגעבן האַסטיק אַ שטעל אויף, מיט די אומגעלומפּערטע הענט אַראָפּגעוואָרפן דאָס געשיר מיט די מאכלים פון טיש, אַ כאַפּ געטון אַ מעסער מיט אַ זילבערן הענטל, פאַרקלעמט אין דער פויסט פון דער לינקער האַנט, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנעלקייט און אימפּעט, האָט ער זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זיין אָנגעגאָסענעם קיילעכדיקן קערפּער, אַ וואָרף געטאָן אויפן ברודער און אים אַראָפּגעשליידערט פון שטול. אין דער זעלבער רגע, האָט ער אויפגעהויבן דאָס מעסער און מיטן שפּיץ זיך פאַרמאָסטן איבערן ברודערס פּנים. לואי האָט מיט אַ בליציקער שנעלקייט אַ שטויס געטון מיטן קאָפּ אין בענים האַנט, דאָס מעסער האָט זיך אַ גליטש געטון פאַרביי זיינע אויגן, און זיך איינגעשניטן ביים רעכטן אויער, פון דאָרט איז דאָס מעסער אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל. אַ שנירל בלוט האָט אַ פּלייץ געטון איבער לואיס האַלדז. באַפרייענדיק די פויסט, האָט בעני איינגעדריקט זיינע פּובקע, פּייכטע פינגער אין לואיס פּנים, געשטיקט, איינגעקלאַמערט זיך אין אים, איינגעקלעמט ווי אַ פיל־פּיסיקע חיה מיט אירע צוואַנגען־לאַפּעס, אויסשמירנדיק זיינע פינגער מיטן בלוט פון זיין ברודער. ביידע ברידער האָבן זיך געקייקלט אויפן דיל אין אַ ווילדן געראַנגל, געזעצט מיט די פיס, מיט די פויסטן, איינגעקנעטן זיך איינער אינעם אַנדערנס לייב און ביידע האָבן פיבערנדיק געוואָלט דערגרייכן דאָס מעסער, וואָס נאָר אַ שטח גרויס ווי אַ רגע, האָט זיי אָפּגעטיילט דערפון.

הערין איז געלונגען אַ כאַפּ צו טון דאָס מעסער. זעענדיק בלוט, האָט ער זיך געהאַריש צעשריגן און זיך אַ וואָרף געטון אויפן דיל צווישן די צוויי ראַנגלענדיקע קערפּערס. בעסי האָט אויפגעפּראַלט פענסטער און טירן, מיט אַ פאַרשטיקט קול גערופן נאָך הילף. באַלד האָבן זיך עטלעכע מענטשן אַריינגעקריגן אין דער וואוינונג און מיט אימפּעטיקער אָנשטרענגונג פונאַנדערגעריסן די דריי קערפּערס.

בעני, אַ צעבלוטיקטער, אַ צעשויבערטער מיט ווילדע אויגן, מיט אַ צעקיילטן, פייכטן פּנים האָט געברומט:

— ער מיינט, אַלץ קומט אים. איך וועל אים ווייזן. איך וועל אים...

בעסי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף לואין, געווישט אים דאָס בלוט מיט אַ נאָסן האַנטוך. לואי האָט אַרויסגעריסן דאָס האַנטוך פון אירע הענט און אַ פאַר־מאַטערטער אַ פאַרשעמטער, מיט אַ צעריסן העמד, האָט ער זיך אַרויסגעשלייכט פון צימער.

הערי איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרווירטער אויפן דיל צווישן אָנגעוואָרפענע טיש־געשיר. ער האָט געקוקט אַרום זיך, געקוקט אויף די צוזאַמענגעלאָפענע מענטשן מיט אַ שטאַרן בליק. באַלד האָט ער זיך אָנגעשטרענגט מיט אָנגעלענטע הענט אויפן דיל, האָט ער זיך געמאַטערט, אויפצושטיין. ער האָט אויסגעשטרעקט איין האַנט, אָנ־געכאַפּט דעם פוס פון טיש, נאָכדעם מיט דער צווייטער — אָנגעכאַפּט דעם ברעג פון טיש און אויפגעשטעלט זיך אין זיין פולער הויך.

* * *

נאָך דעם געשלעג צווישן די צוויי ברידער, איז הערי שטיינגאָלד, אַ געדייט־טער, אַ צוזאַמענגעבראָכענער אַרומגעלאָפן גאַנצע טעג אין זיינע געראַמע חדרים, גערעדט צו זיך אַליין, צום ווייב און צו קיינעם נישט:

— געחשבונט. געמאַכט פּלענער, וואָס האָט זיך פון דעם אַלעם אויסגעלאָזן? אַ חורבן.

בעני איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ווילדער. געבראָכן אַלץ, וואָס איז אים גע־קומען אונטער דער האַנט. טאַטע־מאַמע, האָבן געפּרוּווט אים צוימען, גערופן צו אים באַרימטע פּסיכיאַטאָרן, ספּעציאַליסטן. די פּסיכיאַטאָרן האָבן באַטראַכט דעם יונג, ווידער באַטראַכט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, קיין גרויסע האָפענונגען נישט געגעבן, געעצהט, אים אַריינגעבן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק־קראַנקע, און וואָס שנעלער, וועט זיין בעסער פאַר ביידע צדדים.

— האָסט דאָך שוין גאַנצע שלעסער געבויט, מיין מאַן — האָט בעסי גע־שאָטן פון מויל שפּיציקע רייד — האָסט געמיינט, אַז אַלץ וועט זיין אַזוי, ווי דו האָסט זיך אַליין איינגערעדט, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן. נו, וואָס זאָגסטו איצטער, הא? זעסט וואָס פאַר אַ חורבן זי האָט אָנגעמאַכט, דאָס אומשולדיקע מיידעלע דיינס! פאַרליבט זיך גאָר אין לואין, נישט געהאַט אין ווער מען אַנדערש. לואי איז ערשט די טעג אַרויס פון שפּיטאָל, קוים פאַרהיילט זיך די וווּנד. און שוין, זיי

גייען שוין חתונה האָבן. די מויד, די גרינע, האָט אים גוט אַריינגעכאַפּט אין אירע צאַרטע הענטלעך, אַ פיין נעצעלע האָט זי פאַרשפינען אַרום אים...

הערי האָט זיך אַ צאַפּל געטון און בעסי האָט ווייטער גערעדט:

— האָסט דאָך געלייענט דאָס בריוול פון לואין. ער איז צעבראָכן צוליב זיין ברודער, בעני — שרייבט ער — אָבער ער האָט אַנדערש ניט געקענט האַנדלען. מרים האָט ניט געקענט רואינירן איר יונג לעבן — פאַרענטפערט ער זיך, — מען האָט באַלד ניט געטאָרט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך. מען האָט פאַר בענין געדאַרפט מער זאָרגן, חתונה מאַכן אים מיט אַן עלטערער פרוי, ניט געטאָרט אים באַקענען מיט מרימען...

— ער איז גערעכט — האָט הערי געקרעכצט.

— וואָס? ווי געפעלט ער דיר, דער פאַרזאָרגער? אין מרימס יונג לעבן גייט אים, נאָר אין אין איר גייט עס אים. נו, יאָ. זי וועט דאָך זיין זיין ווייב, ער האָט דאָך שוין ניט געקענט אויסקלייבן קיין בעסערע, לואי? וואָס שווייגסטו, הערי? וואָס טוסטו גאָרניט? ווי קען מען דערלאָזן, אַז לואי זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך? וואָס וועט טאַקע זיין מיט בענין? אין אַ משוגעים־הויז וועט מען אים פירן און דאָס וועט זיין דער סוף!

— אין יאָ משוגעים־הויז — האָט הערי געברומט — דער סוף... דער סוף...

— וואָס שווייגסטו הערי? לאָז אָפּ דיינע געשעפטן! וואָס דאַרפסטו דיינע פאַרמעגנס? יאָגסט דיך דיין גאַנץ לעבן נאָך געלט, געלט און דיין אייגענעם קרו־מען שאַטן פאַרזען. פאַר וועמען דאַרפסטו עס? פאַרוואָס, פאַרוואָס?

—וואָס קען איך טאָן? איך בין מיר אַליין שולדיק. אויפגעבויט זיך אַ טורעם און דעם פונדאַמענט פאַרזען. געמאַכט אַ גרויסן טעות! און צוריק־געשמועסט, וואָס איז דאָס מיידל שולדיק? וואָס? זי האָט זיך נאָך וויניק אָנגעליטן אין איי־ראָפּע? זי האָט דען עמיצן אין דער גאַנצער וועלט, זי האָט דען אַ היים, ווי מיר האָבן? זאָל זי כאַטש ווייסן פון אַ ביסל גליק. זי האָט ניט קיין שלעכטס געמיינט.

בעסיס פּנים האָט געפלאַמט.

— וואָס זוכסטו נאָך אויף איר אַ זכות? האָסט זיך אפשר אויך אין איר פאַרליבט? זעט נאָר וואָס עס טוט זיך ביי מיר אין הויז. ניט גענוג זי האָט צוגע־נומען לואין...

— שריי ניט! — איז הערי איר אַריינגעפאַלן אין די רייד — זאָל ער חתונה האָבן מיט מרימען, לואי. איך באַשטיי! אפשר דאַרף אַזוי זיין? זי איז אַ גוטע, אַ שיינע, וואָס דאַרפן מיר זיך אָקעגנשטעלן?

— האָסט שוין באַזאָרגט לואין, וואָס וועט זיין מיט בענין? דו ביסט זיין מערדער! דו מיט דיינע חשבונות האָסט געבראַכט דערצו, אַז דער יונג זאָל פאַר־

שלאָסן ווערן אין אַ משוגעים־הויז. דו, ניט קיין אַנדערער! ווער האָט דיך גע־בעטן אַריינצונעמען אַ מויד אין הויז אַריין, מיט אַ שמייכעלע, מיט אַ שיין פּנימל?

הערי האָט זיין קאָפּ איינגעגראָבן אין ביידע האַנט־פלאַכן. אַ טעמפּקייט האָט אים אַרומגענומען. אין מוח האָט אַ געדאַנק ווי אַ קריכנדיקער וואָרעם זיך דער־שלעפּט צו אַן אויספיר: אַלץ וואָס ער האָט אויפגעבויט איז גאָרניט ווערט. אַ זייפנבלאָז איז עס. צו וואָס איז ער דערגאַנגען? ווו איז געווען זיין קאָפּ, ווען ער האָט מיט אַלע פּיטשעווקעס, קלוג אויסגערעכנט די טראַנזאַקציע צווישן אַ וויטער קרובה און זיין — מרה־שחורהדיקן זון? ווי האָט ער געמעגט אַזאַ איידעלע זאַך אויסרעכענען מיט דער זעלבער מאָס ווי מען רעכנט אוים ביזנעס? ער האָט וועגן דעם ניט געוואָלט טראַכטן, מוז ער דעריבער איצטער צאָלן און דאַרף אַלץ נעמען פאַרליב, דעם חורבן אין הויז און די שטעכעדיקע רייד פון ווייב. איי־גנטלעך האָט ער געמיינט די קינדערס טובה... האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזט פאַר־קערט...

—וואָס וועט זיין מיטן יונג, הערי? מיט יעדע מינוט ווערט שפּעט. אפשר קען מען אים ראַטעווען?

הערי שטיינגאָלד האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. זיין קול האָט זיך געבראָכן:

— איך האָב אַלץ געטאָן צו ראַטעווען. עס איז אַ גורל־זאַך! איך קען זיך ניט אַקעגנשטעלן. איך קען ניט!...

גנבה

דאָס געסל האָט זיך אַ וויג געטאָן מיט חידוש און שרעק, אויפגעכאַפּט די געוואַלדן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון לייזער קראַנענבערגס הויז:

— מען האָט אונדז באַגנבעט!

— געוואַלד יידן, אַ גנבה!

— דערבאַרעמט אײַך, מענטשן — האָט געשריגן פעסע די שניט־קראָמערקע, לייזערס ווייב און געבראָכן די הענט — מ'האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט!

— בדלות געשטעלט — האָט לייזער קראַנענבערג געכליפּעט — פֿרעמד האָב און גוטס צוגערויבט, דאָס העמד פון לייב צוגענומען.

קעפּ, אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו די שרייענדיקע, געוואָלט דערגיין אויף דער שנעל, וואָס ס'איז געשען און ניט באַקומען קיין ענטפער. אַ שאַרפע אומרואיקייט האָט אַלעמען ארומגעכאַפּט. דאָס געסל איז מיט יעדער מינוט געוואָרן פולער מיט מענטשן, וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע זייטן. אַ גנבה ביי לייזער קראַנענבערג, דעם גרעסטן שניט־סוחר אין שטאָט, האָט אַנגערירט אַן עדה יידן, וואָס האָבן אים אַנגעטרויט זייער האָב און גוטס. יידן האָבן לייזערס אייזערנע קאַסע געהאַלטן פאַר אַ באַנק, איינגעלייגט ביי אים די אָפּגעשפּאָרטע געלטער: כלה־מתנות, צירונגען. האָט איינער געשפּאָרט אויף אַ שיפס־קאַרטע צו פאָרן קיין אַמעריקע, האָט איינער אָפּגעלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויף אַ קרקע איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, האָט איינער געוואָלט קומען צו אַ שטיקל אייגענער נחלה, האָבן מאַמעס און טאַטעס געזאַמלט נדנים פאַר זייערע טעכטער, אַלץ האָט מען געטראָגן צו ר' לייזערן.

אין שטאָט האָט מען געוווּסט, אַז ביי לייזער קראַנענבערג איז קוראַנטער ווי

אין באַנק, אַז ער וועט ניט אָנרירן יענעמס אַ פּרוטה אפילו ער זאָל וויסן, אַז ער שפּילט מיטן לעבן.

דער אומרו אַרום לייזערס הויז האָט איצט געשטיגן מיט יעדער רגע. יידן און יידענעס מיט צעשראָקענע אויגן, בלייכע ליפּן, האָבן זיך געשטופּט, געליאַרעמט, טייל האָבן געהאַלטן קבלה־צעטעלעך אין די הענט, געפּאַטשט מיט זיי אין דער לופט, וועלנדיק באַווייזן, אַז די גנבה איז זיי נוגע ביז צום ביין. איינער האָט איבערגעשריגן דעם אַנדערן:

— ווען האָט עס געטראָפן?

— ווער ווייסט. עס איז דאָך אינמיטן טאָג געשען. מען האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער קאַסע. אויפגעבראָכן. ווער ווייסט?...

— ניט אַנדערש, נאָר אַ היימישער גנב האָט דאָס געטון?

— וואָס איז די נפקא־מינה, אַ היימישער אָדער אַ פרעמדער. מ'האָט אונדז בדיל־הדל געשטעלט. דאָס חיות צוגענומען. געקוילעט אָן אַ מעסער!

— וואָס טוט מען איצט? עס איז דאָך צו שרייען געוואַלד אין די גאַסן פון אַזאַ אומגליק!

אַ יידענע, מיט אַ דאַר צעקנייטשט פּנים, האָט זיך צעיאָמערט מיט אַ ניגון, ווי זי וואָלט באַוויינט אַ טויטן:

— שווייגט ניט, ר' לייזער! אָט איז אייער קוויטל פאַר דעם נדן פון מיין טאָכטער. וואָס וועט זי איצט טון? ווו נעמט מען אַ נייעם נדן?

— ר' לייזער, מיינע לעצטע פּאָר גילדן, האָב איך ביי אייך באַהאַלטן, אָפּגעשפּאָרט דעם ביסן פון מויל — האָט מאַטל שניידער געברעדט מיט הארץ — איך האָב אַ קראַנק ווייב. אַ גראָשן צו גראָשן אָוועקגעלייגט, פאַר, די שעה זאָל ניט זיין, אַז די אויגן וועלן מער ניט דינען. איצט קומט מיר אויס פון בריק — אין וואַסער אַריין.

חיים משה דער גמרא־מלמד, האָט אָנגענומען לייזערן ביים לאַץ פון זיין אויבער־בגד, געברעדט מיט אַ גמרא־ניגון:

— אמת טאַקע, איר זענט אַ שומר־חינם, איר האָט קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט שכר־שמירה. קיינער וועט ניט לייקענען, אַז עס קומט אייך אַ גרויסער יישר־כח. ווי אַזוי אָבער האָט מען פּלוצלינג סתם אין דער וועלט אַריין גענומען און אויפגעבראָכן אַן אייזערנע קאַסע, הא?

— גלייבט מיר — האָט לייזער קראַנקענבערג געהעשעט און פּעסע, זיין ווייב, האָט אַלץ געבראָכן די הענט אין פאַרצווייפלונג — איך ווייס אַליין ניט. איך בין אַריין אין דער גרויסער שטוב נעמען די גמרא פון דער ספרים־שאַנק, געוואָלט אַוועקזעצן זיך לערנען מיין שיעור. איך גיב אַ קוק: די קאַסע איז אויפגעבראָכן, אינעווייניק איז ליידיק. מילא, מיין שוויס און בלוט אַרט מי־ ניט, פאַרפאַלן,

ה׳ נתן וה׳ לקח, אָבער יידן האָבן דאָך מיר זייער אַלץ מיט אַנאַנדער אָפּגעגעבן.

— וואָס זאָגט די פּאָליציי?

— א שליח איז אַהין געלאָפן, אָבער זיי איילן זיך ניט דאַרט. זיי האָבן צייט!

דער גערדאַנג און די געשרייען זיינען געוואָרן גרעסער. לייזער קראַנענבערג איז געשטאַנען א פאַרלוירענער, זיינע בליקן האָבן געבלאָנדזשעט איבער דעם עולם, וואָס געוואַלדעוועט, מאָנט, שטרעקט אויס הענט. פּלוצלינג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגענומען א טאָן, ווי ער גייט מכריז-ומודיע זיין א וויכטיקע זאַך:

— יידן! קיינער פון אייך וועט ניט ליידן. אמת טאַקע, איך בין א שומר-חינם. איך וועל אָבער אַלעמען אָפּגעבן ביז א גראָשן. מיין הויז וועל איך פאַרקויפן. דאָס לעצטע העמד פון לייב וועל איך פאַרמשכונען, קיינער וועט א פּרוטה ניט פאַרלירן!

ווען דער עולם איז זיך אַביסל צעגאַנגען, איז לייזער א געבראָכענער, א געשלאָגענער אריין אין הויז. פּעסע, זיין ווייב איז אים נאָכגעגאַנגען, געקלאָגט אויף איר גרויסן חורבן. לייזער איז צוגעגאַנגען צו דער ספרים-שאַנק, אויפגעהויבן א האַנט, געוואָלט אַרויסנעמען א ספר און ניט געקענט. ער איז געבליבן שטיין א פאַרגליווערטער. אין לייב האָט אים געקלעמט, געשטאָכן מיט ברענענדיקן ווייטיק... פרעמדע געלטער — האָבן זיינע בלייכע ליפּן געשעפּטשעט — פרעמדע פּראַצע... ער האָט זיך קוים דערשלעפּט צום טיש, גענומען א פעדער, אָנגעהויבן חשבונען פון וואָס א שטייגער, ער וואָלט געקענט מאַכן מזומן, כדי אָפּצוגעבן די פּקדונות צו די, וואָס האָבן אים אַלץ אָנגעטרויט. ער וועט פאַרקויפן דאָס הויז, די שטאַל, אַביסל מטלטלין... ער האָט געחשבונט, געבראָכן זיך דעם קאָפּ און ניט געקענט דערגיין צו קיין סך-הכל. ער האָט זיך געשראָקן, אַז ער, לייזער קראַנענבערג, דער בכבודיקער סוחר, זאָל ניט בלייבן פאַרשעמט, יידן זאָלן, הלילה, דורך אים ניט דאַרפן פאַרלירן זייערע אָפּגעשפּאָרטע פאַרמעגנס.

* * *

א גאַנצן נאָכמיטיק האָט אין לייזערס הויז געקאָכט ווי אויף א יריד. מענטשן האָבן זיך געדרייט אריין און אַרויס, אויסגעפרעגט אַן א שיעור שאלות און ניט באַקומען קיין ענטפערס, געגעבן עצות, ווי זיי וואָלטן געווען בקי אין קרימינאַל-ענינים, געוויינט, געקלאָגט אויף זייער און לייזערס אומגליק, און ניט אָפּגעטראָטן פון אָרט, ביז לייזער האָט זיי אויפסניי ניט צוגעזאָגט, אַז ער וועט פאַרמשכונען דאָס קישן פון הינטערן קאָפּ, און אַלעמען אָפּגעבן ביז א פּרוטה.

פאַרנאַכט צו איז געוואָרן אַביסל שטילער. אין די שטובן איז געלעגן א געדריקטע שטומקייט. פּעסע, געהילט אין א דיקן טוך, איז געזעסן אין דער קיך און

מיט א ניגון, ווי זי לייענט שבת די צאינה־וראינה, האָט זי זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם:

— מיט וואָס, טאַטע געטרייער, בין איך, דיין דינסט, פעסע, אזוי זינדיק אין דיינע אויגן, וואָס דו שטראָפסט מיך כסדר? מיין טראַכט איז פאַרשלאָסן, איך בין פאַרשעמט פאַר מיין מאַן און פאַר לייטן. שוין אזויפיל יאָרן נאָך דער חתונה און מען זעט ניט קיין קינד, מען הערט ניט דאָס געוויין פון א ניי־געבוירן נפשל. דערפאַר, טאַטע זיסער, האָסטו אונדז פאַרגיטיקט מיט א קאַפּעטשקע עשירות, איז איצטער געקומען אן אומגליק און מ'האָט דאָס אַלץ צוגענומען, ניט נאָר אייגנס, נאָר אויך פרעמדע פּראַצע. פאַרוואָס שטראָפסטו אזוי אונדזער הויז, טאַטע דער־באַרעמדיקער?...

לייזער קראָנענבערג איז געזעסן ביים טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף א פויסט. אן אָפן ספר מיט פאַרגעלטע בלעטער, האָט איינגעזאַפּט דאָס טונקל־בלויע פאַרנאַכט־ליכט, וואָס האָט דורך די פענצטער אריינגעדעמערט מיט טרויער און אומעט.

די טיר האָט זיך געעפנט. א יונג מיידל איז אריינגעקומען. זי איז געווען גע־הילט אין אן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל, מיט א היטעלע אויפן קאָפּ. זי האָט זיך אומ־געקוקט אויף אַלע זייטן, ווי זי וואָלט וועמען געזוכט און שטיל ארויסגעברומט:

— גוט נ'אָוונט!

לייזער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. פון דער קיך איז אריינגעקומען פעסע.

— אפשר וואָלסטו אָנגעצונדן א לאָמפּ — האָט לייזער זיך געוואָנדן צום ווייב — עס איז דאָך ניט תשעה־באב!

דאָס מיידל איז צוגעגאַנגען נעענטער צום טיש.

— ר' לייזער — האָט זי אָנגעהויבן מיט א ניט זיכער קול — איך בין געקומען...

— אָ! — האָט לייזער איבערגעשלאָגן אירע רייד — דאָס ביסטו, גיטל, שמחה נאַרבערס טאָכטער .ביסט געקומען וועגן דיינע פאַר גילדן? איך האָב דאָך שוין אַלעמען געלאָזט וויסן, אז איך פאַרקויף דאָס הויז און וועל אַלץ אָפּגעבן. דאַרפסט נאַרניט זאָרגן, דיין נדן וועסטו האָבן צוריק. היינט, די מינוט, קען איך דיר דאָס געלט ניט אומקערן. איך האָב ניט! קוילע מיך! איך האָב ניט, מען האָט אַלץ צוגערויבט!

— ניט וועגן דעם געלט בין איך געקומען — האָט גיטל אָנגעשטעלט אירע שוואַרצע טיפע אויגן אויף לייזערן — איך בין אייך געקומען בעטן, אז איר און אייער ווייב פעסע זאָלן קיינעם ניט זאָגן, אז איך האָב געהאַט געלט ביי אייך. ביז איצט האָב איך אייך וועגן דעם ניט געבעטן, אָבער איצט, ווען עס קאָכט זיך מיט דער גנבה, בין איך טאַקע וועגן דעם געקומען.

— וואָס מיינסטו? — האָט לייזער געפרעגט — פאַרוואָס ווילסטו דער־פון מאַכן אַ סוד?

— איך וויל ניט אַז אַנשל שמיד זאָל וויסן, אַז איך האָב ליגן אַ נדן. איר פאַרשטייט, ר׳ לייזער, ער וויל מיט מיר חתונה האָבן. איך אָבער וויל ניט. איך האָב אים ניט ליב — — — ער שרייט. איך זאָמל אַ נדן, ווייל איך שדכן זיך צו יאָסלען, פנחס וויינשענקערס זון. איך וויל יאָסלען געפעלן מיט מיין נדן. אַנשל האַלט זיך אַזוי גוט ווי ער וואָלט געווען מיין חתן, ווייל ער דעריבער דאָס ניט פאַר־טראָגן...

— נו, נו... איך מיין, אַז וואָס איז פאַראַן צו רעדן — האָט לייזער זיך אויפגעשטעלט — ווער קען זיך דאָס מישן אין פרעמדע ענינים? וואָס הייסט האָסט ניט ליב אַנשלען, וואָס פאַר אַ רייד זיינען דאָס? וואָס האָט ליבע צו טון מיט חתונה האָבן, מגדל זיין אַ דור? ווי אַזוי רעדט דאָס אַ ייִדישע טאָכטער? ער איז, דאַכט זיך, אַ לייטישער בחור אַנשל, אַ שטילער, אַ גוטער בעל־מלאכה, גיט אָפּ כבוד טאַטע־מאַמע, פאַרוואָס זאָלסטו ניט באַשטיין?

— איך האָב אים ניט ליב ר׳ לייזער. איך קען ניט אָפּמאַכן ביי זיך...

— ווידער די זעלבע רייד. מנע — האָט לייזער אַ ברום געטאָן — זי האָט אים ניט ליב, איז וואָס? וואָס קומט דיר דערפאַר?

גיטל האָט זיך צורעכט־געמאַכט דאָס היטעלע אויפן קאָפּ. אויף איר פּנים האָט אַ לייכטע רויטקייט אַ שפּיל געטון.

— ער וויל דוקא — האָט זי שטיל גערעדט — ער טרעט ניט אָפּ פון מיין טאַטן. ער טענהט, אַז ער וועט עס ניט איבערטראָגן, אויב איך וועל מיט אים ניט חתונה האָבן. ער זאָגט, אַז שולדיק אין דעם איז, וואָס איך האָב ערגעץ באַהאַלטן אַ נדן. איך האָב אָפּגעשפּאָרט פון מיין אַרבעט, איר ווייסט דאָך אַז איך בין אַ שניידערין. ער איז אפילו גרייט ביי מיר צונעמען די פּאָר גילדן. אַזוי אָרום, זאָגט ער, וועט דאָס צעפּיעשטשעטע בן־יחידל יאָסל, מיך ניט וועלן.

— איך זע דאָך שוין, וואָס עס טוט זיך — האָט לייזער געצויגן די רייד — וואָס איז דאָ שייך צו רעדן. פון מיין זייט, וועל איך קיינעם ניט זאָגן. איך מיין, אַז לייטן וויסן, אַ סוד איז עס, אַז האָסט ביי מיר ליגן אַ נדן? והשנית, אפשר ווייסט מען טאַקע ניט. וועגן אַנשלען ווידער, ווען פרעגסט מיך, למשל, אַן עצה, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאַרפסט מיט אים שטעלן אַ חופּה און אַראָפּ פון מאַרק, וואָס דאַרפסטו דיר פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט אַ יאָסל. יאָ נדן, ניט נדן?...

— ניין! — האָט גיטל געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ פעסטן באַשלוס — ער לויפט מיט אַנדערע מיידלעך אויך. איך וויל אים ניט קענען!

פּעסע האָט זיך צוגעהערט צום שמועס. זי האָט פרום צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געבן אַן הסכמה צו די רייד פון ביידע צדדים.

גיטל איז געשטאַנען מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט ביים טיש. איר אָוואַל, הנעוודיק פּנים איז געווען רויט. אויף איר שטערן האָט געפּערלט אַ דינער שוויס, אויף די ליפּן אירע — פּולע, זאַפּטיקע, האָט געררוט געבעט. די אויגן אַראָפּגעלאָזטע האָבן זיך געפּייכטיקט.

— זאָגט איר מיר צו, ר׳ לייזער? — האָט גיטל געפרעגט.

—וואָס איז דאָ שייך? מילא, אַז ווילסט דוקא, נו, אדרבא. דער קאָפּ איז מיר אַזוי פאַרדרייט, אַז איך וויים לגמרי ניט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר.

—אַ גרויס אומגליק האָט אונדז געטראָפן — האָט זיך פּעסע צעהעשעט — ווי ליגט אונדז גאָר דער קאָפּ צו דערציילן. גיי געזונטערהייט. קיינער וועט ניט וויסן און זאָלן מיר שוין הערן גוטע בשורות...

* * *

לייזער קראָנענבערגס הויז איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פון צוויי געסלעך. צו איין געסל איז געווען געווענדט לייזערס אייגענע קראָם מיט שניט־סחורות און צום צווייטן געסל — אַ פאַרדונגען שפּייז־געוועלב. דאָס ציגלנע הויז, האָט פאַרמאָגט עטלעכע גרויסע דירות, געווען באַדעקט מיט אַ שינדל־דאַך, געהאַט הינטער זיך אַ רחבותדיקן הויף, אַ שפּייכלער מיט עטלעכע קאַמערן. יעדן טאָג זיינען איצט צו לייזערן געקומען יידן מעקלער, שטילע און טומלדיקע, דאַרע, פאַרחושכטע, מיט פאַרשמאַכטע ליפּן, הונגעריקע אויגן, וואָס האָבן זשעדנע אויסגעקוקט אַ פאַרדינסטל און יידן מיט נגידישן אויסזען, ברייט־צעקעמטע בערד, איידעלע פינגער, וואָס האָבן בנעימותדיק צוגעטראָגן צו די ליפּן אַ דין שמעקעדיק סיגאַרעטל, און גביריש אונטערגעהוסטלט. מען האָט זיך אַרומגעדרייט איבער לייזערס שטובן, פריי, אַריינגעכאַפּט תורה־ווערטלעך, געהייסן דער באַלעבאָסטע דערלאַנגען גלעזלעך טיי, געבלעטערט לייזערס ספרים, געררויכערט פון זיין אָפענעם קעסטל טיטון, באַקוקט די ווענט, די דירות, דעם בוידעם, דעם קעלער, די קאַמערן, באַטאַפּט, געקלאַפּט אין די ווענט, געמאָסטן מיט פיס־טריט, געשאַצט, געזאָגט פרייזן, געדונגען זיך, אַרויסגעלאָפן, צוריק געקומען מיט מכלומערשטע מינעס, ווי די זאַך וואָלט ניט געווען אַזוי וויכטיק.

זישע מעקלער, אַ ייד אַ פלינקער, אַ נערוועאישער, מיט אַ מויל ווי אויף רעדער, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל ניט אָפּ, האָט שטענדיק גרייט אין רעזערוו: אַ מילתא־בדיחותא, אַ שטיק גמרא מיט מפרשים, פּסוקים תנ״ך, גלייך־ווערטלעך און סתם זאָגעכצן פון גוטע יידן, האָט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אָנגעשטעלט אויף לייזערס פּנים און איינגעטענהט:

— איר מיינט דאָך מן־הסתם, ר׳ לייזער, אז מען וויל אייך צובינדן דעם קאָפּ, זוויל איר מוזט תיכּף פאַרקויפן דאָס הויז. זאָג איך אייך לאָ מיט אַן אַלף. קיינער וויל אייך קיין עוולה ניט טאָן, אדרבא ואדרבא, שמואל מילנער גיט אייך אַזאַ פּרייז, איז עס בכי טוב, איז עס גוט באַצאָלט. נעמט די מזומנים, ר׳ לייזער, און זאָל זיין הא גברא והא טראַסקאָ, ווי אין פּסוק שטייט, אָפּגעמאַכט אַ געשעפט הייסט עס און ואיננו!...

דער הויכער פּיוול, אַ בכבודיקער מעקלער פון הייזער, פעלדער, וועלדער, אַזעלכער, וואָס האָט נאָר צו טון מיט פּריצים און שׂרים, מיט לייט פון די הויכע פענצטער, גייט צו מיט געמיטלעכע טריט און הייבט אָן מיט בנעימותדיקע רייד:

— לעולם, וויפיל מען זאָל אייך ניט אָנביטן פאַר אייער נחלה, ר׳ לייזער, וועט אַלץ ניט זיין גענוג, ווייל שטאָט און קהל ווייסן, וואָס עס טרייבט אייך צו פאַרקויפן דאָס הויז. מען ווייסט זייער גוט, אַז פון דער גנבה איז ניטאָ קיין שפור, עס איז אין קול ואין עונה, און איר מוזט נעבעך יעדן אָפּגעבן, דאָס זייניקע. ניט פאַר תענוג ווענן פאַרקויפט איר אייער נחלה. איר מוזט אָבער האָבן אַ שטיקל איינזען אויך. מען האָט געשאַצט און ווידער געשאַצט, מען זאָגט אייך צו אַזאַ און אַזאַ פּרייז, איז על־פּי־שׂכל, דאַרפט איר מסכים זיין און זאָגן יאָ!

דערהערט אַזעלכע בנעימותדיקע ווערטער פון אַזאַ בכבודיקן מעקלער, ווי דער הויכער פּיוול, איז תיכּף אונטערגעשפּרונגען אַ קליין דאַר מעקלערל און מיט אַ קוויטשיק שטימעלע גענומען שרייען:

— שאַט, שאַט יידן! וואָס איז דאָס געאייל? מ׳עט נאָך זען. דער חלף ליגט טאַקע ר׳ לייזערן אויפן האַלדז, אָבער מען שחט נאָך ניט. מען קוילעט נאָך ניט, רבותי! לאָזט די זאַך איבער צו ר׳ לייזערן אַליין. איך פון מיין זייט בין גרייט צו גיין מיט מיין קונה אַזוי ווייט, אַז דער מסחר זאָל געשלאָסן ווערן און ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן.

לייזער האָט געשוויגן. דער קאָפּ איז אים פול געווען מיט טרויעריקע מחשבות. ער האָט געזעסן באַשיינפּערלעך, ווי אַ טאַט, — און ער ווערט אַ בליטיקער אָרעמאַן. עס וועט אים מער ניט בלייבן ווי נעמען אַ שטעקן און זיך לאָזן איבער דער מדינה. עס האָט אים ווי געטון, וואָס ער ווערט איצט כסדר געשטערט, קען ניט לערנען אַ בלאַט גמרא, קען אפילו אין אַ ספר ניט אריינקוקן. דאָס ווייב פּייניקט אים, אַז מען זאָל נאָך וואַרטן מיטן פאַרקויפן די נחלה, די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעטרויט זייערע לעצטע גראָשנס קומען יעדן טאָג צוגיין, שטעלן זיך אים אַוועק פּנים אל־פּנים, רעדן ניט קיין וואָרט נאָר שווייגן. זיי מאָנען מיט טרויעריקע, שטומע בליקן, זייער שווייגן צערייסט אים דאָס האַרץ. אָבער וואָס איז ער, לייזער קראָנענבערג שולדיק, אַז עס האָט זיך אויף אים אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן? ער האָט דאָך ניט געטראַכט אפילו פון צונעמען אַ פאָדים. ער איז געווען דער היטער פון פרעמדע

פּאַרמעננס, נעטאָן יידן טובות, זיי זאָלן קענען באַהאַלטן אַן אָפּגעשפּאַרטן גראָשן. איצטער קען ער מער ניט אויסהאַלטן, די מעקלער גריזשען אים דאָס לייב מיט זייערע פלינקע, בייסיקע און זיסע רייד...

— איר מוזט וויסן, ר׳ לייזער — האָט אַן אַנדער מעקלער פּאַמעלעך געציילט רייד אין לייזערס שווערע געדאַנקען אַריין — אַז דער פונדאַמענט פון אייער הויז איז שוין אַ קאַפּיטשקע... עך, עך, ווי זאָל איך דאָס אָנרופן? איך ווייס? עס איז דאָך פּאַרט ניט קיין ניי הויז. דער פונדאַמענט איז שוין אַ קאַפּיטשקע אונטער־געפוילט. די ווענט פון די אויבערשטע דורות זיינען פייכט, מיט ווילגאַטש, דער קאַלך פון די סופיטן קרישלט זיך, גרייט צום שפּאַלטן. די פענצטער האַלטן זיך קוים. ביז וויפיל, אַ שטייגער, קען מען גיין מיטן פּרייז? מיר ווילן דורכפירן דאָס געשעפט און זאָל זיין מיט מזל!

לייזער קראַנענבערג האָט שוין מער ניט געקענט אויסהערן די רייד פון די מעקלערס, זייער גיריקייט צו כאַפּן אַ ביינדל פון טיש, אַ פּאַרדינסטל. עס האָט אים געשטאָכן ווי מיט נאָדלען, דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן בלייך, די אויגן איבערגע־לאָפן מיט טרויער און זיין קול האָט אונטערגעציטערט:

— ווי איך זע, יידן, וועל איך מוזן איינגיין אויפן מסחר. פּאַרפּאַלן. ניטאָ קיין אַנדער ברירה. איך גלויב, אַז מירן אם־ירצה־השם מאָרגן שרייבן דעם קאָנטראַקט און פאַרקויפן דאָס הויז...

* * *

שפּעטלעך אין אָוונט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון לייזערס דירה. פּעסע איז צוגעגאַנגען עפענען, געזען שטיין אַנשל דעם קאַוואַל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געהאַלטן אַ פּעקעלע אין האַנט.

— איך האָב געוואָלט זען ר׳ לייזערן — האָט אַנשל געזאָגט מיט אַ גע־דעמפטן קול.

— אַזוי שפּעט? לייזער פּילט עפּעס ניט מיט אַלעמען. ער איז מיד. אפשר קען איך אים זאָגן, וואָס דו פּאַרלאַנגסט, אָדער וועסט זיך אפשר אַריינכאַפּן מאָרגן.

— איך... איך מוז אים היינט זען. איצט!

לייזער איז געלעגן אין בעט, ווען ער האָט דערזען אַנשלען, איז אים אין דער ערשטער רגע אַריין אַ בייזע מחשבה אין מח. באַלד האָט ער אַ דערשראָקענער פּאַר זיינע אייגענע געדאַנקען, די בייזע מחשבה אָפּגעשטופּט.

— גוט נ׳אָוונט, ר׳ לייזער! — האָט אַנשל אַרויסגעברומט.

לייזער האָט שטיל געענטפערט אויף דער באַגריסונג. אָנגעקוקט דעם יונג, וואָס איז פּאַר אים געשטאַנען אַ הויכער, אַ פעסט־געבויטער מיט אַ פּנים, ווי געגאָסן

פון בראַנז. דער יונג האָט שווער געאָטעמט, געווען רויט, די נאָז־לעכער האָבן זיך ביי אים געהויבן. מען האָט געקענט זען, אַז אינעווייניק אין זיין לייב קומט פאָר אַ שווערער קאַמף, איידער ער גייט אַרויסזאָגן צוליב וואָס ער איז געקומען מיט דעם וויזיט.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, אַנשל? דאַרפסט עפּעס פון מיר? — האָט לייזער געפרעגט און אויפגעזעצט זיך אין בעט.

— איך... ר' לייזער... איך האָב אָפּגעבראַכט די גנבה איך... איך בין דאָס געווען דער, וואָס...

פעסע האָט אַ געשריי געטון:

— ווי איז מיר! יידן, ראַטעוועט! איך חלש!

מער האָט זי ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט. שווער אַראָפּגעזעצט זיך אויף אַ שטול, קוקנדיק שטאַר אויף אַלעם אַרום.

לייזער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, געטון אַ הייזעריקן קוויטש:

— וואַסער!

דער יונג האָט זיך אַריינגעריסן אין קיך, געבראַכט אַן עמער וואַסער. לייזער איז אַראָפּ פון בעט, אַריינגעשטעקט די הענט אינעם עמער, אָנגענומען וואַסער אין די פלאַכן און באַגאָסן פעסעס פנים, דערביי זי געוועקט:

— פעסע! פעסע!

זי איז געקומען צו זיך. לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, אָנגעקוקט אַנשלען, ווי ער וואָלט אים ערשט איצט דערזען:

— וואָסט האָסטו געזאָגט, אַנשל?

— ר' לייזער, זייט מיר מוחל. איך האָב ניט געגנבעט ביי אייך צוליב גנבה. איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן אַזאַ זאַך ניט געטאָן. איר קענט דאָך מיך, איר קענט מיין טאַטן. איך דאַרף ניט קיין פרעמדע געלטער. איך האָב אַלץ צוריק־געבראַכט, אָט איז דאָס געלט, צירונג, פאַפּירן, נאַט, זעט!

אַנשל האָט אויפן טיש אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל, וואָס איז געווען פאַרבונדן אין אַ טיכל און געעפנט.

פעסע האָט זיך אָפּגעווישט דאָס נאַסע פנים מיטן פאַרטוך. זי איז שנעל צו צום טיש, אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן פּעקל, ווי זי וואָלט מורא געהאַט מען זאָל עס אויפסניי ביי איר ניט צורויבן. לייזער איז אויך צו צום טיש.

— וואָס הייסט, האָסט אָפּגעטון אַזאַ עבירה... פרעמדע געלטער צוגענומען. אויפגעבראָכן אַ קאַסע. רחמנא ליצלן!

— איך האָב ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, ר' לייזער — האָט אַנשל געזאָגט אַ פאַרשעמטער — אַ משוגעת האָט מיך אָנגעכאַפּט. איך האָב, אייגנט־לעך, געוואָלט ווייזן אויב גיטל, שמחה גאַרבערס טאָכטער, האָט ליגן ביי אייך אַ

נדן. איך האָב אפילו געטראַכט פון צונעמען בלויז איר נדן, ניט אָנרירן קיין אַנ־דערנס פּרוטה. איך האָב זיך אָבער ניט געקענט קיין עצה געבן, האָב איך צוגענומען אַלץ. איך האָב אויך געפונען אַ פּאַפּיר מיט נעמען פון מענטשן, וואָס האָבן ביי אייך געלט מיט צירונג. אויך גיטלס נאָמען איז דאָ... איר פאַרשטייט, זי האָט אַ נדן. זי האָט געלט, צוליב דעם וויל זי מיך ניט...

— ווי נעמט מען און מען טוט אַזאַ זאַך. אַ גנבה? — האָט לייזער געפרעגט — גיטל? וואָס האָט דאָס צו טון איינס מיטן אַנדערן? האָסט אויף מיין הויז געבראַכט אַן אומגליק. איך און מיין ווייב זיינען שוין אויס מענטשן זינט די גנבה איז געשען. ניט מען עסט, ניט מען שלאָפט, דאָס ביסל חיות גייט פון אונז אויס. היינט די מענטשן, וואָס האָבן ביי מיר ליגן זייערע בלוטיק אָפּגע־שפּאָרטע פּאָר גילדן, זיי האַלטן דאָך פּשוט ניט אויס. וואָס האָסטו אַזוי לאַנג גע־שוויגן, אויב דו האָסט ניט געמיינט צו גנבענען? פאַרוואָס האָסטו געטון אַזאַ זאַך? און וואָס איז דאָ גיטל שולדיק?

— גיטל, שמחה גאַרבערס טאָכטער, איז אַזוי גוט ווי מיין כלה. איך וויל מיט איר חתונה האָבן. איך האָב זי ליב, אָבער זי וויל ניט. זי רעדט זיך איין. איך פאַרשטיי פאַרוואָס. זי האָט ביי אייך ליגן געלט, וועט זי קריגן אַ בעסערן מאַן ווי איך. וואָס דאַרף זי אַ קאַוואַל, מיט פאַרהאַרטעוועטע הענט, אַן איינגעשמירט פּנים מיט סאַזשע, אייל, אַז זי קען האָבן אַן איידל בן־יחידל, אַ וויין־סוחרל...

— פאַרוואָס האָסטו אַזוי לאַנג געשוויגן? האָסט דאָך עובר געווען ניט בלויז אויף לא־תגנוב, נאָר אויך אויף לא־תרצח!...

— איך ווייס, אַז איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע זינד. איך האָב זיך די גאַנצע צייט געשעמט מודה צו זיין. היינט האָב איך געהערט, אַז איר גייט פאַרקויפן דאָס הויז, בין איך געקומען און אַלץ אָפּגעבראַכט. איר קענט מיט מיר טאָן, וואָס איר ווילט!

— ביסט דאָך אין אַ סכנה — האָט לייזער שטיל געזאָגט און געפילט, אַז דער יונג דערציילט דעם אמת — אַזאַ זאַך! דער עולם וועט זיך דערוויסן, וואָס האָסט אָפּגעטאָן, וועלן זיי אַלע פאַרלאַנגען, אַז איך זאָל דיך איבערגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי, מען זאָל דיר דיין רעכט טון. וועסט צו קיינעם ניט קענען האָבן קיין טענות, וואָס הייסט מען ברעכט אויף ביי יענעם אין שטוב אַן אייזערנע קאַסע? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן?

— מיר איז אַלץ איינס. אויב איך קען ניט חתונה האָבן מיט גיטלען, אַרט מיך ניט וואָס עס וועט מיט מיר זיין.

פּעסע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן די הענט אויפן פּאַרמעגן. לייזער האָט זיך אַ פאַרטראַכטער געדרייט הין און צוריק איבער דער שטוב. ער האָט איינגעזען אַז די סיטרא־אחרא שלעפּט אַראָפּ דעם יונג אין תהום אריין. צוליב, ווי רופן זיי עס?

ליבע, איז ער, אנשל, השם־ישמרנו, באגאנגען א גנבה. איצטער פרעסט אים די חרטה. הייסט עס, אז ער איז בכח נאך גובר צו זיין די זינד און ווערן א בעל־תשובה.

— זאג מיר, איך בעט דיך, אנשל, — האט לייזער ווייטער געטענהט און דער הרחבת־הדעת, וואס האט זיך פון אים געהאט אפגעטאן, זינט די גנבה איז געשען, האט זיך צו אים אומגעקערט, — זאג מיר, אז האסט דוקא געוואלט וויסן אויב גיטל האט ליגן ביי מיר א נדן, פארוואס ביסטו ניט געקומען מיך פרעגן, נאר גע־גאנגען און אויפגעבראכן א קאסע? אזוי לייכט גייט עס ביי דיר. עס איז דאך אן אייזערנע קאסע, איינע אין שטאט.

— עס איז מיר שווער געווען אייך צו פרעגן אזא זאך. ערשטנס, האב איך זיך געשעמט. צווייטנס, האב איך מורא געהאט, אז גיטל זאל זיך ניט דערוויסן, האב איך דעריבער באשלאסן אריינצוכאפן זיך צו אייך, ווען איר זענט ביי שחרית, פעסע איז אין קראם, אויפברעכן דאס טירל און זען. עס איז מיר גאנץ לייכט אנ־געקומען. איך האב מכשירים, איינס און צוויי אויפגעבראכן און די זאך איז פארטיק.

— פונוואנען האסטו מכשירים?

— פון דער קוזשניע, ר' לייזער. א שליסל, א האמער און פארטיק. איך וואלט אייך געראטן פון היינט אן און ווייטער צו האלטן דאס פארמעגן אין א זיכערער ארט.

— המ... — האט לייזער א ברום געטאן — מילא, דאס איז א באזונדערער ענין. איך זע טאקע מען קען זיך ניט פארהיטן היינטיקע צייטן אפילו מיט אן אייזערנער־קאסע. אט צוליב עפעס א ליבע, אז אנדער אנשיקעניש און מען קען חלילה־וחס אומגליקלעך מאכן אן עדה יידן. מילא. וואס טוט מען אבער מיט דיר?

— איך קען אייך גארניט עצהנען, ר' לייזער. איר זענט א קלוגער ייד. איך גיב זיך איבער אין אייערע הענט!

לייזער האט מיט די פינגער פון זיין רעכטער האנט געצערטלט די שפיצן בארד. פעסע האט, האלטנדיק די הענט איבער דעם פארמעגן, געשעפטשעט א שטילע תחינה ,וואס מען זאגט צו פארטרייבן שדים, גזלנים, רויבער און ניט־גוטע. נאך א וויילינקע שווייגן, האט לייזער גענומען רעדן מיט ישוב־הדעת:

— הער אוים, אנשל. לעולם האסטו אפגעטאן א מיאוסע זאך, רחמנא־ליצלן. אז מען זאל וועלן אריינטראכטן אין דער מעשה, און זייער, איך מיין די גוייםס געזעץ, זייער גערעכטיקייט זאלן זיך פון דעם דערוויסן, וועסטו קיין האניק ניט לעקן, מען וועט דיך אריינווארפן אין א תפיסה ,אז זאלסט יארן־לאנג ניט זען די ליכטיקע שיין. איך זע אבער איין, וואס עס האט דיך געטריבן צו אזא עבירה, יא, איך זע דאך בפירוש. און דער עיקר ביסט געווארן א בעל־תשובה, וואס עס איז א הויכע מדרגה, ווייל ניט יעדער איז אומשטאנד צו דערגיין צו אזא מדרגה, צו וועלכער דו ביסט דערגאנגען. דו מיינסט, אז יעדער קען דאס? וויפיל טויזנטער מענטשן, וואלטן זיך געווינטשן צו האבן אין זייערע הענט אזא פארמעגן. זיי וואלטן אפילו

ניט געחלומט פון אָפּגעבן. זיי וואָלטן עס גאַנץ שיין באַהאַלטן, און אַ האָן וואָלט קיין קריי ניט געטאָן. דו האָסט מיט גוטן ווילן אַלץ אָפּגעגעבן, דעריבער גיי אַהיים געזונטערהייט. איך וועל מאָרגן אם־ירצה־השם לאָזן אַלעמען וויסן, אַז מען האָט מיר די גנבה אונטערגעוואָרפן. פאַרשטייסט? אונטערגעוואָרפן. איך וועל אַלע־מען אָפּגעבן דאָס זייניקע.

— און גיטלען? — האָט אַנשל אַן אומרואיקער געפרעגט.

— גיטלען וועל איך אָפּגעבן אירע עטלעכע הונדערט גילדן, בתנאי זי זאָל ביי מיר מער ניט אַריינלייגן איר נדן. פון היינט אָן וועל איך זיין השמר־והזהר מיט אַזעלכע זאַכן, ווייל וואָס טו איך, אַז מאָרגן קומט אַן אַנדער און טוט אָפּ אַזאַ שטיקל אַרבעט, ווי דו האָסט אָפּגעטאָן? אַז איך קען זיך שוין ניט פאַרלאָזן אויף אַן אייזערנער קאַסע, איינע אין שטאָט, איז דאָך שוין עק וועלט! איין זאַך זאָג איך דיר צו, אַנשל, בשעת איך וועל גיטלען איבערגעבן דעם נדן, וועל איך איר זאָגן, אַז ביסט טאַקע אַ שמיד, אָבער פאַרמאָגסט אַ גוט האַרץ און אַ נשמה פון אַ גוטן יידן...

— וועט זי דאָך פאַרשטיין — האָט אַנשל האַסטיק איבערגעריסן לייזערס רייד — אַז, אַז... איך מיין — — — איך וויל דאָך דאָס ניט. איך האָב זי דאָך ליב!

— וואָס איז שייך צו זאָגן פאַרשטיין. איך וועל איר זאָגן בלשון סגי־נהור, אַז דו האָסט גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס מען האָט די גנבה אונטערגעוואָרפן, דו האָסט זיך דערוואוסט, ווער עס האָט געגנבעט, געצוואונגען דעם גנב אַלץ אָפּצו־געבן, צוזאָגנדיק אים, אַז וועסט ניט לאָזן וויסן דאָס געזעץ פון דער גאַנצער מעשה, אַזוי אַרום האָסטו געראַטעוועט צענדליקער משפּחות פון אָרעמקייט. דאָס איז אַ גרויסער זכות פאַר דיר.

— וועט זי גלייבן?

— זי וועט דאָך אייַנזען, אַז איך האָב ביי קיינעם ניט צוגענומען אפילו די ווערט פון אַ פּרוטה, וועט זי גלייבן. מיטן איבעריקן, אַנשל, וואָס דו זאָגסט — ליבע. איך מיין — — — דאָס זעסטו ווייס איך ניט.

— איי, ר׳ לייזער, ווען איך קען ביי איר פּועלן!

— אַלץ איז מן השמים...

דער יונג האָט אויפגעשטעלט דעם קאַלנער פון זיין קורטקע, געוואָרפן אַ בליק אויף פּעסען, ווי זי איז געזעסן ביים טיש און געהיטן דאָס געלט מיטן צירונג. ער האָט שטיל אַ ברום געטאָן „אַ גוטע נאַכט“, אַ פאַרשעמטער, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער זיך געלאָזן צו דער טיר.

לייזער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און נאָכגעשריגן:

— וואַרט, אַנשל! איך האָב דאָך גאָר פאַרגעסן!

דער יונג איז געבליבן שטיין.

— איך האָב דאָך גאָר פאַרגעסן — האָט לייזער געשמייכלט — אַז האָסט געקענט אַזוי לייכט אויפברעכן אַ קאַסע, קענסטו דאָך אויך פאַררעכטן. איך קען דאָך ניט לאָזן די קאַסע אַזוי אָפן. האָסט דאָך מכשירים, זאָגסטו!

— יאָ. איך האָב ניט מיט זיך די מכשירים.

— כאַפּ זיך אַריין מאָרגן, למען־השם!

— גוט!

דער יונג איז אַרויס. לייזער איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דאָס געלט מיטן צירונג, פאַרבונדן אין טיכל און עס אַרונטערגעלייגט אונטערן קישן פון בעט, דערביי האָט ער אַ קרעכץ געטון, געזאָגט צו פעסען:

— השבת־גנבה מיינסטו איז אַ קליינע מדרגה? וואָס, אַ שטייגער, וואָלסטו אים געטאָן, ווען ער מאַכט זיך ניט וויסן, נעמט צו דאָס גאַנצע פאַרמעגן און פטור? זעסט דאָך ווער ער איז, אַז צוליב אַ ליבע, רחמנא־ליצלן, איז ער געגאַנגען אין עדה יידן אומגליקלעך מאַכן. היינט, אַז ער האָט אַלץ צוריקגעבראַכט, זאָג איך דיר, אַז ער איז אַ צדיק און הלוואי בין איך זוכה צו טאָן אַזאַ מצוה...

דער געשלאָגענער

א

פּאַרטאָגס.

מסעוד דער פּאַרבער האָט אויפגעריסן די מידע אויגן פון שלאָף, און אַ ווײַלע זיך אײַנגעקוקט אין דער גרויליקער בלויקייט, וואָס האָט אינעם דרויסן געהויערט איבער דעם קליינעם פענסטער פון זײַן ענגער דירה. ער איז אַראָפּ פון געלעגער, געוואַשן די הענט, דאָס פּנים און געזעצט זיך צום טיש לערנען די פּרשה פון דער וואָך.

אַ חומש מיט פאַרגעלטע בלעטער איז געלעגן אָפן. מסעוד האָט אונטערגעלייגט די פּיס אונטערן דיך און מיט האַלדז־טענער געציקלטע, קרעכצנדיקע, האָט ער אונטערגעזונגען:

„ויהי בשלח פרעה את העם ולא נחם אלהים פּן ינחם העם...

מסעוד האָט זיך געשאָקלט אינעם פלעמלדיקן ליכט פונעם נאַפט־לעמפּל אויפן טיש. זײַן שאָטן האָט מיט ווילדע העוויות געטאַנצט איבער דער וואַנט. ער האָט ניט געקענט צונויפנעמען די מחשבות, זאָגן די פּרשה, ווי ער טוט עס יעדן פרייטיק פרימאָרגן. צו זײַנע אויערן האָט דערגרייכט דאָס צעצויגענע געזאַנג פונעם מעאודזין (אַראַבישן שמש), וואָס האָט פונעם טורעמל פון דעם שטעטלשן מעטשעט זיך געווענדעט אין דער בלויליקער פרימאָרגן־שעה צו אַלע פיר זײַטן פון דער וועלט, כּדי דער ווינט זאָל צעטראָגן זײַן רוף צו אַלע גלויביקע, זיי זאָלן זיך פעדערן צו דער ערשטער תּפילה. מסעודן אַרט קיינמאָל ניט דאָס געזאַנג פונעם פאַרשלאָפענעם שמש, היינט האָט עס זיך אַרײַנגעריסן אין זײַנע געדאַנקען, צעטומלט זײַן לערנען.

ער האָט זיך אומגעקוקט איבער דער שטוב: אויף נידעריקע מאַטן, צעוואָר־

פענע איבערן דיל, איז געלעגן אין טיפן, מידן שלאָף זיין ווייב ברכה מיט א מחנה יינגלעך און מיידלעך — אין א קנויל פון הענט און פיס. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער שלאָפנדיקער טאָכטער נעמי. מסעוד האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין איר פּנים, געקרעכצט, זיך אויפגעהויבן פונעם געזעס, אוועק צום טיש, צוריק־געקומען, גענומען בלעטערן דעם חומש, ארויסגעצויגן פון דאָרט א בריוו און געלייענט:

„צו דעם תּלמיד־חכם און בעל־הבית מסעוד בן־גבר פון דער שטאָט באַרקאַז.

„איך האָב די זכיה צו זיין דיין אַלטער פריינט. מיט יאָרן צוריק בין איך געווען אין דער שטאָט באַרקאַז, האָב איך איבערגעטראָגן די שוועל פון דיין הויז, געזען דיין הויזגעזינט. לויט מיין זכרון דאַרף ביי דיר זיין א דערוואַקסן מיידל, ראוי חתונה צו האָבן און ברענגען א דור אויף דער וועלט. מיר איז אויך באַקאַנט דיין אָרעמער מצב. דעריבער נעם איך מיר די דערלויבעניש דיר לאָזן וויסן ,אז אין די נאָענטסטע טעג, וועט פאַרלאָזן אונדזער שטעטל סוס, א זון פון מיינס א ידיד, א סוחר פון פּירות, בשמים, טעפּיכער. דער זון לאָזט זיך אין מרחקים לערנען. איך האָב אים געהייסן זיין אין באַרקאַז באַזוכן דיין הויז, איבערגעבן אונדזערע ברכות. דאַרפסט אים מקרב זיין און אפשר וועט ער אין דיין הויז געפינען דעם ריכטיקן זיווג.

דיין אונטערטעניקער

יוסף מוֹיינה"

דאָס בלעטל פּאַפּיר האָט געציטערט צווישן די פינגער פון דעם אָרעמען פאַר־בער. א פרייד האָט אין אים געלויטערט און א צער האָט אים געפייניקט — א פרייד וואָס עמיץ האָט זיך ערגעצוו אין אים דערמאָנט: וויל ווער איז ער דאָס אינגאַנצן מסעוד בן־גבר? אַן אָרעמער ייד, א פאַרהאָרעוועטער, וואָס זיין גאַנצע בקיאות באַשטייט אין לערנען פּסוקים פון חומש, וואָס ער פאַרשטייט קוים.

ער איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע אייגענע מחשבות, אַז ער האָט ניט געהערט, ווי זיין ברכה, האָט זיך אויפגעהויבן פון געלעגער, אַן איינגעבויגענע גע־פאַרעט זיך ביי א טאָפּ קוילן, מיט אַלע כוחות געבלאָזן, כדי ארויסצוקריגן פייער, און אויפקאָכן וואַרעם וואַסער פאַר פרישטיק. איר דאַר געשטאַלט געהילט אין א צעקנייטשט, פאַרבלאַז קלייד ,מיט א טיכל אויפן קאָפּ, האָט זיך געבויגן אין דרייען. פון פייער־טאָפּ איז אויפגעגאַנגען א רויך.

— מסעוד, וואָס זיצסטו א פאַרטראַכטער? — האָט ברכה, פאַרהוסטנדיק זיך געפרעגט — עס איז דאָך היינט פרייטיק. מען מוז צוגרייטן פאַרן מאַרק די געוואַנדן,

די טיכער. זיצסט און טראַכסט. אין שטוב איז ניטאָ קיין ברויט צו דער זעט, ניטאָ קיין טראָפּן טיי.

— אַט שוין, איך נעם זיך שוין צו דער אַרבעט, אַט די רגע!

ער האָט באַהאַלטן דעם בריוו, פאַרמאַכט דאָס חומשל, אַרויס פון שטוב, אַריין אין אַ שכנותדיקער קאַמער, אין דער פאַרבעריי, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי גרויסע טעפּ און עטלעכע געפעס צום וואַשן געוואַנדן. פון אַלע האָבן זיך געטראָגן דעמפּיקע ריחות און דער עלנט פון אַן אָרעמען בעל־מלאכה האָט אַרויס־געשריגן פון יעדן ווינקל.

ב

די פאַרטאָגיקע בלויקייט איז פאַרשוווּנדן, עס האָט זיך אַרויסגעשיילט דער טאָג, זיך צעלייגט איבערן שטעטל באַרקאַז. פון אַלע קרום־געדרייטע געסלעך, פון אַלט־חרובע הייזער, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן צעקנאָדערטע געשטאַלטן, געהילטע אין צעריסענע, קויטיקע אַבאַיעס. אויף זייערע קעפּ האָבן זיך געטורעמט ווייסלעכע טור־באַנען. די באָרוועסע פיס, אין צעריסענע לאַפּטשעס, האָבן זיך געאיילט צו די אָפענע טירן פון מעטשעט אַריינצוכאַפּן דאָס פרימאָרגן־געבעט. דאָ און דאָרטן האָבן מענער און פרויען געאיילט צו דער אַרבעט. אַט האָט אַן אַראַבער געשפּאַנט אַ מאָגער אייזעלע, אָנגעלאָדן דערויף זעק מיט קויבערס, זיך געלאָזן אין וועג אַריין מסחרן. אַן אַנדערער האָט ביי אַ ברונעם אָנגעפילט זיינע צוויי לאָגלען מיט וואַסער, פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, און מיט אַ מאָנאָטאָנעם ניגון, גענומען אויסזינגען זיין פרישע סחורה. אַ קעמל־טרייבער האָט אַ פאַרשלאָפענער זיך געוויגט אויף אַ האָרב פון אַ קעמל, וואָס האָט געשטעלט מאַיעסטעטישע טריט, געדרייט זיך אַריין און אַרויס אין די געסלעך צום אָפענעם פעלד.

פון אַ ווינקל געסל איז אַרויסגעקומען דער שמיד יעקב גאַבוז ,אויף זיינע האַלב־געבויגענע פּלייצעס, האָט זיך געוויגט אַ שטיק אייזן. ער האָט זיך געאיילט אין דער שמידעריי, פאַרדינען אויף אַ טאָג חיונה און אפשר, אויב גאָט וועט צו אים גוט זיין, אויך עפּעס אויף שבת.

חיים זאַכארי, דער שניידער, מיט אַ שטיק געוואַנט פאַרוואָרפן אויף די פּליי־צעס, איז שווערלעך אַרויף די עטלעכע טרעפּ פון זיין קליינטשיקן וואַרשטאַט. ער איז אַריין אין אַ פּיצל שטיבל, פאַרלייגט די פיס הינטער זיך, גענומען נייען אַ בגד פאַר אַן אַראַבישן באַלעבאָס, אונטערברומענדיק אַ צעצויגן־ניגונדל.

הלל דער פישער האָט געטראָגן צוויי עמערס אָנגעפילט מיט וואַסער און מיט צאַפּלדיקע קליינע פישלעך; הינטער אים האָט געשפּאַנט זיין ווייב, אַ צעוואַקסענע

יידענע, מיט אַ פּראַנדזן־טוך פאַרבונדן דעם קאָפּ, פוןביידע הענט האָט ביי איר אַראָפּגעשווענקט אַ שאַף מיט וואַסער, ווו עס האָבן זיך געוואָרפן לעבעדיקע פיש. ביידע האָבן געאײַלט אין מאַרק אַריין. הללס אויגן שוואַרצע, פריילעכע, האָבן גע־קוקט אין אַלע זײַטן ניט דורכצולאָזן אַ גוט־מאָרגן צו אַ קונה, און ניט פאַרפעלן צו־וואַרפן אַ פריילעכע באַגריסונג אַ שיין יידיש ווייבל.

דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. אין מאַרק איז שוין אויף די העכסטע קולות אָנגעגאַנגען אַ האַנדל. אַראַבער אין ווייסן געהילט, האָבן זיך אַרומגעדרייט מיט צעהיצטע אויגן, באַטאַפּט די סחורות, געדונגען זיך איבערן פּרייז, און גאַרניט געקויפט. אַן אַראַבער מיט אַ גרויער באָרד, האָט אויף אַ הילצערן אינסטרומענטל באַגלייט אַן אומעטיקע מעלאָדיע. ביי זיין זייט האָבן צוויי שעפּסן מעלה־גרהט. אַן אַראַבישער סופר איז געזעסן אויף דער ערד, צווישן די קני געהאַלטן אַ קליין בענ־קעלע, מיט אַ געגנדזענער פעדער געשריבן בריוו און אַדרעסן פאַר אַ צענדליק ווייבער. יידן האָבן אויסגעשריען זייערע סחורות, געלויבט די פירות, וואָס האָבן אונטער־געפוילט אויף דער זון, גערימט די פיש, וואָס איבער זיי האָבן געראַיעט טשאַטעס פליגן, גערופן קויפן מאַנדלען, טייטלען, סאַנדאַלן, איילן, פאַרפומען, אַלץ וואָס אַ מענטש קען זיך דערלויבן צו געניסן.

מסעוד דער פאַרבער האָט אויף אַ הינקענדיקן אייזל אָנגעלאָדן קויבערס מיט געפאַרבטע שמאַטעס וואָל פאָדעם. ער האָט געשפּרייזט ביי איין זייט פונעם אייזל, דאָס ווייב ביי דער צווייטער. זיי זיינען אַרויס אין מאַרק.

מאַן און ווייב האָבן אויסגעשריען:

— גרויע געוואַנדן פאַר אַבאַיעס, וואָס עפענדים מעגן טראָגן! רויטע, גרינע, געלע וואָל־פאָדעם צו שפּינען קאָפּ־טיכער פאַר די שענסטע ווייבער פון באַרקאַז! בלויע געוואַנדן אויפצוצייען פלודערן, לכבוד ראַמאַדאַן!

מסעוד האָט זיך ניט צוגעהערט צו די אייגענע רייד, וואָס זיינען אַרויס פון זיין מויל. דער קאָפּ איז אים געווען פאַרדרייט. ער האָט געטראַכט וועגן זיין אומ־גליקלעכער טאָכטער, וועגן דעם בריוו, ווו מען לאָזט אים וויסן, אַז אפשר וועט זיך פאַר איר באַווייזן דער ריכטיקער באַשערטער. אפשר וועט זיך נאָך דער אורח באַ־ווייזן פאַר קבלת שבת? ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרטיק ווערן מיטן פדיון, וועט ער זיך אַריבערכאַפּן צום אוהל פון די צדיקים בעטן גאָט, אַז נעמי זאָל געפינען חן אין די אויגן פונעם אורח, זי זאָל אים געפעלן ווערן. אפשר, ווער ווייסט...

ברכה האָט אים געשטערט די געדאַנקען:

— וואָס איז דיר היינט, מסעוד? דער קאָפּ דיינער איז דאָך ערגעץ אין די מרחקים. אָט־אָט און דער שבת נידערט אַראָפּ, און מיר האָבן נאָך ניט גענוג

מטבעות אויף ברויט צו דער זעט, אויף פיש, טיי. מען מוז קויפן העמדלעך פאַר די קינדער.

— וואָס זאָל איך טון? — האָבן מסעודס אויגן און הענט זיך געוואָנדן צום הימל — איך שריי, אָבער די קונים באַווייזן זיך ניט. באַלד וועט אַרויסקומען נעמי מיט ניסימען, וועלן צוהעלפן, אפשר.

ברכה האָט אָפּגעזיפצט, פאַרצויגן איר טיכל איבערן קאָפּ. מיט פאַרצווייפלונג אין קול האָט זי געזאָגט:

— נעמי איז היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ געוויין, געקלאָגט, אַז זי האָט מורא, זיך געריסן די האָר פונעם קאָפּ. מסעוד, וואָס וועט זיין מיט אונדזער טאָכטער? זי איז שוין אין די יאָרן!

— זי איז שוין איבער זיבעצן יאָר אַלט, נעמי — האָט מסעוד געקרעכצט — וועט ניט דאָס אומגליק, וואָלט זי שוין זיכער געווען פאַרקנסט. אפשר וועט גאָט אויף אונדז ענדלעך רחמנות האָבן...

— פאַרוואָס עפּעס מיינסטו, אַז גאָט וועט פּלוצלינג אויף אונדז רחמנות האָבן, הערן אונדזער געבעט? — האָט ברכה מיט ביטערניש געפרעגט.

מסעוד האָט זיך געקראַצט אינעם בערדל, געהויבן די אויגן צום הימל, ניט געלאָזט פאַלן קיין וואָרט, ווענן בריוו וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם פלאַטער פון אַ גוטער בשורה. בעסער איז — האָט ער געטראַכט — ווענן אַזאַ ענין צו שווייגן, ניט באַלד אויספּלוידערן פאַרן ווייב.

אין מאַרק איז דער רעש און געפילדער געשטיגן:

אַ שכנותדיקער פּירות־פאַרקויפער האָט זיך צעשריגן:

— טייטלען, וואָס רינען מיט האָניק! פלוימען, וואָס מען קען זיך אָנטרינקען מיט זייערע זאַפטן! עפּל וואָס זעטיקן דאָס לייב!

איז אַ בשמים־הענדלער מיט אַ שפּיציק צעצויגן גע‍זאַנגל אַריין אין יענעמס געשרייען:

— געווירצן, אייַלן, פּאַרפומען, אויסצושמירן די לייבער, די האָר, די קליי־דער, גוט פאַר יונגע ווייבלעך, כלות און פאַר יעדן באַזונדער! בלעטער און נע־געלעך וואָס פאַרשמעקן אַ וועלט. קרייטעכצער!

אַראַבישע דאַרפס־מענטשן האָבן זיך געוויגט אויף אייזלען, זיך געמאַכט אַ וועג דורכן מאַרק. הינטער זיי זיינען געגאַנגען די ווייבער פאַרשלייערטע. זייערע שוואַרצע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון דער פאַרהילונג, געגישטערט אַלץ אַרום מיט נייגיר, מיט חידוש.

רב אליהו דער דיין פון באַרקאַז, האָט זיך געאיילט אין מרחץ אַריין. זיין

הויכע געשטאַלט איז געווען איינגעהילט אין אַ גרויער אַבאַיע, זיין קאָפּ פאַרבונדן מיט אַ רויטער פאַטשיילע ביז אונטער דער לאַנגער זילבער־באָרד. ער האָט געשפּרייזט מיט שנעלע טריט, געטאָן אַ שמעק־טאַבאַק, אויסגענאָסן זיך און געטראַכט פון דעם תענוג, וואָס ער וועט באַלד האָבן, ווען ער וועט זיך אויספּאַרעווען אין שוויץ־באָד.

צו מסעודס ווינקל אין מאַרק איז צוגעקומען אַ יונג מיידל. אירע שוואַרצע האָר צעלאָזן אין כוואַליעס איבער איר נאַקן און שטערן, צעשויבערטע אין לאָקן־קרייזן. איר פּנים איז געווען בלייך, דאַר, פון דער טונקל־מאַטער הויט, האָבן אַרויסגעקוקט אויגן טיפע, שוואַרצע, פול מיט טרויער. ביי איר זייט איז געלאָפן דאָס ברודערל ניסים, אַ באָרוועסער, מיט צעריסענע הייזלעך אויפן לייב. זיינע הונגעריקע אוי־גלעך האָבן געגנישטערט אין אַלע זייטן, דאָס הערצל האָט געחלשט נאָך עפּעס פון די נאַשערייען אין מאַרק. ער איז צוגעלאָפן צו טאַטע־מאַמע:

— איך וויל ברויט, אַן עפּל!

— היינט פאַרנאַכט וועט אַלץ זיין אויפן טיש — האָט ברכה אים באַרואיקט.

דאָס מיידל האָט אַ שווייגנדיקע זיך אַוועקגעשטעלט נעבן מסעודן און ברכהן. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן אַרויסנעמען די סחורות פון די קויבערס, אַ גלעט געטאָן דעם אייזל, און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געקוקט צו דער ערד.

אַ ברייט־גופיקער אַראַבער, איז מיט זיינע פאַרשלייערטע ווייבער צוגעקומען צום פאַרבער, באַגריסט זיך מיט צולייגן אַ פינגער צום מויל און שטערן, באַטראַכט די געפאַרבטע געוואַנדן, דעם וואָל־פאָדעם.

— פון דעם פאָדעם קענסטו אויסהעפטן קליידער פאַר דיין הויז־געזונט — האָבן מסעודן מיט ברכהן גענומען אויסזינגען אַ לויב זייער האָב און גוטס — פון די געפאַרבטע געוואַנדן קענסטו באַקליידן דיין הויז־געזונט, אַז אַלע פרעמדע אויגן זאָלן זיך אין זיי שפּיגלען, ווען זיי ווען זיך אין גאַס באַווייזן.

— האָסט אַ געשליפענע צונג, מסעוד — האָט דער אַראַבער געלאַכט — אַ צונג אַ שאַרפע, אָבער אַן ערלעכע. ביסט אויך מיין שכן, איז דעריבער געפאַלן דער גורל, אַז איך זאָל ביי דיר היינט קויפן.

ווען דער קונה איז אַוועק, האָט מסעוד איבערגעלאָזט אַלץ אין רשות פון ווייב און קינדער, געזאָגט, אַז ער גייט זיך אַריינכאַפּן אין מרחץ און געלאָזן זיך הינטערן שטעטל צום אוהל, ווו עס רוען די צדיקים פון באַרקאַז. מסעוד איז אַהין געגאַנגען אויסוויינען זיין ביטער האַרץ, אויך אָפּגעבן אַ לויב פאַר דעם פּדיון, וואָס גאָט האָט אים היינט צוגעשיקט לכבוד שבת.

ג

— מאמע, מאמע!

— וואָס, טאָכטער מיינע?

דאָס מיידל האָט געשטאַמלט. עס איז איר שווער געווען אַרויסצובריינגען אַ וואָרט פון מויל.

— עס האָט זיך מיר געחלומט אַ שלאַנג מיט אַ קאָפּ פון אַ פיש, פיס פון אַן אייזל...

— אין דער היים וועסטו נעמען אַביסל אַש, אַרויפגיסן עסיק און אַריינשפּייען — האָט די מאַמע זי באַרויקט.

— איך... האָב מורא, מאַמע. אַלע קוקן אויף מיר. אפרים דער שמיד לאַכט... דער קרום־נאָזיקער אַלי שלאָגט מיך

— גאָט וועט דיר העלפן, האָב ניט קיין מורא — האָט די מאַמע זי געטרייסט — דער טאַטע וועט בעטן פאַר דיר. קיינער וועט דיך ניט שלאָגן.

דאָס מיידל איז געשטאַנען אַ דערשעפּטע, אירע שוואַרצע אויגן האָבן געקוקט אַרום זיך מיט שרעק, ווי איינער וואָס שטייט פאַר אַן אָפּגרונט.

די מאַמע מיטן אינגל האָבן אויפגעקליבן די שמאַטעס. די מאַמע האָט געשעפּטשעט:

— נעמי, נעמי, וואָס פון דיר איז געוואָרן!

ברכה האָט געציילט דאָס ביסל געלט, וואָס זי האָט איינגעלייזט.

— איך וועל צולויפן אין קראָם איינקויפן אויף שבת!

דאָס יינגל האָט זיך אַ ריס געטאָן:

— מאַמע, איך וועל מיטגיין!

— ניין, בלייב דאָ מיט נעמין. איך וועל באַלד זיין צוריק!

* * *

ערשט ווי נעכטן איז עס געווען נעמי איז דעמאָלט אַריינגעוואַקסן אין איר זעכצנטן פרילינג.

זי איז געוואַקסן אונטער דער שטרענגער השגחה פון טאַטע־מאַמע. איר אויסזען: ברוינהויטיק, געטאָקטע אברים, אויגן — שוואַרצע, טיפע. אַ קינד פון דער

ענגער געטאָ, פון דער גרויער אָרעמקייט, האָט זי דאָך פאַרמאָגט אַ סך מיידלשן חן. טאַטע־מאַמע האָבן געהיטן אירע טריט און געציטערט פאַר אַ בייז אויג.

די יונגעלייט פון באַרקאַז האָבן געגאַרט צו איר. מאַמעס האָבן געבענטשט זייערע טעכטער מיט דעם חן פון דער קליינער נעמי און שלעכטע מענטשן האָבן מקנא געווען דעם פאַרבער און זיין ווייב פאַר זייער אוצר. נעמי איז געווען אַ שטי־פערקע, אַרומגעשפּרונגען ווי אַ ווילדע ציג, אַ פרייד האָט אַרויסגעשריען פון איר לייב.

— וואָס לאַכסטו און שפּרינגסט ווי אַ ווילד פערדל? — האָט די מאַמע זי געמוסרט.

— עס איז מיר גוט. איך קען ניט אַנדערש!

— העלף דעם טאַטן אַרבעטן, — דער טאַטע איז שטענדיק טרויעריק, ברומט, קרעכצט.

— ביסט דאָך שוין אַ מויד אין די יאָרן. אַנדערע מיידלעך אין דיין עלטער זיינען שוין געשטאַנען אונטער דער חופּה!

אין איינעם אַ טאָג, איז צו מסעודן געקומען אַן אַראַבער פון אַ שכנותדיקן דאָרף, געבראַכט אַביסל סחורה צו פאַרבן. מיט אים איז געקומען זיינער אַ זון, אַ ריזיקער יונג, אַ שלעגער, פאַר וועמען אַלע האָבן מורא געהאַט. ער האָט געזען ווי נעמי העלפט דעם טאַטן אין דער אַרבעט, ווי זי זינגט און לאַכט, מיידלשע רייץ שפּאַרט פון איר לייב. דער יונג האָט זיינע בליקן איינגעשפּיזט אין נעמין. אויף זיין פּנים האָט זיך געלייגט אַ געזאַלצענער שמייכל.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דער יונג אַליין געקומען אָפּנעמען די סחורה. מסעוד האָט אָנגעפילט אַ זעקל, אים פאַרבונדן און איבערגעגעבן דעם יונג.

— מיר האָבן געבראַכט אַ סך מער וואָל, לייוונט! — האָט דער יונג געשריגן.

דאָס איז אַלץ וואָס איר האָט געבראַכט צו מיר — האָט דער פאַרבער געזאָגט — מער איז אפילו אַ פאָדעם ניט געווען.

— זאָגסט ליגן, גנבהשער ייד — האָט דער יונג זיך געקאָכט — ווילסט צו־נעמען ביי אַן אָרעמען אַראַבער זיין האָב און גוטס, זיין אָנשפּאַר און האָרעוואַניע. איך וועל דיר ווייזן!

אַ וואָרט צו אַ וואָרט. עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג, וואָס האָט זיך כהרף־עין צעשפּרייט אין די ענגע געסלעך פון דער מעללאַה (געטאָ). פוילע אַראַבער, וועלכע זיינען געזעסן אין די קאַפעען, געטרונקען גרינעם טיי, געררויכערט גאַרנילעס, אונטער־געברומט פאָלקסטימלעכע ניגונימלעך, זיינען אַרויס מיט געוואַלד און פויסט:

— ײדן באַרויבן גאָטספאַרכטיקע אַראַבער! ײדן נעמען צו דאָס גאַנצע האָב און גוטס, זײ גלוסטן צו אונדזערע װײַבער, רײַסן אַרויס דעם ביסן פון אונדזער מויל!

אינעם געשלעג איז פאַרשװאונדן נעמי. א מחנה ײדן איז אַרויס זי זוכן. ערשט אויפן צװײטן טאָג, האָט מען זי געפונען אין די בערג א צעװײטיקטע, א צע־בראָכענע, און אויסגעלאָשענע.

די צאַרטע נעמי איז אַרײַנגעפאַלן אין א טיפער מרה־שחורה. אירע אויגן האָבן פאַרלוירן זײער רײץ, אירע ליפּן זײַנען געװאָרן פאַרשמאַכט, איר קערפּער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן. זי האָט מורא געקראָגן פאַר יעדן שאָטן, טעג גאַנצע געשװיגן.

טרויער און עצבות האָט זיך באַזעצט אינעם הויז פון דער אָרעמער משפּחה מסעוד.

— װער װעט איצטער זיך װעלן פאַרקנסן צו אזא מײדל? — האָט דער טאַטע געקרעכצט, איר מײדלשאַפט איז דאָך באַשפּיגן.

ד

דער האַלב־בלינדער שמש נפתלי האָט אָנגעגאָסן אײל אין די ברענענדיקע נר־תמיד־שיסלען. מיט ציטערדיקע פינגער אויסגעגלײכט די קנויטלעך, אונטער־גע־קרעכצט און אָנשטרענגענדיק זײַן בליק, האָט ער אַרײַנגערעדט אינעם װינקל, װו מסעוד דער פאַרבער איז געשטאַנען:

— װאָס האָט דיך הײַנט געבראַכט צום אוהל, מסעוד?

— מײַן האַרץ קען ניט אײַנשטילן נפתלי. גאָט פּרוּװט זײַן אָרעמען קנעכט מסעוד, שלאָגט אים, גלעט אים, פּײַניקט און טרײסט אים. איך בין געקומען אַראָפּ־װײנען מײַנע צרות, אפשר װעל איך געפונען א שטיקל באַשײד, א טרײסט.

— זאָל א הילף אויף דיר אַראָפּנידערן פון הימל.

דער אוהל, אן אײַנגעקורטשעט הײַזל איז געשטאַנען אין מיטן פעלד צװישן געהאָרבעטע בערגלעך. אינעװײניק האָבן געברענט אײל־שיסלען און איבער זײ די נעמען פון די צדיקים, װאָס האָבן מיט דורות צוריק געלעבט אין דעם מאַראָקאַנישן שטעטל, באַװיזן מופתים, געװען א טרײסט פאַר ײדן אין יענע צײַטן.

צו דעם אוהל הינטערן שטעטל, האָבן געצויגן ײדן און ײדענעס, יונג און אַלט, אַלערלײ קאַליקעס, אָפּגעריסענע, פאַרחושכטע, אפילו זאַטע און חשובע.

א בלינדער ײד האָט זיך אַרומגעדרײט מיט א פּושקע פאַר ר׳ מאיר בעל־הנס, געקלאַפּט מיט א טעמפּן געקלאַנג, אײַנגעמאָנט מטבעות צװישן קראַנקע און גע־

זונטע, וועלכע זיינען פון נאָענט און ווייט געקומען בעטן אויף די קברים — ווער פרנסה, ווער — געזונט, ווער — אַ טראָפּן גליק. מסעוד איז געשטאַנען ביי די נר־תמיד־לאָמפּן. זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ געבעט פון אַ צעבראָכענעם. ער האָט אויסגעאָסן זיין פאַרביטערט האַרץ.

עס איז געוואָרן שפּעטלעך. יידן האָבן געגרייט זיך לאָזן צוריק אין שטעטל אַריין. דער בלינדער שמש האָט שוין אוועקגעלייגט די פּושקע מיט די מטבעות. די תהלים־זאָגער, האָבן פון די מיילער אַרויסגעוואָרפן דעם לעצטן פּסוק. מסעוד האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. נפתלי האָט אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע פּלייצעס און געזאָגט:

— מסעוד, דער שבת נידערט אַראָפּ אויף דער וועלט. געגוג געטרויערט. גיי אַהיים צו דיין הויז־געזינד, זאָל דיין האַרץ פול ווערן מיט האָפענונג, ווי אַ לאָגל מיט זיס קוואַלנדיק וואַסער.

ווי פון אַ טיפן שלאָף האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, מסעוד. ער האָט געבראָכן די פינגער פון די הענט, געברומט צו נפתלין אַ „יישר כוח״, מיט פרומקייט געלייענט די נעמען איבערן נר־תמיד און איז אַרויס פון אוהל.

ה

אַ געדיכטע פּאַרע האָט אָנגעפילט די קאַמער, וווּ מסעוד האָט אַ האַלב־נאַקעטער זיך מתעסק געווען ביי אַ זודיקן טאָפּ, וואָס האָט מיט אַ געדיכטער, קאָכעדיקער שוואַרצקייט געדראָט איינצושלינגען דעם דאָרן פאַרבער מיט אַלץ אַרום. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען ברכה, געבויגן איבער אַ גרויסער באַליע, געוואַשן שטיקלעך געוואַנדן. אירע ביינערדיקע הענט האָבן מיט געניטער שנעלקייט געריבן איבער אַ ברעט. זי האָט אונטערגעקרעכצט, אויסגעדרייט דאָס וואַסער פון די שטיקלעך געוואַנדן, און זיי צוגעוואָרפן מסעודן. פון זיינע הענט זיינען זיי מיט אַ בליציקער שנעלקייט געפלויגן אין טאָפּ אַריין.

— איז דאָ דאָס הויז פון דעם חכם און בעל־הבית מסעוד בן־גבר?

הערנדיק אַ קול, האָט זיך מסעוד האַסטיק אויסגעדרייט און דורך דער געדיכטער פּאַרע, ווי אין אַ נעפּל געזען אַ מאַן שטיין ביי דער טיר.

— יאָ. דאָס בין איך, מסעוד דער פאַרבער!

— אייער פריינט יוסף מדינה פון דער שטאָט סוס האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אָפּנייגן פון מיין וועג, וואָס פירט צו דער גרויסער שטאָט פעז און זיך אַריינ־

כאַפּן קיין באַרקאַז, אָפּגעבן אייך אַ גרוס, נאָכפרעגן וועגן אייער געזונט און וועגן דעם וואויל פון אייערע בני־בית.

— אַה) פון סוף! — האָט מסעוד איבערגעריסן די רייד פון פרעמדן — שלום עליכם! ברוך הבא! פרידן אויף אייך מיין פריינט און גאַסט. וואָס שטייט איר ביי דער טיר? קומט אריין אין הויז!

ווענדנדיק זיך צום ווייב, וואָס האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז אַזוי גרויס די שמחה פון איר מאַן, האָט מסעוד מעשה באַלעבאָס באַפוילן:

— ברכה! ברענג אַ שיסל וואַסער, אונדזער פריינט וועט אָפּוואַשן פון די פיס דעם שטויב פון וועג!

מסעוד האָט זיך אויסגעקנוילט פון דעם אָנגעוואָרף, פון דער געדיכטער פאַרע אין קאַמער. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און איז געבליבן האַסטיק שטיין. ער האָט ערשט איצט, ביים שיין פון דער דרויסנדיקער ליכט דערזען דעם יונגנמאַן: אַ שוואַרץ בערדל האָט איינגערעמט זיין יונג איידל פּנים; פון איבער זיין ברוסט און פון הינטן, אויף זיין פּליצע, האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויי הויקערס, וואָס די ברייטע אַבאַיע, האָט אין דער ערשטער מינוט פאַרשטעלט פאַר מסעודס אויגן. אין איין האַנט האָט דער מאַן געהאַלטן אַ פול געפּאַקטן זעקל, אין דער צווייטער — אַ שטעקן.

מסעודס דאַרער גוף האָט זיך געקורטשעט, די פיס האָבן זיך אים איינגעבראָכן. ער האָט גענומען שטאַמלען:

— מיין פריינט יוסף מדינה, וועמען איך האָב עטלעכע יאָר ניט געזען, האָט מיר געשריבן, אַז איר וועט דאָ זיין. ער האָט מיך געבעטן אייך שיין אויפצונעמען. איר... וועט זיין מיין אורח. היינט איז ערשט מיטוואָך, אָבער איר וועט שוין ביי אונדז בלייבן און האַלטן שבת אין הויז.

— אויב אַזוי איז דער ווילן פון מיין האַר מסעוד, וועל איך זיכער בלייבן.

כהרף־עין האָט דער אָרעמער מסעוד אַלץ באַנומען. וואָס טוט מען אָבער איצט? ווי אַזוי באַקענט מען נעמען מיט אַזאַ? ווער ווייסט, אפשר אַ גורל־זאַך? אפשר פון הימל אַ גזר די צוויי אומגליקלעכע צו פאַרבונדן? רבונו של עולם פאַרוואָס שטראָפסטו דיין אָרעמען קנעכט? פאַר וועלכע זינד...

— וואָס איז אייער נאָמען? פאַרגעסן צו פרעגן...

— שמעון באַראַני.

זיי זיינען אַריין אין שטוב. שמעון האָט אַוועקגעלייגט דאָס זעקל. אָפּגעשטויבט די מלבושים, זיך אַ גלעט געטאָן דאָס בערדל, אַוועקגעזעצט זיך ביים טיש. מסעוד

האָט פון אַ קאַסטן אַרויסגענומען אַ ווייסן טישטוך פאַרשפּרייט איבערן טיש, זיינע הענט האָבן דערביי געציטערט, דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. שמעון האָט דער־בליקט דאָס מיידל נעמי, זי איז געשטאַנען אין אַ ווינקל און אים נייגעריק באַ־טראַכט. זייערע ביידנס בליקן האָבן זיך באַגעגנט. די פאַרבן אויף איר פּנים האָבן זיך שנעל געביטן פון רויט צו בלייך, פון בלייך צו — רויט. די אויגן זיינען ביי איר געוואָרן לעבעדיקער, גרעסער. זינט זי געדענקט, איז עס דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי זעט אַ פרעמדן מאַנספּערשוין ביי זיי אין שטוב. שמעונס אויגן האָבן געגליט, די ליפּן זיינען ביי אים געוואָרן בלייך.

שמעון האָט אויפגעעפנט זיין זעקל, אַרויסגענומען אַ קאָלירטן זיידענעם שאַל, גאָלד־געשטיקטע סאַנדאַלן, אַ פּאָר הויזן פאַר מסעודן, אַ געהאַמערטן האָלדז־באַנד פאַר ברכהן. ער האָט די אַלע זאַכן אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אַ ברום געטאָן:

— מתנות.

דער בחור איז געבליבן איבער שבת אין מסעודס הויז. ביי נעמין איז דאָס פּנים געוואָרן לויטערער, די אויגן — גליאיקער, די ליפּן — זאַפטיקער, פולער. זי האָט באַהאַלטענערהייט געוואָרפן בליקן אין שמעונס זייט. מסעוד און ברכה האָבן אין איר געזען סימנים פון געזונטקייט.

צומאָרגנס, נאָך שבת, האָט שמעון געזאָגט צום פאַרבער:

— איך האָב אויסגעוואַנדערט פון מיין זאַטער היים, כדי אָנצוקומען אין אַ גרויסער שטאָט לערנען, ווייסן און אויך די חכמה פון פירן מסחר. מיין פאָטער איז רייך. אונדזער פריינט יוסף מדינה האָט מיר געהייסן אָפּנויגן פון מיין וועג, וואָס פירט צו דער שטאָט פעז, גע'עצהט אַריינכאַפּן זיך קיין — באַרקאַז. איך האָב אים געפאָלגט .איך באַדויער ניט, וואָס איך האָב אָנגעלייגט וועג. איך האָב געזען אייער טאָכטער און אויב עס וועט זיין אייער ווילן, וואָלט איך באַשטאַנען מיט איר חתונה צו האָבן.

מסעוד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, קוים אַרויסגערעדט:

— זי איז אַ בעל־מום, דער מוח איז איר צעמישט, דאָס לשון איז ביי איר ניט קלאָר...

— איך בין אויך געשטראָפט, בין אַ בעל־מום פון געבוירן־אָן.

מסעוד האָט צעשפּרייט די הענט און אָנווייזנדיק אויף זיין באַלעבאַטישקייט, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, מיר זיינען אָרעם, האָבן קוים איבער־

צוקומען דעם טאָג. נעמי האָט ניט קיין רעכט קליידל צו פאַרדעקן איר לייב, קיין שיך פאַר די פיס.

— מיין פאָטער וועט מיר געבן געגוג אויף חיונה און אויף אַנדערע הוצאות, ביז איך וועל ווערן בעל־הבית פאַר זיך.

— הער אויס, מיין פריינט — האָט מסעוד געצויגן די ווערטער — איך בין אַן ערלעכער בעל־מלאכה, איך האָב קיינמאָל קיינעם ניט אָפּגענאַרט, ניט געזוכט צו רויבן ביי יענעם אפילו אַ שווה פּרוטה. איך מוז דיר דעריבער מגלה זיין, אַז מיט מיין טאָכטער נעמי האָט אַ גרויס אומגליק געטראָפן. זי איז פּאַראַלמרייניקט געוואָרן, אַ היציקער אַראַבישער יונג האָט זי פאַרשלעפּט, פּאַראומווירדיקט, יונג און אַלט אין באַרקאַז ווייסן דאָס.

שמעונס קאָפּ האָט זיך געגראָבן טיפער אין די אַקסלען. זיין קול האָט גע־ציטערט:

— איך האָב דאָס שוין געהערט. מען האָט עס מיר דאָ אין שטאָט צוגעטראָגן בפרטיות. איך מוז דעריבער אויך אויסזאָגן, וואָס עס דריקט מיך, אַראָפּרעדן פון האַרצן מוז איך: מיין טאַטע האָט מיט זיין ערשטע ווייב ניט געהאַט קיין קינדער, האָט ער אַריינגענומען אַן אַראַבישע פּלגש אין הויז און זי האָט מיך געבוירן...

מסעוד האָט אַ ציטער געטאָן. עס איז שוין געווען צופיל קלעפּ פאַר זיין צע־ווייטיקטן גוף. ער האָט אַרויסגעברומט:

— ביסטו דאָך... ביסטו דאָך ניט קיין ייד.

— יאָ. מיין מאַמע האָט זיך מגייר געווען און מיך דערצויגן פאַר אַ ייד. אַלע אין שטעטל סוס, יונג און אַלט ווייסן דאָס. איך קען ברענגען גבית־עדות.

— איך דאַרף ניט קיין גבית־עדות — האָט מסעוד גערעדט מיט אַ פאַרשטיקט קול — איך וויל זאָלסט מיר אָפּן זאָגן, ווען עס וואָלט ניט געווען אַזוי ווי דו האָסט מיר דערציילט, וואָלסטו אויך חשק געהאַט מיט נעמין זיך צו פאַרבינדן?

— זי איז מיין זיווג.

מסעוד האָט נאָכגעגעבן

— ניט אַנדערש, אַז אַזוי מוז עס זיין. אַ גורל־זאַך... נעם די מתנות, שמעון, און גיב זיי נעמין, אפשר וועט זי אויפגעריכט ווערן.

מסעוד איז אַראָפּ אין קאַמער. דאָס האַרץ האָט אים געבלוטיקט. ער האָט ניט געוווּסט צי דאַרף ער וויינען, אָדער גאָר פרייען זיך. ער האָט געטראָפן זיין ווייב ברכה שטיין אַן איינגעבויגענע איבער דער באַליע. ער האָט איר אַנטקעגנגעטראָגן די בשורה:

— נעמי האָט געפונען איר זיווג!

— ווער? שמעון!

— יאָ, שמעון.

ברכה האָט אויסגעגלייכט איר מידן קערפּער, געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ, גערעדט צו זיך און צו קיינעם ניט:

— דערוואַרט זיך. אַ גליק פאַר מיין קינד, אַזש פון אַ ווייטער שטאָט געקומען, וויי און ווינד. ווינד און וויי!

דעם זעלבן פאַרנאַכט איז מסעוד געגאַנגען צום אוהל פון די צדיקים אין באַר־קאַז. ער האָט ניט געוווּסט אויף קלאָר, צי דאַרף ער אָפּגעבן אַ דאַנק פאַר דעם, וואָס עס האָט געטראָפן זיין טאָכטער נעמי, אָדער צי דאַרף ער גאָר אַרויסליינן טענות פאַר די קלעפּ, וואָס פאַלן אויף זיין אויסגעמוטשעטן קערפּער, קלעפּ איינער שווערער פון אַנדערן, אומגעריכטע, ביטערע, פאַלן אָן אַ סוף...

זיין לעצטער גלגול

דאָס פּאָרפאָלק נעלקען איז אין יענער צייט אָפּגעזעסן טעג און נעכט אין די קאַפעען אויף מאָנפּאַרנאַס, געלויערט מיט שמייכל און רייד איינצושאַפן זיך פריינט. מאַן און ווייב האָבן מיט גרויס בענקשאַפט ניט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם גלאָריערייכן נעכטן זייערן, וואָס איז פאַר זייערע אויגן ממש איינס און צוויי, אונטערגעשניטן געוואָרן. ער, לעאָפּאָלד נעלקען האָט דערציילט, אַז ער איז אָט־אָ ערשט, — ווי נעכטן וואָלט עס געווען — געשטאַנען אויפן סאַמע שפּיץ פון רום און כבוד, נאָר די דייטשן האָבן, פאַרכאַפּנדיק ווין, פאַרטריבן אַלע יידן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, — און אויך אים חושד געווען, אַז ער איז אַ ייד.

— ניטאָ פון וואָס צו לאַכן — האָט ער געטענהט, מיט אַ חוזק־גרימאַסע אויפן דאַרן לענגלעכן פּנים — איך, לעאָפּאָלד נעלקען, אַ באַקאַנטער אַקטיאָר, אַ ווינער פון דורי־דורות, בין ביי זיי געוואָרן אַ ייד. ניט אַנדערש נאָר מיין נאָז, אפשר דער צעשויבערטער קאָפּ האָר, האָט מיך אין זייערע אויגן געמאַכט פאַר אַ יידן?

זיין ווייב גערטרודע, מיט דעם געטורעמטן קאָפּ בלאָנדע האָר און בלוילעך־גרויע אויגן, ווי קאַלטער שטאָל, האָט מיט אַ גראַציעזער אויסגערעכנטקייט גערויכערט דעם סיגאַרעט, אים קאַפּריזנע געצערטלט צווישן פינגער און ליפּן, פּאַמעלעך געזופּט די שוואַרצע קאַווע, און איר פול גוט־געבכאָליעט פּנים, כסדר קאָקעטיש געטונקען אין דעם גרויסן שפּיגל אויף דער וואַנט פון קאַפּע־הויז. זי האָט ניט געקענט רואיק איינזיצן ווען לעאָפּאָלד האָט גערעדט, זי האָט דעמאָלט אירע שאַרפּע בליקן אַוועקגענומען פונעם שפּיגל און אַדורכגעבויערט זיין פּנים, ביז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי אַליין, אָבער, האָט גערן גערעדט וועגן גרויסן אומרעכט, וואָס איז געטאָן געוואָרן איר און איר — היים:

— מיין היים איז געווען אויסגעשטאַט מיטן שענסטן און בעסטן. טייערע מעבל־שטיקער, קונסט־ווערק, אָריענטאַלישע טעפּיכער און מיט וואָס ניט? דאָס אַלץ האָט מען געמוזט איבערלאָזן, און אַוועק אין אַ פרעמד לאַנד אַריין.

די מענטשן ביי די טישלעך אין די קאַפעען אויף מאָנפּאַרנאַס: אידייען־זוכער, ליידיקגייער, קינסטלער מיט אַמביציעס, מיט אַפּאַטיש־פילאָזאָפירנדיקער נאָכלעסיקייט, מענטשן, וואָס גאָרניט רירט זיי און גאָרניט קען זיי באַגייסטערן, דער גרעסטער טייל פון זיי אַנטלאָפענע, פאַרטריבענע פון ווייטע היימען, וואָס זוכן איצטער היימישקייט, וואַרעמקייט ביי אַ גלעזל ווייַן, אָדער שוואַרצער קאַווע — האָבן די רייד פון דעם פאָרפאָלק נעלקען פאַרבייגעלאָזן די אויערן, ווי קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך אינעם גערויש פון דער גאַס, ווערן זעלטן פון וועמען אויפגעכאַפּט...

ווער איז ער אייגנטלעך געווען לעאָפּאָלד נעלקען?

אַ שוישפּילער פון אַ צווייט־ראַנגיקן טעאַטער אין ווין, געשפּילט אין צווייט־ראַנגיקע פּיעסן, ניט אַרויסווייזנדיק קיין באַזונדערן טאַלאַנט. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אַ זעלטענע פּעאיקייט, וואָס קיינער האָט אים ניט געקענט איבערשטייגן. דאָס איז געווען זיין זעלבסט־נאַרערײַ, זיין אייגענע פאַרבלענדעניש: ער האָט אַזוי טיף אין זיך געגלויבט, אַז עס איז אים געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי און גלויבן פון אַנדערע, איבערצייגנדיק זיי אין באַהאַלטענע כחות און טאַלאַנטן, וואָס טליען אין אים.

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ יונגער ווינער אַקטריסע. די חתונה־צערעמאָניע איז מיט גרויס פּאָמפּע דורכגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסער קירכע. פריינט און באַקאַנטע האָבן זיי געווינטשן גליק און לעאָפּאָלד נעלקען, מיט אַ סך יאָרן עלטער פון זיין יונג ווייב, האָט געפּראַוועט דעם זיג פון זיין דערפאָלג.

נעלקענס אָפּשטאַם איז געווען פאַר אַלעמען אַ סוד. אין זיין אויפשטייג ווי אַ צווייט־ראַנגיקער אַקטיאָר, האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן ווער ער איז. זיינע אָבער געווען טעג, ווען ער האָט געליטן מוראַדיקע דורכפאַלן, דאָ איז דעם רעזשיסאָר ניט געפעלן זיין לענגלעכע נאָז, זיין געשטאַלט, וואָס האָט ליב זיך צו קורטשען, זיינע אויגן, וואָס גליען מיט טרויער און האַס צוזאַמען. דאָ האָט ער ניט געטויגט צו דער ראָלע, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט, און עס האָט אים געדראָט אַ צוזאַמענברוך פון זיין גאַנצער קאַריערע, וואָס ער האָט אויפגעבויט מיט אַלערליי קונצן און כיטרע שטיקעלעך. אָט אין אַזעלכע טעג איז אים אפילו שווער געווען איינצורשמועסן זיך אַליין, אַז ער, לעאָפּאָלד נעלקען דער שוישפּילער, איז באמת — לעאָפּאָלד נעלקען און ניט דער שוואַרצער לייבל, דוד גלעזערס זון פון אַ שטעטעלע אין גאַליציע. עס איז אים דעמאָלט שווער געווען צו טראָגן אין זיין לייב און לעבן אָט־אָ דאָס פאַרלייקענען זיך אַליין, און אַ בענקעניש פלעגט אים אָנכאַפּן אויסצושרייען

פאר דער גאס, ווער ער איז אויף אן אמת. געוויינטלעך, פלעגן אזעלכע טעג גיך פארביי, און לעאפאלד נעלקען, דער שוישפילער, פלעגט זיך ווידער ארויפדראפען אויף זיין אייגן שטיקל מזל, וואס האט מיט אים געווארפן ארויף און אראפ, ארויפגעדראפעט זיך אויפסניי מיט באגייסטערונג, געשטיגן, געשטיגן, פארגעסן דאס ברעקלע ווידוי, וואס האט זיך ערשט נעכטן בסתר ארויסגעריסן ביי אים פון הארצן.

ווען די דייטשן האבן אויסגערייניקט עסטרייך פון יידן, האט עס אויך לעאפאלד נעלקען ניט אויסגעמיטן. וויפיל ער האט זיך ניט באמיט צו באווייזן, אז עס געשעעט לגבי אים א געוואלדיקער טעות, אז ער איז פון דורי דורות ניט קיין ייד, האט עס אים ווייניק געהאלפן. נעלקען האט צוגעשטעלט פאפירלעך, דאקומענטן און ווי א געניטער טעאטער־מענטש אינסצעניזירט דעם גאנצן הינטערגרונט פון זיין פערזאן. ער האט אויך ארויסגעשטעלט ווי א באווייז, זיין ווייב, א ריין־בלוטיקע אריערין, די חתונה זיינע אין א באוווּסטער ווינער קירכע און נאך אזעלכע גבית־עדותן, וואס דארף פארבלענדן, אבער עס האט ניט געהאלפן.

זיין ווייב, די אקטריסע, האט איצטער איינגעזען איר טעות. אין אנהייב אינגאנצן ניט געוואלט זיך איינשטעלן פאר איר מאן. זי האט גריילעך געזען דעם בארג־אראפ פון דעם יידישן שוישפילער לעאפאלד נעלקען, דעם, וועמען זי האט אזויפיל געגלויבט, אז ער וועט פאר איר אויסטרעטן דעם וועג פון רום און קאריערע. איצטער האט זי ניט בלויז געזען זיין בארג־אראפ, נאר אויך דעם תהום. איז צו וואס דארף זי איצטער האבן דעם דארן יידן, מיט די גרינלעך גליאיקע אויגן, וואס איז דורך א פאטאלן טעות געווארן איר מאן?

לעאפאלד האט ווידער אנגעוואנדן זיינע פעאיקייטן און איר באוויזן, וואס פאר א גרויסע זאכן עס שטייט אים פאר אין דער גרויסער וועלט. דאס איז אפשר דער גורל, וואס פירט אים צו דערגרייכן זיין חלום און ציל: ווערן א בארימטקייט. אויסוואנדערן אין א ניי לאנד, נייע האריזאנטן, נייע מעגלעכקייטן... איי, די קליינע געשיכטע מיט זיין יידישקייט, דאס קען מען אויסטייטשן ווי אזוי מען וויל. איצטער איז שוין סיי ווי סיי אלץ צו־שפעט ,אזוי גוט פאר איר ווי פאר אים...

אין יענע טעג פון בהלה, ווען יעדע אנקומענדיקע שעה האט אויף שווארצע פליגלען געטראגן וויסטע בשורות, האט זיך דאס פארפאלק נעלקען דערשלאגן קיין פאריז.

באזעצט האבן זיי זיך אין א קרומלעך געסל פון דער מאנפארנאס־געגנט, געטרייסט זיך, אז זיי וועלן פון היינט אן זיך געפונען אין גלות צווישן קינסטלער פון אלע עקן וועלט, וואס קומען קיין פאריז, בלאנקען דא ארום אן א היים און אויך אן א ציל און צוועק.

אין פאריז האבן פאר דעם פארפאלק נעלקען קיין טעאטער־טירן זיך ניט גע־

עפנט, און זיינע טעאַטער־עקספּערימענטן זיינען קיינעם ניט אָנגעגאַנגען. פּאַריז האָט איבערגעלעבט טעג פון אַנגסטן, שרעק. טעג, ווען די האַק פון רוצח האָט זיך געשטרעקט נעענטער און נעענטער. וואָס האָט שוין לעאָפּאָלד נעלקען געקענט דער־גרייכן? עס איז אים מער ניט געבליבן, ווי פאַרלירן רייד, טענות, פאַנטאַסטישע פּלענער, באַרימערייען ביי די צעוואָרפענע קאַפע־טישלעך.

די פעדים וואָס האָבן צונויפגעהאַלטן דאָס צוזאַמענלעבן פונעם פּאָרפאָלק נעלקען, האָבן גענומען לויז־ווערן. גערטרודע, האָט איצטער אויך אָן אמת געזען דעם תהום, וואָס וועט איר מאַן פאַרשלונגען: לעאָפּאָלד נעלקען איז אויסגעשפּילט און קען אפילו מער ניט אָנהאַלטן די ראָלע פון דעם, פאַר וועלכן ער גיט זיך אויס. די היציקע רייד זיינע ביי די קאַפע־טישלעך, זיינען מער ניט געווען, ווי נאָר אָנצו־האַלטן די פּאָזע פון איינעם, וואָס וויל זיך ניט אונטערגעבן און מיינט, אַז אָט־אָט וועט דער גורל צו אים אַ שמייכל טאָן. זי האָט געוווּסט, אַז ער זוכט אין איר דעם רעטער. אין זיין ירידה וויל ער זיך אָנשפּאַרן אין איר. דער רעכענונג זיינער איז אַ פּשוטער: זי, גערטרודע, איז אַ שיינע, יונגע פרוי, אַלע טירן און אָרעמס קענען זיך פאַר איר עפענען. אין אַזאַ אָפענער טיר וואָלט ער, לעאָפּאָלד זיך געקענט אַריינ־גליטשן, געפונען אַן אָנהאַלט, ווייניקסטנס אַ ציטווייליקן אָנהאַלט...

גערטרודע האָט זיך איצטער וואָס ווייניקער אומגעקוקט אויף איר מאַן, געזעסן מיט אים אין די קאַפעען בלויז צו ווייזן, אַז זי האָט אַ מאַן, וועלכער האָט ערשט נעכטן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער טעאַטער־וועלט, אין די קינסטלערישע קרייזן פון ווין, און קען זיך היינט — צוליב די אומשטענדן פון אַ פאַרטריבענעם קינסטלער אין אַ פרעמדן לאַנד, — ניט אַריינפּאַסן אין דער ראַם אין וועלכער ער דאַרף אויף אַן אמת זיין. זי האָט אים אָנגעהויבן האַסן, צוגעוואָרפן פאַראַכטנדיקע בליקן, וואָס משטיינס־געזאָגט פאַר אַ ווערט האָט ער שוין, לעאָפּאָלד נעלקען, היינט? ער איז אַן אויסגעשפּילטער, אַ פאַרגעסענער, אַן אָרעמער, אַ פאַרעלטערטער, ווי קען ער זיך גלייכן מיט דער שיינער, פולבלוטיקער פרוי, פאַר וועמען די גאַנצע וועלט שטייט אָפן. זי האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן פאַר די דייטשן, וואָס וועלן אַ ליאדע טאָג פאַרכאַפּן פראַנקרייך. זי איז אַ זייעריקע. וואָס האָט זי איצטער צו טאָן מיט דעם, וואָס האָט זי יאָרן־לאַנג געגאַרט, איר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, אויסגעוועבט חלומות. ער האָט געשפּילט אַ פרעמדע ראָלע, געשפּילט אויף אַ פרעמדן פּאַס און דורכגעפאַלן. זאָל ער איצטער צאָלן. זי האָט מיט אים מער גאָרניט וואָס צו טאָן. זי קען אים נאָך צוּוואַרפן אַ ביסעלע רחמנות, אַ מאָל אַ ביינדל, ווי מען וואַרפט צו אַ הונט, גאָרניט מער. זי האָט אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט, סיי ווי סיי...

* * *

אין איינעם אַ פרימאָרגן פון יענע טעג, ווען אַ טייל פראַנקרייך איז געלעגן צעטראָטן אונטער דייטשע שטיוול, האָט לעאָפּאָלד נעלקען זיך אַרומגעדרייט אין זיין האָטעל־צימערל, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה אין אַ שטייג. זיין קערפּער האָט זיך געבראָכן אונטער דער שווערער משא פון שרעק און איינזאַמקייט. זיינע אויגן, — מידע, האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין אָפּגעגרענעצטן רוים ,געזוכט שוץ אין דער נאָרע פון האָטעל־צימער. ער האָט געוווּסט, אַז ער טאָר לענגער ניט בלייבן אין פּאַריז, אַז ער מוז אינאיינעם מיט טויזנטער, טויזנטער יידן אַנטלויפן, ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק. זיין ווייב האָט אים איינגעפּאַקט איינגאַנצן אַוועקגעוואָרפן, וויפיל ער האָט זיך ביי איר ניט געבעטן, זי זאָל אים באַשיצן, זי זאָל אים ניט איבערלאָזן אַליין, האָט זי זיך אויסגעלאַכט פון אים. זי האָט אים צוגעוואָרפן ווערטער, וואָס האָבן אים געשניטן, ווי מיט אַ טעמפּן שאַרף פון אַ מעסער:

— פאַרוואָס זאָל איך דאָס טאָן? וואָס אינטערעסירט מיך אַ ייד, אַן אָרעמער טייוול?

— ביסט דאָך מיין ווייב. איך... איך האָב דיך ליב.

— דאָס איז גאָרניט. טויזנטער אַזעלכע פאַלן טרעפן.

לעאָפּאָלד נעלקען האָט אין יענע טעג אינאיינעם מיט טויזנטער יידן פאַרלאָזט פראַנקרייך, זיך געשלעפּט מיילן־וויט איבער וועגן און שטעגן, אָנגעקומען צו די שפּאַנישע גרענעצן, געזוכט אַן אויסוועג אַרויסצורייסן זיך פון דער קלעם. ער איז געווען צוזאַמענגעבראָכן, איינגעקאָרטשעט, די אויגן האָבן ביי אים געגליט מיט טרויער און פאַרלוירנקייט. זיין געמיט איז געווען פאַרביטערט. ער האָט זיך געפילט נישטיק, אָפּגענאַרט, אויסגעלאַכט, אַרויסגעוואָרפן אויף הפקר.

ער האָט זיך יאָ געוואָלט ראַטעווען און ניט געוואָלט. עס איז אים געווען אַלץ איינס. עס האָט אים געפּייניקט דאָס געפיל פון בושה, אָפּגענאַרטקייט. ער איז געווען זיכער, אַז צווישן דער גאַנצער מחנה געפּלאָגטע יידן, וואָס זוכן ווי פאַרלוירענע שאָף אַ שטיקעלע שוץ, איז ער דער אייציקער, וואָס האָט אויף אַ מיאוסן אופן פאַרלייקנט זיין אָפּשטאַם.

ער האָט זיך געפינען אין דער שטאָט באַיאָן, ביים אַטלאַנטישן אָקעאַן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט ביים פּאָרט, זיך געטוליעט צו רעדלעך מענער, פרויען און קינדער. צונויפגעקנוילטע, צונויפגעדרענגטע אין דערוואַרטונג אויף אַ נס. ער האָט ביי די פרעמדע געזוכט אַ טרייסט־וואָרט, אַ ביסעלע וואַרעמקייט. אַ ייד האָט מיט די אויגן געבלאָנדזשעט אין אַלע זייטן, געזוכט הילף, געהויבן די הענט צום הימל:

— ווי־אַזוי רייסט מען זיך אַרויס פון דאַנען, ווי אַזוי? פון ביידע זייטן ייינען די פּירענייען־בערג, פון פאָרנט — דער ים, פון הינטן — דער דייטש, וואָס טוט מען?

— מאין יבוא עזרי — האָט אַ צווייטער געיאָמערט — געוואַלד געשריגן, עפּעס אַ שטיקעלע ישועה!

— אַ ישועה פון הימל וויל ער — האָט אַ מאַן מיט אַ בייזן פּנים געחוזקט — אַז דער הימל איז פאַרוואָלקנט, עם כליאָפּעט אַ רעגן. די תפילות אייערע קענען גאָרניט אַרויף!

— אין הימל האָט מען בעסערע געשעפטן, ווי העלפן אונדז זיך אַרויסראַטעווען פון אונטער דעם דייטשס מעסער — האָט אַ צווייטער אונטערגעהאַלטן.

נעלקען האָט זיך געשלעפּט פון איין צונויפגעדרענגטער קופּע צו דער אַנדערער.

פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן. שאַרפע בליקן פון אַ פּאָר מילדע אויגן פון אַ מאַן ,האָבן זיך איינגעשפּיזט אין אים. די בליקן האָבן אים אַ ברי געטאָן ווי אַ טיפער שטאָך פון אַ גליאיקער נאָדל. דער מאַן האָט זיך נעענטער גערוקט צו אים, נאָכאַמאָל זיך שאַרף איינגעקוקט אין זיין פּנים, ווי וועלענדיק זיין זיכער, אַז ער מאַכט ניט קיין טעות און אַ זאָג געטאָן:

— הער נעלקען! ווי קומט איר דאָ אַהער? וואָס לויפט איר פונעם דייטש?

— אָך! — האָט זיך נעלקען אַ כאַפּ געטאָן און אויף זיין בלייך פּנים האָט זיך צעשפּילט אַ טריבער שמייכל — איך.. איך האָב אַמאָל געשפּילט אין אַזעלכע פּיעסן וואָס זיינען פאַרדעכטיק. נו, איז בעסער פאַר מיר אַז די דייטשן זאָלן מיך ניט באַגעגענען, איר פאַרשטייט?

— פאַר דעם דאַרפט איר זיך ניט שרעקן, הער נעלקען. איך האָב אייך געזען אין אייערע פּיעסן. איר דאַרפט זיך ניט אַרומוואַלגערן דאָ. די דייטשן וועלן אייך ניט טשעפּן. איר זענט דאָך אַ כשרער אַריער, ניט אמת, הער נעלקען?

נעלקען האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אין זיינע אויגן האָט אַ גלי געטאָן טרויער. ער האָט שטיל געזאָגט:

— איר? מאיר פינקעל. איך האָב זיך ניט געריכט אייך צו טרעפן אונטער אַזעלכע אומשטענדן. ווי איר זעט, בין איך ניט קיין כשרער אַריער. איך... שטאַם פון יידן.

פינקעל האָט זיך צעלאַכט. זיין ברייט־ביינערדיק פּנים האָט אָנגענומען אַ רחמנות־גרימאַסע.

— איר דערציילט מיר ניט קיין נייעס, הער נעלקען — האָט ער ביטולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — מיר האָבן דאָך אַלע געוווּסט, אַז איר באַהאַלט און פאַרלייקנט אייער אָפּשטאַם, אפילו ווען איר האָט חתונה געהאַט מיט דער ווינער נקבה, מיט דער אַקטריסע אייערער, געפּראַוועט אייער חתונה־צערעמאָניע אין דער גרויסער קירכע. מיר האָבן אַלע געלאַכט אין די פּויסטן, געוווּסט, אַז זי וועט מיט

אייך לערנען בלק און ארויסטרייבן פון בעט. א סך אזעלכע ווי איר האב איך געקענט, א היפש ביסל. זיי האבן זיך אליין פארלייקנט. איצטער לויפן זיי אלע, ווי פארסמטע מייז, אזוי ווי איר, פון איין לאנד אינעם אנדערן לויפן זיי. זייערע פאלשע פעסער, פון כשרע אריער טויגן אפילו ניט אויף אשר־יצר־פאפיר. איר פארשטייט דאך וואס איך מיין, הער נעלקען, איר האט דאך א גמרא־קעפל אויף זיך...

— איך האב אייך גארניט וואס צו ענטפערן — האט נעלקען געשטאמלט.

— איר דארפט זיך ניט פארענטפערן. וועמען וועט עס נוצן? מיר געפינען זיך איצט אין זעלבן פעסל, איינגעזאלצן אויף צרות. ווער ווייסט, אויב מען וועט זיך ארויסקריגן לעבעדיקע? עס איז גארניט קיין שלעכטער ספעקטאקל: אינעם זעלבן פעסל, הער נעלקען, דער באקאנטער ווינער אקטיאר און דער ארעמער יידישער מאלער מאיר פינקעל!...

— וואס טוט מען? — האט לעאפאלד געשטאמלט און געזוכט א טרייסט־ווארט ביי דעם בארעדעוודיקן פינקעל — וואס קען מען טאן צו ראטעווען דאס לעבן?

— מען גייט אין מקוה אריין, הער נעלקען, מען טובלט זיך אפ. טעאטער וועט איר דא ניט שפילן!

נעלקען האט געוואלט עפעס זאגן, אבער פינקעל האט זיך פון אים אפגעקערט, אוועק לענג־אויס דעם פארט, געלאזט אים שטיין א פארשעמטן, אן אויסגעלאכטן.

לעפאלד האט גוט געקענט דעם מאלער פינקעל. ער האט אים אפט באגעגנט אין די ווינער און פאריזער קאפעען. שטענדיק א גוטמוטיקער, א צוגעלאזענער, האט ער, פינקעל, מיט יעדן גוטברודעריש געטרונקען א גלעזל וויין, א קאווע, געפלוידערט א סך, דערציילט וואונדער־שיינע מעשיות, גערעדט א זאפטיקן פוילישן יידיש, אדורכגעפלאכטן מיט גמרא־ווערטלעך. שטענדיק געווען א זארגלאזער, א פריילעכער לונג־און־לעבער. דערצו האט מען פון אים שטארק געהאלטן אין די קינסטלערישע קרייזן. מיט אלעמען איז פינקעל געווען באפריינדעט, אויסגעלאכט די וועלט און געהאט אליץ מיטאנאנדער טיף אין דר׳ערד. אים, לעאפאלדן, האט ער פאראכטעט, קיינמאל זיך ניט צוגעזעצט צום טישל אין קאפע, ווו ער, לעאפאלד מיט זיין ווייב זיינען געזעסן, קיינמאל זיי ניט באגריסט, ניט ארויסגעוויזן דעם מינדסטן סימן פון פריינדלעכקייט. איצט גראד, האט ער געמוזט אים באגעגענען, אין אט דער מערכה, — האט נעלקען געטראכט.

און אפשר האט דער צופאל אזוי צונויפגעפירט — האבן די געדאנקען ביי אים אין מח זיך געפלאנטערט — אז ער, לעאפאלד נעלקען, זאל דא באגעגענען דעם מאלער מאיר פינקעל, דא אין דעם קלעם, צווישן טויזנטער, טויזנטער אנגעלאפענע יידן, וואס זוכן שוץ? אזא ווי פינקעל, א קלוגער ייד, אדורכגעטריבענער,

וועט דאָ שליסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם טייוול אַליין, און וועט געפינען אַן אויסוועג אַרויסצוקריגן זיך פון דער פראַנצויזישער פּאַרט־שטאָט, וואָס איז באַדראָט יעדע מינוט פאַרפּלייצט צו ווערן פון די דייטשן.

אַ פונק האָפענונג האָט זיך אָנגעצונדן אין נעלקענס האַרץ. די האָפענונג איז געווען — מאיר פינקעל.

נאָך עטלעכע טעג אַרומוואַלגערן זיך ביים פּאָרט אין באַיאָן, האָט אים איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט ווידער באַגעגנט מאיר פינקעל.

— נו, ווי פילט מען זיך צוזאַמען מיט אַזאַ עולם יידן קיין עין־הרע? — האָט דער מאָלער געלאַכט — איז אייך דאָ ניט בעסער, ווי ביי זיי? איך מיין...

— אייך גלוסט זיך נאָך אַלץ לאַכן, הער פינקעל?

— הערט אויס, הער נעלקען! איך האָב געהאַט אַ טאַטן, אַ קליין, אויסגעדאַרט יידעלע. געווען איז ער אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, חיונה פאַר זיך און זיין גרויס הויז־געזונט האָט ער געצויגן פון דעם, וואָס ער פלעגט יעדן פרייטיק שמייסן יידן אין שוויץ־באָד, מיט בעזימלעך האָט ער זיי געשמיסן. ער האָט זיך זעלטן מצער געווען, קיינמאָל ניט געוויינט בפרהסיה. ער האָט זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון אַלע צרות, הונגער, חולאתן מיט אַ זמרל, אָדער ער האָט געטאָן אַ טרונק בראָנפן, האָט ער ניט געהאַט קיין טרונק־בראָנפן אין שטוב, האָט ער געבעטן ביי אַ שכן, אויב ניט, האָט ער זיך באַנוגנט מיט אַ שעפּ וואַסער, אָדער גאָר אַריינגעכאַפּט עטלעכע קאַפּיטלעך תהלים. ער האָט קיינמאָל ניט צוגעלאָזן קיין טרויער צו זיך, געווען פול מיט בטחון, אַז אַלץ וועט זיכער גוט זיין. און איך, זיין זון מאיר, גערעט אַריין אין מיין טאַטן, גיי אין זיין וועג — — — איר פאַרשטייט דאָס, הער נעלקען?

נעלקען האָט אָנגעכאַפּט פינקעלס אָרעם. ער האָט זיך געשטיקט אין רייד:

— איך ווייס דאָך ווהין איר צילט, פינקעל. בעט איך אייך דעריבער, פאַרגעסט אויף אַ ווייַלע ווער איך בין. מיר געפינען זיך דאָך אין גרויס געפאַר, צוליב וואָס פירן אַמאָליקע חשבונות? עס איז ניט דאָס פּאַסיקע אָרט דערצו. איך בין זיכער, איר ווייסט פון אַן אויסוועג, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך פון דער פּאַסטקע, איידער עס וועט אינגאַנצן צו־שפּעט.

— איר מיינט, הער נעלקען, אַז איך נעם נקמה פון אייך דערפאַר, וואָס איך זע אייך אין אַזאַ צושטאַנד, אַז פון דעם ווינער אַקטיאָר לעאָפּאָלד נעלקען איז געוואָרן אַ צעבראָכענער, געפּלאָגטער ייד, גלייך מיט אַלע, וואָס וואַלגערן זיך דאָ ביים פּאָרט? ניין! איר האָט אַ טעות, גראָד פאַרקערט. איך זע אין דעם, אַז קיינער קען ניט אַנטלויפן פון זיך אַליין, יעדער דערקייקלט זיך צו דעם, וואָס ער איז אין דער אמתן און צו דעם, וואָס עס איז פאַר אים באַשטימט...

— אָבער, הער פינקעל!

— איך זוך אייך ארום א שפּאָרע ווײַלע. איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, נעל־קען, אז מיר וועלן זיך אפשר ארויסראַטעווען פונדאַנען. איך האָב געהערט, פאַר־טאָגס זאָל פונעם פּאָרט אין באיאַן ביי בוקאַ, אָפּגיין א שלעפּ־שיף און מיטנעמען א צאָל פּליטים. לאָמיר צוגיין צום אָרט, וווּ עס שטייען פאַראַנקערט עטלעכע שיפן, אפשר איז אמת וועגן דער שיף...

* * *

נאָך עטלעכע טעג פון שלאָקס־רעגנס, האָט אין דעם פאַרטאָגס פון חודש יוני א געדיכטער, פאַרעדיקער נעפּל איינגעהילט די פּירענייען־בערג, געקנוילט זיך מיט שטיקנדיקער פייכטקייט איבערן ים און איינגעפרעסן זיך אין די ביינער פון א צו־נויפגעטוליעטער מענטשן־מאַסע, וואָס איז געשטאַנען ביי א ברעג אינעם פּאָרט פון באיאַן אין דערשיטערנדיקער דערוואַרטונג ארויסגעראַטעוועט צו ווערן פון אונטער דעם דייטשס לאַפּעס.

פונעם געדיכטן נעפּל, האָט זיך ארויסגעשיילט א קליינע פראַנצויזישע לאַסט־שיף, פּאַמעלעך צוגעשווומען צום ברעג. מאַטראָזן־הענט האָבן מיט א געוואַלדיקער שנעלקייט אראָפּגעוואָרפן שטריק־לייטערס, שפּרונג־בריקן און אין א גאַנץ קורצער צייט האָבן זיך עטלעכע הונדערט נפשות ארויפגעכאַפּט אויף דער שיף, צווישן זיי זיינען געווען: לעאָפּאָלד נעלקען און מאיר פינקעל.

עטלעכע וואָכן צייט האָט זיך דאָס שיפל געשלעפּט איבערן אטלאַנטישן אָקעאַן, ניט געקענט צוקומען צו קיין ברעג, וווּ מען זאָל קענען אויסלאָדן דעם צונויפגע־דרענגטן מענטשלעכן עלנט. די מענטשן אויף דער שיף — הונגעריקע, דורשטיקע, מידע פון אַלערליי ים־קראַנקייטן, האָבן געפּאַרשט איינער ביים אַנדערן, וואָס עס וועט זיין. יעדער האָט געפרעגט די זעלבע פראַגע:

— וווּהין שלעפּט מען זיך?

— אין וועלכן פּאָרט וועט מען אונדז אויסלאָדן?

געווען דאָ אַזעלכע יידן, וואָס האָבן אויף זיך גענומען באהבה די יסורים, אבי זיי געפינען זיך ווייט פונעם דייטש. זיי האָבן געטענהט:

— דאַנק גאָט ביסט אַרוים פונעם דייטשס פּיסק!

— ערגעץ וועט מען דאָך אָנקומען.

געווען אַנדערע אויך:

צוליב יעדער קלייניקייט זיינען אויסגעבראָכן קריגערייען. די וואַנדערער האָבן זיך געשלאָגן איבער א פאַרדאַרט שטיקל ברויט, וואָס די פראַנצויזישע מאַטראָזן

האָבן פון זיך אָוועקגעגעבן. די מענטשן, פרעמדע איינער דעם אַנדערן, האָבן גע־קעמפּט מיט פויסטן פּאַר אַ שטיקעלע פּלאַץ אין קעלער פון דער שיף, דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, צעדראַפּעט זיך די פּנימער איבער אַ שלוק טרונק־וואַסער.

נעלקען איז אַרומגעגאַנגען אַ צעשויבערטער, אַן אויסגעבלייכטער. זיינע אויגן האָבן געגליט. ער האָט געהאַלטן אין איין בורטשען:

— מענטשן זיינען שלעכט, ווילדע חיות, האָבן קיין רעספּעקט ניט איינער פאַרן אַנדערן, עס פעלט זיי קולטור, זיי האָבן זיך גאָרניט אויסגעלערנט די אָסט־יודען, גאָרניט.

מען האָט אים שוין געקענט אויף דער שיף, דעם ווינער אַקטיאָר לעאָפּאָלד נעלקען, טייל האָבן שוין אַפילו געוווּסט זיין יחוס. יעדעם מאָל ווען ער האָט זיך צעבורטשעט איבער דער אויפירונג פון די פּליטים, האָט ער געכאַפּט זיין פּסק אויפן אָרט:

— האַלט דאָס פּיסק, אַקטיאָרשטשיק, מיט דיין פאַרשטונקענער יעקישער קולטור! אויב עס געפעלט דיר ניט, וואַרף זיך אין ים אַריין, די פיש וועלן זיך שוין אַן עצה געבן מיט דיין בינטל ביינער!

ווען ניט מאיר פינקעל, וואָס איז אונטערגעקומען אין צייט, וואָלט ער, נעלקען, געקריגן אָנגעבראָכן די ביינער, אַז עס וואָלט זיך אים מער ניט פאַרגלוסט אַנדערע צו זאָגן מוסר־רייד.

נעלקען איז אויך לאַנגע שעהן געשטאַנען ביי דער באַריערע פון דער שיף מיט אויסגעשטרעקטע בליקן אין דער ים־וווייטקייט. ער האָט איצט געהאַט גענוג צייט אַריינצוטראַכטן אין זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן. ער האָט געזוכט דעם סך־הכל פון זיינע פולע פופציק יאָר.

דער סך־הכל זיינער האָט זיך אויסגעלייגט מיט לויטער נולן, ניט געווען אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן. אים, נעלקענען, האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז ער האָט יאָ אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, כדי צו האַלטן אַ גלייכגעוויכט. די געדאַנקען אין מח האָבן גע־האַמערט, פאַרטראָגן אים ווייט, אַזש אין דעם קליינעם פּויליש־גאַליציאַנער היים־שטעטל,ביים טאַטן דעם גלעזער, וואָס האָט געשפּיגן מיט בלוט און יונגערהייט גע־שטאָרבן. עס האָט זיך אים דערמאָנט דאָס חדר, שמואל משה דער מלמד, וואָס האָט מיט געוואַלד אים געוואָלט אויסלערנען אַ פּרשה חומש, אַ שטיקל רש״י און עס איז ניט געגאַנגען, ווייל ער, ליבל, האָט גאָר אין זינען געהאַט נאָכצומאַכן יידן פון גאַס, יידן פון בית־המדרש, נאָכקרומען זייערע תנועות, העוויות, ליב געהאַט אויסצושפּילן דעם שמייכל, געוויין, דאָס געשריי, געבעט, וואָס ליגן אויף דעם מענטשנס פּנים. זיין טאַטנס ענגע דירהלע האָט זיך געפונען גאָר ניט ווייט פונעם שטעטלשן קלויסטער. אין די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן, ווען דער קלויסטער־גלאָק האָט זיך

צעקלונגען, האָבן די קלאַנגען און טענער זיך אַריינגעריסן אין דער אָרעמער יידי־שער שטוב מיט דער פולער טאָניקייט, שווערקייט און אומעטיק, פאַרבענקטן אומרו. דער טאַטע האָט זיך פאַרשטעקט די אויערן, געיאָמערט אין זיך אַריין, פאַרטיפט זיך אין אַ ספר, כדי ניט צו דערכאַפּן מיטן שפּיץ אויער דעם עכאָ פון די קלויסטער־גלאָקן, און פאַר אים, לייבלען, האָט עס געקלונגען ,ווי אַ וווּנדערלעכער ניגון מיט ווייגנדיקע מעלאָדיעס, וואָס שפּאַרן אָן אין אַלע אברים. ער פלעגט זיך צוקריגן צו די קלויסטער־טירן, אָפּשטיין שעהן־לאַנג, וועלן אויפכאַפּן די תנועות פון די קניענ־דיקע מתפללים, דאָס טועכץ פונעם גלח מיט זיינע אַרויסהעלפער. די פייערלעכקייט זייערע ,דאָס אומעטיקע, צעצווייגענע זאָגעכץ, וואָס איז גלייך צו די גלאָקן־קלאַנגען, האָבן זיך איינגעפרעסן אין זיין לייב, אויפגעברויזט זיין געמיט. דער טאַטע פלעגט אים אַ סך מאָל כאַפּן, ווען ער, לייבל, איז געשטאַנען אַ באַנומענער, אַן אומרואיקער ביים פענצטער, מיט די בליקן איינגעשפּיזט אין קעגנאיבערדיקן קלויסטער. ער האָט אים אָנגעדרייט די אויערן, געפּאַטשט און אים פאַרטרונקען אין אַ ים מיט מוסר־רייד:

— אַ יונג ווי דו, אַ גמרא־בחור, זאָל נאָר קוקן אויף אַ טיפלע, נאָר גלאָצן אויפן יוזל, עפּעס אַ שד זיצט דאָך אין דיר, אַ נים־גוטער השם־ישמרנו! וועסט זיך דאָך נאָך, חלילה, שמדן אויך, רחמא־ליצלן!

די מאַמע האָט געוויינט, געקלאָגט אויף איר ביטערער דאָליע. אויסגעטייטשט, אַז דאָס, וואָס דער יונג קוקט כסדר צום קלויסטער, איז עס דערפאַר, ווייל בשעת זי איז מיט אים פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָבן די קלאַנגען פון די קלויסטער־גלאָקן זיך אַריינגעריסן אין איר אינגעווייד, טיילמאָל אפילו, האָט דאָס בלעקעצן פון די גויים אין דער טיפלע זיך אַריינגעריסן אין איר לייב.

זי האָט כסדר געזאָגט תחינות, די מאַמע, געלאָפן צו גוטע יידן, אָנגעהאָנגען אויף לייבלס האַלדז פאַרשיידענע קמיעות מיט אָפּשפּרעכעניש און געוויינט אָן אויפהער.

אין חדר גראָד האָבן אים די יינגלעך ליב געהאַט, לייבלען, פאַר זיין שטיפע־רישקייט, פאַר זיין נאָכמאַכן דעם מלמד מיט דער מלמדקע, ווי אַזוי ביידע קריגן זיך, אָדער ער פלעגט נאָכמאַכן יידן, ווי אַזוי זיי האַנדלען, טענהן זיך אויס מיט פויערים און אויך ווי זיי אָכצן און קרעכצן ביים דאַווענען. דער מלמד פלעגט אים פּאַקן אין מיטן זיינע מימישע תנועות, אַרויפפאַלן אויף אים מיט כעס:

— שפּעטסט אָפּ פון יידן, די פושע־ישראל! ווען ניט דיין טאַטע, וואָס איז אַ תלמיד־חכם, אַן אָפּגעהיטענער ייד, וואָלט איך דיך פון חדר אַרויסגעטריבן ,דו סורר־ומורהניק, דו!

נאָכן טאַטנס טויט איז ער, לייבל, צופּוס אַנטלאָפן פון דער היים, געוואַנדערט

איבער שטאָק און שטיין, דערשלאָגן זיך אין דער שטאָט ווין. דאָרט האָט ער זיך געמאַטערט ,געלערנט, געפּלאָנטערט זיך צווישן איין זאַך און דער אַנדערער, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו — טעאַטער. גאָרניט לייכט איז עס אים אָנגעקומען. מיט האָרץ־גריזשעניש, מיט פאַרלייקענען זיין אַפּשטאַם, מיט גנאַרן זיך און אַנדערע איז ער געוואָרן אַן אַקטיאָר, געוואָרן — לעאָפּאָלד נעלקען...

אַלץ איז שוין נאָכדעם געגאַנגען לויט די ערשטע טריט:

באַרימט איז ער ניט געוואָרן, לעאָפּאָלד נעלקען, כאָטש ער האָט אַנגעוואָנדן אַלע שטיק עס צו ווערן. עס האָט יעדעס מאָל אויסגעפעלט דער טאַלאַנט, קינסט־לערישע באַגייסטערונג, נשמה, ער האָט זיך געדראַפּעט, געריסן און דערגאַנגען, אָט צו וואָס ער איז דערגאַנגען — — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

קוים האָבן נעלקענען אָפּגעלאָזן די חרטה־שעהן, אָדער פינקעל האָט אים דערציילט עפּעס וועגן אַ קלאַנג, אַז זיי וועלן זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג, עס וועט נאָך אפשר מעגלעך זיין אָנצוקומען קיין אַמעריקע, האָט ער זיך ווידער פאַרבענקט נאָך דעם אַמאָל, נאָך זיין דייטשער ווייב גערטרודע. ער איז גרייט געווען איר מוחל צו זיין די גרויסע עוולה, וואָס זי איז קעגן אים באַגאַנגען, אַבי זי זאָל ווידער זיין מיט אים. ער איז אפילו איר גרייט געווען מוחל צו זיין, וואָס זי האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב. ער האָט געבענקט נאָך איר פול, געזונט לייב, נאָך אירע זאַפטיקע ליפּן, נאָך דער ווייבלעכער געמיטלעכקייט אין און אַרום איר, געגאַרט נאָך אירע צערט־לעכקייטן, וואָס זי האָט אים אַמאָל צוגעוואָרפן...

נאָך אַ צייט אַרומבלאָנדזשען אויפן ים, האָט די פראַנצויזישע לאַסט־שיף זיך דערשלעפּט צו אַ פּאָרט־שטאָט אין צפון־אַפריקע, וווּ מען האָט אויסגעלאָדן די מענטשן־מאַסע. אין דער פּאָרט־שטאָט האָבן די פּליטים אָנגעוואָנדן אַלע כחות אויסצוּוואַנדערן קיין אַמעריקע, אָדער אין אַנדערע לענדער, ווער דורך משפחה, ווער דורך אַן אָרגאַניזאַציע. לעאָפּאָלד נעלקען און מאיר פינקעל זיינען אָנגעקומען קיין אַמעריקע, אַ דאַנק אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט אינטעלעקטועלע פון פאַרשיידענע לענדער. ביים צעשיידן זיך אין ניו־יאָרק, האָט נעלקען אויסגע־שטרעקט אַ האַנט צו פינקלען, קרומלעך געשמייכלט, גערעדט געציילטע ווערטער:

— איר האָט אַמאָל געזאָגט, אַז יעדער מענטש דערקייקלט זיך צו דעם, וואָס איז פאַר אים באַשטימט. איך בין פון באַרוף אַן אַקטיאָר, וועל איך זען ווי אַזוי ניו־יאָרק וועט מיך אויפנעמען.

— ניט דאָס האָב איך געמיינט, הער נעלקען, — האָט פינקעל גוטברודעריש אים געדריקט די האַנט — ווייט ניט דאָס האָב איך געמיינט. איך גלויב, איר וועט זיך דאָ אויסטרעטן אַ וועג. איך ווינטש אייך אַ סך הצלחה!

* * *

אין דער ערשטער צייט פון זיין אנקומען אין אמעריקע האט נעלקען געלעבט פון דעם, וואס א יידישע רעליף־ארגאניזאציע האט אים צוגעטיילט שטיצע. פאר־שרייבנדיק זיין נאמען און געבורטס־ארט, האט ער אנגעגעבן, אז ער איז געבוירן אין א קליין שטעטל אין פוילן. ער האט נאך צוגעגעבן:

— מיינע טאטע און מאמע זיינען געווען פרומע ארטאדאקסישע יידן.

דאס אפיס־מיידל פון דער רעליף־ארגאניזאציע, האט אים זייער העפלעך דער־קלערט, אז מען דארף דאס גארניט וויסן, צי זיינע עלטערן זיינען געווען פרום, אדער ניט, מען דארף דאס אין זיין „רעקארד" ניט פארשרייבן.

לעאפאלד האט געוואלט א שמייכל טאן, עפעס זאגן, ער וואלט געהאט א סך צו זאגן, נאר דאס לשון האט זיך אים פארהאקט און פונעם שמייכל איז גאר געווארן א פיינלעכע גרימאסע.

ער האט זיך באזעצט אין דעם מערב־טייל פון ניו־יארק, אנגעהויבן אנשלאגן די שוועלן פון טעאטער־דירעקטארן. געזעסן גאנצענע טעג אין די אפיסלעך, איבער־געגעבן זיין וויזיט־קארטל, וואס ער האט געלאזט אפדרוקן אין ניו־יארק מיט א צושריפט, ווי עס האט זיך בפירוש געזאגט, אז ער, לעאפאלד נעלקען, האט אמאל געשפילט א גרויסע ראלע אין דער טעאטער־ און קונסט־וועלט פון ווין און פאריז.

נאך טעג פון זיצן א צוזאמענגעקארטשעטער, ווארטנדיק אין די פאדער־צי־מערלעך פון די טעאטער־אפיסעס אויף בראדוויי, איז טיילמאל געשען א נס און מען האט אים אויפגענומען. נעלקען האט ביי אזא וויזיט דאס ערשטע ארויסגעשלעפט זיין יחוס, וואס פאר א גרויס ארט ער האט פארנומען אין דער אייראפעאישער וועלט פון שוישפיל און בינע־קונסט. די געניטע טעאטער־פוקסן פון בראדוויי, האבן מיט א געמאכטער העפלעכקייט און פארגליווערטן שמייכל צווישן אויגן און ליפן — אים העפלעך אויסגעהערט, מיט־באדויערט זיין מערכה, נאר גראד איצט איז ניט פאראן קיין פאסיקע ראלע פאר אים — האבן זיי דערקלערט — זיי פארשטייען אים זייער גוט, אזוי ווי עס וועט זיך נאר מאכן עפעס, וועלן זיי אים ביי דער ערש־טער געלעגנהייט לאזן וויסן...

עס האט זיך אזוי געמאכט, אז מען האט אים אנגאזשירט אין א פיעסע. א קליינע ראלע גראד געווען פאר אים. אין אנהויב האט ער זיך געקווענקלט, ניט גע־וואלט איינגיין אויף פשרות און דאך אנגענומען.

נעלקענס אויפשטייג אין ניו־יארק האט געדויערט א קורצע צייט, אבער דורך דער קורצער צייט — ווען זיין נאמען איז מיט קליינינקע אותיותלעך געווען אפ־געדרוקט אין א טעאטער־פראגראם — איז ער ווידער געווארן דער אמאליקער לעא־פאלד נעלקען, ער האט אויפגעזוכט דעם מאלער פינקעל, אים דערציילט פון זיין קאריע־רע אין דער היגער טעאטער־וועלט. די הויפט־זאך, ער האט איצטער די מעגלעכקייט

אויפצוזוכן זיין ווייב. ער וואָלט נאָר געוואָלט, אַז, פינקעל, וועלכער האָט זיכער גרויסע באַקאַנטשאַפטן צווישן רייכע יידן אין ניו־יאָרק, זאָל אים העלפן קריגן די נויטיקע פּאַפּירן. ער האָפט, אַז זיין גערטרודע וועט ווידער קומען צו אים...

פינקעל האָט געפילט אַ בייסעניש אין די פויסטן, ווען ער קען אים אָנברעכן די ביינער, אָט־אָ דעם לעאָפּאָלד נעלקען — האָט ער געטראַכט — וואָלט ער עס גערן געטאָן. ער האָט זיך איינגעהאַלטן, גרויסמוטיק צעלאַכט און געזאָגט:

— ווי איך זע, הער נעלקען, שמייכלען די געטער צו אייך. איז וועט איר טאַקע שוין מוזן זיך ווענדן צו זיי, זיי זאָלן אייך העלפן אַהערברענגען אייער ווייב, ניט צו מיינע רייכע יידן — — —

נאָך עטלעכע חדשים שפּילן, האָט זיך דאָס טעאַטער פאַרמאַכט. נעלקען איז געבליבן אויפן וואַסער. מען האָט אים פאַרגעשלאָגן סטאַטיסטישע ראָלן, אַנדערע טעאַטער־אַרבעטן. ער האָט ניט געוואָלט. נייע פּלענער האָבן זיך געוועבט אין זיין מח.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין איינעם אַן אָוונט האָט פינקעל געשפּרייזט איבער דעם גרויסן רונדיקן פּלאַץ אין ניו־יאָרק, דער „קאָלומבוס־סירקל". אין די ווינקלען פון דעם פּלאַץ זיי־נען אויף נידעריקע בענקלעך געשטאַנען רעדנער און רעדנערינס, ביי זייער זייט, האָט געפּלאַטערט אַן אַמעריקאַנער פענדל. די רעדנער, האָבן געפּלאַפּלט וועגן אַלץ אין דער וועלט. אַ טייל האָבן גערעדט וועגן די עוולות, וואָס איין האַלבע וועלט באַ־גייט קעגן דער אַנדערער, אַ טייל האָבן גערעדט פאַרקערט. זייערע שטימען, טיפע, באַ־סאָווע, דינע, קוויטשיקע, האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די מימישע העוויות פון זייערע פּנימער. אין אַ ווינקל ביי אַ קאַרגן לאַמפּן־שיין, אויף אַ הילצערן קעסטל איז גע־שטאַנען אַ הויכער מאַן מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר, מיט אַ הייזעריק קול און שאַרפן אַקצענט האָט ער אין אַ געבראָכענעם ענגליש גערעדט:

— מענטשן דאַרפן זיך אומקערן צו גאָט. דאָס איז די איינציקע טרייסט. מענטשן טאָרן ניט פאַרלירן זייער צייט אויף פּוסטע זאַכן. צייט איז די גרעסטע מתנה, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן. זיי דאַרפן ניט גיין אין טעאַטערן אויף פאַרוויי־לונגען, טעאַטערן זיינען סם פאַר דער מענטשלעכער נשמה. עס איז נאָר פאַראַן איין אָרט ווו דער מענטש קען געפונען טרייסט, אָנהאַלט אין לעבן.

פינקעל האָט געזען דאָס דאַרע געשטאַלט פון לעאָפּאָלד נעלקען, אויפגעכאַפּט די מיסיאָנערישע דרשה זיינע. ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער, געשטעלט זיך אין אַ זייט, כדי נעלקען זאָל אים ניט באַמערקן.

דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל צוגעשרויפט צום שטענדערל און קעסטל, האָט באַלויכטן דאָס צעאַקערטע פּנים פונעם רעדנער, וואָס האָט געוואָרפן ווערטער:

— אָט קוקט מיך אָן, ליבע מענטשן. איך בין אויסגעווען די גאַנצע וועלט.

איך האָב אַלץ געזען און אַלץ געהערט! פון אַלע װאַסערן געטרונקען, ביז איך בין צוגעקומען צום אמתן קװאַל פון קריסטוסן! פאָלגט מיך, קערט אײַערע פּנימער צו גאָט, צום דערלײזער!

עטלעכע עלטערע מענטשן, אַזעלכע, װאָס זײַנען מסכּים צו די רייד פון יעדן בעל־דרשן, האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ מיט הסכּמה, אַנדערע האָבן געמאַכט אױסרופן, געשפּעט פון דער מיסיאָנערישער דרשה, מיט אַ געמיש פון קהלת־רייד אין סאַמע מיטן ניו־יאָרק. עס איז געװאָרן שפּעטלעך, דער עולם — שיטערער. נעלקען האָט נאָך געפּרוּװט ריידן, איבערצײַגן אין דעם אמת, װאָס ער לײגט פאָר פאַר אַלעמען. נאָכדעם האָט ער אױפגעהערט ריידן, אײַנגעפּאַקט דאָס פענדל, גענומען דאָס שטענדערל מיטן קעסטל אונטערן אָרעם און געלאָזן זיך גײן. פינקעל האָט זיך אַ ריס געטאָן אין דער זײַט, געמאַכט אַזױ, װי ער װאָלט גראָד פאַרבײַגעגאַנגען און אים געטראָפן אומגעריכטערהײט.

—העלאָו, לעאָפּאָלד! — האָט פינקעל מיט געמאַכטער דערשטױנונג אױס־געדופן — װאָס מאַכט איר? גאָר אַ לאַנגע צײַט איך ניט געזען. נו, אַז איך האָב אײַך ניט געהאָלפן אַראָפּברענגען אײַער װײַנער װײַבל, דאַרפט איר מיך שױן אױס־מײַדן? אַז איר זענט שױן אַ גרױסער אַקטיאָר דאַרפט איר פאַרגעסן אין אַן אָרעמען מאַלער? ניט שײן, הער נעלקען. יאָ, װאָס האַלט איר עפּעס אַן אַמעריקאַנער פענדל אונטערן אָרעם?

נעלקען האָט גענומען שטאַמלען:

— אָ, פינקעל, ניט געריכט אײַך צו טרעפן. װי גײט עס אײַך?

— נישקשה, גוט. װאָס האַלט איר טאַקע אַ שטענדערל מיט אַ פענדל? אָ... מן־הסתּם אַ שטיקל טעאַטער־רעקװיזיט, אײַנגאַנצן פאַרגעסן — האָט פינקעל אַלץ אָנגעהאַלטן דעם טאָן פון מאַכן זיך טאַמעװאַטע.

— נײן! עס איז, װי זאָל איך דאָס אָנרופן. איך בין געװאָרן אַ מיסיאָנער. איך רעד װעגן גאָט און מען הערט זיך צו צו מײַנע רייד.

— אַזױ גאָר! — האָט פינקעל אַלץ גערעדט אין דעם זעלבן טאָן.

— יאָ. אַ מיסיאָנער!

— נו, זענט איר צופרידן פון אײַערע נײַע אױפטריטן? — האָט פינקעל געפרעגט — איך מײן פון אײַער שפּאָגל־נײַע ביזנעס?

נעלקענס אױגן האָבן זיך צעגליט. פינקעל האָט ניט געקענט זען דאָס אומ־הײמלעכע פײַערל, װאָס האָט זיך אין זײ אָנגעצונדן. נעלקען האָט געענטפערט:

— יאָ... און נײן!

— אפשר װאָלט דאָך בעסער געװען פאַר אײַך אַן אַנדערע אַרבעט. איך װאָלט

געקענט פאַר אייך עפּעס געפונען. אויף אַזויפיל, איר זאָלט קענען פאַרדינען אייער טענלעכע אויסקומעניש.

— ניין, ניין! — האָט נעלקען האַסטיק געענטפערט — איך וויל ניט קיין אַנדערע באַשעפטיקונג. ניין! איר זעט דאָך, אַז איך בין צופרידן.

— דאַרף מען ניט!

נעלקען האָט געשוויגן.

— בלייבט איר, הייסט עס, אַ מיסיאָנער, הער נעלקען, צוריק צום — אַלטן?

— איך בין דער זעלבער, וואָס בין אַלעמאָל געווען.

— אַלעמאָל? אַ חופּה אין קלויסטער, אַן ארישער אַקטיאָר. ערשט די דייטשן האָבן אויסגעפונען ווערט איר זענט, המ...

נעלקען האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די פּלייצעס און שנעל אַוועקגע־שפּאַנט אין דער נאַכט אַריין.

פינקעל האָט עטלעכע רגעס ניט געקענט זיך רירן פון אָרט. עס האָט אים אָנ־געכאַפּט אַ קראַמף אין מאָגן. ער האָט געפילט אַ ניט־גוטקייט, אַן איבלדיקייט. מיט שווערע טריט האָט ער גענומען נאָכגיין דאָס געשטאַלט פון נעלקענען, פּרוּוון אים איבעררעדן, צוריק־שלעפּן פונעם ראַנד ביים תהום, אפשר? אָבער דאָס געשטאַלט האָט זיך שנעל דערווייטערט.

פינקעל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אינעם חושך אַריין, אויסגעברומט צו זיך אַליין:

— ער האָט געפונען זיין תיקון, נעלקען. דערגאַנגען צו זיין לעצטן גלגול...

פריינטשאַפט

קליינע שטעטלעך אין פראַנקרייך זיינען זייער ענלעך איינס צום צווייטן. ביים וואָקזאַל געפינט זיך אַ האָטעל מיט רעסטאָראַנען און בלומען־געשעפטן. אַביסל ווייטער: אַ פּאַרק, אַ קלויסטערל, אַ שטיינערנער מאָנומענט מיט אויסגעקריצטע נעמען פון די דאָרטיקע בירגער, וואָס זיינען געפאַלן אין די מלחמות; אַ שכור גייט אַרויס פון שענק, וואַקלט זיך, זינגט, שטעלט זיך אָפּ און גאַפט; אַ פרויען־האַנט באַגיסט בלומען ביי איר פענסטער.

אין יענעם שפּעט־זומער־טאָג, איז מיין אויטאָמאָביל קאַליע געוואָרן אויפן וועג, ערגעץ אין צענטראַל־מאַסיוו, אין אַ שטעטל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט סעראַמיק־פאַבריקן. דאָס פאַרריכטן האָט געדאַרפט נעמען אַ צייט. איך האָב גענ־דונגען אַ צימער אין אַ האָטעל, זיך אַרומגעוואַשן און באַקוקן דאָס שטעטל.

ביים אַרויסגאַנג פון האָטעל, האָב איך דערבליקט קעגנאיבער אַ קליינע קראָם. אין די פענסטער זיינען געשטאַנען קאָלירטע וואַזעס, טעלער, טעפּ. האַרט ביי דער קראָם־טיר אינדרויסן, איז אין אַ פּרימיטיוו־רעדער וועגעלע, געזעסן אַן איינגעקור־טשעטער מאַן, מען האָט בלויז אַרויסגעזען זיין קאָפּ מיט אַ געדיכטער טשופּרינע האָר.

איך האָב פאַרקירעוועט אין זיין זייט. דער מאַן האָט געדרימלט, הנאה האָ־בנדיק פון דער געמיטלעכער רו און גלעטנדיקן ווינטל פון אַ שפּעט־זומער טאָג. איך האָב געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר איבערן שטעטל און צוריק־געקומען אין האָטעל צו מיטיק־צייט.

נאָכן מאָלצייט, ווען ביים טיש אינעם גרויסן האָטעל־זאַל, זיינען געזעסן עט־לעכע קאָמי־וואָיאַזשאָרן, געטרונקען, גערייכערט, געמיטלעך געשמועסט, איז צוגע־

קומען די באַלעבאָסטע פונעם האָטעל, אַ קלוגע געשעפטס־פרוי, וואָס האָט, ווייזט אויס, ליב געהאַט, זיך צו גרויסן פאַר אירע געסט מיט די מערקווירדיקייטן פון איר שטאָט. זי האָט אָנגעוויזן אויף דער קליינער קראָם קעגנאיבער אין פענסטער, וווּ ביי דער טיר איז נאָך אַלץ געזעסן דער מאַן אינעם רעדער־וועגעלע. זי האָט געזאָגט:

— וואָלט איר געגלויבט, אַז דער קריפּל דאָרט אינעם רעדער־שטול איז אַמאָל געווען אַ פעסט־געבויטער מאַנספּערשוין, אין וועלכן אַלע מיידלעך ביי אונדז אין שטאָט זיינען געווען פאַרליבט? וואָלט איר דאָס געגלויבט?

— ווי אַזוי איז פון אים געוואָרן אַזאַ חורבה? — האָט ווער געפרעגט.

די פרוי האָט אָנגענומען אַ מינע פון איינער, וואָס איז גענויגט צו פילאָזאָפירן איבערן הבל־הבלים און פאַטאַלע פּאַסירונגען פון לעבן. זי האָט געענטפערט:

— צוליב אַ סך צופאַלן, געשעענישן.

— ווי איז זיין נאָמען? — האָב איך געפרעגט.

— שאַרל מולען. אַט אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, שאַרלען — האָט זי ווייטער גערעדט און איר שטימע האָט באַקומען אַ וואַרעמען קלאַנג — איז ער אַ קינסטלער. ער האָט זיך פון יונגלווייז אָן פאַרנומען מיט מאַכן צייכענונגען אויף סעראַמיק־כלים: בלומען, שטוב־חיהלעך, שמעטערלינגען. ער האָט געאַרבעט אין איינעם פון די פאַבריקן אין שטאָט, געווען צופרידן פון זיין פּאָזיציע. אַלע מאָל אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, האָט ער געוואוינט צוזאַמען מיט זיין מוטער, אַן אַלמנה. אין די אָוונטן פלעגט ער זעלטן אַרויס פון הויז, געלייענט ביכער, געגרויבערט זיין ליולקע, געשפּילט מיטן הונט. אין די זונטיקן פלעגט ער מיט זיינע פריינט פאַרברענגען אין אַ קאַפע ביי אַ גלעזל וויין, אָדער ביים ביליאַרד־טיש.

„גוטע פרומע לייט, האָבן אים גערן געהאַט, אים פאַראויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט, אַנדערש האָט דאָך ניט געקענט זיין, ער איז דאָך געווען באַשאָנקען מיט אַלע מעלות, וואָס אַ יונגערמאַן אין אונדזער געגנט קען זיך נאָר ווינטשן.

„שאַרל האָט געהאַט אַ פריינט מיטן נאָמען קאַמיל, אַ זון פון אַ רייכן בהמות־הענדלער ביי אונדז אין שטאָט, אַ ווילדער יונג, אַן אַוואַנטורניק, אַ פאַרקערטער כאַראַקטער פון שאַרלען. די עלטערן האָבן פון דעם קאַמילן געהאַט געברענטע צרות, זיי האָבן אַלץ געטאָן, כדי צו צוימען זיין ווילדן כאַראַקטער, אָבער עס איז זיי שווער אָנגעקומען. אפילו דער שטילער שאַרל האָט ניט געקענט האָבן קיין ווירקונג אויף זיין צעבאַלעוועטן פריינט.

„איינמאָל אַ טאָג, האָט קאַמיל זיך גוט אָנגעשכורט, אַריינגעקומען אין דער אַטעליע, וווּ שאַרל האָט געאַרבעט, דערבליקט אויפן טיש אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מיידל, וואָס ער האָט ליב געהאַט. די פאָטאָגראַפיע — ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — האָט זיך צופעליק דאָ געפונען, שאַרל האָט געזאָלט מאַכן אַ צייכע־

נונג פאַר אַ ראַם. צווישן די צוויי פּריינט איז אויסגעבראָכן אַ שטאַרק געשלעג און ביזן היינטיקן טאָג ווייסט מען ניט ווי אַזוי ס'איז געשען: אין עטלעכע סעקונדן צייט איז קאַמיל באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שאַרפער, בעמישער פליסיקייט, וואָס האָט זיך געפונען אויפן אַרבעטס-טיש. ער האָט באַקומען בראַנד-ווונדן אויפן פּנים, האַלדז, הענט. שאַרל איז דעם זעלבן טאָג אַוועק, ווו די אויגן האָבן אים געטראָגן.

די מענטשן ביים טיש האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון דער פרוי, וואָס באַטראַכט אירע געסט פאַר גרויסשטאָטישע טוריסטן, וועלכע זוכן אין די פאַר־וואָרפנסטע שטעטלעך איינצוהאַנדלען מערקווירדיקע מציאות, אַנטיקן און ווילן זען טשיקאַווע געשטאַלטן.

„די אומרו און פּיין — האָט זי ווייטער דערציילט — האָבן געפרעסן שאַרלס ליב ביז משוגעת. נאָך לאַנגע וואָכן פון וואַגלען און וואַנדערן, האָט ער זיך אָנ־געשלאָגן אין פראַנצויזישן פרעמדן-לעגיאָן. דאָרט, ווו מען פרעגט ביי קיינעם ניט, ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט. שאַרל מולען איז געוואָרן איינער פון די טויזנטער גרויע זעלנער, צונויפגעלאָפענע פון אַלע עקן וועלט, מענטשן, וואָס זוכן אַלע אַן אויסוועג ווי זיך צו פאַרגעסן, פאַרגעסן זייערע מעשים, מענטשן, וואָס האָבן הינטער זיך פאַרברענט אַלע בריקן, האָבן מער ניט קיין וועג אויף צוריק.

„לאַנגע יאָרן איז שאַרל דאָרט אָפּגעווען. ער האָט אויסגעוואַנדערט ריזיקע שטרעקעס פון דער סאַהאַראַ-מדבר, געשלאָגן זיך מיט ווילד-פרעמדע מענטשן, גע־האַרטעוועט געוואָרן ווי קיזל-שטיין און פּאַמעלעך אָנגעהויבן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ צייכנער פון בלומען און שטוב-חיהלעך, אַ מענטש אַ שטילער, אַ געמיטלעכער, אַז ער איז דורך אַ פּאַטאַלן צופאַל אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ פּלאָנטער פון פאַרברעכנס און אַוואַנטורע...

„שאַרל וואָלט געבליבן אַ פאַרגעסענער, ווען ניט דאָס, וואָס אַ שווערע טראָ־פּישע קראַנקייט האָט זיך איינגעפרעסן אין זיין ליב, ווי אַ לעבעדיקער ראָק. די פּיס האָבן ביי אים גענומען איינדאַרן, נאָכן אָפּליגן אַ סך חדשים אין אַ שפּיטאָל, האָט מען אים אַ האַלב-פּאַראַליזירטן אָפּגעשיקט אין זיין היים-שטעטל.

„איר האָט געדאַרפט זען, ווי שאַרל האָט אויסגעזען, ווען ער איז אָנגעקומען. דאָ האָט זיך גאָרניט געענדערט. קאַמילס פּנים האָט זיך שוין מער ניט פאַרהיילט, די בראַנד-ווונדן האָבן זיך איינגעשניטן טיפער אין פלייש, ער איז מיט דער צייט איבערגעאַנדערשט געוואָרן. קאַמיל האָט אָנגעהויבן פירן אַ שטיל, רואיק לעבן. ביידע געוויזענע פריינט, האָבן געעפנט אָט-אָ די קראָם קעגנאיבער און זיי פאַרקויפן סע־ראַמיק-חפצים, וואָס ווערן ביי אונדז אויסגעאַרבעט און אויך אַנטיק-זאַכן.

די האָטעל-איינגנטימערן איז געבליבן שטיל, אומגעקוקט זיך, וואָס פאַר אַן איינדרוק אירע רייד האָבן געמאַכט. זי איז שוין — ווייזט אויס — געוואוינט גע־ווען צו דערציילן, באַפּוצן די געשיכטע מיט פילאָזאָפישע פליטערלעך און שיינע

רייך. זי האָט אירע צוהערער רעקאָמענדירט צו קויפן פאַרשיידענע חפצים אין דער קראָם און אַזוי אַרום זיך באַקענען מיט די לעבעדיקע העלדן פון דער דראַמע...

* * *

מיט עטלעכע שעה שפּעטער בין איך אַריין אין דער קראָם. שאַרל איז געזעסן אין זיין רעדל־שטול ,די ברוסט אָנגעשפּאַרט ביי אַ טישעלע, מיט אַ קליינעם פּענדזל געמאָלן. ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע גוטמוטיקע שוואַרצע אויגן.

— איך וואָלט געוואָלט אָט יענע וואַזע — האָב איך געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ פּאָליצע — זעט אויס צו זיין אַן עכטע.

— ביי אונדז אַרבעט מען אויס בלויז עכטע סעראַמיק. דער בעסטער אין גאַנץ פראַנקרייך — האָט דער קריפּל געזאָגט מיט אַ טאָן פון שטאָלץ — מיין שותּף וועט זי אייך באַלד וויזן. איר זענט דאָס ערשטע מאָל ביי אונדז אין שטאָט?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט.

— קאַמיל! קאַמיל! — האָט ער גערופן — קום אַריין! אַ קליענט!

אַ מאַן מיט אַן איינגעשרומפּענעם פּנים, פול מיט פלעקן און וווּנדיקע ריסן, איז אַריינגעקומען פונעם דערנעבנדיקן צימער. ער האָט אויף קיינעם ניט געקוקט.

— דער מאַן וויל די וואַזע מיט די אויסבויגן — האָט שאַרל געזאָגט.

קאַמיל האָט פון דער פּאָליצע אַראָפּגענומען דאָס חפץ, און געזאָגט דעם פּרייז.

קאַמיל האָט באַטראַכט די וואַזע און גערעדט סתם אַזוי:

— זייער שיין ביי אייך, אינטערעסאַנט.

— און פון וואַנען קומט איר? — האָט שאַרל געפרעגט און זיין האַלב־צוזאַמענגעקאַרטשעטער קערפּער האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן אין דער רעדער־שטול — איר זענט זיכער ניט פון דער געגנט. מען דערקענט עס באַלד אין אייך.

— איך קום פון פּאַריז.

איך האָב געזען ווי שאַרלס הענט האָבן זיך אַ טרייסל געטאָן. די אויגן האָבן זיך ביי אים ברייט אויפגעריסן פול מיט וווּנדער:

— פון פּאַריז! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — קענט איר דאָך זיכער זשאַק בערזשער!

— ניין, איך קען אים ניט — האָב איך געזאָגט.

— וואָס, איר האָט ניט געהערט פון מיין פריינד זשאַק? ער איז דאָך אַ באַרימטער מענטש. ער האָט אין פרעמדן לעגיאָן געכאַפּט די זעלבע קראַנקייט, וואָס איך. אונדזערע פיס...

ער האָט פיבערהאַפּט גענומען זוכן אין זיין בוזעם־טאַש, אַרויסגעשלעפּט אַן אָפּגעריבענע, פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיע און מיר דערלאַנגט.

— זעט! דאָס איז מיין פריינט, זשאַק בערזשער און איך. איר דערקענט מיך? אַמאָל האָב איך אַנדערש אויסגעזען. עס איז שוין גאַנץ לאַנג.

איך האָב אויף דער פאָטאָגראַפיע געזען צוויי הויכע, שיינע מענער אין זעלנער־מלבושים פון פרעמדן לעגיאָן. ביידע האָבן געשמייכלט מיט שורות געזונטע ציינער אונטער פיין־פּאַרקעמטע וואָנסעס.

— דאָס זענט איר דאָך! זיכער דערקען איך אייך. אייער טשופּרינע האָר, פריילעכע אויגן, און...

— אַלץ וואָס מיר איז געבליבן — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן די רייד, אייַנקוקנדיק זיך אין דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט צוריק גענומען פון מיין האַנט — יאָרן־לאַנג געווען די בעסטע פריינט. אין אַלע שלאַכטן געווען צוזאַמען, טויזנטער מיילן צוזאַמען דורכגעשפּאַנט אין מדבר. מיר זיינען אויך די איינציקע, וואָס האָבן אין דער זעלבער צייט געפּאַקט די קראַנקייט. די פיס — אָפּגעדאַרט. אַט זעט, וואָס פון מיר איז געוואָרן. דאָס זעלבע איז מיט זשאַקן אין פּאַריז. דאָקטוירים זאָגן, אַז די קראַנקייט באַפאַלט אַ מענטשן אין יענע לענדער איינמאָל אין צענדליקער יאָרן. זיינען מיר דאָס מאָל געווען די קרבנות.

— אַ צופאַל! עס קען מיט יעדן טרעפן — האָט קאַמיל אַריינגעוואָרפן אָפּגעריסענע רייד, דערביי גלייך געשטעלט חפצים אין אַ שויבן־שאַנק — יעדן איינעם קען עס טרעפן. מען קען זיך פון גאָרניט אויסהיטן.

— קענט איר, הייסט עס ניט, זשאַקן — האָט שאַרל געזאָגט, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף קאַמילס רייד — אַ שאָד! דער שענסטער יונג ביי אונדז אין לעגיאָן איז ער געווען. די דאַרטיקע מיידלעך האָבן פאַר אים אָוועקגעחלשט, האָט ער גענומען אַ מויד אין זיינע אָרעמס, האָט זי מער פון אים ניט געוואָלט אָוועק.

— נאָר ווען זשאַקן רעדט ער אָן אויפהער — האָט קאַמיל ווידער זיך אַריינגעריסן אין די רייד — מיר האָבן שוין עטלעכע יאָר דאָס געשעפט בשותפות, האָט ער נאָך קיין איין טאָג ניט אויפגעהערט רעדן וועגן זשאַקן. עפּעס אַ מיסטעריעזע געשטאַלט, דער זשאַק. קיינער קען אים ניט, קיינער ווייסט אים ניט און שאַרל קען זיך קוים זאַט אָנריידן וועגן אים.

שאַרל האָט פּאַמעלעך אַריינגעלייגט די אָפּגעריבענע פאָטאָגראַפיע אין טאַש, זיין קול איז געוואָרן מונטערער:

— ווען איך קען צו אים פאָרן, אָדער ווען ער קען קומען צו מיר! ווי אַזוי? אַז מיר קענען זיך ניט רירן? עס איז דאָך זייער וויִט. מיר שרייבן זיך כסדר בריוו. נאַט, לייענט, וואָס ער שרייבט!

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ טאַש אַ באַשריבן פּאַפּיר און עס מיר דערלאַנגט. איך האָב געלייענט עטלעכע שורות פון זשאַקן צו אים. זשאַק האָט געשריבן, אַז די מוטער זיינע פירט אים איבער די פּאַריזער גאַסן. ער האָט אים דערמאָנט די גוטע צייטן אין לעגיאָן. ער האָט שאַרלען געעצהט זיך צו האַלטן בראַוו. עטלעכע

מאָל איבערגעחזרט ,אַז אַט שיקט ער אים אַ נייע פאָטאָגראַפיע, אַט מאַכט ער זיך שוין די פאָטאָגראַפיע. נאָכדעם זיינען געקומען וויצן, פריילעכע ווערטלעך.

— עס איז אַזוי וווּנדערבאַר, אַז זשאַק לעבט ערגעץ אויף דער וועלט — האָט שאַרל געשעפּטשעט אין דער צייט וואָס איך האָב געלייענט דעם בריוו — איר פאַר־שטייט, צוויי מענטשן, וואָס ליידן די זעלבע יסורים, צוויי פריינט...

קאַמיל האָט געקוקט אויף אונדז מיט בליקן פול מיט האַס און בייזקייט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטראַכט, וואָס פאַר אַ טייוול האָט דאָ אָנגעטראָגן דעם פרעמדן ? נעמט צו בחינם צייט פון זיין שותּף, יענער אַרבעט ניט, נאָר פּלאַפּלט כסדר וועגן אַ זשאַק בערזשער.

— איר ווילט מיר טאָן אַ טובה ? — האָט שאַרל זיך האַסטיק אַ ווענד געטאָן אין מיין זייט — נעמט דעם אַדרעס, און ווען איר וועט קומען קיין פּאַריז גייט אַריין צו אים. גיט אים איבער אַ גרוס פון מיר. זאָגט אים, אַז איר האָט מיך געזען. דריקט אים די האַנט פאַר מיר. יאָ ? איך וועל אייך מיטגעבן אַ מתנהלע פאַר אים. אפשר וועט אייך נאָכאַמאָל אויסקומען צו זיין ביי אונדז אין שטעטל, כאַפּט זיך אַריין. מיר וועלן אפשר האָבן שענערע וואָזעס .איך אַרבעט איצטער אויף נייע צייכענונגען.

איך האָב ביי זיך פאַרשריבן דעם אַדרעס פון זשאַק בערזשער אין פּאַריז. אַ דערדריקטער בין איך אַרויס פון דער קראָם, מיטנעמענדיק די געקויפטע וואָזע און אַ חפץ אַ מתנה פאַר זשאַקן פון — שאַרל מולען.

* * *

אין פּאַריז האָב איך גענומען אויפזוכן זשאַק בערזשער. זיין אַדרעס איז געווען אין יידישן קוואַרטאַל. איך בין אַריינגעקומען אין אַ וואוינונג פון ניט־פאַר־מעגלעכע מענטשן. אַן עלטערע פרוי האָט מיך אויפגענומען, באַדויערט, וואָס איר זון איז גראָד ניט געווען אינדערהיים. דאָס צווייטע מאָל בין איך געקומען אָוונט־צייט. די אַלטע פרוי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער. איך האָב געזען אין אַ גלעזערנער שאַפע רייען ספרים און אַלטע יידישע חפצים : אַ בשמים־ביקס, אַ חנוכּה־לאָמפּ, אַ מעסער מיט אַן אויסגעקריצטן „לכבוד שבת". איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות, בין ניט אויפן ריכטיקן אַדרעס. איך האָב געוואָלט אוועקגיין, נאָר גראָד איז אַריינגעקומען אַ מיטליאָריקער מאַן, אַ הויכער, אַ געזעצ־טער און געפרעגט :

— איר ווילט מיך זען ?

— אייך ? ניין ! איך וויל זען זשאַק בערזשער.

— איך בין זשאַק בערזשער — האָט דער מאַן געזאָגט.

— איר ? ניין ! איך האָב זיכער אַ טעות. איך בין ניט אויפן ריכטיקן אַדרעס. אַנטשולדיקט מיר.

איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין און געפרעגט:

— אפשר אייער ברודער?

— איך האָב ניט קיין ברודער, אָבער פאַרוואָס גלויבט איר ניט, אַז איך בין דאָס זשאַק בערזשער?

— ווייל, ווייל, עס איז דאָך ניט מעגלעך, אַז דאָס זענט איר!

— איך פאַרשטיי אייך ניט. פאַרוואָס איז עס ניט מעגלעך?

— איר קענט אַ מאַן שאַרל מולען פון...

דער מאַן האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן און געמאַכט אַ שריט פאַראויס:

— וואָס האָט איר געזאָגט? שאַרל מולען?

— יאָ. איר קענט אים?

— זיכער קען איך אים, וואָס הייסט? ווען האָט איר אים געזען?

איך האָב געקוקט אויף דעם געזונטן, גלייכן מאַנספּערשוין מיט זיין אָפּגע־ברוינטן פּנים, אָפּנהאַרציקן בליק און שטיל געזאָגט:

— עס איז מיר שווער צו פאַרשטיין. שאַרל האָט דאָך אייך געשילדערט, אַז... איך מיין, פּאַראַליזירט אַזוי ווי ער אין אַ רעדל־שטול... עס קען דאָך ניט זיין, אַז איר זענט דער זעלבער...

— ריכטיק, — האָט זשאַק געזאָגט און אַ טרויער האָט זיך צעלייגט אויף זיין פּנים — עס איז אַלץ אמת וואָס ער האָט אייך געזאָגט. שאַרל איז אינגאַנצן זיכער, אַז אויך מיר האָט געטראָפן די זעלבע קראַנקייט, וואָס אים. ער האָט אייך ניט גענאַרט.

ער האָט מיך געבעטן זיצן, אַרויסגענומען פון דער שאַפע אַ פלאַש וויין, אָנגעגאָסן צוויי גלעזער. מיך האָט געפרעסן די נייגעריקייט, געוואָלט דערגיין דאָס רעטעניש, און זיין פּנים אַ קנאַכיקס מיט פאַרהאַרטעוועטע שטריכן, מיט קלוגע מידע אויגן, האָבן די גאַנצע צייט מיך באַטראַכט און געפּאַרשט איך האָב באַמערקט, אַז ביי זיינע שליפן האָבן בלויע אָדערלעך געצוקט מיט נערוועאישן אומרו. ער האָט אַ זופּ געטאָן פון גלאָז, אָנגעהויבן רעדן פּאַמעלעך און שטיל

— איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין פרעמדן־לעגיאָן, ווייל איך בין געווען אין אַרבעט, ניט געהאַט אַ טאָג איבערצולעבן. מען האָט מיר פאַרזיכערט, אַז נאָך פינף יאָר דינען אינעם לעגיאָן, קען מען ווערן אַ פראַנצויזישער בירגער, באַקומען אַ רעגירונגס־שטעלע. איר פאַרשטייט דאָך, אַז פאַר אַן איינגעוואַנדערטן יידן פון פּוילן, איז שווער זיך דאָ צו דערשלאָגן צו אַ גוטער שטעלע. איך בין געווען יונג, אַמביציעז, מיט אַוואַנטוריסטיש בלוט, נו, האָט עס מיך געלאָקט אַוועקצולאָזן זיך אין דער מדבר. זיין עטלעכע יאָר ווייט פון דער ציוויליזירטער וועלט. עס איז גאָרניט פאַראַן וואָס אָנצוווערן, גלויבט מיר — האָט ער געשמייכלט — גאָרניט... איך בין אַריינגע־פאַלן צווישן הונדערטער ווילד־פרעמדע מענטשן, וואָס יעדער פון זיי האָט אַ שווערע פאַרפּלאָנטערטע פאַרגאַנגענהייט, געפינענדיק זיך צווישן מענטשן, רויע, פאַרהאַרטע־

וועטע, דעגענערירטע, ברוטאַלע, האָב איך זיך נעענטער באַקענט מיט דעם שטילן שאַרל מולען און מיר זיינען געוואָרן די אינטימסטע פריינט. יאָרן־לאַנג זיינען מיר געווען צוזאַמען אין פּיין, אין אַלערליי טויט־געפאַרן, אין ליידן און פריידן. דער גורל האָט אַזוי געוואָלט, מיר זאָלן אַלץ צוזאַמען איבערטראָגן.

ער איז אַ ווייַלינקע שטיל געבליבן, נערוועאיש געפּויקט מיט זיינע פינגער איבערן טיש. דער שטערן מיט די בלויע אָדערלעך ביי די זייטן האָט זיך צוזאַמענ־געצויגן. ער האָט ווידער אַ זופּ געטאָן פונעם וויין, וויטער גערעדט:

— אַ שווערע טראַפּישע קראַנקייט, וואָס פרעסט זיך איין אין לייבער פון מענטשן, האָט געטראָפן מיין פריינט שאַרל. ער איז אַפּגעלעגן עטלעכע הדשים אין אַ באַוווסטלאָזן צושטאַנד. אין דער צייט, האָבן זיך געענדיקט מיינע פינף יאָר דינסט אינעם פרעמדן לעגיאָן, מען האָט מיך באַפרייט. איך האָב זיך מיט שאַרלען נית געקענט געזעגענען. ווען ער איז אַ פאַרקריפּלטער ארוים פון שפּיטאָל, האָט — וויזוט אוים — ווער פון די זעלנער געמאַכט אַן אומגעלומפּערטן וויץ, אָדער אפשר, כדי אים צו טרייסטן, האָט מען אים געזאָגט, אַז אויך מיך האָט געפּאַקט די זעלבע קראַנקייט און מען האָט מיך אַפּגעשיקט אהיים קיין פּאַריז. שאַרל האָט דאָס אָנ־גענומען פאַר אַן אמת, ווייל ווי אַנדערש האָט עס געקענט זיין ?...

זשאַק האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, גענומען שפּאַנען איבערן צימער הין און צוריק. אין זיינע אויגן האָט געגליט אַ טיפער טרויער.

— איידער מען האָט שאַרלען אהיימגעשיקט — האָט זשאַק וויטער גערעדט — האָט ער זיך פאַרשאַפט מיין אַדרעס און ווען ער איז אָנגעקומען אין זיין שטעטל, האָט ער מיר געשריבן אַ בריוו. ער האָט געשריבן, אַז ער וויל זיך פאַר מיר נית באַקלאָגן אויף זיינע יסורים, ווייל ער ווייסט, אַז אויך איך לייד די זעלבע ווייטיקן. ער האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, עס דאַרף זיין אַ טרייסט פאַר אונדזביידן, וואָס מיר זיינען געטראָפן געוואָרן פונעם זעלבן אומגליק. דאָס איז אַ סימן, אַז אונדזער פריינטשאַפט איז צעמענטירט פון איין שטיק.

זשאַק האָט ווידער אָנגעגאָסן די גלעזער מיט וויין. זיין קול האָט זיך געבראָכן אין אַ הייזעריקלעכן טאָן:

— איך האָב פאַרשטאַנען זיין מיין און האָב שאַרלען גלייך געענטפערט. דער־ציילט אים אַז אויך איך בין איינגעפּאַקט אין אַ רעדל־שטול, בין אַזוי פאַרקריפּלט ווי ער. איך האָב אפילו ביי אַ באַקאַנטן דאָקטאָר נאָכגעפרעגט וועגן די סימפּטאָמען פון דער קראַנקייט, גענומען מעדיצינישע אָנווייזונגען און דאָס אַלץ געשריבן שאַרלען. איך טרייסט אים כסדר אין די בריוו, אַז ער איז נית איינער אַליין אין זיין אומגליק, ער דאַרף זיך שטאַרקן, אַלץ איבערטראָגן, ווי זיין גורל האָט פאַר אים באַשטימט, אַזוי טאָקע, ווי איך אַליין טראָג אַלץ אַריבער.

— האָט אייך שאַרל געשריבן וועגן זיין שותף קאַמיל ?

— יאָ.

איך האָב מיך אויפגעשטעלט גרייט אַוועקצוגיין און געפרעגט:

— האָט אייך שאַרל אַמאָל דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי עס איז געקומען צו דעם געשלעג מיט קאַמילן און ווי אַזוי דאָס אומגליק איז אַרויסגעקומען?

— ער האָט אויסגעמיטן וועגן דעם צו רעדן, אָבער בּיסלעכווייז האָט ער מיר אַלץ איבערגעגעבן.

— האָט ער טאַקע אַזוי צורעכט געמאַכט קאַמילס פּנים בשעת דעם געשלעג?

— אייגנטלעך יאָ. ער האָט דאָס געטאָן אין אַ צושטאַנד ווען ער האָט ניט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

— איך האָב נאָך אַזאַ שוידערלעך פּנים ניט געזען, ווי דעם קאַמילס — האָב איך געזאָגט — ווי אַזוי ער האָט מיט יאָרן שפּעטער געקענט ווערן זיין שותּף, זיין מיט אים גאַנצענע טעג צוזאַמען? דאָס פאַרשטיי איך ניט.

זשאַק האָט געמאַכט אַ באַוועג מיט די הענט:

— ניט אַנדערש — האָט ער געזאָגט — ווי קאַמיל אַליין פילט זיך שולדיק אין דעם פאַרברעכן, וואָס איז איבער אים באַגאַנגען געוואָרן. ער האָט דעריבער געזוכט אַ פאַרגיטיקונג און איינגעגאַנגען אויף אַ שותּפות־געשעפט.

זשאַק בערזשער האָט מיך באַגלייט צו דער טיר און אַ שמייכלדיקער גערעדט:

— אַז איך וועט נאָכאַמאָל אויסקומען צו זיין אין יענעם שטעטל, גיט איבער שאַרלען אַ גרוס פון מיר. איר פאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין. זאָל ער אָנהאַלטן זיין אייגנציקע טרייסט, זאָל ער האָבן די אילוזיע, אַז ערגעץ געפינט זיך ווער, וואָס טראָגט אַ טייל פון זיינע יסורים. צרת רבים חצי נחמה...

טרייסט אין אַ צלמל

— איך קען אייך מיטנעמען אין מיין אויטאָמאָביל — האָט דאָקטאָר קלאַרק, זיך וואַשנדיק די הענט ביי אַ לויפנדיקן קראַן־וואַסער, גערעדט צו דער קראַנקן־שוועסטער בערנים — איך דאַרף היינט ווידער זיין אין אייער געגנט. זענט איר באַלד גרייט אַהיימצוגיין?

דאָס מיידל האָט לייכט אויפגעציטערט און שנעל געענטפערט:

— פאַרוואָס זאָלט איר זיך באַמיען, דאָקטאָר? איר זענט מיד און איר איילט זיך.

— דאָס באַמיט מיך ניט, פאַרקערט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שפּיטאָל, ווילט זיך פּלאַפּלען אַביסל געמיטלעך מיט אַ נאָענטן פריינד.

די קראַנקן־שוועסטער האָט אַ שמייכל געטאָן. אַ רויטקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים. זי האָט שטיל געזאָגט:

— גוט. איך וועל באַלד פאַרטיק זיין. איך דאַנק אייך זייער, דאָקטאָר!

זי האָט מיט אַ פיבערדיקער שנעלקייט געשמינקט דאָס פּנים, זיך אַריינגעקוקט אינעם קליינעם וואַנט־שפּיגל, און אויפגעכאַפּט אַ גליאיקע טיפקייט אין די אויגן. זי האָט געטוישט אירע אַרבעטס־קליידער, פון אַ בלענדנדיקער ווייסקייט אויף קליידער פון אַ טונקל־בלוי און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פון שפּיטאָל.

* * *

די קראַנקן־שוועסטער בערנים וואוינט אויף אַ גאַס אין דער מערב־זייט פון ניו־יאָרק. דאָס הויז וווּ זי וואוינט איז אַ קליינס, שטייט איינגעקוועטשט אינמיטן

א לאַנגער ריי פון ברוינלעכע ציגלנע הייזער, כמעט אַלע פון דעם זעלבן מאָנאָטאָ־נעם אויסזען, וואָס גיט זיי צו אַ טאָן פון אַ טריבן גרוי, פון אַ פאַרנאַכטיקער מידקייט.

די מענטשן וואָס וואוינען אין די הייזער, זיינען צופעליקע, געקומען פון ער־גען, באַזעצט זיך אין דער שטילער גאַס, און ווייטער ניט דערגאַנגען. מענטשן איינ־זאַמע, פרעמדע איינער דעם אַנדערן, כאָטש זיי וואוינען צוזאַמען טיר ביי טיר אַ סך יאָרן. אין די פרימאָרגנס פאַרלאָזן זיי די קליינע צימערלעך יעדער צו זיין באַ־שעפטיקונג אינעם בבל־בוי פון ניו־יאָרק. אין די פאַרנאַכטן, ווען זיי קומען צוריק, איז איינער אַביסל שכורלעך, ביי איינעם גליט אַ בענקשאַפט ניט איינצושטילן, ביי איינעם האָט זיך ערשט אַ חלום אויסגעלאָשן, ביי אַ צווייטן האָט זיך אַ חלום אָנ־געצונדן. זיי וויגן זיך איין אינעם אָוונט, נעכטיקן איבער די נעכט ,און צומאָרגנס פרי נעמען זיי, גלייכגילטיקע אויף דעם נייעם טאָג.

די קראַנקן־שוועסטער בערנים איז זייער אַ פרומע. אויף די ווענט אין איר צימער הענגען אַ סך בילדער פון הייליקע. זי היט אָפּ אין די זונטיקן, חלילה ניט פאַרפעלן צו גיין אינעם קליינעם קלויסטער, וואָס אויף דער זעלבער גאַס. יעדן ווייגאַכט־אָוונט פאַרבעט זי אַלע שכנים פון הויז צו זיך אין צימער אויף אַ באַשיי־דענער סעודה. זי איז שוין ניט קיין יונגע, אָבער זי פאַרמאָגט אַ שפּאָרע דאָזע פרויען־רייץ. אירע אויגן זיינען וואַרעמע, איר אָוואַל פּנים רויטלט זיך, ווי ביי אַ יונגיטש־קער מיידל, איר פולער קערפּער וויגט זיך גייענדיק, וויגט זיך אין אַ ריטמישער גלייכ־קייט.

שוין עטלעכע יאָר אַרבעט זי אין איינעם פון די ניו־יאָרקער שפּיטאָלן. די רוטין פון איר צייט מיט אַלע קליינינקע געשעענישן, איז אויסגערעכנט מיט דער גענויעסטער פּינקטלעכקייט. זי לעבט זייער איינזאַם, גייט זעלטן אַרוים פון הויז אין איר פרייער צייט. זי האָט ניט אין ניו־יאָרק קיין קרובים, ניט קיין פריינט. ערגעץ אין אַ ווייטער פּראָווינץ־שטאָט אין אַמעריקע, וואוינט אירע עלטערע שוועסטער, וואָס שרייבט פון צייט צו צייט אַ בריוול. אינדערפרי, ווען בערנים גייט צו דער אַרבעט, איז נאָך דער בריוטרעגער ניט געהאַט פאַרבייגעגאַנגען, וואַלגערט זיך טיילמאָל אַזאַ בריוו אויף דער פלושענער באַנק פון פאָדער־הויז ביז פאַרנאַכט, און דעמאָלט, ווען זי נעמט אָפּ דעם בריוו, הערט זיך שפּעטער פון איר צימער אַ העשנדיק געוויין. די שוועסטער פון דער ווייטער שטאָט שרייבט, אַז זי איז קראַנק, שפּייט אוים די לונגען, דער מאַן אירער שכורט כסדר, די קינדער ליידן נויט. פון אַזאַ בריוו ווייעט אויף בערניסן מיט אַן אומגליקלעך לעבן פון איר סאַמע נאָענטסטן מענטשן, אָט ווי זי וואָלט געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט דאָס גאַנצע אומגליק...

נאָכן איבערלייענען אַזאַ בריוו, ברעכן זיך אירע פּים איין. זי קניט אַנידער ביי איינעם פון אירע הייליקע בילדער אויף די ווענט און זי פאַרגייט אין אַ שטילן געבעט.

קומט אָן אין הויז אַ נייער איינוואוינער, וואַכט אין איר אויף אַ שאַרפע נייגער־יקייט. זי לויערט דעמאָלט, די קראַנקן־שוועסטער, ווי אַ קאַץ פון אַ באַהעלטעניש ארויס, כדי דעם נייעם איינוואוינער גוט צו באַקוקן. קוים זעט זי, אַז דער נייער איינוואוינער איז אַ מאַן, ווי אין זיינע באַוועגונגען און באַנעמונג עס פילט זיך אָפּגעלאָזנקייט, בענקשאַפט נאָך אַ פרויען־האַנט, נאָך אַ היימישן שמייכל, באַט זי די ערשטע אים אָן הילף, ווי אַ שטייגער, פאַרצייכענען זיין נאָמען אויפן ברעטעלע ביים הויז־טעלעפאָן, ווייזן אים די באַלעבאַטישקייטן פון הויז. זי וואַרט ניט ביז די באַלעבאָסטע וועט דאָס טאָן. אַלץ אין איר וואַכט מיט נייער האָפענונג. עס פלאַטערט אַרום איר מיט עפּעס אַזוינס, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט.

בערנים איז מיד פון די שכנים, וואָס וואוינען אין הויז נאָך לענגער פון איר, ווי, למשל: די פאַרעלטערטע אַקטריסע, מיס סטאַון, די מיט דעם געטורעמטן קאָפּ זילבער־בלויִלעכע האָר, מיט דעם ים פאַלדן און קנייטשעלעך אין איר פאַרמעט־פּנים, וואָס זי באַאַרבעט מיט אַלערליי זאַלבן און פּליסיקייטן, עס זאָל כאָטש אָנהאַלטן אַ שאָטן פון פרישקייט. בערנים האָט זי ניט ליב, ווייל יענע רעדט נאָר פון איר אַמאָליקן רום און גלאַנץ, פון איר אַמאָליקן דערפאָלג אויף דער בינע. די דאָזיקע אַלטע אַקטריסע, וועט זיך קיינמאָל ניט נעמען די מי צו פרעגן, וואָס אַן אַנדערער מאַכט, נאָר שטענדיק פּלאַפּלט זי וועגן זיך, וועגן אירע אַמאָליקע מיידלשע חנען און רייצן. בשעת זי רעדט, וועט זי שוין שטענדיק אַזוי מאַכן, אַז זי זאָל זיך געפונען נעבן אַ שפּיגל, צו קענען פאַרשן יעדע באַוועגונג און פּאָזע אירע.

בערנים קען אויך ניט פאַרטראָגן די צוויי מיידלעך, וועלכע וואוינען אין אַ צימער האַרט ביי אירן. די מיידלעך לאַכן שטענדיק, לויפן אַרום אין דער „לאָבי" פון הויז אין זיידענע פּאַדזשאַמעס, דורך וועלכע עס זעט זיך טיילמאָל אַרויס ראַזעווע־ווייסע פאַרשיידענע קערפּער־טיילן, און עס טראָגן זיך פון זיי שאַרפע פּאַרפום־ריחות. זיי שעמען זיך ניט פאַר קיינעם אין הויז די מיידלעך, שעהן־לאַנג שטייען זיי ביים טעלעפאָן און פּלאַפּלען, אָדער מען האַלט זיי אין איין רופן, אָדער זיי קלינגען צו ווּעמען...

די קראַנקן־שוועסטער קען אפילו ניט קוקן אויפן מאַן, וואָס וואוינט אין הויז, אויף שערמאַנען. ער זיצט אָפּ גאַנצענע טעג ביי זיך אין צימער, מאַכנדיק פון ליים קליינינקע שפּילערייען פאַר מאָדעלן. ער מאַכט חיהלעך, ים־ברואימלעך, פייגל, גראָטעסקע־מענטשעלעך. שטעלט זיי אויס אין רייען, פּישטשעט און זינגט אויס זייערע קולות, קראַקעט און פייפט, לאַכט און וויינט. אַלע אין הויז האַלטן אים פאַר אַ משוגענעם, אָדער פאַר איינעם, וואָס פאַר אים וועלן זיך אין איין שיינעם טאָג עפענען די טויערן פון אַ משוגעים־הויז. אין די זונטיקן שפּילט שערמאַן אויף אַ קלאַרינעטל, און בשעת די מיידלעך רעדן אויפן טעלעפאָן עפנט ער פּאַמעלעך אויף אַ קליינעם שבּאַלט פון דער טיר, און קען פשוט ניט אָפּרייסן די אויגן פון זייערע גראַציעזע קער־

פֿער־באַוועגונגען, וואָס זען זיך אַזוי דייטלעך אָן אונטער דעם קאַלירנדיקן זייד פֿון די פּאַדזשאַמעס. בערנים קען ניט פֿאַרטראָגן, וואָס אַזאַ מענטש ווי שערמאַן, זאָל זיך ניט אַמאָל דערמאָנען אין גאָט און זאָל אין אַ זונטיק זיך אַריינכאַפּן אינעם קלויסטער. און כאָטש ער איז אַ העפֿלעכער, דער מיסטער שערמאַן, פֿרעגט ביי בערנים עצות וועגן זיין געזונט, מיט דער זעלבער חשיבות ווי מען פֿרעגט אַ דאָק־טאָר, דאָך קען זי ניט פֿאַרליידן זיין גוטמוטיקייט, זיין נאַריש־מאַכן זיך, איבערהויפּט זיין ניט וועלן אַ שמעק טאָן אין אַ קלויסטער אַריין, כאָטש איינמאָל אין אַ יובל...

אומגעריכט האָט זיך איינמאָל אַריינגעצויגן אין הויז אַ יונגערמאַן מיט שטילע אויגן, מיט אַ טיפֿער אַנגענעמער שטימע. אויפֿן פּנים ביי אים האָט געשפּילט אַ שמייכל, גרייט פֿאַר אַלעמען. ער איז געגאַנגען עלעגאַנט געקליידט, אונטערגעפּייפט מעלאָדיעלעך פֿון פֿיינער מוזיק, שעה־לאַנג אָפּגעזעסן ביי זיך אין צימער. די אַלטע באַלעבאָסטע פֿון דער הויז, האָט וועגן דעם נייעם איינוואוינער געזאָגט:

ערווין איז אַ שטילער, אַ רואיקער, באַדערט ניט קיינעם, שכורט ניט, אַ פֿיינער מאַן.

אין בערנים האָט זיך אַ נייע האָפֿענונג צעבליט. באַלד אין די ערשטע טעג האָט זי אָנגעווענדעט אַלע אירע באַקאַנטע שטיקלעך און זיך מיט אים באַקענט. זי האָט אים אפֿילו איינגעלאַדן צו זיך אין צימער, כדי אים צו ווייזן איר קאָלעקציע הייליקע בילדער אויף די ווענט — אַ זאַך, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט ניט געטאָן פֿאַר אַ פֿרעמדן מאַנספֿערשוין.

ערווין האָט געמאַכט אַ פֿרומע מינע, געלויבט די קראַנקן־שוועסטער פֿאַר איר אָפּגעהיטנקייט. איר געמאַכט קאָמפּלימענטן פֿאַר דער צניעות, וואָס זי האָט איינ־געהיטן אין איר נעסט.

אין די אָוונטן האָט ערווין איצטער אַרויסגענומען בערנים, צוזאַמען צו פֿאַר־ברענגען. די קראַנקן־שוועסטער האָט געצערטלט איר האָפֿענונג; געוווּנדערט זיך, וואָס אַזוי אומגעריכט האָט דאָס גליק אויך אָנגעשפּאַרט ביי איר שוועל און פֿאַר־גיטיקט פֿאַר אַ סך, אַ סך איינזאַמע שעהן. זי האָט דעריבער אויס דאַנקבאַרקייט געקויפֿט נאָך מער הייליקע בילדער, לענגער פֿאַרבראַכט אין קלויסטער. אין הויז האָבן די שכנים איר אַנטקעגנגעטראָגן ברייטע שמייכלען, מיט רייד פֿון אַ מכלומרשט פֿולער פֿאַרגינערישקייט, ווי מען פֿאַרגינט אַ פֿולן בעכער מיט וויין, וואָס שוימט אַריבער די ראַנדן:

— איר דאַרפֿט זיין גליקלעך, בערנים, ערווין איז אַזאַ פֿיינער, אַזאַ העפֿלע־כער. איר האָט ווונדערבאַר געטראָפֿן.

ערווין האָט זיך פֿאַר איר פֿאַרטרויט, אַז ער פֿירט גרויסע געשעפֿטן, ער אימ־פּאָרטירט און עקספּאָרטירט סחורות פֿון, און אין אַנדערע לענדער. ער נייטיקט זיך גראָד אין אַביסל איבעריק געלט, בלויז אויף אַ קורצער צייט, כדי אויסצולייזן אַ

טראַנספּאָרט סחורה, בײ װעלכן עס שטײט אים פּאָר פּשוט גליקלעך צו װערן. זי האָט אים אפילו ניט געפרעגט, װאָס און װען, נאָר אװעקגעגעבן אַלץ, װאָס זי האָט אָפּגעשפּאָרט אין די לאַנגע יאָרן פון איר אַרבעט.

נאָך אײדער ערװין האָט אױסגעלײזט דעם טראַנספּאָרט סחורה, זײנען אײנ־מאָל צו דער באַלעבאָסטע געקומען צװײ מענער און, זײטיק, דרך־אַגבדיק, אױסגע־פרעגט װעגן דער אױפפירונג פון איר בעסטן אײנװאױנער, ערװין.

— דאָס איז דער אײדלסטער, באַשײדנסטער מאַן, װאָס איך האָב װען געזען — האָט די באַלעבאָסטע געענטפערט — אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, װען אַלע אײנװאױנער װאָלטן אַזױ געװען.

דעם צװײטן טאָג האָבן די אײנװאױנער פון הויז — װעלכע האָבן טײלמאָל ליב אױפצומאַכן אַ טיר און דורך אַ שפּאַרונקע אַרױסצוקוקן װאָס עס טוט זיך בײ יענעם, — געזען, װי צװײ דיקע מענער מיט האַרטע קאַפּעלושן אױף די קעפּ, האָבן פּאַמעלעך אַראָפּגעשפּאַצירט פון די טרעפּ מיט ערװינען. די אױגן זײנען בײ אים גע־װען שטאַר, די ליפּן — בלײך, און אײן האַנט זײנע איז געװען געשמידט מיט אַ קײטל צו דער האַנט פון אײנעם פון די מענער.

בערניס האָט זיך אַנטװישט אין אַלעמען. איר רױטלדיק אָװאַל פּנים, האָט באַקומען אַ קרענקלעכע בלײכקײט, מיט בלױלעכע פלעקן און איר ריטמישער גאַנג איז געװאָרן — װאַקלדיקער.

* * *

אין דער אָפּטײלונג אין שפּיטאָל, װו בערניס אַרבעט, איז אַנומלט אָנגעקומען אַ נײער דאָקטאָר, מיטן נאָמען קלאַרק. אַן עלטערער מאַן מיט אַ גוטמוטיק פּנים, מיט שמײכל און גלאַטיקע רײד אױף די ליפּן. בערניס איז באַשטימט געװאָרן צו אַרבעטן מיטן נײעם דאָקטאָר. אין אָנפאַנג האָט ער זי אַפילו קױם באַמערקט, זעלטן גערעדט אַן איבעריק װאָרט, אױסער די רוטינע רײד װאָס זײנען נײטיק געװען צו דער אַרבעט. נאָר עפּעס אײנמאָל האָט ער געלאָזן פאַלן אַ זײטיקע פראַגע; אַ צװײט מאָל, װידער, געפרעגט, װו זי װאױנט, אַ דריטן מאָל שױן אָנגעבאָטן זי צו באַגלײטן אַהײם.

בערניס האָט קײנמאָל ניט געחלומט װעגן דעם, אַז אַ דאָקטאָר זאָל זיך אין איר פאַרליבן. זי האָט גרײלעך געװוּסט, אַז אַזאַ זאַך איז פאַר איר ניט צו דער־גרײכן. און דאָ, פּלוצלינג, דאָקטאָר קלאַרק, װאָס רעדט צו איר װעגן פּערזענלעכע זאַכן, שמײכלט, זאָגט װיצן, באַגלײט זי אַהײם אין זײן אױטאָמאָביל. צום װיפלטן מאָל שױן האָט זיך װידער אין איר אָנגעצונדן אַ חלום. אַ חלום, װאָס פאַרװיגט אין אַ האָפענונג, און אױך אַ קלײנינקער חשבון האָט זיך אין איר מוח אױסגעלײגט: ער,

דער דאָקטאָר, איז מיט אַ שפּאַר ביסל יאָרן עלטער פון איר, אַ מענטש אַ צוריקגע־האַלטענער און זי, בערנים, פאַרמאָגט נאָך גענוג פרויען־רייץ, זי איז אויך אַן אַר־בעטסזאַמע, האָט שיינע אויגן...

מיט דער דערוואַכונג פון אַ נייער האָפענונג האָבן זיך אין איר מוח איינגע־פרעסן שאַרפע פראַגן: ווער איז ער, דער דאָקטאָר קלאַרק? מעגלעך ער איז אַ ייד? די אויגן זיינען ביי אים טרויעריקע, די שניטן אַרום מויל און אַנדערע שטריכן פון זיין פּנים, דערמאָנען אין אַ יידיש פּנים. וואָס וועט זיין אויב ער איז אַ ייד? זי וואָלט שוין באַשטאַנען מיט אים חתונה צו האָבן, אפילו ער איז אַ ייד. זי ווייסט, למשל, פון אַ סך פאַלן, ווי פרויען האָבן געהאַט אַ וווּנדערבאַרע ווירקונג אויף זייערע מענער, און אפילו רעליגיעז באַוואָויגן און באַווירקט אויף זייער זייט. נאָך אַ זאַך: דאָקטאָר קלאַרק ווייסט דאָך ניט, אַז זי איז ניט קיין יידישע; עס איז זיי קיינמאָל נאָך ניט אויסגעקומען צו רעדן וועגן רעליגיע, אָדער ראַסע. די געשפּרעכן צווישן זיי, זיינען אַלעמאָל אַזעלכע לייכטע, זייטיקע. דער דאָקטאָר האָט נאָר ליב אַזעלכע גע־שפּרעכן, וואָס פאַרווײַלן אים. ווי אַזוי קען זי געוואָר ווערן צי ער איז אַ ייד און וואָס קען זי טאָן, אַז ער זאָל זיך דערוויסן, אַז זי איז ניט קיין יידישע?

זי האָט געהאַט שלאָפלאָזע נעכט, די קראַנקן־שוועסטער בערנים. זי האָט גע־זוכט אַן עצה אין רעליגיעזע ביכער, אין אירע הייליקע בילדער. זי האָט זיך אַליין געגריזשעט: פאַרוואָס דער גורל שטעלט גראָד איר אונטער אַזעלכע שפּיצלעך, פאַר־וואָס קומט עס איר?

אין אַ שעה פון באַרואיקונג האָט זי מיט זיך אַליין אָפּגעמאַכט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט אַזעלכע תנועות, ווי זי זעט עס ביי אַ סך יידן, אָבער באַלד האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט, אַז עס איז אוממעגלעך, ווייל אָט האָט זי אים שוין פיל מאָל נאָכגעקוקט אינעם שפּיטאָל, ווו ער באַהאַנדלט זיינע קראַנקע, דאָרט זיינען פאַראַן אַ סך יידן, טייל מיט בערד, פרומע. דאָקטאָר קלאַרק ווייזט זיי ניט אַרויס קיין שום באַזונדערן אינטערעס, ווען ער וואָלט געווען אַ ייד, וואָלט ער דאָך זיינע יידישע קראַנקע עפּעס געפרעגט, כאָטש אַ שמייכל געטאָן צו זיי...

איבער אַ האַלב יאָר צייט, ווי ער אַרבעט אין שפּיטאָל. וואָס האָט זי שוין ניט אויסגעפּרווט זיך צו דערוויסן וועגן זיין פּריוואַטן לעבן? זי קען זיך אָבער גאָר־ניט דערוויסן, ווייל ער איז פון אַ ווייטער שטאָט, קיינער קען אים דאָ ניט. און ער, דער דאָקטאָר, ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער צוגעלאָזענער, לאַכט מיט איר, טרייבט שפּאַס, רעדט וועגן אַזויפיל זייטיקע זאַכן. ער קוקט זיך זעלטן אום אויף אַנדערע פון די קראַנקן־שוועסטער, נאָר גראָד צו בערנים האָט ער אַ שוואַכקייט, ווייל זי באַגלייטן אַהיים, ברענגט איר פון צייט־צו־צייט בלומען, פרעגט זי אויך, צי זי איז גוט געשלאָפן, וועגן איר משפחה, פרעגט ער און וועגן נאָך אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס צערטלען דאָס געמיט פון אַ פרוי, מאַכן אויפצימטערן דאָס האַרץ, כאָטש די

רײד קומען פֿון אַ מאַן, װאָס זײַן עלטער שפּאַרט זיך שױן אָן אױפֿן פֿינפֿטן צענדליק יאָרן...

זי האָט שױן איצטער כּסדר געװאַרט אױף זײַן שטים. אירע אױגן האָבן פֿאַרבטנקטע נאָכגעקוקט זײַן הױכע געשטאַלט. מיט אַלע אירע כּוחות האָט זי געפּרוּװט אָנהאַלטן די פֿרישקײט פֿון איר פּנים, דעם הײסן גלי אין די אױגן, פֿאַרטרײַבן פֿון לײַב די שטעכיקע װײטיקן װאָס ערװין האָט איר איבערגעלאָזן.

אין אײנער אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט איז איר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק, װאָס האָט איר לײַב אָנגעפֿילט מיט פֿרײד. זי האָט אַזש אױפֿגעצאַפּלט און אין דער פֿינצטערניש באַדאַנקט גאָט, װאָס האָט איר אַרײַנגעגעבן אַ ליכט אין די אױגן: זי װעט מאָרגן אָנטאָן דאָס קלײנע צלמל אױפֿן האַלדז, און זי װעט פֿאַרשן זײַן פּנים, זײַנע אױגן, בשעת ער װעט אױף איר קוקן, זי האָט ביז איצטער ניט געטראָגן דאָס צלמל בײַ דער אַרבעט, אַזױפֿיל קראַנקע פֿון פֿאַרשײדענע רעליגיעזע אָנשױאונגען קומען אינעם שפּיטאָל, װוּ זי אַרבעט, איז דעריבער בעסער זיך אַלײן צו פֿאַרשװײַגן, אָבער איצטער, װען איר גליק שטײט אין קאַן, מוז זי עס טאָן, זי מוז. אַזױ אַרום װעט זי זיך דערװיסן, און ער װעט זיך דערװיסן, װער זי איז און דעמאָלט קען אַלץ שױן אַװעק אױפֿן גלײַכן װעג, װאָס איז אפֿשר פֿאַר איר אָנגעצײכנט. זע נאָר — האָט זי געטראַכט — עס איז איר ביז איצטער גאָרניט אײַנגעפֿאַלן אַזאַ געדאַנק. אַזאַ לײַכטע זאַך.

אױף מאָרגן האָט אַ שאַרפֿע אומרו זי געפּײניקט, געפֿרעסן איר לײַב. אַלץ איז איר געפֿאַלן פֿון די הענט; די באַקן האָבן בײַ איר געפֿלאַמט מיט אַ קרענקלעכער דױטקײט; אירע טריט זײַנען ניט געװען זיכערע; נאָר די בליקן אירע — שאַרפֿע, פֿאַרשנדיקע. בײַ איר אױפֿן האַלדז, איבער דעם װײַסן קעלנערל פֿון דער בלוזע, האָט אױף אַ קײטעלע געהאָנגען אַ קלײן צלמל. עס האָט זיך אַרױסגעשניטן מיט אַן אײדעלער דינקײט און גאָלדיקן גלאַנץ.

דאָקטאָר קלאַרק האָט באַמערקט דעם אומרו אין אירע אױגן און אין אירע באַװעגונגען. זײַן בליק — אַ גלײַכגילטיקער, אַן אַפּאַטישער, האָט אױך געבלאָנדזשעט איבער איר האַלדז, איבער דעם גאָלד פֿון צלמל. ער האָט זי געפֿרעגט:

— איר פֿילט זיך עפּעס ניט גוט, בערנים?

— עס איז גאָרניט — האָט זי געענטפֿערט מיט אַ ציטער אין קול — גאָרניט, בלױז אַ קלײן ביסל נערװעז הײַנט.

זי האָט איר קאָפּ געבױגן נעענטער צו אים, געװאָלט אױפֿכאַפּן אין זײַנע אױגן אָט־דאָס, װאָס פּײניקט זי שױן עטלעכע חדשים צײַט, געװאָלט געפֿונען אַ לײזונג פֿאַר אירע װײטיקן און פֿראַגן, אױב דער גורל איז שױן געװאָרן צו איר אַביסל באַרמהערציק. אָבער זײַן גלײַכגילטיקײט, זײַן אַפּאַטיע, זײַן בליק, װאָס איז אַזױ װי נעכטן, װי אײערנעכטן, האָט איר געברענט און געבראָטן.

עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד איז אַלץ געווען ווי פריער. דער דאָקטאָר האָט ווייטער זיך געוויצלט, איר געמאַכט קאָמפּלימענטן, זיך אויסגעפרעגט וועגן איר געזונט, און בערניסן איז אויפגעגאַנגען אַ פרייד. הייסט עס: ער איז ניט קיין ייד. ער האָט דאָך ניט געגעבן קיין איבעריקן באַוועג מיט אַ ברעם, ווען ער האָט געזען דאָס צלמל אויף איר האַלדז. ער זעט זי יעדן טאָג און דאָס גאָלד גלאַנצט אַראָפּ פון איר האַלדז. אַלץ איז פאַרשטענדלעך. ער איז ניט קיין ייד.

און איינמאָל האָט דאָקטאָר קלאַרק גאַנץ זייטיק אַ זאָג געטאָן:

— בערניס, מיין פרוי האָט מיך שוין עטלעכע מאָל געבעטן אייך איינצולאַדן צו אונדז אין הויז אויף וועטשערע. איך האָב מיין פרוי דערציילט וועגן אייך, וואָס פאַר אַ פיינער מענטש איר זענט, וואָס פאַר אַ נוצן איך האָב פון אייער אַרבעט, אַז איר זענט אַליין, איינע אַליין אין דעם גרויסן ניו־יאָרק. איר ווייסט, מיין פרוי איז אין ניו־יאָרק ערשט זייט צוויי וואָכן. מיר האָבן דאָ ניט געקענט קריגן קיין דירה, האָט זי מיט די קינדער געמוזט בלייבן אין קליוולאַנד. ניט קיין לייכטע זאַך היינט צו קריגן אַ דירה דאָ. נו, ווען קענט איר צוקומען?

אַ מעדיצינישער אינסטרומענט איז אַרויסגעפאַלן פון בערניסעס האַנט. זי האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע געזאָגט:

— איך האָב ניט געוווּסט. אייער פרוי... איך קען אייך ניט צוזאָגן, ווען איך וועל אייך קענען באַזוכן. איך דאַנק אייך און אייער פרוי פאַר דער איינלאַדונג, אויב עס וועט זיך אַמאָל מאַכן אַ געלעגנהייט...

אַ ווילדער כעס אויף זיך אַליין האָט אַרומגענומען די קראַנקן־שוועסטער. וואָס האָט איר געטויגט די גאַנצע אָנשטרענגונג און מאַטערניש? ווי האָט זי געקענט פאַרגעסן אין אַזאַ פּשוטער זאַך, ווי דערוויסן זיך צוערשט, צי ער האָט אַ פרוי, אָדער ניט?

דער גלי אין אירע אויגן האָט זיך געלאָשן. זי האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען דאָס צלמל פון האַלדז. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט ,אַז אויך דער גאָלדיקער גלאַנץ לעשט זיך פאַר אירע אויגן. אין דער זעלבער רגע האָט איר אָנגעכאַפּט אַ ברענענדיקער חשק אוועקצושליידערן דאָס גאָלדענע חפץ, וואָס האָט איר געזאָלט געבן אַ באַשייד פאַר אירע יסורים. באַלד האָט זי זיך געכאַפּט, אַז פאַר אַזאַ זאַך וועט זי דאַרפן גאָר טייער באַצאָלן, די הייליקע בילדער ביי איר אין צימערל, וועלן פאַרלאַנגען חשבון פאַר אַזאַ מעשה, האָט זי דעריבער דאָס צלמל פעסט פאַרדריקט אין אַ האַנט, געזוכט אַ רעטונג, אַ באַשיצונג, ווייל ווידער אַמאָל האָט זי עמיצער אָפּגענאַרט...

די אומבאַקאַנטע זינגערין

אויף דער בינע איז געשטאַנען אַ הויכע, צעוואַקסענע פרוי מיט אַ פאַרעלטערט פּנים, אויף וועלכן עס האָט זיך שאַרף אַרויסגעזען אַ קרומלעכע נאָז און אַ ברייט מויל. איבערן פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ בלייכקייט, אַ נערוועזישקייט, פון אַ מענטשן פאַר אַן עפנטלעכן אויפטריט.

די פרוי האָט אָנגעהויבן זינגען אַן אַריע פון אַ באַקאַנטער אָפּערע. איר שטימע — אַן אויסגעמייסטערטע קאָלאָראַטור־סאָפּראַן, האָט אַ פלאַטער געטאָן איבערן זאַל מיט דעם כּח פון אַ קינסטלערין, וואָס ווייסט, אַז באַלד וועט זי באַהערשן דאָס פּובליקום. נאָך עטלעכע מינוטן זינגען, האָט זיך מיין פריינד, מאיר מינקין, אויפגעריסן פון אָרט און, אַן אומרואיקער, פול מיט פאַרוווּנדערונג, האָט ער גענומען שעפּטשען אין מיין זייט:

— די שטימע איז דאָך מיר גוט באַקאַנט. יאָרן נאָכאַנאַנד האָב איך זי געהערט, זי איז איינגעזונגען אין מיין בלוט.

— דו מאַכסט אַ טעות — האָב איך אים געפּרוּווט באַרואיקן — די ציישונגען האָבן געשריבן, אַ דעביוטאַנטין וועט היינט צום ערשטן מאָל אויפטרעטן אין „טאָנהאַל”. זי איז נאָך קיינמאָל ניט אויפגעטרעטן עפנטלעך, בלויז מוזיק־מבינים האָבן זי געהערט און שטאַרק געלויבט.

— וואָס דערציילסטו מיר — האָט מיין פריינד אַן אויפגערעגטער זיך געדרייט אינעם שטול, און אָנגעהויבן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומזיצנדיקע — זי איז דאָך די אומבאַקאַנטע זינגערין. איר שטימע פאַרפאָלגט מיך שוין עטלעכע יאָר צייט, און ענדלעך, זע איך זי איצט אויף דער בינע. יאָ. דאָס איז זי דאָך! אָבער אַזוי זעט זי אויס? דאָס איז דאָך ניט מעגלעך!

— באַרואיק דיך, מאיר — האָב איך אים געבעטן און געדריקט זיין אָרעם, אַז ער זאָל שווייגן — אַלע קוקן אויף אונדז. מען מיינט אַז מיר זיינען אָדער שכור, אָדער סתם גראָבע יונגען. דו ביסט גערעכט. דו קענסט איר שטימע, נאָר איצט זיי שטיל, דערבאַרעם דיך, און שווייג!

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, באַקוועם זיך אויסגעצויגן אין שטול און פאַר־מאַכט די אויגן. איך האָב געזען ווי זיין פּנים צוקט קראַמפּהאַפט, די נאָז־לעכער הויבן זיך, די ליפּן שעפּטשען און די פינגער פון די הענט פּלעכטן זיך, דריקן זיך צונויף. די זינגערין האָט געזונגען איין זאַך נאָך דער אַנדערער און דער עולם האָט אַפּלאָדירט מיט באַגייסטערונג. ווען דער ערשטער טייל האָט זיך געענדיקט, האָט מאיר מינקין זיך אַ צאַפּל געטאָן, ווי ער וואָלט אויפגעוואַכט פון אַ טיפן שלאָף און אַ זאָג געטאָן:

— קום אַרויס! מיר האָבן גאַנצע פופצן מינוט!

מיר זיינען אַרויס אינעם פאָיע.

— עס איז דאָך ניט מעגלעך, אַז זי זאָל אַזוי אויסזען — האָט מינקין גע־ברומט — עס איז ניט צו פאַרשטיין.

— וואָס טוט זיך דאָס מיט דיר? — האָב איך געפרעגט — ווי איך זע האָסטו אַ געוואַלדיקן סוד. עפּעס דריקט דיך, פּייניקט דיך. ביסט דאָך אינגאַנצן אויס מענטש פון דער מינוט, ווען דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן.

— איך בין טאַקע אויס מענטש, אָבער לאָמיר דיר כאָטש דערציילן פאַר־וואָס.

איך האָב געפילט, אַז מינקין מוז זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. ער געפינט זיך אין אַן עקזאַלטירטן צושטאַנד, עפּעס אַ טיפע איבערלעבונג פּייניקט אים.

— מיר האָבן אַ ווײַלע, דערצייל!

און מינקין האָט דערציילט:

„מיט אַ פיר יאָר צוריק האָב איך געדונגען אַ מעבלירט צימער אין אַ שטיי־לער גאַס צווישן בראָדוויי און דעם האָדסאָן, אויף דער ניו־יאָרקער מערב־זייט. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין אַ שאַפּ ביי אַ שווערער מלאכה. די אַרבעט האָט מיך אויסגעמאַטערט. איבערהויפּט האָב איך אין די שבתים געפילט אַ מידקייט, אַ ברע־כעניש אין די ביינער און געגאַרט נאָך אַביסל רו.

די גאַס אַ שטילע, מיט צוויי רייען אַלטע ציגלנע הייזער פון אַ סימעטריש מאָנאָטאָנער גלייכקייט, איז גראָד געווען גוט צוגעפּאַסט פאַר מיין געמיט און פאַר דער רו וואָס איך האָב זיך אין איר אַזוי שטאַרק געניטיקט. די שכנים מיינע אינעם הויז זיינען באַשטאַנען פון איינזאַמע מענטשן, וואָס יעדער פון זיי לעבט זיך אויס אין זיין אייגן אויפגעבויט וועלטל. יענעמס זאָרגן און פּיין גייען דאָ קיינעם ניט אָן.

„באַלד אין די ערשטע שבתים, האָב איך איינגעזען, אַז איך האָב געמאַכט אַ

טעות אינעם חשבון: דורכן פענצטער פון מיין צימערל האָט זיך געזען דער סילועט פון אַ גרויסער געביידע, וואָס מיט אַ בלאָק ווייטער. די געביידע האָט מיט נגידי־שער רחבות אַריינגעקוקט אין מיין שטילער גאַס און פון איינעם פון אירע פענצטער, האָט עטלעכע שעה אין טאָג אָן אויפהער אַרויסגעפּליוצט אַ זינגען אויף · גדליי קולות.

„איך האָב זיך דערוווּסט, אַז אין איינעם פון די וואוינונגען אין יענעם גרויסן הויז געפינט זיך אַ געזאַנג־שול, ווו עס קומען זיך צונויף מיידלעך אין פאַרשיידענעם עלטער זיך לערנען זינגען. לויט די קולות פון די מיידלעך, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז יעדע פון זיי מוז זיכער זיין, אַז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַ וווּנדערלעכער שטימע, זי דאַרף נאָר בלויז אַביסעלע זיך לערנען, און זי וועט שוין ווערן אַ באַרימטקייט. די קולות פון יענעם אָפענעם פענצטער זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיקע, האָבן פאַרמאָגט אַ וואַראַירטער פאַרביקייט: רויע שטימעס, קוויטשיקע, הייזעריקע און אויך צאַרטע, רייפע. אין מיינע אויערן האָבן די שטימעס זיך אָנגעשלאָגן מיט זייערע איבערגאַנגען און מאָדולאַציעס פון רויקייט צו — מעטאַל, פון אַ הייזעריקלעכן קוויטש צו אַ — סאַמעטיקער גלאַטקייט, פון אומגעלומפּערטע געשרייען צו — אַ פונאַנדערפאַל פון זילבערנע גלעקל־קלאַנגען. דאָס אָפענע פענצטער פון דער געזאַנג־שולע איז אין מיין פאַנטאַזיע אויסגעוואַקסן צו עפּעס אַ מיסטעריעזן אָרט, ווו אינעווייניק אין דער שטוב זיצט אַ מכשפהדיקע לערערין, אַן אַלטע בייזע פרוי, וואָס רייסט אַרויס פון מיידלשע ברוסטן און העלדזער — קולות און געשרייען, פאַרוואַנדלט זיי אין געזאַנגען, כדי די איינוואוינער פון דער קעגנאיבערדיקער גאַס צו פאַרקירצן די יאָרן...

„אין מיטן וואָך בין איך זעלטן בייטאָג געווען אין הויז, נאָר אין די שבתים, האָב איך מוראדיק געליטן. מיד פון אַ גאַנצער וואָך, האָט זיך מיר געגלוסט אין מיטן טאָג אַריינכאַפּן אַ דרימל, שרייבן בריוו, לייענען אַ בוך, גראָד אין די שעה'ן, האָבן די אומגעצוימטע געזאַנגעריען פון די שילערינס זיך צעברויזט. יעדע האַלבע שעה פון אַן אַנדערער, אַזוי עטלעכע שעה כסדר.

„אין מיין דענערווירטקייט האָב איך פאַרשאָלטן די געזאַנג־לערערין, וואָס האָט גראָד אין גאַנץ ניו־יאָרק זיך אויסגעקליבן דאָס הויז קעגנאיבער דער גאַס פון מיין קליינער דירהלע. גראָד דאָ וויל זי פון שטימעס, וואָס רייסן די אויערן און נערוון — מאַכן אַ לייט. ניט אַנדערש נאָר זי רעדט איין די פרויען, אַז זיי קענען מאַכן אַ קאַריערע פון זינגערינס, כדי צו באַקומען באַצאָלט און אפשר זיי גאָר צו פאַרפּיי־ניקן...

„גאָר שטאַרק האָט מיך דערקוטשעט איינע אַ פרוי, וואָס פלעגט יעדן שבת נאָכמיטיק אין אַ געוויסער שעה, פּינקטלעך אָנהייבן איר געזאַנג־לעקציע. איך האָב זי שוין דערקענט אין דעם עקשנותדיקן רייסן זיך אויף די גלייבע ווענט. איר שטימע

—אַ קוויטשנדיקע, אַ פאַרשפּיצטע, האָט פאַרמאַטערט מיט דער פיינלעכער איינגע־שפּאַרטקייט, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איבערצוזינגען די זעלבע זאַך. יעדע פאָר מינוט, האָט אַ שפּיציקער אויסגעשריי דורכגעבויערט די שטילקייט פון דער גאַס. איך האָב די פרויען־שטימע געהאַסט אינאיינעם מיט דער לערערין. ניט איינמאָל געטראַכט: ווי נעמט זיך דאָס צו מענטשן אַזאַ מין איינגעשפּאַרטקייט?...

„אַ גאַנצער זומער איז פאַריבער. איך האָב זיך שוין אַזוי ספּעציאַליזירט אין די פרויען־שטימעס פון אָנפאַנגערינס, אַז איך האָב שוין גענוי געוווּסט, וואָס פאַר אַ טאָן, וועט די שפּיציקע שטימע היינט נעמען און ווי אַזוי וועט די הייזעריק־לעכע שטימע זיך ספּראַווען ביים צעקאַליעטשען די אַריע פון „טאָסקאַ". די שבת־דיקע טעג זיינען פאַר מיר געוואָרן אַן אָפּקומעניש, איך האָב אַפילו אָנגעהויבן זוכן אַן אַנדערע דירה, ווייט פון דער גאַס, ווייט פון געזאַנג־שולן. איך האָב אויך אויפ־געהערט גיין אויף קאָנצערטן, ניט געקענט פאַרנעמען קיין שום געזאַנג.

„איינמאָל אין אַ שבת־טאָג איז עפּעס אַ וווּנדער געשען: די שטימע פון דעם פאַרעקשנטן מיידל, האָט זיך גענומען אויסשיילן, ווערן גלאַטיקער, ווייכער. דעם צווייטן שבת איז שוין געבוירן געוואָרן אַ שענערער קלאַנג, נאָכדעם נאָך אַ שע־נערער, אַן איידעלערער. די קלאַנגען האָבן איצטער אָנגעהויבן אַרויספלאַטערן אין גאַס אַריין פאָלירט, געשליפן און מיט אַ געווויסן חן. איך האָב אויפגעהערט זוכן אַ נייע דירה, ווייל ממש נסים זיינען פאָרגעקומען: דאָס זעלבע לידל, מעלאָדיע, שטיקל אַריע, וואָס האָט ערשט מיט אַ צייט צוריק דורך דעם זעלבן האַלדז פון דער זינ־גערין, זיך געריסן מיט עקשנות, אין ערגעץ ניט געקענט דערגיין, האָט זיך ווי גע־נומען שמעלצן, אויפלייזן אין זילבער, אויסגלעטן אין סאַמעט, אָנגעהויבן באַקומען קאָליר, וואַרעמקייט און דערגאַנגען צו אַ תיקון.

„אַ סך מיידלשע שטימעס האָבן זיך דורך דער צייט געביטן. טייל זיינען רייי־פער געוואָרן און טייל זיינען געבליבן ביי דער זעלבער רויקייט, עטלעכע זיינען פאַרשוואונדן, אַנדערע זיינען צוגעקומען, בלויז די שטימע פון דער אומבאַקאַנטער, האָט אָנגעהויבן אַריינוואַקסן אין מיין בלוט, אין מיין לייב און לעבן. איך האָב שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק צו האָבן רואיקע שבת־טעג און האָב שוין יעדן שבת אומגעדולדיק געוואַרט אויף דער שעה, ווען פונעם פענצטער פון יענעם גרויסן הויז, וועט זיך צעשאַלן דאָס געזאַנג פון דער פרוי, וואָס האָט דורך ליידן, איבער־מענטשלעכער עקשנות, געבראַכט אויף דער וועלט די פּירות פון איר מי. איך האָב געטראַכט מיט די ווערטער פון תהלים: „די וואָס פאַרזייען מיט טרערן, שניידן מיט פרייד"...

„איך האָב ליב באַקומען אין געדאַנק דאָס עקשנותדיקע מיידל. איך האָב אָנ־געהויבן בענקען נאָך איר שטימע, נאָך איר געשטאַלט און אויסזען. איך האָב מיר אויסגעמאָלן אַ יונג, שיין מיידל, מיט אַ טונקל צאַרט, אָוואַלן פּנים, מיט טיפע וואַ־

רעמע אויגן, מיט א רייצנדיק מויל און שמייכל, פאַרוואָס האָט זי דווקא געדאַרפט זיין אַ שיינע, אַ יונגע, האָב איך אַליין ניט געוווּסט און וועגן דעם זיך ניט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג. איך האָב גאָר אַנדערש ניט געוואָלט טראַכטן, ווי פון אַזאַ מיט אַזאַ אויסזען, ווייל ווער נאָך וואָלט אַזוי געקענט האַרציק אויסזינגען די אַריעס פון „לאַקמע", פון „מאַדאַם באַטערפליי", פון „מאַנאָן", ווי נאָר אַ שיינע פרוי. מיין פאַנטאַזיע האָט בשום אופן אַנדערש ניט געוואָלט...

און איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטיק, ווען איך האָב זיך געגרייט הנאה האָבן פון אַ האַלבע שעהדיקן קאָנצערט, איז די שטימע ניט געקומען. איך האָב געוואַרט פינף מינוט, איך האָב געוואַרט אַ פערטל שעה, אַ שעה און די שטימע מער ניט געהערט. איך האָב זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. עפּעס וווּנדערלעכס איז פאַר מיר אונטערגעגאַנגען, איבערגעריסן געוואָרן, אַ זעלטענע פרייד האָט זיך אין מיר און אַרום מיר אויסגעלאָשן.

„איך האָב זיך איינגערעדט, אַז די פרוי וועט קומען דעם צווייטן שבת. אפשר איז זי קראַנק, אפשר אַוועקגעפאָרן, אפשר... אין אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק קענען זיך דאָך טרעפן טויזנטער סיבות. איך האָב געוואַרט דעם צווייטן שבת, דעם דריטן, וואָכן־לאַנג האָב איך נאָכדעם געוואַרט ביי מיין פענצטער. אַנדערע פרויען האָבן זיך געריסן די העלדזער, געוואָלט דערגיין צו אַ ריכטיקן טאָן, נאָר דאָס געזאַנג פון יענער, האָט מער ניט פאַרקלונגען די שטילע גאַס...

„אַ צייט לאַנג האָב איך אין דער וויזיע געזען דאָס געשטאַלט פון דער מיידל, ווי זי שטייט נעבן דער פּיאַנאָ, ביי וועלכער עס זיצט אַן אַלטע בייזע פרוי, די געזאַנג־לערערין, וואָס מאַטערט, פּייניקט אַרויסצוקריגן דעם ריכטיקן טאָן. די ליפּן ביי דער זינגערין זיינען פולע, זאַפטיקע, ציטערן לייכט, ווען דאָס קול פּלייצט אַרויס פון איר האַלדז...

אינעם פאַיע פונעם קאָנצערט־זאַל האָט זיך געהערט דער סיגנאַל, אַז דער צווייטער טייל פונעם קאָנצערט הייבט זיך אָן.

מיין פריינט, מאיר מינקין, איז שטיל געבליבן. אין משך פון זיין דערציילן, האָט ער זיך געפונען אין אַן עקזאַלטירטן טראַנס. ער האָט קיינעם ניט געזען אַרום זיך, ניט באַמערקט דעם שטראָם מענטשן, וואָס האָט אינעם פאַיע פאַרביימאַרשירט אַרויף און אַראָפּ, און גערעדט וועגן דער אומבאַקאַנטער זינגערין.

— דער צווייטער טייל הייבט זיך אָן — האָב איך זיך אָנגערופן — מיר דאַרפן אַריינגיין.

—אַ צייט לאַנג — האָט מינקין ווידער גענומען רעדן, בשעת מיר זיינען צוגעגאַנגען צו די זיץ־פּלעצער — ביז היינט, צופעליק זי דאָ דערזען. יאָ, די שטימע אירע איז וווּנדערבאַר. זי האָט דערגרייכט אַלץ, וואָס אַ גוטע זינגערין פאַרלאַנגט.

זי וועט איצטער דערגיין צו רום און קאַריערע, אָבער עס איז פּאַרט ניט זי... ניין! ניט די זעלבע, וואָס איך האָב אין מיין פאַנטאַזיע געזען עטלעכע יאָר צייט.

* * *

דער צווייטער טייל פונעם קאָנצערט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאַרשיידענע פאָלקלאָר־לידער. זי האָט געזונגען אין עטלעכע לשונות. איר שטימע האָט מאַנעווּרירט מיט אַלערליי קונצן און דריידלעך. איר שמייכל אויפן פּנים און אירע תנועות, וואָס האָבן געזאָלט זיין דראַמאַטיש, צאַרט, שטיפעריש, האָבן שוין גאָרניט געפּאַסט צו איר אויסזען, פאַרקערט ,אַלץ אויף איר פּנים איז אַרויסגעקומען גרימאַסעדיק, גראָבלעך, אָן פרויען־חן, נאָר דאָס געזאַנג האָט געפלאָסן פון איר מיט אַ צויבער־לעכער שיינקייט און חן.

מינקין האָט זיך בײַ יעדן ליד אַ צאַפּל געטאָן, פאַרשלאָסן די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט בלויז דורך הערן אַליין איינזאַפּן די גאַנצע הנאה פונעם זינגען, ניט זען די זינגערין. ער האָט געמורמלט:

— יאָ, עס איז זי. צענדליקער מאָל האָב איך פון איר דאָס געהערט. איך קען יעדן קנייטש און ניואַנס פון דעם ליד. עס גלעט, פאַרווינט, טרייסט, פאַרשכורט. עס איז זי, אָבער ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?...

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט. אָן אַ שיעור אַפּלאָדיסמענטן. די זינגערין איז עטלעכע מאָל אַרויפגעקומען אויף דער בינע, זינגען אויף „בּיס", זי האָט גע־שמייכלט, זיך געבויגט פאַרן פּובליקום.

— ווילסט זיך אַריינכאַפּן הינטער דער בינע? — האָב איך געפרעגט מיין פריינט — לאָמיר זי זען פון דער נאָענט, לאָמיר זיך באַקענען מיט איר, קום!

— איך האָב מער ניט קיין שום חשק זי צו זען. איך וועל זיך פאַרצייכענען איר נאָמען, כדי מער ניט צו גיין אויף אירע קאָנצערטן. ווייסט מיר גלויבן, זינט איר שטימע איז פאַרשוווּנדן פון מיין גאַס, בין איך ניט געווען אויף אַ געזאַנג־קאָנצערט, נאָר גראָד היינט האָט מיך אַ מאָדנע געפיל געטריבן און בין געגאַנגען הערן סתם אַ זינגערין, וועך האָט זיך געזאָלט ריכטן?

— באַדויערסט, וואָס האָסט זי היינט געהערט?

— איך באַדויער, וואָס איך האָב זי היינט געזען.

איך האָב קוים בײַ אים געפּועלט, מיר זאָלן זיך אַריינכאַפּן הינטער דער בינע בלויז אַ קוק טאָן.

די זינגערין איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סך פריינט און מוזיק־רעצענ־זענטן. מען האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטן, געשמייכלט, געפרעגט קלאָץ־קשיות. זי האָט אויסגעזען מיד, נאָך מער פאַרעלטערט, פאַרבלאָזער ווי אויף דער בינע. מיר

האָבן געזען צוקומען אַ יונגע, שיינע פרוי מיט אַ צעשטראַלט פּנים. זי איז צו מיט אָפענע אָרעמס צו דער זינגערין, זיך מיט איר צעקושט. ווענדנדיק זיך צו די אַרומ־שטייענדיקע, האָט די זינגערין געזאָגט:

— דאָס איז מיין געזאַנג־לערערין — האָט זי אָנגעוויזן אויף דער שיינער פרוי — מיס עמילי האַריסאָן! בלויז איר האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם היינטיקן דערפאָלג. זי האָט מיך געלערנט, האָט פאַר מיר אָפּגעגעבן פיל צייט, אַ סך שעהן פון אָנשטרענגונג און עקשנות, אַז מיין שטימע זאָל זיין, אַזוי ווי איר האָט זי היינט געהערט.

די יונגע פרוי האָט עפּעס געשעפּטשעט. איר רייצנדיק פּנים האָט זיך גע־רויטלט. זי האָט געקוקט אויף איר שילערין — וואָס איז זיכער עלטער געווען פון איר מיט העכער אַ צענדליק יאָרן — ווי אַ מייסטער קוקט אויף זיין געלונגען ווערק.

— עס האָט זיך געלוינט — האָט די לערערין אַ לאַכנדיקע געזאָגט — עס האָט זיך געלוינט די שווערע אַרבעט. ניט שטענדיק געלונגט עס. אין דעם פאַל איז אונדז ביידן געלונגען...

— ווער ווייסט עס נאָך אַזוי ווי איך — האָט מינקין געברומט — וואָס פאַר אַ האַרעוואַניע זי האָט אַריינגעלייגט. עס איז דאָך אָבער ווידער אַ טעות. אַזוי זעט אויס די לערערין? אַזאַ יונגע, אַזאַ רייצנדיקע? אַזוי האָב איך זיך דאָך פאָרגע־שטעלט איר שילערין. עס איז דאָך אַ פאַרוואַנדלונג פון געשטאַלטן. מען קען דאָך אַראָפּ פון זינען...

די מענטשן אַרום די ביידע פרויען האָבן געפּלאָפּלט, געלאַכט, געמאַכט זיך לאַכן. די זינגערין האָט זיך גענומען אַנטשולדיקן פאַר אַלעמען. זי איז מיד — האָט זי געזאָגט — זייער מיד.

נעבן איר איז אויסגעוואַקסן אַ מאַן, אַ פול־לייביקער מאַנספּערשוין, מיט אַ רויטן גוטמוטיקן פּנים, מיט אַ גלאַנציקן פּליך, מיט דיקע וואָנסעס איבער פולע פעטע ליפּן.

— דאָס איז מיין מאַן — האָט די קינסטלערין געזאָגט — פּרענק. מיר ווילן שוין אַהיים פאָרן!

דער דיקער מאַן האָט זיך אומגעלומפּערט אַ נויג געטאָן. זיין פּנים איז נאָך רויטער געוואָרן.

— יאָ, מיין טייערע — האָט ער געזאָגט אַ שמייכלדיקער — ביסט גערעכט. זעסט אויס מיד. מיר דאַרפן אַהיים פאָרן.

מינקין האָט מיך אומגעדולדיק אַ שלעפּ געטאָן. מיר זיינען אַרויס אויף דער גאַס. ער איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער. זיין הויכע פיגור האָט זיך איינגעהויקערט. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ געשריי געטאָן:

— עס איז אַ טעות און אַ ליגן. עס איז בשום אופן ניט די פרוי, וועלכע איך קען שוין עטלעכע יאָר צייט, בשום אופן ניט!

— אַט האָסטו זי דאָך געהערט און געזען, אפילו איר לערערין האָסטו געזען! ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיין אָרעם, גענומען האַסטיק ריידן:

— עטלעכע יאָר צייט געלאָזט זיך כסדר אָפּנאַרן, אַליין זיך גענאַרט. ווי לאַנג איז דער שיעור? עס איז געשען אַ ביטערער טעות... ווער פון אונדז דריי, די לע־רערין ,די זינגערין, איך, האָט געמאַכט דעם טעות? ווער?

— קיינער האָט דאָ ניט געמאַכט קיין טעות — האָב איך זיך באַמיט אים צו באַרואיקן — עס איז דיין אייגענע שולד, מינקין. ווען דו שטעלסט דיר פאָר די אומבאַקאַנטע זינגערין דיינע אַט אַזוי, ווי זי זעט אין דער אמתן אויס, אַזוי ווי מיר האָבן זי היינט געזען, וואָלסטו דאָך קיינמאָל צו דעם ניט געקומען. דו האָסט דיר אויסגעמאָלן אַ פרוי, ווי דיין האַרץ גלוסט, מיט אַ צעלאָזענער, צעבאַלעוועטער פאַנ־טאַזיע אויסגעמאָלן, מוזטו דעריבער צאָלן, מיט יסורים מוזטו צאָלן. נאָכאַמאָל זאָלסטו זיין פאַרזיכטיקער, וועסטו זיין ווייניקער אַנטוישט...

קנאה

ווען זעליג־דוד דעם שענקער און זיין ווייבל צירל, האָבן גוטע פריינט, שכנים געערדט בלשון סגי־נהור:

— באַשערט אַ יידן מזל איז ניט שייך, גייט עס אים דורך טיר און טויער!

— זיי האָבן זיך שוין באַצייטנס באַזאָרגט מיט אַן אָנשפּאַר אויף די עלטערע יאָרן. גאַנץ נישקשהדיק אויסגערעכנט...

געזאָגט האָט מען דאָס אַ קעגן דעם, וואָס דער רבונו־של־עולם, האָט דעם האַלב־קרענקלעכן, קורצזיכטיקן זעליג־דודן און צירלען, דער דאַרינקער יידענע מיט די שוואַרצע, פּלינקע אויגעלעך — מזכה געווען מיט בלויז יונגען, שטאַרקע, געזונטע, וואָס האָבן איינס און צוויי זיך אַ צעוואַקס געטאָן, ממש ווי די בוימער.

גענומען זיך צום האַרצן און ניט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ זאַך, האָט גרונם דער באַנדער פונעם זעלבן הייפל. ער איז געווען אַ ייד אַ כעסן גרונם, מיט הונגעריקע אויגן, אייביק פאַרשמאַכטע ליפּן, מיט שטיקלעך אָנגעוואָרפענע באָרד איבער אַ לענגלעך פאַרשפּיצטן פּנים. היות אים, גרונמען, איז אויסגעפאַלן צו האָבן בלויז טעכטער, פאַר וועלכע מען דאַרף זאָרגן„ זיך ברעכן דעם קאָפּ ווי זיי מפרנס צו זיין, האָט ער דעריבער געהאַט טענות צום רבונו־של־עולם, וואָס טוט אים אַן עוולה און פירט ניט דעם דרך פון דער וועלט, ווי עס געהער צו זיין. איינעם גיט ער אַ פולע שיסל, נאָך מיט אַן עודף, ווי, למשל, זיין שכן זעליג־דוד.

— היתכן? — האָט גרונם געטענהט — ווי גייט עס עפּעס אַ יידן אַזוי וואויל און גלאַטיק? ווי נעמט עס פאַר זיך אַזאַ ייד, ווי זעליג־דוד דער שענקער, אַזאַ שטיק עולם־הזה? וואָס איז ער אַ בן־זקונימל ביים רבונו־של־עולם, מער אָנגעלייגט ווי איך, גרונם דער באַנדער?

אויסהערנדיק גרונמס טענות, האָט זעליג־דוד געשמייכלט מיט זיינע קורצזיכ־טיקע אויגן. וואָס אַ שטייגער האָט ער געקענט ענטפערן אויף אַזעלכע טענות? וואָס איז ער שולדיק? ראשית, וואָס ווייסט ער פון אַזאַ ענין ווי מזל? צווייטנס, מען האָט זיך דען ביי אים אָנגעפרעגט מן־השמים? ער האָט דעריבער גוטמוטיק געשמייכלט, זעליג־דוד, און די זאַך איבערגעלאָזט פאַר די „עולמות העליונים", אדרבא, זאָל מען דאָרט משפטן, אויסגלייכן די עוולות פון בין־אדם לחברו...

זעליג־דוד האָט געהאַט אַ שענק, ווו אין די מאַרק־טעג זיינען זיך צונויפגעקומען פויערים פון די דערפער, געטרונקען, געשכורט ביז שפעט אין אָוונט. אין די גרויע וואָכנדיקע טעג, האָבן דאָרט טרעגער־יונגען, קצבים, קאַטאַרינאַזשעס געפּראַוועט מחלוקתן, לאַדענישן, געטרונקען אָקעוויט און פאַרביסן מיט געבראָטענע לע־בערלעך. בכבודיקע יידן האָבן אין אַ יומא־דפּגרא זיך אַריינגעכאַפּט צו זעליג־דודן אין שענק, בנעימותדיק געזופּט אַ גלעזל טיי, אַמאָל אַ קאַפּעטשקע בראָנפן, אַריינגעכאַפּט אַ מנחה־מעריב, אויך צוביסלעך אונטערגעדרימלט.

אַ חוץ אַנדערע מעלות־טובות, וואָס זעליג דוד האָט פאַרמאָגט, איז ער אויך געווען אַ כהן. צווישן איין יום־טוב און דעם אַנדערן, האָט ער זיך מיט דער גרעס־טער פייערלעכקייט און התלהבות געגרייט צום דוכנען, גלייבנדיק טיף, אַז ער איז אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט צו זיין אַ כהן. בכונה האָט מען אים אָנגעטרויט דאָס שליחות פון בענטשן יעדן יום־טוב אַן עדה יידן. ער האָט זיינע יונגען מחנך געווען צו דער מצוה מיט גרוים ברען און געפילט בחוש ממש אַז דער רבונו־של־עולם האָט אים מזכה געווען מיט זכרים, כדי ער זאָל האָבן אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן, ניט אַליין אויספירן אַזאַ זאַך, ווי בענטשן קהל. אין גרויסן בית־המדרש זיינען גע־ווען נאָך עטלעכע כהנים, אָבער אַלע זיינען זיי בטל געוואָרן „בששים" קעגן זעליג־דודן מיט זיין קאַפּעליע, און קיינער האָט אפילו ניט צוגעלאָזן צום געדאַנק פון קאָנ־קורירן מיט אים ביי „ברכת כהנים", ווייל פאַר זיין מעמד, וואָלט אָט דער שוואַ־כינקער ייד געקעמפט מיט לייב און לעבן, בענטשן קהל — האָט זעליג־דוד געוווּסט — איז ניט סתם אַזוי אַ מסחר, ווו מען קען יענעם משיג־גבול זיין...

אין די יום־טוב־טעג, ווען דאָס גרויסע בית־המדרש איז געווען געפּאַקט מיט מתפּללים, אַז עס איז טאַקע געווען „עומדים צפופים", האָט זעליג־דוד געפילט ווי אַן אויסערגעוויינטלעכע הייליקייט פלאַטערט אין און אַרום זיין געמיט. אין האַרצן פלעגט זיך אים פאַרגנבענען אַ געדאַנק, וואָס האָט אים אונטערגעטראָגן אַ פאַרגלייך צו די כהנים אין בית־המקדש. נאָך דער פּראָצעדור פון וואַשן די הענט, ווען דער חזן האָט פייערלעך אויסגעזונגען: „עם קדושיך כאמור"! האָט זעליג־דוד מיט זיין קאַפּעליע זיך צעלאָזט און צעזונגען ,אויף אַלערליי טענער. עס האָבן זיך צעשפּילט פּאַטעטישע אויסרופן פון באַס, באַריטאָן, טענאָר, סאָפּראַן — אַלע אינאיינעם. יע־

דער טאָן האָט ווי געוואָלט איבערשטייגן דעם אַנדערן, געקייקלט זיך און געפּלאָכטן אין דעם מאָדולירטן געמיש פון די קולות. זעליג־דודס יונגען זיינען געווען פון שטייגנדיקן עלטער, זייערע שטימען האָבן זיך אַרויסגעשיילט און צעשפּילט לויט די יאָרן. דערצו האָבן די יונגען פונעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן, געהאַט אַ פאַרזאָג פון טאַטן, אַז זיי זאָלן ביים דוכנען ניט זשאַלעווען קיין כחות, נאָר נעמען די העכסטע טענער, אפילו בגוואַלד זאָלן זיי נעמען. דעריבער איז אויסגעקומען, ווען דער באַס האָט אויסגערופן „יברכך", האָט זיך דער „כ—ך" פאַרכליניעט, אַריינגעפאַלן אין אַ ציקלדיקן דין־שטיפערישן סאָפּראַן. דער גראָבער באַסאָווער טאָן איז אַזוי צעניזוקט געוואָרן, אַז ער איז קוים אַרויס בריסוק־אברים. אַזוי איז אויך געשען מיט דעם „יאר". דער אַלט האָט זיך צעשפּילט מיט קונציקע דריידלעך און חנדלעך, האָט ער אין דער זעלבער רגע אָנגעטראָפן אויף דעם טענאָר פונעם עלטסטן זון וואָלף, איז אַרויסגעקומען אַ „יאָ — רר" ניט אַזוי מיט אַלע טעמים, נאָך גוט, וואָס זעליג־דוד, דער טאַטע, האָט אים באַצייטנס אונטערגעכאַפּט מיט זיין דישקאַנטל, געראַטעוועט די „ריישן" און אַזוי איז עס שוין געגאַנגען ביז „שלום". די דאַוונער פונעם גרויסן בית־המדרש, האָבן געוואַלדיק הנאה געהאַט פון דעם טענער און קלאַנגען־שפּיל פון זעליג־דודס קאַפּעליע, ווי אַ שטייגער פון אַ פיינעם זמר בציבור.

— אַ דוכנען, אַ מתיקות צו הערן — האָבן יידן גערעדט מיט התפעלות.

— אַ געזאַנג, קולות קיין עין־הרע טרעפן גלייך אין הארצן אריין!

— ווי די ברכות וואָלטן זיך אַליין געזאָגט.

— היינט זעליג־דודס כונה ביים דוכנען, זיין התלהבות!

— באַשערט אַ יידן מזל, ווערט ער געבוירן אין אַ זיידן־העמדל, אָדער ווערט געבוירן אַ כהן...

גרונם דער באַנדער, וואָס האָט געוואוינט אויפן זעלבן הייפל, וואָס זעליג־דוד, פלעגט שוין אַ היים גיין פון דאַווענען פול מיט הרהורים. גאָרניט קיין פריילעכע געדאַנקען, האָבן געוויימלט אין זיין מח, זעליג־דודס דוכנען איז אים ניט באַקומען, גרונמען. די געדאַנקען האָבן אָנגעשלאָגן ביי אים איבערן גאַנצן לייב, מיט קנאה, היתכנס, הלמאי און הלמאי איז דער דרך פון דער וועלט ניט יושרדיק! פאַרוואָס איז ער דאָס, דער שענקער אַזאַ יחסן ביים רבונו־של־עולם? פאַרוואָס קומט אים קינדער זכרים, פּרנסה, זיין אַ כהן און בענטשן אַן עדה יידן, נו, אדרבא, פאַרוואָס? אַרום און אַרום איז דאָך זעליג־דוד אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר אַ קנאַפּער יודע־ספר, קאַפּעט זיך קוים אַרויס פון דער עברי, זיין שלשלת־היוחסין גרייכט ניט ביז צו דוד המלך. היינט פאַרוואָס איז פאַר אים פון לכתחילה אָנגעגרייט פון כל־טוב? און ער, גרונם, דאַכט זיך אַ ייד, אי פאַר גאָט, אי פאַר לייט, האָרעוועט, ווי להבדיל אַ פערד אין שפּאַן, קלאַפּט רייפן אַרום פעסער, פאַרדריכט דייזשעס צו קנעטן ברויט, עמערס, פעסלעך פאַר פסחדיקן באָרשט, פאַרריכט באַליעס פאַר אָרעמע יידענעס, זיי זאָלן

האָבן אויסצוּוואַשן דאָס בידנע ביסל וועש — זאָל זיך דאָס עמיצער אויף אים אומ־קוקן, ניין. ער ליגט ניין איילן טיף אין דער ערד, קען ניט אַרויסשטעקן דעם קאָפּ, איז אפילו נאָך ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה וואָס דאָס ווערימל אין דער ערד, וואָס רייסט זיך כסדר צום ליכטיקן דרויסן...

און גרונם האָט זיינע מחשבות און הרהורים פאַרענטפערט מיט אַ זיפץ, מיט אַ שעפּטש:

— אַז אַ ייד האָט עולם־הזה מיט עולם־הבא צוזאַמען, איז גיי, זיי אַ חכם...

* * *

די יונגען ביים שענקער אין שטוב, האָבן זיך אַ צעוואַקס געטאָן. זעליג־דודן האָט זיך פּריצייטיק פאַרוואָלט, ביי אים אין שטוב זאָלן זיך הערן פרויען־קולות, אַ חוץ דעם קול פון זיין ווייב. אַ פרישע פרויען־האַנט זאָל צוהעלפן אין דער שטוב־ווירטשאַפט. מיט קיין טעכטער, האָט אים דער אויבערשטער ניט מזכה געווען, זאָל כאָטש זיין אַ שנור, ניט איינע, נאָר שנירן און עס זאָלן זיך מערן און פרוכפּערן איי־ניקלעך, ווי אין פּסוק שטייט: „ששה בכרם". ניט אַזוי פאַר היימלעכקייט וועגן, האָט זעליג־דוד געגאַרט צו הערן אַ יונג פרויען־קול אין הויז, צו אַזאַ זאַך וואָלט ער אפילו דעם געדאַנק ניט צוגעלאָזן ,חלילה! „קול באשה!" נאָר פּשוט, פאַרוואָס זאָל ביים גרויסן טיש ניט זיצן נאָך אַ שטיקל „אשת חיל"? וואָס איז?

דעריבער האָט ער אָנגעגורט די לענדן, אָנגעהויבן אונטעריאָגן די חברה, וואָס האָט שוין געמעגט מקדש זיין אַ ווייב, אַז זיי זאָלן אים וואָס שנעלער אַראָפּפּטרן אַן עול פון קאָפּ.

קיין גרויס זאָרג, האָבן זעליג־דוד מיט צירלען ניט געהאַט מיט אַזעלכע בנים. דאָך איז געזונטער געווען פאַר ביידע צדדים, די יונגען זאָלן זיך ניט אַרומדרייען צעוואַקסענע, צעלאָזענע ביי טאַטע־מאַמע אין הויז. זעליג־דוד האָט מיט זיין בכור וואָלף איינגעטענהט:

— ביזט שוין, קיין עין־הרע, אַ מאַנספּערשוין ,אַ בערדל ביי דיר שוין אַריבער מיט אַ שמיצל. צייט צו גיין פאַר זיך און אויפשטעלן אַ נייעם דור.

און צו דעם יונגערן זון, שאַיע, האָט ער, כלאחר־יד, צוגעוואָרפן אַ זאָג:

— באַלד נאָך דיין ברודערס חתונה, שאַיע, וועט מען אם־ירצה־השם מיט דיר שרייבן תנאים און לאָמיר האָבן אַ קאָפּ נחת!

אומר־ועושה. זעליג־דוד האָט זיך אַריינגעלאָזט אין ענין. ביי אים אין הויז, האָבן זיך גענומען דרייען שדכנים אייגענע, באַקאַנטע און פון שטעלעך אַרום. יידן שווייגנדיקע, וואָס האָבן מיט ישוב־הדעת אויסגעהערט זעליג־דודס פאַרלאַנג, באַ־נומען מיט קאָפּ, וואָס ער וויל אַזוינס. פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַן אָנדייט. און אויך שדכנים זיינען געקומען, וואָס האָבן געשפּרודלט מיט רייד אַן

אויפהער, אריינגעוואָרפן גלייכוועדטלעך, איפכא־מסתברא׳ס, מהיכי־תיתי׳ס, קיין־מאָל ניט אויסגעהערט ביזן סוף יענעמס רייד, נאָר גלייך אַרויס מיט דער סחורה אויפן טיש, למען ידעו. זעליג־דוד האָט זיך געלאָזט אויף זעאונגען, געפּאָרן אהין, געפּאָרן אהער, קיינעם ניט צוגעלאָזט. ער אַליין האָט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן באַקוקט, באַטראַכט, געפּאָרשט און...

דער בכור וואָלף, האָט חתונה געהאַט, אָפּגעלעבט מיטן ווייב עטלעכע חדשים. אין איין שיינעם פרימאָרגן ווען ער איז כעלות־השחר אַרויס פון הויז מיטן טלית און תפילין־זאַק איז ער מער ניט צוריק־געקומען, פאַרשוווּנדן ווי אין וואַסער אַריין. די יונגע עגונה איז געקומען צו לויפן אין שענק אַריין, געמאַכט געוואַלדן, אַז מען האָט זי אומגליקלעך געמאַכט, איבערגעלאָזט אויף לייטיש־געלעכטער, וואָס וועט זי טאָן? געוואַלד, וואָס שווייגט מען?

זעליג־דוד האָט זי איינגענומען מיט טרייסט־ווערטער:

— ער איז ניט אַוועק ווייט, סך־הסתם אין אַ דערנעבנדיקן שטעטל צוליב מסחר. ער וועט זיך אָפּזוכן.

אין האַרצן האָט ער זיך אָבער משער געווען, אַז דער יונג איז אַוועק אין די מרחקים, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז ער וועט צוזאַמען מיט זיין ווייבל קיין זעקל זאַלץ ניט אויפעסן. זי איז ניט קיין יפת תואר, ווי אים, זעליג־דודן האָט זיך אויסגעדוכטן בשעתן זען זי צום ערשטן מאָל, און איז אויך ניט קיין איבעריקע חכמת. אַ מזל־זאַך...

ער האָט זיך ניט טועה געווען, דער שענקער. נאָכדעם ווי מען האָט אַ צייט לאַנג ניט געוווּסט, ווו עס איז דאָס געביין אַהינגעקומען פון זיין עלטסטן זון, איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ער איז אין אַמעריקע, ניט פון וואָלפן אַליין איז די ידיעה אָנגעקומען, נאָר גאָר פון זייטיקע מענטשן און דורך זייטיקע וועגן.

דער צווייטער זון, שאַיע, האָט חתונה געהאַט. איידער זעליג־דוד, האָט נאָך רעכט געהערט פון דער שנור אַ „קול באשה״, האָט זי גענומען אונטערקרענקען. מרה־שחורה געוואָרן און זיך געריסן אַהיים צו אירע עלטערן, וואָס האָבן געוואוינט אין אַ וויטן שטעטל פונוואַנען די שדכנים האָבן זי אויסגעפונען. שאַיע איז אַ פּאַר־צווייפלטער געקומען צו לויפן צום טאַטן:

— וואָס טוט מען, טאַטע? זי פאַרסמט מיר דאָס לעבן!

זעליג דוד האָט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אָנגעקוקט דעם זון און אַרויס־געברומט:

— זי וועט בעסער ווערן.

— פונוואַנען איז געדרונגען? לויטן שכל זע איך ניט איין!

האָט זעליג־דוד אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט־פלאַך איבערן פּנים און פרום געענטפערט:

— איז דאָך פאַראַן אַזאַ זאַך ביי ייִדן, ווי אַ גט, למשל.
זעליג־דודס שנירן זיינען ניט געזעסן קיין רעכט שטיקל צייט ביי זיין טיש, ווער שמועסט נאָך פון האָבן אַ האָפענונג, עס זאָלן זיך מערן דורות, דאָס הייסט, אייניקלעך זאָלן אַרויסקומען פון זיין דיך און זאָלן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר איבערנעמען די כהונה, בענטשן קהל, פון דעם איז דאָך שוין אָפּגערעדט.
האָבן זעליג־דוד און צירל זיך געטרייסט מיט דעם דריטן זון זייערן, פּנחס־לייבן. דער יונג איז אפילו קיין „גרוים לייט" ניט געווען, טאַטע־מאַמע, מענטשן אין גאַס, האָבן ווענן אים אַלעמאָל געזאָגט דעם באַקאַנטן פּסוק: „מה יעשה הבן"? ער איז אָבער געווען אַ יונג אַ גבור, געהאַט אַ סך מאַנסבילישן חן און טאַטע־מאַמע, האָבן געגומען פאַר אים זוכן דאָס טעלערל פון הימל...

* * *

איינמאָל אין אַ שטילן נאָכמיטיק: זעליג־דוד איז געזעסן הינטערן שענק־טיש און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. צוליב דער קורצזיכטיקייט זיינער איז זיין פּנים געווען נאָענט צו די פאַרגעלטע בלעטער פונעם ספר. ער האָט זיך געאַמפּערט, זעליג־דוד, מיט זיינע רעיונות, ווענן אַ שווערן מאמר. אין שענק איז קיינער ניט געווען. פליגן האָבן געזשומעט אויף די שויבן, געריסן זיך צום זוניקן דרויסן. אין אַ ווינקל האָט אַ קאַץ פרום געוואַשן זיך דאָס פּנים מיט די פאַדערשטע פיסלעך, אויפן לאַנגן טיש האָבן פאַרשיידענע שפייזן געטרוקנט, געוואַרט פאַרצערט צו ווערן. פּלוצלינג האָט זיך אַ פּראַל־אויף געטאָן די טיר, עס האָבן זיך אַריינגעשטופּט אַ פויער מיט אַ פויערטע און זיי ביידע האָבן ביי די אָרעמס געשלעפּט אַ יונג מיידל מיט פאַרוויינטע אויגן. זיי זיינען צוגעקומען צום שענק־טיש, אַ שפּאַר געטאָן זיך איבער די מאכלים מיט די קעפּ צו זעליג־דודס קורצזיכטיקע אויגן און צו זיין אָפן ספר. אין דער זעלבער רגע, האָבן זיך געהערט קולות: באַסאָווע — פון פויערס מויל, קוויטשיקע — פון דער פויערטע, וויינעדיקע — פון דער מיידל:
— פּינקאַס לייבאַ! פּינ—קאַס ליי—ב—אַ!
זעליג־דוד האָט זיין פּנים אָוועקגעכאַפּט פון ספר, די ברילן האָבן זיך אים אַראָפּגערוקט אויף דער שפּיץ נאָז, די הענט האָבן אים גענומען ציטערן. פון די געוואַלדן אַרויס, האָט ער אויפגעכאַפּט דעם נאָמען פון זיין זון, פּנחס־לייב, האָט ער זיך שטאַרק געחידושט און אין דער זעלבער רגע אַליין אין געדאַנק זיך געפרעגט: „מה ענין שמיטה אצל הר סיני"? באַלד האָט ער אויפגעכאַפּט פון די קולות, אַז מען פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל תיכף־ומיד אויפזוכן זיין טייער זונדל פּנחס־לייב, אַריינברענגען אים דאָ אַהער און זיי דריי, דער מאַנספּערשוין מיט די צוויי ווייבער, וועלן אים בפני כל עם ועדה טאָן זיין רעכט אויפן אָרט. דהיינו: מען וועט פון אים אָפּשינדן די הויט, דערהרגענען, ווי ער האָט עס פאַרדינט — — —

לכתחילה האָט זעליג־דוד ניט באַנומען אויף קלאָר דעם קנויל פון רייד און קולות וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף זיין קאָפּ. ניט באַנומען די אויפגערעגטע פנימער, געמיינט שכורים רחמנא־ליצלן, וואָס ווילן אין מיטן העלן טאָג פון א פראָסטן מיט־וואָך זען יידיש בלוט, אָדער זיינען זיך אפשר משמח אויף אַזאַ אופן, א קשיא אויף שכורים, גויים, אַז עס פאַרגלוסט זיך זיי א הוליע צו טאָן. ווען ער האָט זיך אָבער צוגעבויגן צו די דריי שרייערס און ער איז אויסגעקומען פנים־אל־פנים מיט דעם שיקסל, וואָס איז דאָ געשטאַנען א צוזאַמענגעקאָרטשעטע, מיט צעלאָזענע האָר און שוואַרץ־בלויע פרענגעס אונטער אירע אויגן און איינגאַנצן האָט זי אויסגעזען, ווי א קאַלב פאַר דער שחיטה — האָט זיך ביי זעליג־דודן אין מוח עפּעס א וואַקל געטאָן, אין האַרצן האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן, געגומען פרירן פאַר קעלט.

— פינקאַס לייבאַ! — האָט דער פויער געשריגן מיט א געהאַריש קול — האָט פאַרפירט מיין טאָכטער! זי אומגליקלעך געמאַכט! איך וועל אים דעם בויך אויפ־טרענען! די בעבעכעס ארויסלאָזן. אַט דאָ אויפן אָרט, וועל איך אים בענדיקן!

— מיט גוטע ריידעלעך — האָט די פויערטע געיאָמערט — האָט ער זי געגנר־מען, דער יונג דיינער! וואָס ווייסט זי? א קאַלב איז זי דאָך! ער איז געקראָכן צו איר און זי — א צוויג, א הינטיכע, האָט אים געלאָזן קריכן צו זיך. איצט טראָגט זי א בענקאַרט, א ממזר אין אירע גדערים!

זעליג־דוד האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט ביים ברעג טיש, כדי ניט אומצופאַלן. דאָס אָפענע ספר האָט זיך אראָפּגעגליטשט פון טיש, ער האָט זיך איינ־געבויגן אויפצוהייבן עס און ניט מיט זיין קול געשריגן:

— צירל! צירל!

די דאַרינקע צירל איז אָן אָן אָטעם געקומען אריינצולויפן, איר בליק איז געפאַלן אויף דעם פאַרוויינטן שיקסל, וואָס איר פנים איז געווען בלייך, מיט אונ־טערגעהאַקטע אויגן און איר בויך — א שפּיציקער, א פולער איז געווען פאַרדעקט מיט א לייוונטענעם, קאָלירקן פאַרטוך. צירל האָט אויף דער שנעל באַנומען דעם גאַנצן חורבן מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס האָט איר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, עס האָט איר פאַרפעלט לופט. אין גאָס האָבן שוין מענטשן געהערט די קולות פון דער שענק אַרויס, זיינען זיי אַריין אינעווייניק, מילא, וואָס עס טוט זיך, אַז מען שרייט איז דאָך עפּעס ניט גלאַטיק. עס קלינגען גלאָקן, האָבן מיר א קימאַ־לן איז — חגא...

צירל איז באַלד געקומען צו זיך און האָט תיכף־ומיד צוגעמאַכט די שענק־טיר כדי די גאַנצע נייגעריקע גאַס זאָל זיך מיט איינמאָל ניט אריינשפּאַרן אין שענק און זען די חרפּות און בושות, וואָס ליגן דאָ אָפן פאַר אַלעמענס אויגן. בליץ־שנעל האָט צירל אָוועקגעשטעלט אויפן טיש עטלעכע פלאַשן ביר מיט א סך צובייסעכצן

און מיט אַ נידעריק קול געבעטן די שרייענדיקע געסט, אַז זיי זאָלן דערווייל עפּעס טועם זיין, זיי האָבן זיך נעבעך אַזוי אָנגעהאָרעוועט ,אַז עס איז כדאַי עפּעס איבער־צוכאַפּן, נאָכדעם וועט מען זען ,וואָס מען האָט צו טאָן.

— טייערינקע — האָט צירל זיך געבעטן ביים פּויער מיט דער פּויערטע — טייערינקע! מיר וועלן באַלד אויסזוכן דעם יונג און אים מכבד זיין, וואָס אים קומט. דערווייל זעצט אייך צום טיש און דערכאַפּט אייך די הערצער, גוטינקע מיינע!

— פּינקאַס ליבאַ! — האָט דער פּויער געדונערט — איך מוז אים ממיתן!

— לאָמיר ברענגען פּנחס־לייבן — האָט זיך ווער פון זעליג־דודס גוטע פריינט אַריינגעמישט — זאָל זיין ניתי־וניחזא, הערן וואָס דער בעל־דבר אַליין האָט צו זאָגן!

— ווּ נעמט מען אים? דער יונג איז ווי אין וואַסער אַריין!

צירל האָט אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש בראָנפן אויפן טיש און דעם שיקסלס צד, האָט זיך דאָס מאָל ניט געלאָזט בעטן. מיט רוגזהדיקע פּנימער האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ לאַנגן טיש, גענומען טועם זיין פון די גוטע זאַכן, וואָס צירל האָט דערלאַנגט ביד הרחבה.

זעליג־דוד האָט זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. ער איז געזעסן ווי אַ געליימ־טער און געקוקט אויף אַלץ און אַלעמען שטאַר, מיט פאַרגליווערטע בליקן.

נאָכדעם ווי ביידע צדדים האָבן זיך אַ קאַפּעטשקע באַרויִקט, דער פּויער האָט זיך אָפּגעווישט די נאַסע וואָנסעס פון געשמאַקן ביר, שוין געהאַלטן ביים וויפּלטן גלעזל פון דער פלאַש בראָנפן, די פּויערטע האָט אין איר פאַרטוך באַהאַלטן עטלעכע געבראָטענע פּופּיקלעך און דאָס מיידל האָט אויפגעגעסן די לעצטע פּולקע פון אַ האַלבן גענדזל. זיינען די צדדים צוגעטראָטן צום ענין פון פאַרגלייכן, פאַרשווייגן, פאַררייבן און אָראָפּ פון מאַרק...

יידן האָבן זיך נאָכדעם געוווּנטשן, אַז הלוואי פאַרדינען זיי דאָס אַלע יאָר, וואָס די מעשה האָט שוין דעם ערשטן טאָג אָפּגעקאָסט דעם שענקערס משפחה.

— וואַרט, זעליג־דוד און צירל, זיינען נאָך ניט זייערע פּטור, די גויים וועלן דאָס ניט פאַרשווייגן, אַזאַ מעשה גייט ניט אַדורך גלאַטיק!

— כ'וואָלט פאַר פּנחס־לייבס ביינער ניט געגעבן אַ פּרוטה. דער פּויער וועט אים שוין פּאַקן און אים צעקיילן, אַז דער יונג וועט פאַרזאָגן אַ צענטן ניט צו קריכן צו קיין נכרית...

— הלוואי זאָל איך ליגנט זאָגן — האָט אַן אַנדערער זיך אָפּגערופן — וואָס עס קען נאָך חלילה־וחס אַרויסקומען. שפּילט זיך מיט אַזעלכע זאַכן...

— דאָס גאַיעס, וועט זעליג־דודן בדיל־הדל שטעלן. דאָס טעכטערל זייערס איז שוין אין די הויכע חדשים.

— שוין דערלעבט. זעליג־דוד, וועט האָבן אַן אייניקל אומגעריכט!

— ווי און ווינד צו אַזאַ געלעכטער!

און גרונם דער באַנדער האָט צוגעבאָמקעט:

— יונגען רקים, אָן אַן עול. גיבן זיך נאָך די תאוה פון גילוי־עריות, רחמנא־ליצלן. סורר־ומורדים, זולל־וסובאניקעס...

אייגנטלעך האָט גרונם געמיינט בלויז פּנחס־לייבן, נאָר ער האָט זיך פאַר־פּלאָנטערט מיט דער צונג: פון איין יונג איז ביי אים אַרויסגעקומען — יונגען. ניט, חלילה, צום שלעכטן, האָט ער דאָס געמיינט. ער האָט שוין איינגעזען, אַז דאָס מזל האָט זיך גענומען אָפּטאָן פון זיין שכן, זעליג־דודס שוועל. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ פאַלשע וועלט, ווען שכנים, וואָס וואוינען מיט אים אויף איין הויף פון כמה יאָרן, זאָלן פאַרזען זיינע טעכטער און לויפן זיך גאָר משדך זיין מיט אַנדערע? איצטער האָט ער צו זינגען און צו זאָגן, דער שענקער: איין זון האָט איבערגעלאָזט דאָס ווייב און אַוועק, דער צווייטער האַלט ביי אַ גט און דער דריטער — רחמנא־ליצלן...

פּנחס־לייבס געביין איז פאַרשוווּנדן. דאָס גאַיעס איז כסדר געקומען אין שענק אַריין נאָך זאַק־רויב, געסטראַשעט, אָנגערייצט אַנדערע, געלאָזט וויסן, אַז אַ ליאַדע טאָג, וועט דאָס טעכטערל זייערס געלעגן ווערן, דעריבער עצהנען זיי מיט גוטן, אַז מען זאָל זיי איבערגעבן דעם יונג, אין זייערע הענט אַריין זאָל מען אים איבערגעבן, אָדער מען קען זיך אויסקויפן מיט מזומנים, אויב ניט איז עק וועלט.

— טוט וואָס איר ווילט — האָט זעליג־דוד געבראָכן די הענט — נעמט אַלץ, קוילעט מיך! ברענגט מיך אום. אַלץ איז הפקר, נעמט!

און זיי האָבן גענומען.

פון זיין באַהעלטעניש אַרויס, האָט פּנחס־לייב געלאָזט וויסן קהל, אַז ער איז ניט שולדיק, ער קען דאָס באַווייזן, זאָל מען דאָס גאַיעס איבערגעבן סימנים, נאָר גיי טענה זיך אוים מיט זיי, באַווייז זיי מיט סימנים, אַז זיי דורשטן גאָר צו דער־הארגענען דעם יונג...

* * *

דעם ערשטן יום־טוב נאָך דער מעשה, האָט זעליג־דוד אַ פאַרצערטער פון יסורים און בושות זיך קוים דערשלעפּט אין גרויסן בית־המדרש אַריין. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און געדאַוונט. ווען עס איז געקומען צו ברכת־כהנים און צו וואַשן די הענט פון די כהנים, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט, זעליג־דוד, נאָר געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, ווי ניט אים מיינט מען דאָ. דער עולם האָט גע־נומען מאַכן אומרואיקע באַוועגונגען:

— נו אָ. ר׳ זעליג־דוד, ני, ני. ברכת כהנים, ני אָ!

זעליג־דוד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף און מיט אַ געבראָכן קול געשעפּטשעט:

— איך בין ניט ראוי.

— היתכן? ני. אָך, אָך. מה־רעש?

— איך בין ניט ראוי צו שטיין פאַר קהל. אַ זינדיקער בין איך. שפּייט אויף מיר, טרעט מיט די פיס אויף מיין לייב.

— רב זעליג־דוד! יום־טוב! ני. אָך!

— איך טאָר ניט בענטשן קהל, בין ניט ווערט צו זיין אַ כהן.

האָט דער מורה־הוראה ביי דער מזרח־וואַנט אויסגעדרייט דאָס פּנים צו זעליג־דודן:

— מיר זיינען גוזר אויף אייך, ר' זעליג־דוד. איר זאָלט זיך וואַשן די הענט און צוגיין דוכנען, גלייך מיט אַלע כהנים!

— איך טאָר ניט. איך בין ניט ראוי — האָט זעליג־דודס קול זיך געשטיקט אין טרערן.

— גזירת־הקהל! — האָט דער מורה־הוראה געפּסקנט — גזירת־הקהל!

— ווי אַזוי מעג איך? — האָט זעליג־דוד צום ערשטן מאָל, זינט דעם שפּאַרעניש אויפגעהויבן די אויגן — מיין קינד איז פאַרשעמט פאַר דער וועלט. איך... קען ניט.

האָט דער מורה־הוראה אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט איבערן מחזור:

— ניט שייך קיין ערבות. איינער פאַרן אַנדערן איז ניט ערב, אפילו ניט פאַר קיין קינד! גייט צו דוכנען!

מיט פּאַמעלעכע טריט איז זעליג־דוד געגאַנגען צום פאָדער־הויז, אויסגעטאָן די שטיוול און אַ לוי האָט אים געוואַשן די הענט. ביים אָנהייב פון זאָגן די ברכות, האָט זיין קול געציטערט, נאָכדעם האָט ער זיך געשטאַרקט מיט גרויס כונה, געזאָגט איין ברכה נאָך דער אַנדערער. ווען ער איז געקומען צום וואָרט „שלום", זיינען זיינע הענט אַראָפּגעפאַלן, ווי אונטערגעשאָסענע פליגל, זיין איינגעקאָרטשעטער גוף, האָט זיך אונטערן שווערן געבלעכן טלית מיט דער זילבערנער עטרה — געוואַקלט און הענט פון אַרומיקע יידן האָבן אים אונטערגעכאַפּט.

— שטאַרקט אייך, ר' זעליג־דוד, יישר־כוח־כהן!

עולם האָט געגאַפט פון אַזאַ דוכנען:

— אַלע גזירות זיינען זיכער אין הימל צעריסן געוואָרן...

גרונם דער באָנדער האָט דאָס מאָל געשוויגן מיט חרטה פאַר זיינע שטענדיקע תרעומות, טענות און ניט־פאַרגינערישע רייד. ער האָט ערשט איינגעזען, אַז אַ מענטש מאַכט ניט קיין קאָנטראַקט מיטן רבונו־של־עולם, קען ניט זיין קיין חכם, אַז אַלץ קומט נאָר אים. והא־ראיה זעליג־דוד. געהאַט ברוך־השם אַלץ און צום סוף דער־קייקלט זיך צו איובס צרות...

אַ פאַרמעסט

אין איינעם אַ סוף זומער־טאָג, איז זשאַמע גראַנעק, באַלד נאָך שחרית, אַרויס־געגאַנגען פון זיין מיל־הויף, כאַפן אַ בליק אינעם דרויסן, אפשר וועט דער רבונו־של־עולם היינט צושיקן אַ היימיש פויערל מיט אַ זעקל תבואה צו מאָלן. אַרומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן, האָט ער דערזען, פרעמדע מענטשן זיינען אָנגעפאָרן, דרייען זיך אַרום פאַרשמייעטע, באַקוקן די כאַטעס, וואָס ליגן צעוואָרפענע איבערן שפוע פונעם בערגל. זיי טייטלען מיט די פינגער אין דער זייט פון דער מיל, און זיינען עפעס שטאַרק טרוד. די פאַרשוינען ריידן צווישן זיך שנעל, שטעלן אוים הויכע מאַשינקעס מיט שוואַרצע שפאַקטיוון, קוקן אין זיי, דרייען אין אַלע זייטן, איינער פון זיי מעסט אוים שטחים ערד, אַן אַנדערער צייכנט אויף אַ גרויסן פאַפיר, איינער שטרעקט כסדר אוים די הענט אין דער ווייטקייט צום טייכל צו.

זשאַמעלע האָט געגאַפט פון דעם ספעקטאַקל, וואָס די פרעמדע פאַרשוינען שפילן־אָפ פאַר זיינע אויגן אין אַ פראָסטן וואָכן־טאָג. וואָס טוען זיי דאָ? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט מיט חידוש און שרעק, — וואָס זוכן זיי מיט די מאַשינקעס און שפאַקטיוון אַרום זיין מיל? אפשר וויל מען צונעמען ביי אים דאָס שטיקל פרנסה, אפשר גאָר אַ בלבול? באַלד האָט אַ געדאַנק אַ צאַפל געטאָן אין זיין מוח: אפשר גאָר אַן אוצר? ער האָט אין רעיון תיכף פאַרענטפערט, אַז עס איז ניט מעגלעך, דאָ זאָל זיין באַגראָבן אַן אוצר, ווייל אָט זיצט ער שוין דאָ, זשאַמע, אַ קימאַ־לן פון יאָרן, זיין טאַטע, זיין זיידע, האָבן שוין דאָ געהאַלטן די מיל, אויפ־געהאָדעוועט קינדער אין ליידן און פריידן, קיינמאָל ניט געהערט פון קיין באַגראָ־בענעם אוצר. און צוריק־געשמועסט — האָבן די מחשבות זיך געפלאָנטערט אין מוח — ביים רבונו־של־עולם קען דאָך אַלץ מעגלעך זיין, פאַרוואָס טאַקע ניט?

די מחשבות זיינען דעם מילנער געקראָכן אין קאָפ, שפיציק, טיף. ער האָט זיי ניט געקענט אָפיאָגן פון זיך: ניט אַנדערש, ווי אַן אוצר מוז מען דאָ זוכן. דאָס מלכות איז מן־הסתם דערגאַנגען, אַז דאָ ליגן ערגעץ רענדלעך באַגראָבן, האָט מען געשיקט מענטשן מעסטן די ערד, גראָבן, פאָרשן, נישטערן, וואָס דען וועט מען

פלוצלינג דא זוכן? אזא מציאה איז די ערד ארום דער מיל פלוצלינג געווארן, אז מען מוז זי באקוקן מיט שפאקטיוון? ניטא פון וואס צו לאכן. אויב עס איז אזוי, דאס הייסט, ניט אנדערש, ווי דא ליגט ערגעץ אן אוצר, וועט ער, זשאמע גראנעק, דאך אויך אפלעקן א ביינדל, אפשר גאר אויפגעריכט ווערן און ווייזן פנים מיט אלע שיינע לייט, ווער זשאמע איז. ביים אויבערשטן איז דאך אלץ מעגלעך...

א גאנצן טאג האבן די פרעמדע פארשוינענע זיך דא ארומגעדרייט. זשאמען האט געפרעסן די נייגעריקייט. ער האט געפרוווט זיך אנטאן א כח, און פרעגן וועמען פון די לייט, וואס א שטייגער אזעלכע מענטשן, ווי זיי זוכן דא אין דער געגנט. זיי האבן שוין ניט קיין בעסערע פרנסות? נאר עפעס האבן אים ניט געסטייעט קיין כחות, סתם צוגיין פרעגן, און א כלל האט ער געהאט: פרעגט מען א שאלה — איז טריפה. האט ער דעריבער געשוויגן.

פארנאכט־צו זיינען די פארשוינענע אוועק אן א „זייט־געזונט". פון יענעם טאג אן איז זשאמעלע ארומגעגאנגען א צעררודערטער. אין וואך און אין חלום, האט ער געזען דעם אוצר: דא ארום זיין מיל גראבט מען אויס גאלדענע רענדלעך, וואס ליגן באהאלטן פון קורחס צייטן אן. אפילו אין די טעג פון ראש־השנה און יום־כפור, ווען פיש אין וואסער ציטערן פארן יום־הדין. קיין ייד וואגט ניט אין זיינען האבן גשמיותדיקע זאכן, האבן די מחשבות וועגן אוצר זשאמען ניט אפגעלאזן. ער האט זיך געזען, ווי ער קריכט פאמעלעך ארויס פון זיין ביטערער ארעמקייט, ווי א ווארים פון דער ערד קריכט ער ארויס און דערגייט צו עשירות און וואויל־זיין...

— —

זשאמע גראנעק איז ניט געווען דער איינציקער מילנער אין דער געגנט. מער אנזען האט געהאט דער מילנער קלמן גאלדמינץ. ביידע האבן זיי געטאן די זעלבע מלאכה: באזארגט די שטאט און די דערפער פון דער ארומיקער סביבה מיט קארן־ און ווייצן־מעל. קיין שלום האט צווישן די מילנער ניט געהערשט.

קלמן גאלדמינץ איז געווען א פול־געפאקטער, הויכער מאנספערשוין מיט א הדרת־פנים פון א בן־תורה. זיין מיל — א גרויסע געמויערטע געביידע, מיט א סך פענצטערלעך, געדיכט באלייגט מיט מעל־שטויב און שפין־געוועבסן, האט זיך געזען פון א שפאנען מהלך, סיי ביטאג, סיי ביינאכט איז פון דארט אויפגעגאנגען א ריטמישע קלאפעריי פון מאשינען, לויפנדיקע פאסן. דורך א גרויסן טויער זיינען אין הויף אריין געקומען וועגענער, אנגעלאדנטע מיט זעק־תבואות. אויף די וועגענער זיינען געזעסן בכבודיקע תבואה־סוחרים, יידן מיט צעפלאשעטע בערד, בנעימות־דיקע בליקן, שטרויעלעך אין די מיילער.

דער צווייטער מילנער, זשאמע גראנעק, איז געווען א קלייניקער, אן איינגעשרומפענער, מיט א לענגלעך ביינערדיק פנים, פון דעם פנים האבן ארויסגעקוקט

א פּאָר טרויעריקע אויגן, הונגעריקע, תמימותדיקע, מיט אייביקן געבעט צום רבונו־של־עולם, אַז ער זאָל אין אים ניט פאַרגעסן, ווי ער פאַרגעסט ניט דאָס מינדעסטע באַשעפעניש׳ל טיף אין דער ערד. זשאַמעלע איז אַלעמאָל געווען פאַרמעלט, נייען־דיק האָט ער אויסגעזען ווי אַ לויזער זעקל־מעל, וואָס ניאַלגערט זיך סתם אַרום פון איין אָרט אויפן אַנדערן. זשאַמעלעס מיל — אַ הילצערנע, אַ קליינע, אַ געבויגענע, איז געלעגן אַ שפּאַרן מהלך הינטער דער שטאָט. דאָ פלעגן פאַרפאָרן אָרעמע פויע־רים, מיט אויסגעמאַגערטע פערדלעך, אַראָפּגענומען זעקלעך תבואה צו מאָלן, פאַר־רויכערט ביליקן טיטין, געדולדיק געוואַרט ביז זשאַמע מיט זיין אייניקן פאַראָבעק וועלן פון דעם מאַכן דין מעל.

די צוויי מילנער זיינען צווישן זיך געווען פשוט „להשמיד ולהרוג". דער ברוגז איז חלילה ניט געווען צוליב השגת־גבול, איינער זאָל דעם צווייטן סתם קריכן אין דער פּרנסה אריין, חליה וחס! וואָס משטיינס־געזאָגט, האָט שוין קלמן גאָלדמינץ געקענט צונעמען ביי זשאַמע גראַנעק, וואָס איז געווען פאַרקאָפּעט אין חובות איבערן קאָפּ, קוים בדחקות מפרנס געווען זיין גרויס הויז־געזינט? דער שורש פון דער מחלוקת האָט געשטעקט גאָר אַנדערש־ווו:

סיי קלמן גאָלדמינץ, סיי זשאַמע גראַנעק, האָבן געדאַוונט אינעם קליינעם בית־המדרש. קלמן גאָלדמינץ האָט ליב געהאַט כבוד. מיט עשירות האָט אים דער אויי־בערשטער פאַרזאָרגט, ווי עס שטייט „תורה וגדולה במקום אחד", איז אים דעריבער פאַרבליבן איינצוזאַמלען כבוד. דאָס האָט ער געקענט דערגרייכן אינעם קליינעם בית־המדרש פון שטאָט, ווו ער איז געווען אַלץ מיטאַנאַנדער. ער פלעגט קומען אין בית־המדרש אריין מיט דער ברייטקייט פון אַ ראש אין שטאָט. יידן בעלי־מלאכות, פאַר־האָרעוועטע, פאַרזאָרגטע, מיטן עול פּרנסה, האָבן אים אין די וואָכן־טעג אָקעגנגע־טראָגן דעם „גוט־מאָרגן" מיט אַ שמייכל אויף ניט דערשלאָפענע פּנימער, און אין די שבתים אַ ברייטן „גוט שבת ר' קלמן"! מרדכילע דער שמש און גבאי פון בית־המדרש, פלעגט פאַר אים אין די שבתים מאַכן אַ ווארע צו דער מזרח־וואַנט, צום סאַמע אויבנאָן און חניפהדיק רעדן:

— אַ גוט שבת, ר' קלמן! איך האָב אָוועקגעלייגט פאַר אייך אויפן שטענדער ר' יעקב עמדינס סידור, אָנגעפילט אייער זילבערן שקעטעלע מיט פרישן־טאַבאַק. איר וועט האָבן אַן עונג־שבת!

ניט בלויז ער אַליין, קלמן גאָלדמינץ, האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן ביי דער מזרח־וואַנט. ער האָט אויך איינגעפירט, אַז זיינע איידעמס און זין זאָלן שטיין ביי דער מזרח־וואַנט, ער האָט דאָס אויסגעטייטשט בדרך־הלצה:

— נישקשה, איך קען מיר דערלויבן צו האָבן מיינע קדישים ביי מיין זייט...

אויך זשאַמעלע גראַנעק האָט געדאַוונט אינעם קליינעם בית־המדרש. דאָ האָט ער זיך געפילט היימיש, צווישן זיינס גליכן, בעלי־מלאכות און פאַרפּראַצעוועטע יידן.

זשאמע האָט קיינמאָל ניט געוואגט, בלויז אפילו אין געדאנק, צו דערנעענטערן זיך צו דער מזרח־וואנט. ער האָט גריילעך געוווּסט, וואָס פאר א ווייטער מהלך עס ליגט צווישן אים און קלמן גאָלדמינץ. יענער פארמאָגט עשירות, איז א ייד א גבר, גע־בענטשט מיט א קלינגענדיקן נאָמען און ער זשאמע, וואָס משטיינס־געזאָגט — א פיצעלע יידעלע, כאפט קוים אריין אין דער וואָכנס א פּאָר קאפּיטלעך תהלים, שבת איז ער קוים מעביר־סדרה. א ייד וואָס ס'איז אויף אים נגזר געוואָרן צו שלעפּן זעק אויף די דארינקע פּלייצעס, צו זיין אונטערטעניק יעדן, וואָס גיט אים א גראָשן צו פאַרדינען.

— דער רבונו־של־עולם האָט אייגנטלעך אָנגעגרייט די זעלבע פּרנסה פארביידן — פלעגט זשאמע גראנעק ריידן מיט שטילער תרעומות — ארויפגעלייגט דעם זעלבן עול אויף ביידנס פּלייצעס, נאָר וואָס דען? ווו ליגט דאָ דאָס רעטעניש, דער זין? קלמן גאָלדמינץ איז טאקע געוואָרן — ר' קלמן גאָלדמינץ און ער, זשאמע, איז גע־וואָרן אָט־דאָס, וואָס ער איז — זשאמעלע, דאָס אינגאנצן, מען זאָל דאָס זאָגן א האָר אנדערש — — —

איינמאָל, אין א שבת נאָכן דאווענען, ווען קלמן גאָלדמינץ איז מיט זיין נגי־דישער ברייטקייט געגאנגען צו דער ארויסגאנג־טיר פון בית־המדרש, האָט ער אָנ־געטראָפן אויף זשאמען ,וואָס איז געזעסן ביים ברעג טיש, הארט ביי דער טיר און געלערנט משניות. קלמן האָט אים צוגעוואָרפן א בטולדיקן בליק מיט א ברוגז:

— אן עם־הארץ, לערנט שבת נאָכן דאווענען משניות, האָט שוין ניט ווען, נאָר שבת, פאר קידוש.

זשאמע האָט אויפגעכאפּט דעם ברוגז. דאָס וואָרט „עם הארץ" איז אים אריין אין לייב, צעוואקסן זיך מיט שנאה און האס צו קלמן גאָלדמינץ, א האס, וואָס גראָבט זיך טיף, טיפער, ניט אויסצוּוואָרצלען...

* * *

אין דעם הושענה־רבא, סך־הכל עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי די פרעמדע פאר־שוינען האָבן געניישטערט ארום זשאמעלעס מיל, איז א גרויסער עולם געווען פאר־זאמלט אינעם קליינעם בית־מדרש. יעדער פון די דאווענער — אין א יום־טובדיקער שטימונג, פול מיט בטחון, אז דער רבונו־של־עולם, וועט אים ארויסגעבן א גוט קוויטל און נאָר באזונדער איז יעדער געווען אויפגעהייטערט, וואָס אינדערהיים וואַרט אויף אים א טרונק־בראָנפן און יום־טובדיקע מאכלים אונטערצולעגען דאָס הארץ.

געהאַלטן האָט מען גראָד ביים פארקויפן די עליות און די „חתנים" פון שמחת־תורה, מרדכילע, מיטן פארקוועטשטן לינקל אויגל און אויסגעקראָכענער וואָנסע איז געשטאנען אויפן באַלעמער, א שטאָלצער, א צופרידענער מיט זיך. הושענה־רבא און

אין די גאַנצטסטע צוויי יום־טעג־טעג, זיינען פאַר אים געווען די גליקלעכסטע טעג פון א גאַנץ קיילעכדיקן יאָר. היינט האָט ער, מרדכילע, קאָמאַנדעוועט מיט די עליות, נדרים, אַנדערע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט די טעג. ער איז געשטאַנען מיט דעם פאַרגעלבטן טלית, וואויליונגעריש פאַרוואָרפן איבער די פּלייצעס, אויסגערופן און פאַרקויפט די עליות, מיט די „חתנים". געוויינטלעך פלעגט קלמן גאָלדמינץ איינקויפן אי דעם „חתן־תורה", אי דעם „חתן בראשית" און מיט זיי מכבד זיין די איידעמס בני־תורה, אַמאָל אויך אַ ידיד. דאָס מאָל איז מרדכילע געווען גאָר האַ־פּערדיק, זיין רעכט אויג האָט געגלאַנצט פון פריידי, אַ פריידי פון איינעם, וואָס הערשט איבער אַן עולם, איבער קהל. די שטיקלעך באָרד איבער זיינע באַקן, זיינען געווען צעשויבערט, און מיט דער הנאה פון אונטערטראָגן זיין בעל־הבית אַ גוטע־בשורה, האָט ער זיין פּנים מיט דעם איינציקן פריילעכן אויג געוואָנדן צו קלמן גאָלדמינץ מיט דער פולער זיכערקייט, אַז אָט האָט שוין ר' קלמן די „חתנים" אין קעשענע און ער, מרדכילע, וועט דאָס אַריינכאַפּן דעם אמתן קידוש ביים רייכן מילנער און נאָך יום־טוב אַ צולאָג פון — אַ זעקל ווייצן־מעל אויף שבתדיקע חלות — — —

אַ באַגייסטערטער פון זיין אייגן קול, הנאה־האָבנדיק, וואָס דער רבונו־של־עולם האָט באַשאַפן ימים־טובים, „חתני בראשית", „חתני תורה" און אַזעלכע חשובע יידן, ווי ר' קלמן און זיין משפחה האָט ער באַשאַפן, האָט מרדכילע אויסגערופן:

— פינף גילדן פאַר חתן־תורה, זאָגט ר' קלמן! פינף גילדן צום ערשטן מאָל, צום צווייטן!...

מרדכילע האָט ניט באַוויזן צו ענדיקן זיין מזמור, ווי עס האָט זיך נעהערט אַ דין קולכל פון ערגעץ ביי דער אַרויסגאַנג־טיר. דאָס קול האָט זיך אַ קייקל געטאָן איבער באַטליתטע קעפּ, מיט נעמאַכטער קוויטשיקער דרייסטקייט:

— זעקס גילדן פאַר חתן־תורה!

האָט דער גאַנצער עולם זיך אַ וויג געטאָן, כהרף־עין אויסגעדרייט די קעפּ צו דעם אָרט פונוואַנען דאָס קול איז געקומען, ניט בלויז די קעפּ נאָר פּשוט מיט אַלע רמ"ח אברים געוואָלט אויפכאַפּן, צי איז דאָס אַ קול ממש, אָדער גאָר אַ דמיון פון אַ קול, ווייל על־פּי־שכל איז אַזאַ זאַך גאָר ניט מעגלעך. וואָס הייסט? זשאַמע גראַ־נעק, דער וואָס האָרעוועט שווער און ביטער אויף אַ שטיקל ברויט, קויפט זיך גאָר אַ „חתן תורה"? ער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואַגט צו מאַכן אַ טריט ווייטער פון זיין ווינקל ביי דער טיר, גייט גאָר אויסדינגען דעם „חתן־תורה" ביי ר' קלמן גאָלדמינץ? ניט אַנדערש ווי עס זיינען משיחס צייטן...

געהערט אַזאַ קוויטשיקן חוצפה־זאָג פון יענעם ווינקל אַרויס, מיט אַזאַ אי־בערשטייגן אין פּרייז, האָט קלמן אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער זילבערנער עטרה אַרויס. מיט חידוש און ביטול, האָט ער געוואָרפן אַ בליק „דאָרט אַהין", געטאָן אַ שמעק־טאַבאַק און מעשה־סוחר געלאָזן אַרויסגעברומט:

— זיבן גילדן פאַר חתן־תורה.

האָט זיך אין דער זעלבער מינוט ווידער געהערט זשאַמעלעס קול, ווי אַן ענט־פער אויף קלמן גאָלדמינצס ביטולדיקן זאָג, האָט עס זיך אָנגעהערט:

— אכט גילדן פאַר חתן־תורה!

דער עולם אַ פאַרגאַפּטער, האָט ווידער זיך אַ וויג געטאָן איןביידע זייטן: סיי צום ווינקל ביי דער טיר און סיי צו דער מזרח־וואַנט. ניט יעדן טאָג געשען אַזעלכע זאַכן, וואָס וואָלטן געדאַרפט פאַרשריבן ווערן אין אַ פּנקס לזכר... דער עולם האָט איצטער געוואַרט אויף אַ זאָג פון ר׳ קלמנען. אָבער קלמן האָט געשוויגן מיט אַ פאַרביסענער שווייגעניש. ער האָט האַסטיק ווידער געעפנט דאָס טאַבאַק־פּושקעלע, ברייטלעך אַריינגעצויגן דעם הארבן ריח און מיט די פינגער נערוועאיש געקלאַפּט איבערן מחזור.

מרדכילע, דער גבאי, האָט זיך געמאַכט הוסטן, פּלוצלינג פון דער העלער הויט, האָט אים גאָר אַ שטיקעניש אָנגעכאַפּט. ער האָט גערוקט דעם טלית איבערן קאָפּ, דער שמאָלער שפּאַלט פון זיין פאַרקוועטשט אויג איז געוואָרן ווייסער, גלאַזיקער. ער האָט ניט געוווסט וואָס מיט זיך צו טאָן אין אַזאַ ערנסטער שעה. שוין צענדלי־קער יאָרן פירט ער דורך „ליציטאַציעס״ פון „עליות״ און „חתנים״, ער איז גע־וואוינט צו אַלע קאַפּריזן פון די „אויסדינגער״, פון די קויפער, נאָר אַזאַ מעשה האָט אים נאָך ניט געטראָפן. ער האָט זיין איינציק אויג געשטרעקט צו קלמנען, מיט גע־בעט, מיט שאלה, געגאַרט, אַז יענער זאָל אים אַרויסהעלפן, ווייל אַרום און אַרום, מיינט ער, מרדכילע, נאָר ר׳ קלמנס טובה, ניט זיין אייגענע, דעריבער זאָל ר׳ קלמן האָבן איינזען מיט אים און מיט זיין אייגענעם כבוד זאָל ער האָבן איינזען און אַרויס־העלפן אין אַן עת־צרה — — —

דער עולם האָט אין פאַרשטיקטן שטילשווייגעניש געוואַרט. זשאַמעלע איז אין זיין ווינקל געשטאַנען אַ בלייכער, געמאַכט זיך קוקן אינעם מחזור. עפּעס איז ער מיטאַמאָל העכער געוואָרן, אָנגעזעענער אין אַלעמענס אויגן ,און ווען מרדכילע האָט בפירוש איינגעזען, אַז קלמן גאָלדמינץ האָט ניט בדעה אַרויפצושלאָגן דעם פּרייז, האָט ער מיט אַ פאַרשטיקטן ברום אונטער דער נאָז אין דער אויסגעקראָכענער וואָנסע אַריין, שנעל אָפּגעפאַרטיקט די גאַנצע טראַנזאַקציע:

— און צום דריטן מאָל! — — —

* * *

די לופט האָט שוין געשמעקט מיט ערב פּסח. אין די ווינקלען פון די שטאָט־גאַסן זיינען נאָך עקשנותדיק געלעגן בערגלעך גרויער. ברודיקער שניי, געלעגן אין קאַלטן שאָטן און בשום אופן ניט געוואָלט פאַרלאָזן די אויסגעכאַליעטע ערטער. דאָ

און דאָרט האָט שוין אַ גרין גרעזעלע אַרויסגעציטערט פון דער ערד, באַלאַדנט מיט אַ טראָבן פייכטקייט, ווי אַ טרער וואָלט דערויף געפאַלן און איינגעזאַפּט די פרילינג־דיקע זונען־שטראַלן מיט אַ שימערירנדיקער קאָלירן־רייכקייט.

יידן פאַרהאַוועטע, פאַריאָגטע מיט דעם עול פון „פאַר ערב פּסח", האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון אַוועקכאַפּן אַ שטיקל צייט און אַוועקשטעלן זיך אין מיטן העלן טאָג בציבור, אין מיטן גאַס, כאַפּן אַ שמועס, וועגן דעם אויסטערלישן געשעעניש:

— איז עס טאַקע אמת, הייסט עס, מ'עט האָבן אַ קאַליקע?

— וואָס הייסט אמת? — האָט זינדל זייגערמאַכער צוריק געפרעגט בלשון בתמיה — מען גראָבט שוין גריבער, מאַשינען צעטרייבערן די ערד, מען גייט שוין ליינן שינעס, פרעגט ער גאָר, צי עס איז טאַקע אמת? שוין איינמאָל אַן איינפאַל!

לייבע לעקעך־בעקער האָט זיך געגלעט די פאַרמעליקטע באָרד, און גערעדט מיט אַ גמרא־ניגון:

— ניט סתם אַזוי האָבן זיך דאָ מיט אַ צייט צוריק אַרומגעדרייט פרעמדע פּאַרשוינען מיט אַלערליי מכשירים, מיט אַ גאַנצן קלאַפּער־געצייג פון פאַרגרעסער־גלעזער, מאַשינקעס, ניט סתם אַזוי...

וואָווע בלעכער האָט מיט אַ פּאַנפעדיק קול, צוזאַמען מיט אַ געקלימפּער פון בלעכערנע עמערס, רייבאייזנס, טעפּלעך, וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן, געגעבן צו פאַרשטיין דעם ענין:

— וואָס דען האָסטו געמיינט, אַן אוצר איז מען דאָ געקומען אויסגראָבן? באַהאַלטענע רענדלעך פון פּאָטאָצקיס צייטן ליגן דאָ ערגעץ אין דער ערד, וואַרטן? אַ קאַליקע און אַראָפּ פון מארק!

— איך האָב תיכף פאַרשטאַנען, וואָס דער פּסוק מיינט — האָט זלמן פּראָ־שעניע־שרייבער געלאַסן מסביר געווען — שוין לאַנג צייט געווען, אַז מיר זאָלן אויך זיין מיט לייטן גלייך, שוין צייט.

צווישן דעם קופּקעלע יידן האָט זיך אַרויסגערוקט הערשל אייזנהענדלער און גענומען ריידן שטיל, פאַרטראַכט, ווי אַ טיפער געדאַנק וואָלט ערגעץ ביי אים אין מוח זיך אָנגעשלאָגן און קען ניט גיין ווייטער:

— און זשאַמע, האַ? זשאַמעלע, גענומען און איבערנאַכט געוואָרן אויפגע־ריכט. דעריבער גיי, זיי אַ חכם און וויים, וואָס הינטער דיר טוט זיך. גיי און זיי אַ קאָפּ־מענטש היינטיקע צייטן!

— ווער אַ שטייגער האָט זיך דאָס טאַקע געזאָלט ריכטן? — האָט שלמה בדחן גערעדט מיט אַ ווייך קול און די אויגן פאַרחלומטע, האָבן געקוקט ווייט אַוועק — שטייט זיך אַזוי אַן אַלטע איינגעהויקערטע מיל, זשיפּיעט קוים, האַלט זיך קוים אויף אירע הינערישע פיסלעך, איז באַוואַקסן מיט שימל און מאָך, חלומט שוין אַזוי

אויסצולעבן די לעצטע פּאָר יאָרלעך, איינשלאָפן מיט א זיסן שלאָף, און מיט איינ־מאָל, נאַדיר גאָר אַן אויפריכטעניש! איז באַשערט די מיל זאָל גראָד שטיין אויף אַזאַ אָרט, וואָס איז אָנגעברייט פון ששת־ימי־בראשית א באַן זאָל דאָרט לויפן. אַז מען שמועסט אַ שטיקעלע הצלחה איז גאָרנישט שייך צו זאָגן.

גאָדל שטריק־מאַכער, דער וואָס שטייט אין בית־המדרש מיט זשאַמען זייט זייט ביי זייט, איז פאַרגאַנגען אין התלהבות:

— מען שמועסט, אַז מלכות האָט זשאַמעלען אָנגעבאָטן אַן אוצר מיט געלד פאַר זיין פּלאַץ פון דער מיל. זשאַמע וועט שוין ניט דאַרפן האָרעווען ווי אַן אייזל, שלעפּן זעק־תבואה, אונטעררייסן זיך די זייטן. איצטער וועלן די פאַראָבקעס ביי אים האָרעווען און ער, זשאַמע וועט זיך אַרומדרייען ווי אַ פּריץ. ער וועט עסן פלייש אין דער וואָכנס, מאַכן אַ לחיים, טרינקען זיסע טיי מיט איינגעמאַכטס און אַלעמען הערן ווי דעם קאָטער...

* * *

אינמיטן זומער האָבן אַרבעטער גענומען איינוואַרפן זשאַמעלעס מיל. די אַלטע ווענט האָבן שווער געקרעכצט, אויסגעגלייגט זיך ווי די לעמעלעך. די אונטערגעפוילטע באַלקנס מיט שפּינוועבסן און פויגל־נעסטן, זיינען איינגעפאַלן ביים ערשטן קלאַפּ, ניט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. זשאַמעלע איז געשטאַנען אַ פאַרשטויבטער, אַ פאַרמוחטער, אין מויל האָט אים געשטעקט אַ שטרויעלע. די מחשבות האָבן גע־ווימלט:

— נו, זשאַמעלע — האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין — צו וואָס איז דאָס געגליכן? עס איז כחומר־הנשבר, כצל עובר... געווען אַ מיל און — ואיננו. גאַנצענע דורות איז דאָ געשטאַנען אַ מיל, געמאָלן ברויט פאַר טויזנטער נפשות, משפחות גאַנצענע מפרנס געווען און היינט וואָס? איי זשאַמע, זשאַמע, געמיינט אַז מען גייט דאָ גאָר אויסגראָבן אַ באַהאַלטענעם אוצר, און וועסט דערביי אָפּלעקן אַ פעט ביינדל, איז געקומען דאָס מלכות, אַרויסגעגעבן אַ גזירהלע, אַז עס מוז גאָר גיין אַ קאַלייקע אויף דעם אָרט און אוים מיל, אוים...

ניט אַזוי לייכט איז זשאַמען אָנגעקומען אַרויסצורייסן פון מלכות אַזאַ מטמון. אין יענעם פאַרנאַכט, ווען אַ הויכער גוי מיט דינינקע וואָנסעס, מיט אַ גלאַנציקער טעקע אונטערן אָרעם, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין זשאַמעס שטוב — געווען איז דאָס אַ שטיקל צייט נאָכדעם, ווי די פרעמדע פאַרשוינען האָבן אויסגעפאָרשט די געגנט — האָט ער, דער גוי, גערעדט מיט אַ טאַמעוואַטער מינע אויפן פּנים, בלשון סגי־נהור האָט ער גערעדט, אַז אייגנטלעך, וואָס אַ שטייגער איז ווערט די מיל מיט אַלעם אַרום און אַרום — אַ שיבוש, אַ שמעק־טאַבאַק מער גאָרניט, מיט ניט. ווען,

למשל, זשאַמעלע דערשרעקט זיך אַזוי דעמאָלט אין יענעם פּאַרנאַכט פון דעם גויס רייד און איז מסכים הייסט עס אויף אַזאַ קנין־זמנין, וואָלט פון זיין חלום אַריינ־צוקריגן אַ שטיקל אָפּפאַל פון אַן אוצר, זיך גאָר אויסגעלאָזן אויפצונייען אַ טאָרבע און גיין איבער דער מדינה...

זכות־אבות איז זשאַמען בייגעשטאַנען, עפּעס האָט זיך דאָרט ביי אים אין קאָפּ אַ ריר געטאָן: אַזוי לאַנג, ווי ער איז געלעגן ווי אַ וואָרעם אין כריין, האָט ער אפילו ניט געקלערט וועגן אַן אַנדערער זאַך, ווי וועגן דעם כריין, געזויגן דעם ביטערן זאַפט און פּטור, קוים אָבער האָט ער דערזען, אַז עס איז מעגלעך אַ לעק צו טאָן פון עפּעס אַנדערש פּאַרזוכן אַן אַנדערן טעם, האָט זיך אין אים עפּעס דער־וועקט: צוערשט, האָט ער אויסגעדונגען ביי קלמן גאָלדמינצן דעם „חתן תורה", נאָכדעם האָט ער שוין אָנגעגורט די לענדן, ווען עס האָט געהאַלטן דערביי דאָס מלכות זאָל אים פּשוט באַגזלען פון זיין איינן שטיקל ערד, אויף וועלכן זיין טאַטע און זיידע זיינען געזעסן.

ניט אַזוי ווייט אין געלט איז אים געגאַנגען, זשאַמען, ער איז קיינמאָל ניט צופיל להוט געווען נאָך עשירות. עס איז אים געגאַנגען אין דעם, אַז ער מיט זיין הויז־געזונט זאָלן אַרויס פונעם דלות, אָנשפּאַרן אַ קאַפּעטשקע העכער, דערגרייכן כאָטש דעם ערשטן שטאַפּל פונעם לייטער, וואָס אויף אים איז קלמן גאָלדמינץ מיט זיין צעוואַקסן הויז־געזינט שוין אַרויף העט־הויך. זשאַמעלען האָט זיך אַלעמאָל אויס־געדוכטן, אַז מען דערלאָזט ניט פון הימל, אַז ער זאָל זיך אַרויסרייסן פון זיין ביטער־נעם מצב — — —

— טאַטע אין הימל — פּלעגט ער קרעכצן — מיט וואָס בין איך אַזוי זינדיק ביי דיר, אַז איך זאָל זיך פון מיין מצב ניט קענען אַרויפהייבן? איך דאַרף שוין אַזוי אייביק אָפּבידעווען אין אָרעמקייט, זיין כל־ימיו אַ נכנע...

איי, ווען ער, זשאַמעלע, קען אַזוי ווייזן קלמנען, אַז ניט אַלץ איז אָנגעברייט און אָנגעגרייט פאַר אים, קלמנען, אַז ניט ער איז דער אויסדערוויילטער ביים רבונו־של־עולם, ער, זשאַמע קען אויך אַ מאָל אַ צעפּאָכע טאָן מיט די פליגל. — — —

— — — — — — — — —

זשאַמעלע האָט אויספאַרקויפט אַלע בעבעכעס פון שטוב, געלאָפן אין דער גרויסער שטאָט צו אַ גרויסן אַדוואָקאַט, באַלייגט זיינע טענות און געפאָדערט גערעכ־טיקייט, וואָס עס קומט אים על־פּי־דין, ועל פּי מקח־וממכר...

דער אַדוואָקאַט האָט איינגעזען זשאַמעס גערעכטע טענות: וואָס הייסט? די מיל קען דאָך נאָך שטיין כמה וכמה יאָרן, שפּייזן אייניקלעך, אור־אייניקלעך, קען מען דאָך ניט נעמען אַזאַ זאַך, מאַכן עס צונישט, גלייך ווי הפקר.

ווידער זיינען צו זשאַמען אין מיל געקומען געסט. דאָס מאָל זיינען עס געווען שאַצערס. מען האָט געטאַפּט, געקלאַפּט, געפּאָרשט, געשושקעט זיך, געשריבן לאַנגע

בויגנס. דאָס בלוט פון פּנים איז זשאַמען אַפּגעלאָפן צו די פּיס. ער איז געשטאַנען אַ בלייכער, אַ צערודערטער, אָבער זיך ניט פאַרלוירן. איינמאָל אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט זיין אייגן בידנע מזל — מוז ער גיין ווייטער, טאָר זיך ניט אָפּשטעלן אינמיטן.

מיט אַ צייט שפּעטער איז צו זשאַמע גראַנעק אָנגעקומען אַ גרויסער קאָנווערט מיט אַ רויטן סטעמפּל, איינער פון די סטעמפּלען, אַז מען זעט זיי, קענען פאַר שרעק אָפּגענומען ווערן הענט און פיס, אָדער ברענגען אויך אַ גוטע בשורה אין שטוב אריין. אינעם קאָנווערט איז געלעגן אַ בריוו, ווי מען האָט זשאַמען צו וויסן געטאָן: היות אַזוי און אַזוי... מען האָט געשאַצט און איינגעזען, דעריבער קריגט ער פאַר זיין נחלה כך וכך...

דאָס מלכות האָט זשאַמעלען באַצאָלט פאַר זיין שטיקל ערד. יידן, וואָס האָבן ליב אריינצוקוקן, וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין טאָפּ, האָבן באַרעכנט און געקו־מען צו דער מסקנא אַז עס וואָלט גענומען יאָרן, ביז די מיל, וואָלט מיט אירע אויס־געהאָרעוועטע ביינער פאַרדינט דאָס, וואָס עס איז מיט איין מאָל אריינגעפאַלן זשאַמען אין די קעשענעס.

גוטע פריינט האָבן זיך געווינטשעוועט: הלואי פאַרדינען זיי כאָטש אַ פינפטל, וואָס זשאַמע האָט אריינגעכאַפּט:

— אויך יענע מעשה. עס האָט זיך אים געלוינט־דער ענין. נישקשה, אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

— שוין איינמאָל...

עטלעכע טעג נאָכדעם, ווי מען האָט אים איבערגעגעבן דעם קאָנווערט, האָט זשאַמע זיך געלאָזן צו בערל מוליער, פון בערלען איז ער אַוועק צו אַ מעקלער פון מאַשינען און דעם זעלבן טאָג האָט ער אַלעמען מודיע געווען, אַז ער גרייט זיך בויען אַ נייע מיל.

עולם האָט זיך געשושקעט:

— ער וועט נאָך אָפּטאָן זשאַמע, דעם אַלטן קלמן אויף טערקיש.

— ער וועט אים נאָך איבערשטייגן, איר שפּילט זיך מיט זשאַמעלע גראַנעק...

— שטאָט וועט ערשט זען, ווער דער שטילינקער זשאַמעלע איז...

און שטאָט האָט טאַקע געזען, באַשיינפּערלעך געזען:

זשאַמעלע גראַנעק האָט אָפּגעקויפט אַ שטיק פּלאַץ, פונקט קעגנאיבער קלמן גאָלדמינצעס מיל און דאָרט געגרייט זיך שטעלן בויען זיין נייע מיל.

* * *

אין יענעם טאָג האָט קלמן גאָלדמינץ, בפקודת הנגיד, געלאָזט רופן זשאַמע־מען צו זיך:

— נאָך היינט זאָל ער קומען! — האָט ער באַפוילן דעם שליח — אָן שום תירוצים זאָל ער קומען. איך וועל אים אָנלערנען דרך־ארץ!

זשאַמעלע איז געקומען, מיט געלאַסענע טריט איבערגעטרעטן די שוועל פון גרויסן הויז, אריינגעקומען אינעם רחבותדיקן זאַל, וואָס אַלע האָבן גערופן „די סאַליע".

קלמן גאָלדמינץ האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער „סאַליע" אין א זיידענעם געבלומלטן שלאָפראָק. ער איז געווען אויפגערעגט, צערודערט, די באָרד האָט ביי אים געפלאַטערט פאַר גרויס ירגזון, די ליפּן זיינען ביי אים געווען בלייך, מיט די פינגער פון איין האַנט האָט ער נערוועאיש געדרייט די פראַנדזן פון שלאָפראָק, מיט דער פויסט פון דער צווייטער האַנט, האָט ער שטיל געקלאַפּט אויפן טיש, יעדעס מאָל, ווען ער איז דעם טיש פאַרביי־געגאַנגען. מיטן בלויזן קוק האָט ער אויף זשאַמען אָנגעוואָרפן אַן אימה. באַלד האָט ער אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געשוויגן, א שווייגעניש פאַרן פאַרצוקן א קרבן. ער האָט זיך א גלעט געטאָן די באָרד און אַרויסגעברומט:

— וואָס הייסט, האָסט געדונגען א פלאַץ קעגנאיבער מיין מיל, האַ?

— יאָ, ר' קלמן.

— מיט וואָס פאַר א חוצפּה, ווער האָט דיר מתיר געווען?

— איך ווייס ניט, ר' קלמן — האָט זשאַמע שטיל געענטפערט — פונוואַנען זאָל איך וויסן?

— ווער דען ווייסט?

זשאַמעלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אין זיינע אויגן האָט א פלעמל געטאָן האַס און טרויער. ער האָט אויפגעהויבן זיין קול:

— נאָר דער רבונו־של־עולם ווייסט אַלץ, פאַר אים איז קיין שום זאַך ניט פאַרהוילן.

— רייד ניט קיין תורה, עם־הארץ! באַווייז ניט, אַז ביסט א למדן! — האָט קלמן גאָלדמינץ געצאָרנט — גייסט מיר משיג־גבול זיין?

— אויב איר האָט מורא פאַר משיג־גבול זיין — האָט זשאַמע גערעדט פאַמעלעך — האָט איר צוויי ברירות, אָדער בלייבן אויף דעם אָרט, ווו איר זיצט, אָדער איבערטראָגן אייער מיל ערגעץ אַנדערש. די שטאָט איז קיין עין־הרע גרויס.

— רעדסט דאָך נאָר, ווי א שייגעץ אויך! ביסטו דאָך ניט בלויז א בעל־חוצפּהניק, א קבצן, נאָר אויך א־א־א...

איז שוין זשאַמעלע אַרויס פון געדולד. עס האָט זיך ביי אים אין גוף א ריר געטאָן. אייגנטלעך דאָס זעלבע, וואָס דעמאָלט, בשעת עס האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט אויסצודינגען דעם „חתן תורה" און ווייזן קהל, אַז ניט די גאַנצע וועלט, מיט

דער תורה אינאײנעם געהערן קלמן גאָלדמינצן. ער האָט דעריבער ווי א פאַרוווּנדעטע חיה זיך א וואָרף געטאָן פאַראויס, צערעוועט זיך:

— איר וועט ערשט זען, וואָס א שייגעץ, א קבצן קען אויפטאָן! עס וועט אייך פאַרגיין דער אַפּעטיט, ר׳ קלמן. איר מיינט דאָך, אז דער רבונו־של־עולם, האָט די וועלט באַשאַפן נאָר פאַר אייערט וועגן! די וועלט, די מזרח־וואַנט, עשירות, — אַלץ פאַר אייך און אויב אַן אַנדערער וויל א שטיקעלע פּרנסה, וויל אויך עפּעס טועם זיין, איז ער אייך גלייך משיג־גבול! וואָס, איר קענט ניט באַשטיין, אז מיין מיל זאָל שטיין קעגנאיבער אייערע? וואָס שרעקט עס אייך אַזוי?

—זע נאָר, זע נאָר, ווי זשאַמעלע גראַנעק האָט זיך דאָס צעשריגן. עס איז דאָך שוין משיחס צייטן! אַזא חוצפּה! היתכן? דרך־ארץ פאַר ר׳ קלמן גאָלדמינץ! דרך־ארץ!

— ר׳ קלמן! איך גיי בויען א מיל א גרעסערע פון אייערער, מיט די נייעסטע מאַשינען, מיט די בעסטע מכשירים, קעגנאיבער אייער פענצטער וועט זי שטיין. אָט גיט א קוק! איר זעט? אַרבעטער רייניקן אָפּ דעם פּלאַץ. אין א פּאָר חדשים אַרום, וועט די מיל זיין פאַרטיק, איר הערט, ר׳ קלמן?

זשאַמעלע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. זיין קליינער גוף האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג. ער האָט זיינע דאַרע הענט געשטרעקט צום פענצטער.

געהערט אַזעלכע דיבורים פון זשאַמעלען, אָט פון דעם, וואָס האָט ביז איצט קיינמאָל ניט געוואַגט אויפצוהויבן זיין קול, פון דעם, וואָס איז זיין גאַנץ לעבן פאַררוקט אין א ווינקל, האָט קלמן גאָלדמינץ אַראָפּגעלאָזן פון זיין הויכן טאָן, זיין שאַרפער קוק איז במילא שוין געוואָרן ווייכער:

— שריי נאָר ניט! וואָס הייסט אַזא זאַך? — האָט קלמן געפרעגט.

— וואָס דען האָט איר געוואָלט, א שטייגער?

קלמן גאָלדמינץ האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט צו דער וואַנט, ווו זיין אייזערנע קאַסע איז געשטאַנען. ער האָט זיין בליק איינגעגראָבן אין דעם אייזערנעם קעסטל, ווי ער וואָלט געזוכט באַשיצונג. א ווײַלע האָט ער געשוויגן, נאָכדעם האָט ער א זאָג געטאָן מיט א געלאַסן קול, אין וועלכן עס האָט זיך געהערט א תקיפותדיקע פעסטקייט.

— איך וועל ניט רוען ביז, ביז...

— ביז וואָס? — האָט זשאַמע אים איבערגעריסן די רייד — ביז איך וועל אויפבויען מיין מיל. שטאָט וועט לאַכן פון אייך, ר׳ קלמן. אין די פויסטן וועט מען לאַכן. אייער כבוד שטייט אין קאָן!

— איך וועל מוותר זיין אויף מיין כבוד און וועל דיך עוקר מן השורש זיין!

— איר וועט דאָס ניט טאָן, ר׳ קלמן, איר ווייסט, אז איך בין היינט אויך א שטיקל תקיף...

קלמן גאָלדמינץ האָט זיך שווער אָוועקגעזעצט. זיינע ליפּן האָבן געציטערט, די הענט זיינען אים געפאַלן איבערן טיש. זשאַמען האָט זיך אין דער רגע אויסגע־דאַכט, אַז קלמן ווערט איינגעבויגענער, די האָר ביי אים — גרויער.

פון קלמנס הויף איז זשאַמע אַרויס מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

— —

ווען מען האָט אויף זשאַמעס נייעם פּלאַץ געבראַכט די ערשטע פורן ציגל פאַר דער מיל־געביידע, איז קלמן געשטאַנען אין זיין „סאַליע" ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט אינעם דרויסן. שווערע מחשבות האָבן אים געהאַמערט אין מוח. ער האָט איינגעזען בחוש, ווי זיין קעניגרייך נעמט איינפאַלן. ניט בלויז השגת־גבול וועט דאָס זיין, ניט בלויז וועט זשאַמע אים קריכן אין דער גרגרת אַריין, נאָר דער גאַנצער יסוד זיינער וועט זיך אַ וואַקל טאָן. קלמן גאָלדמינץ וועט פשוט מער ניט זיין דער אַמאָליקער — קלמן גאָלדמינץ...

אויף צומאָרגנס האָט קלמן גענומען שיקן שליחים צו זשאַמען: בכן אַזוי און אַזוי... פאַר צוויי מילנער וועט די קאָנקורענץ זיין אַ גרויסע, אַ גאָרגל־שניי־דעריי, איז דעריבער אפשר אַ פּלאַן, אַז... שותפות. איין גרויס געשעפט, צוויי גלייכע שותפים — — —

— געהערט אַן אויפטו? — האָבן מענטשן זיך געחידושט — קלמן גאָלד־מינץ נעמט אַריין זשאַמעלען פאַר אַ שותף צו זיינע געשעפטן

— ווער האָט זיך דאָס געזאָלט ריכטן?

— שוין איינמאָל אַ שפּיצל, טאַקע נאָר חוזק, דער שטאָט־נאַר, וואָלט דאָס געקענט אָפּטאָן, ניט קיין אַנדערער.

לכתחילה האָט זשאַמע זיך געלאָזט לאַנג בעטן, איבערגעטראַכט דעם אָנבאָט איינמאָל און נאָכאַמאָל. אין האַרץ ביי אים האָט אַ פרייד געברויזט: ענדלעך דער־גייט ער צום זעלבן לייטער אויף וועלכן קלמן גאָלדמינץ שטייט, אָט און ער הויבט אָן אויפשטייגן דעם ערשטן שטאַפּל, נאָכדעם וועט ער גיין ווייטער, שטאַפּל צו שטאַפּל וועט ער אויפגיין ביז, ביז — — —

זשאַמע גראַנעק איז איינגעגאַנגען אויף קלמנס אָנבאָט. פאַר מענטשן האָט ער זיך פאַרענטפערט:

— איך גיי צו אַ פּאַרטיקער זאַך, צו אַ גרייטן טאָפּ מיט אַ לעפל. איך דאַרף זיך ערשט ניט פאַרדרייען אַ קאָפּ מיט בויען אַ נייעם בנין. איך ווער אַ בעל־הבית איבער אַן איינגעפונדעוועטן עשירות.

מענטשן האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ אויף זשאַמעס קלוגער אויסרעכענונג:

— אַז דאָס מזל גיט זיך אַ דריי צום גוטן, ווערט מען קלוג, שיין און אַלץ מיטאַנאַנדער...

* * *

ווי נאָר די ידיעה וועגן שותפות האָט זיך פאַרשפּרייט אין שטאָט, האָט זשאַ־מעס חשיבות געגומען וואַקסן אין אַלעמענס אויגן, געוואָרן דער זעלבער מורה־מורנו, וואָס קלמן גאָלדמינץ. אין בית־המדרש האָט מרדכילע, דער גבאי, מיט אַ געזאָלצן שמייכעלע אויפן פּנים איינגעטענהט צו זשאַמען מיט הכנעהדיקע רייד:

— ר' זשאַמע, אַ באַנק פאַר אייך אַוועקגעשטעלט ביי דער מזרח־וואַנט, אויב איר ווילט וועל איך פאַר אייך קויפן אַ נייעם יעקב עמדינס סידור, ווי ר' קלמן האָט. איר וואָלט וועלן שטיין נעבן קלמנען, אָדער נעבן מורה־הוראה?

זשאַמע האָט מיט דער האַנט־פלאַך אַ גלעט געטאָן זיין דאַרן פּנים און מיט ישוב־הדעת גענומען ציילן ווערטער:

— אדרבא. מ'עמער נאָך אַ קאַפּעטשקע צוּוואַרטן. יאָ, וואָס איז ס'געאייל? איך האָב ליב צו יעדער זאַך צוגיין געלאַסן, מיט געמאָסטענע טריט. לאָמיר צוערשט שליסן דעם קאָנטראַקט מיט קלמנען און אם ירצה השם ע'מער זיך אַוועקזעצן ביי דער מזרח־וואַנט, וואָדען מיינסטו, מרדכי? וואָדען...

—גערעכט, ר' זשאַמע, גערעכט! — האָט דער גבאי מסכים געווען מיט זשאַ־מעס ישוב־הדעת און גראָדן שכל.

דעם טאָג ווען זשאַמע גראַנעק האָט געדאַרפט אונטערשרייבן דעם קאָנטראַקט מיט קלמן גאָלדמינץ און אַריינטרעטן אַלס גלייכער שותף, איז ער מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ, וואָס האָט גאָרניט געפּאַסט צו זיין נעבעכדיקן אויסזען אַריינגע־קומען אין קלמנס „סאַליע". ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין בגדי־שבת, דאָס בערדל פאַרקעמט, די שטיוול אויסגעשמירט, די אויגן האָבן אומרואיק געבלאָנדזשעט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט אַליין ניט געגלויבט, וואָס ער זעט און וואָס ער וועט ערשט זען.

קלמן איז געזעסן ביים טיש איבער אַן אָפענער גמרא. ער האָט נערוועאיש געפּויקט מיט די פינגער און אונטערגעברומט אַ גמרא־ניגון. נאָך עטלעכע מענטשן זיינען געזעסן שווייגנדיקע ביים טיש. דאָס זיינען געווען עדות, אַן אַדוואָקאַט און אַ פּראָשעניע־שרייבער, וואָס האָט זיך גוט געקענט אין הלכות קאָנטראַקטן, פּאַפּירן וכדומה. ווען זשאַמעלע איז אַריינגעקומען, געזאָגט זיין „גוט־מאָרגן", אין וועלכן עס האָט זיך געהערט אַ ציטער, ווי ביי אַ בעל־תפילה, וואָס טרעט אויף דאָס ערשטע מאָל פאַר ציבור, האָט קלמן אויפגעהויבן די אויגן, זיינע ברעמען האָבן זיך צונויפ־געקאָרטשעט. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ פּאַטשיילע איבער דער גמרא, גענומען ריידן ברומענדיק:

ר' זשאַ—מע—ע, מיר וועלן באַלד צוטרעטן צום קאָנטראַקט און חתמנען פאַר עדות אין די אויגן.

— גוטע צייטן — האָט דער פּראָשעניע־שרייבער איינגערוימט דעם אַדוואָקאַט אין אויער — קלמן גאָלדמינץ, רופט זשאַמעלען רעב...

זשאמע האט זיך ארומגעקוקט איבער דער „סאליע". עס זיינען געשטאנען לײדיקע שטולן און קיינער האט אים ניט געהייסן זיצן, ניט אנגעטאן קיין כיבוד. ער האט דעריבער ניט געווארט אויף כיבוד און זיך ברייטלעך אריינגעזעצט אין א ווייכער שטול. פאר די אויגן האט אים א לייכטן שווינדל געטאן. ער האט זיך אנגעכאפט ביים זוים פון טיש.

—א הייסער טאג היינט — האט ער א זאג געטאן.

איינער פון די ארומזיצנדיקע, האט פון אן אקטן־טאש ארויסגענומען א פעקל פאפירן, געבלעטערט, געלייענט פאר זיך. אינמיטן לייענען, האט ער מיט די אויגן זיך געוואנדן צו ביידע צדדים און געזאגט:

— דער קאנטראקט איז פארטיק. אלץ איז „פאדראבנע" אויסגעארבעט, פונקט ביי פונקט. אויב איר ווילט, אז מען זאל נאכאמאל איבערלייענען איז, אדרבא.

— ניט נויטיק נאכאמאל איבערצולייענען — האט קלמן ווידער א ברום געטאן — אפשר איר, רעב זשא—מע? אפשר האט איר ניט אזוי גוט אויסגעהערט די באדינגונגען, איר זיינט דאך ניט אזוי בקי אין די קליינע אותיות, אין לשון... אפשר מיטן אויער דורכגעלאזן, איז צוליב דעם עס זאלן ניט נאכדעם זיין קיין תרתי־דסתרי, הא? — — —

זשאמעלע האט דערפילט א שפלדיקייט איבערן לייב. קלמנס אנצוהערענישן, האבן אים געשטאכן. ער האט זיך אבער געשטארקט און מיט א געלעכטערל פון „ויחד יתרו" האט ער געענטפערט:

— זארגט זיך ניט, ר' קלמן. איך האב גאנץ גוט געהערט, כאטש איך בין ניט קיין בקי אין לשון. מען דארף ניט איבערלייענען נאכאמאל. איך קען יעדן פונקט פון אויסנווייניק, איר קענט מיך אפילו פארהערן, וועט איר זען, אז דאס, וואס איז נוגע מיר, וועל איך זיך ניט לאזן אריינגנארן...

קלמן האט ווידער צוזאמענגעקארטשעט זיינע ברעמען, פון זיינע ליפן האט זיך ארויפגעקייקלט א שטיל ווארט, וואס זשאמע האט עס מיט זיינע אנגעשטרענגטע חושים אויפגעכאפט.

זשאמע האט זיך א הויב געטאן פון דער שטול, געוואלט עפעס זאגן, נאר דער מאן מיטן פאק פאפירן האט א מיש געטאן די בלעטער, איין פאפיר אויסגעשפרייט אויפן טיש.

— ביידע צדדים דארפן אונטערשרייבן און אויך די עדות וועלן דארפן אונטערשרייבן און דאס שותפות וועט זיין געשלאסן — האט ער געזאגט, אנווייזנדיק אויף אן ארט אינעם פאפיר־בויגן — שרייבט דער ערשטער אונטער קלמן גאלדמיניץ, דער צווייטער — זשאמע גראנעק און איר זיינט שותפים צו דער מיל.

זשאמע האט זיך אוועקגעזעצט אויף דער שטול. די ליפן האבן ביי אים געציטערט. אין זיינע אויגן האט א צארנדיק פייערל א גלי געטאן.

קלמן האָט גענומען די פעדער אין האַנט, איינגעטונקען אין אַ טינטער און מיט סוחרישער גענױטקייט אונטערגעשריבן. נאָכדעם האָט ער די פעדער דערלאַנגט זשאַמען. אָבער זשאַמע האָט זיך ניט קיין ריר געטאָן, ווי ניט אים מיינט מען דאָס.

— נו? וואָס נעמט איר ניט די פעדער? איר דאַרפט חתמנען אייער נאָמען.

— איך וועל ניט חתמנען! — האָט זשאַמע האַסטיק אַ זאָג געטאָן מיט אַ פעסט קול — איך וויל ניט קלמן גאָלדמינצן פאַר קיין שותף!

— הא, היתכן? — האָט קלמן זיך אַ ריס געטאָן פון שטול.

— עס וועט ניט זיין געזונט פאַר אייך, קלמן גאָלדמינץ, צו האָבן אַן עם־הארץ פאַר אַ שותף. איך האָב גוט געהערט, ווי ערשט מיט אַ מינוט צוריק, האָט איר אַרױס־געברומט עם־הארץ. איך וויל אייך ניט פאַר קיין שותף! אָט דאָ קעגנאיבער אייער „סאַליע", וועל איך בויען מיין מיל, יעדן טאָג, וועט איר זי זען, זי וועט אייך שטיין אין די אויגן ווי אַ לעבעדיקער עדות, און דעם „חתן תורה" מיטן „חתן בראשית", וועל איך אויך קויפן! איר וועט זען, ווער עס איז זשאַמעלע גראַנעק!

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול. זיין דאַרער קערפּער האָט געציטערט פאַר אויפרעגונג. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס אויסגעשפּרייטע פּאַפּיר און מיט בײדע הענט צעריסן.

— נאַט אייך מיין שותפות־טייל — האָט ער אַ וואָרף געטאָן די צעריסענע שטיקלעך פּאַפּיר קלמנען אין פּנים — אויף מיינע אייגענע פיס וועל איך איצטער גיין. אויף די אייגענע פיס! אייך אַלעמען צו להכעיס!

די מענטשן אַרום טיש האָבן געשוויגן. קלמן האָט מיט די פינגער געפּויקט איבערן טיש. זשאַמע האָט אַוועקגערוקט פון זיך די שטול און מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ אַרויס פון דער „סאַליע".

דער פּראָשעניע־שרייבער האָט צונויפגעקליבן די פּאַפּירן פון טיש און גע־רעדט סתם אזוי:

— ער ציט איבער די סטרונעס, זשאַמעלע. פון אַזאַ שפּרינגען אין די לופטן קען ער נאָך ברעכן קאַרק און געניק. וואָס געלט קען מאַכן פון אַ מענטשן...

קלמן האָט אַראָפּגענומען די פּאַטשיילע פון דער גמרא און זי פאַרמאַכט. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

—אַ חוצפּה פון אַן עם־הארץ. געהערט אַ ביסל אַן עזות־פּנים. ער פאַרמעסט זיך שוין אַביסל צו הויך. איצט וועל איך מיט אים דרך־ארץ לערנען! ער וועט בלייבן שטיין ביים פונדאַמענט פון זיין מיל, ווייטער וועט ער ניט גיין. ביים פונ־דאַמענט, יידן, וועט ער בלייבן שטיין! איר וועט זען!...

צעפּאַלענער קוואַרטעט

פאַראַן טעג ווען אשר קלעזמער שליסט זיך איין אין אַ באַזונדער צימערל און שפּילט אויף זיין פידל. דורך דעם קליינעם פענצטער פליִיצן דעמאָלט אַרויס אין גאַס אַריין טענער, קלאַנגען, דינע, ווי דאָס געוויין פון אַ קינד, אָפּגעהאַקטע ווי פאַר־שטיקטע קרעכצן און טיילמאָל צעברויזטע, שטיפערישע.

שכנים ווייסן, אַז דאָס שפּילט אשר אין זיינע התבודדות־שעהן, ווען ער פּרוּווט אויס אַ נייעם ניגון. זיי כאַפּן דעריבער אויף דאָס שפּילן מיט דער הנאה פון אַן אָרעמאַן, וואָס באַקומט אין מיטן וואָך אַ גוטן מאָלצייט. זיי קוויקן זיך מיט די היימישע און פרעמדע מעלאָדיעס, רעדן מיט התפּעלות:

— שוין איינמאָל אַ שפּילן.

— מיט אַזאַ ראַזמאַך, קען אשר אויפטרעטן פאַר גרויסע־לייט, פאַר שררים.

— עס נעמט אָן ביים האַרצן פאַר מתיקות.

נאָך אַ ווײַלע שפּילן שטעקט אשר אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער. זיינע טיפע אויגן אינעם אויסגעמאָגערטן פּנים, קוקן פאַרחידושטע אויף אַלץ אַרום, גלייך ער זעט צום ערשטן מאָל דאָס געסל, די יידן, מיט ווייבער און קינדער, די איינגע־קאָרטשעטע הייזער, און אַ שמייכל ליגט זיך צווישן זיינע מויל־ווינקלען, אַ שמייכל פון אינעווייניקסטער צופרידנקייט.

אויף צוויי פינגער פון אשרס לינקער האַנט זיצן צוויי גאָלדענע רינגען. אין איין רינג איז איינגעפּאַסט אַ גרויסער רובין, און אויפן צווייטן, איז אויסגעקריצט זיין פולער נאָמען. בשעת ער שפּילט צאַפּלען די פינגער איבער דעם העלדזל פון דער פידל און די רינגען פלעמלען מיט חשיבות און רייכקייט קעגנאיבער די בליץ־לאָמפּן אויף יידישע חתונות. אשר רימט זיך ביי יעדער געלעגנהייט, אַז אין זיינע

יונגע יאָרן איז ער אויסגעוועזן אַ וועלט, פון דאָרט האָט ער דאָס מיטגעבראַכט די גאָלדענע רינגען, אינאיינעם מיט זיינע פידל־קענטעניש. די רינגען טראָגט ער מיט אַ געוויסער פייערלעכקייט, זיי גיבן אים צו אין לייטנס אויגן אַ באַזונדערן אָנזען.

אשר שפּילט אינאיינעם מיט נאָך דריי קלעזמאָרים. ער רופט דאָס „קוואַרטעט" שוין זיך אַליין אַריינגערעכנט. ער דערלויבט ניט, מען זאָל אים און זיין חברה רופן „קלעזמאָרים", אָדער די „קאַפּעליע". אשר קען ניט פאַרטראָגן פּראָסטע ווערטער. ער רעדט מיט שטאָלץ:

— מיין קוואַרטעט איז פונעם בעסטן. געבענטשט מיט אַלע מעלות.

— אַ קאָנצערט וועט אייך מיין אָרקעסטער געבן, וועט איר אַלע לעקן די פינגער.

— ביי מיר שפּילן בלויז מוזיקער, קינסטלער!

זיין שפּילן אויף יידישע חתונות רופט ער „קאָנצערטן". פאַרווילט זיך אַ שטאָט־בעל־הבית, אַז אשר זאָל שפּילן אויף דער חתונה פון זיין קינד, מוז ער זיך מטריח זיין צו אשרן אין שטוב אַריין און צווישן זייביידן קומט פאָר אַזאַ מין שמועס:

— ר' אשר, וואָס איז מכח דעם, אַז איר מיט אייער קאַפּעליע זאָלט שפּילן אויף מיין קינדס חתונה?

אשר האַקט אים איבער די רייד:

— אויב עס גלוסט זיך אייך אַ קאַפּעליע, האָבן מיר ניט וועגן וואָס צו ריידן!

— איך מיין, — כאַפּט זיך דער ייד — ווי רופט איר עס?

— אַן אָרקעסטער! — רופט אשר אויס מיט גאווה — און מיר שפּילן ניט, מיר גיבן קאָנצערט. אויב איר קענט דאָס אַלץ תופס זיין, קענען מיר צוגיין צום סאַמע ענין, און מירן צוגרייטן פאַר אייך אַן ערשט־קלאַסיקע סימפאָניע.

דער ייד בלייבט זיצן אַ פאַרבליפטער, אַ פאַרכשופטער צוליב די פרעמדע ווערטער וואָס שלאָגן זיך אָן מאָדנע אין זיין אויער. עפּעס פאַרפּלאָנטערט דאָ אשר אַזוי גלאַטיק אַ גאַנצן „תרגום" מיט ווערטער, וואָס ס'איז גאָרניט מעגלעך נאָכצוזאָגן. דעריבער גייט ער פּאַמעלעך צו צום סאַמע ענין, און נעמט ריידן וועגן פּרייז.

אשר האָט קיינמאָל ניט קיין געדולד אויסצוהערן דאָס פּרייז־דינגעניש ביז צום סוף. שלאָגט ער איבער מיט אַ וואָגיקן זאָג:

— מיין אָרקעסטער מוז זיך אויסהאַלטן בכבוד. אַזאַ קוואַרטעט ווי מיינער וואַלגערט זיך ניט סתם אין די גאַסן. אפילו אין דער גרויסער וועלט וועט איר ניט קריגן צוויי פאַר אַ רענדל.

ביי יעדער געלעגנהייט האָט אשר ליב צו דערמאָנען די גרויסע וועלט. ער איז יונגערהייט אויסגעפאָרן עטלעכע לענדער, לסוף צוריקגעקומען אַהיים אין זיין שטעטל און די גרויסע וועלט איז אים געבליבן נאָענט צום הארצן. פון דאָרט האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט פרעמדע ניגונים, שטיקלעך פון אָפּערעס, פון סימפאָניעס, פון

קאַנטשערטאָס. ער האָט מיט זיינע אויערן אויפגעכאַפּט די שטיקלעך, אָראָפּגעבראַכט אין זיין היים־שטעטל פאַר זיין אייגענעם קוואַרטעט. ער האָט צוזאַמענגעפלאָכטן פרעמדע מעלאָדיעס מיט היימישע שטיקלעך; טענער פון קלאַסישער מוזיק מיט חסידישע ניגונים און געשאַפן אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע. יידן האָבן געגאַפט, געגלעקט די פינגער פון די ניגונים, וואָס האָבן אין זיך געהאַט טרויער, פאַרבענקטקייט, צוזאַמען מיט פרעמדע קלאַנגען פון אַ וווייטער וועלט...

* * *

ער איז אַ גוטמוטיקער, אַשר קלעזמער, אַ צוגעלאָזענער. טראָגט ניט קיין באָרד, נאָר דיקע וואָנסעס, ווי ביי אַ פּוילישן פּריץ. די וואָנסעס רוען ביי אים אונטער אַן אָדלער־נאָז. אויפן קאָפּ טראָגט ער שטענדיק אַ וועליסאָפּעד־היטל. אין גאַס שטעלט ער אָפּ חדר־ייִנגלעך, קנייפּט זיי פריינטלעך אין די באַקן און גיט זיי מטבעות אויף צוקערוואַרג. יונגע ווייבלעך, ערשט נאָך דער חתונה באַוואַרפט ער מיט קאָמפּלימענטן און פעפערדיקע וויצן. די ווייבלעך ווערן רויט, פאַרשעמען זיך, לאָזן אַראָפּ די אויגן, קוקן זיך אום צי קיינער זעט זיי ניט און מיט באַהאַלטענער הנאה הערן זיי אַשרס קאַפּולע אָנצוהערענישן.

אַ ברענעדיקער פאַרלאַנג האָט געגליט אין אים: דערגרייכן צו אַן אייגענעם, איינגעפונדעוועטן קוואַרטעט, ווי ער האָט עס געזען אין דער גרויסער שטאָט. אָנפירן מיט אַ קוואַרטעט — האָט ער געטראַכט — איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אַזאַ מענטשן ווי ער, עס פאַרשאַפט כבוד, אָנזען ביי לייטן. אַ צייט לאַנג האָט ער געזוכט, ביז ער האָט צוגעפונען צו זיך דריי קלעזמאָרים און געשאַפן דעם לאַנג־געחלומטן קוואַרטעט.

אַ פידלער (אַשר רופט אים דער צווייטער פידלער), אַ טראָמפּייטניק און אַ באַס. ניט אַזוי לייכט קומט אַשרן אָן צוזאַמענצוהאַלטן די דריי קלעזמאָרים.

דער טראָמפּייטניק, אַ מרה־שחורהדיקער ייד מיט אַ קרומלעכע פּלייצע און דער באַס — אַ קליין דאַר יידעלע מיט פּרייַלעכע אויגן און אַ קינדיש קולכל, דערקלערן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אַשרן אַ שטרייק. ניט מיט זייער אייגענעם ווילן טאָן זיי דאָס. זיי וואָלטן ניט געוואַגט באַלעבאָס אויפצוהויבן דעם קאָפּ, נאָר זיי ווערן אויפגערייצט פון די ווייבער, אויפגערייצט מיט טענות פון הונגעריקע מענטשן:

— וואָס לאָזט איר זיך פון אים אויסנוצן? — יאָדן די ווייבער — פּעסערגאָלד קלייבט ער אָן אויף די חתונות, און אייך גיט ער אַ שיבוש. הערט אויף ביי אים צו שפּילן וועט איר זען: ער וועט מוזן דערלייגן. ער מוז דאָך האָבן אַ פולן קוואַרטעט.

קומען די צוויי קלעזמאָרים ערב די חתונות צו אשרן. ניט דרייסטע קומען זיי, קווענקלען זיך און ליגן אַרוים די ווייבערס טענות:

— ר׳ אשר! די קינדער דאַרפן שיכלעך, גייען באָרוועס און נאַקעט. דער דאַך איבער דער דירה איז געלעכערט ,עס רעגנט אריין. מ׳דאַרף קויפן אַ זעקל קאַרטאָפל, דירה־געלט, שכר־לימוד פאַר די קינדער. די הוצאה איז גרויס. עס איז שומו־שמים!

— איז וואָס ווילט איר? ווידער אַן הוספה? — מאַכט אשר אַ פאַרצווייפלט פנים — פונוואַנען זאָל איך דאָס נעמען?

— איר פאַרשטייט דאָך, ר׳ אשר, אין שטוב איז חושך...

— אפשר וואָלט איר איבערגענומען דעם אָרקעסטער — קרעכצט אשר — אפשר וואָלט איר אַליין געוואָרן באַלעבאַטים — און פּטור. פון וועלכע פאַרדינסטן, למשל, זאָל איך נעמען הוספות? אָט זיינען ביי יידן ספירה־טעג, אָט זיינען די „דריי וואָכן", אָט גייען די ימים־נוראים, ווייניק חתונות, יונגעלייט לויפן קיין אַמעריקע, די מיידלעך זיינען געוואָרן „מאָדערן" און האָבן צייט חתונה צו האָבן, אפילו ווען זיי זיינען שוין בחזקת בוגרת. לויט מיינע פאַרדינסטן, האַלט איך אויס מיין אָר־קעסטער בכבוד־גדול. איר האָט זיך גאָרניט אויף וואָס צו באַקלאָגן.

—יאָ. על פי יושר — פּרוּוון ביידע קלעזמאָרים אָנרירן אַן איידעלע סטרונע אין אשרס האַרץ — מיר פאַרלאָזן זיך אויף אייך, ר׳ אשר.

און אשר קלעזמער קרעכצט און דערלייגט.

די אמתע צרות האָט אשר פון זיין צווייטן פידלער, דעם הויכן בערל.

דער הויכער בערל איז אַן עלטערער בחור, וואָס האָט זיך אַמאָל פאַרמאָסטן צו ווערן אַ מוזיקער און דערקייקלט זיך צו שפּילן אין אשרס קוואַרטעט. אשר האָט אים באַגעגנט אין אַ גרויסער שטאָט, ווען זיי האָבן ביידע געשפּילט אין אַ קאַפּעליע. בערל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט חלומות און אשר האָט געחלומט. בערל האָט זיינע אַמביציעס באַהאַלטן אויף בעסערע צייטן, וואָס וועלן — ווי ער האָפט — אָנקומען צו זיין שוועל אויך. ער האָט געהאַט זיין מעטאָדע, ווי אַזוי אויפגעריכט צו ווערן און דערוויל, ביז וואָס, ביז ווען, געלאָזט זיך איבעררײדן פון אשרן, אַוועק מיט אים אין שטעטל און געוואָרן אשרס צווייטע האַנט אינעם קוואַרטעט. אָפּגעשפּילט עטלעכע יאָר, האָט ער, בערל, גענומען האָבן תרעומות, טענות און ניט געוואָלט מער זיין קיין צווייטער פידלער.

קומט פאַר אַ חתונה אין שטעטל, ווייסט מען שוין באַצייטנס, אַז בערל איז עפּעס פּלוצלינג „קראַנק געוואָרן". אשר קומט אים מבקר־חולה זיין און בעט זיך מיט האַרץ:

— דערבאַרעם דיך, בערל, און ווער געזונט.

— וואָס קען איך זיך העלפן, ר׳ אשר?

— וואָס מאַכסטו זיך צו־נאַר, בערל? וואָס רייסטו זיך דוקא צו שפּילן די ערשטע פידל? דו ווייסט דאָך, אַז ניט יעדער קען דאָס דערגרייכן.

— מען קען — מאַכט בערל און קוקט אָן אשרן מיט פריילעכע אויגן.

אשרס פּנים איז פול מיט תחנונים:

— יעדער אין אַן אָרקעסטער איז נוצלעך און פירט אוים בשלימות זיין אַרבעט, איז וואָס איז די נפקא־מינה?

— וואָס איז אייך, ר' אשר, די נפקא־מינה?

— דיין אומגליק איז, בערל — רעדט אשר געלאַסן, מאַכנדיק אַ פריילעך פּנים — וואָס דו ביסט אַן איינזאַמער מענטש, אַ פּאַרזאָרגטער. נגינה האָט דאָס פיינט, פאָלג מיך, האָב בעסער חתונה. אַ ווייב וועט דיר אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכץ, פאַרריכטן די בגדים, פאָלג מיך און ווער אַ מענטש, וועט עס זיין פאַר דיר די בעסטע רפואה.

— איר ווייסט, וואָס פאַר אַ רפואה איר דאַרפט, עס ווענדט זיך נאָר אין אייך...

אשר ווייסט שוין גוט, וואָס דעם יונג איז, ניט אַנדערש ווי דיריגירן מיטן קוואַרטעט וויל ער. ניט אַזוי ווייט אין געלט גייט עס אים בערלען, וואָס משטיינס־געזאָגט קען ער שוין דאָ מער אַרויסקריגן? נאָך אַלעמען איז דאָך אשר פאָרט דער באַלעבאָס, נאָר אין כבוד גייט עס אים, בערלען: ערשטנס, קען ער זיך ניט שענ־קען וואָס ער איז מיט אשרן אויף דעם זעלבן שטאַפּל געשטאַנען און דאָך איז ער פאַרמשפּט געוואָרן צו זיין דער צווייטער פידלער. צווייטנס, שדכנט זיך בערל צו דעם אַפּטייקערס טאָכטער, סטעפע, און יענע, אַן עלטער מיידל מיט אַ פאַר־ריסן נעזל, אַריסטאָקראַטישן יחוס און מיט אַ שפּאָרע אַפּויטיקע נדן, וויל בשום אופן ניט, אַז בערל זאָל זיין דער צווייטער פידלער אין אשרס קוואַרטעט. זי האָט עס אים אַ סך מאָל געגעבן אָנצוהערן און ער, דער הויכער בערל, גייט אויס פאַר איר, איז פאַרליבט אין איר און איז גרייט אַ מעשה אָפּצוטאָן זיך אָדער אַן אַנדערן.

ווי לאַנג איז טאַקע דער שיעור, אַז ער, בערל, זאָל זיין די צווייטע האַנט, בכן יענער, אשר, האָט זיך אויסגעלערנט די אַלע שיינע ווערטער? קען ער בערל, דער־פאַר בעסער דעם אינסטרומענט, מיט גביית־עדות קען ער דאָס באַווייזן, אדרבא, זאָלן קומען מבינים און פאַרהערן אים און אשרן...

אשר געפינט זיך אין אַ קלעם, די געדאַנקען מאַטערן: וואָס וועט טאַקע זיין, אַז דער יונג, וועט זיך אויף אַן אמת איינשפּאַרן, אויב ניט פאַרלאָזט ער דעם קוואַרטעט. עק וועלט וועט דאָך זיין. בעט ער זיך דעריבער ווייטער ביי בערלען, בשעת ער איז אים „מבקר חולה":

— הײַנט מוזטו זיין געזונט. איך וויל ניט האָבן קיין לייטיש געלעכטער. עס איז אַ חתונה ביי פּנחס זילבערשטיין, הונדערטער געסט, יידן אדירים, פּריצים זיי־נען זיך צונויפגעפאָרן, פאַרשעם מיך ניט ,בערל.

— איך טו אייך צוליב, ר' אשר, בלויז היינט! — זאָגט בערל און גלעט זיך די טשופּרינע שווארצע האָר — די לעצטע חתונה. אויב איר וועט זיין איינגעשפּארט וועל איך איינגאנצן אוועק פונדאנען. איר דארפט מיר נאָכגעבן, וואָס טוט איר, למשל, ווען איר ווערט קראנק און איך מוז שפּילן די ערשטע פידל, וואָס וועט איר דעמאָלט זאָגן? זאָל זיך אייך דעריבער דאכטן ,אז שוין...

אשר זיפצט. מיט א צעבראָכן געמיט פארלאָזט ער בערלס דירה. נאָך איין חתונה אויסגעבעטן ביים יונג, ווי לאנג איז דער שיעור?

* * *

סטעפע, דעם אפּטייקערס טאָכטער, וויל ניט אָפּטרעטן אויף א האָר פון איר פארלאנג: בערל מוז דיריגירן מיט דעם קווארטעט, אָדער ער שטעלט צונויף אליין אַן אָרקעסטער און לערנט מיט אשרן בלק.

אין איינעם א טאָג דערקלערט דער הויכער בערל בפרהסיה אשרן אַן אָפּגעשטרייק, אַן אמתן, אָן שום אָפּדינגעניש. ער פארוואָרפט די פידל, לאָזט אלעמען וויסן, אויב אשר גיט אים ניט נאָך, שטעלט ער אליין צונויף א קאַפּעליע.

פארבויגט אשר פון זיין כבוד און לאָזט זיך אוועק שפּילן אויף א יידישער חתונה בלויז מיטן טראָמפּייטניק און דעם באַס. עס איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין מוזיקאלישער קאריערע אזוי זיך צו פארשווארצן דאָס פּנים און שפּילן אין א „טריאָ".

— מילא וועט זיין א „טריאָ" — שמייכלט ער טרויעריק — אז מען קען ניט אַריבער מוז מען ארונטער.

דאָס נייע וואָרט „טריאָ", וואָס מען האָט קיינמאָל פון אשרן ניט געהערט, האָט זיך אריינגעקייקלט אין די געסלעך, אין יידישע אויערן און פארטרעטן דאָס אויסגעצערטלטע גלאַטע וואָרט „קווארטעט".

אשר סטראָיעט אָן די פידל, שטעלט זיך אוועק שפּילן. אויף זיין דאַר פּנים צאַפּלען זיך נערוועזישע טרייסלונגען. ביים הארצן שטעכט אים מיט קרענקונג און בושה: וואָס הייסט ער שפּילט, גיט א קאָנצערט אָן א צווייטן פידלער? ער שפּילט א סימפאָניע בלויז מיטן באַס און טראָמפּייט. עס איז דאָך מעשה חוזק.

דער עולם לעקט אפילו די פינגער פון דעם טריאָ אויך, אשר נארט ניט אָפּ פאר די פּאָר גילדן, נאָר מבינים, בעלי־מנגנים, וואָס הערן זיך איין מיט קאָפּ, מורמלען צווישן זיך:

— עס איז ניט דאָס... עפּעס פעלט. עס פעלט, למשל, זאַלץ, פעפער...

אויף איינער א גרויסארטיקער חתונה איז דאָס געווען: נאָכן אָפּשפּילן עטלעכע „שטיקלעך", האָט אשר זיך אָפּגעשטעלט, אומגעקוקט זיך אויפן עולם מיט

שטאַרע פֿאַרוווּנדעטע בליקן, אויפֿגעעפֿנט דעם פּוטעראַל, פֿאַמעלעך אַריינגעלייגט די פֿידל און אַרויס פֿון חתונה־זאַל, אינמיטן דער שמחה און צום חידוש פֿונעם גאַנצן עולם, פֿון דעם באַס און טראָמפּייטניק, וואָס האָבן געוויטיקט צוליב דעם צער פֿון זייער באַלעבאָס.

בלויז אין עטלעכע טעג ווערן ביי אשרן די וואָנסעס גרוי, זיין דאַרער קער־בער נעמט זיך איינברעכן. ער איז מער ניט דער גוטמוטיקער אשר קלעזמער, מאַכט מער ניט קיין קאָמפּלימענטן יונגע ווייבלעך, קנייפּט ניט קיין חדר־ייִנגלעך אין די באַקן. ער ווערט אינגאַנצן איינגעצערט.

דער צער פֿון אשר קלעזמער איז זייער גרויס. גוטע פֿריינט עצהנען אים, ער זאָל ניט וואַרטן, אַראָפּברענגען אַן אַנדערן בעל־מלאכה און פּטור מיט בערלען, זאָל ער שטרייכן און זאָל אים דעם אָפּטייקערס טאָכטער אויסהאַלטן, אויב זי וויל דווקא איר חתן זאָל זיין אַ קאַפּעליע־מייסטער, נישקשה, קענן קהל וועט ער, בערל, גאָרניט אויפֿטאָן. קהל וועט זיך אַריינמישן און מאַכן אַ סוף. אשר ווייסט אָבער, אַז ער איז ניט בכוח אַראָפּצוברענגען אַן אַנדערן. ערשטנס, האָט יענער אַ ברירה צו זיין אַ וויסטע קאַליקע, וואָס וועט נאָר מאַכן דעם אָנשטעל פֿון אַ קינסטלער, צווייטנס, קען זיך יענער הייסן באַצאָלן מי־יודע וויפֿיל און אָרום און איז ער, אשר, אַ קבצן אין זיבן פֿאָלעס...

געזען עס איז ניט גוט, דער הויכער בערל האָט בדעה צו דערפֿירן דעם שטרייק ביז צו אַ זיג, שליסט זיך אשר איין אין זיין התבודדות־שטיבל און גייט וואָכן־לאַנג ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט. חשובע בעלי־בתים פֿון שטאָט און פֿון אַרום, ליגן אָפּ חתונות, קהל האַלט אָפּ לאַנגע אסיפֿות און דערגייט ניט צו קיין טאָלק, בעלי־מלאכות ליגן אַוועק די מכשירים, נעמעז זאָגן דעות, ווייל, ערשטנס, שמעקט עס מיט צער, צווייטנס, עס איז אַן ענין אין וועלכן עס איז כדאי צו זאָגן אַ דעה. עס שאַפֿן זיך צוויי צדדים פֿאַר און — קעגן.

— וואָס האָט ער זיך איינגעשפּאַרט, דער יונג — טענהן אשרס אָנהענגער — ווי שטייט דאָס, אַז בערל מוז שטיין אויף איין טרעפּל מיט אשרן, בכן ער קען דרימפּלען אויף דער פֿידל? קוקטס אים נאָר אָן, דעם קבצניאַק, אַנדערש ניט גע־וואוינט, ווי אָנפֿירן מיט אַ קאַפּעליע, ווי רופֿט דאָס אשר? קוואַרטעט! באַשר ער שדכנט זיך צום אַפּטייקערס טאָכטער, מעג ער שוין זיין אַן עזותניק אויך?

— אַז דער יונג וויל דווקא ווערן אַ שטיקל באַלעבאָס — טענהט בערלס צד — עס טויג אים צום שידוך, גיט מען אים נאָך. ער האָט גאָלדענע פֿינגער און נע־בעך — ניט קיין מזל. מגולגל געוואָרן אין אַ קלעזמערטשיק און אויסגעשטעלט אויף אשרס קעסט. ער וויל אַ טראָפּן כבוד, גיט מען אים נאָך און פּטור, משטיינס־גע־זאָגט, וואָס פֿאַר אַ כבוד דאָס איז שוין...

— מען דאַרף אַשרן ניט נייטן. בעל־כרחה מוזטו אַוועקגעבן דיין ערשטע האַנט.

— איי וואָס דאַרף מען די אַלע שטיק — מישט זיך אַריין אַ דריטער צד־השוה, אַ פּשרה־מאַכער — ווען מען דאַרף דעם גנב שניידט מען אים אָפּ פון דער תליה. יאָ, פון דער תליה אַראָפּ, און אַן עק!

— לייכט צו ריידן און געבן עצות!

* * *

שוין עטלעכע וואָכן נאָך חנוכה. דאָס שטעטל ליגט פאַרקאָוועט אין אַ פראָסט. קופּעס שניי, ווי זילבער בלווילעכע פּיראַמידן, האָבן איינגעשמירט די געסלעך מיט די קליינע הייזער. באַלעבאָסטעס, האָבן שוין אַוועקגעשטעלט טעפּ מיט געגדזענע שמאַלץ אויף פּסח און אַשר קלעזמער באַהאַלט זיך נאָך אַלץ אויס אין זיין התבודדות שטיבל. עס איז אין קול ואין עונה. און דאָ פּלוצלינג, מען ווייסט ניט פון וואַנען און פון ווען, נעמען זיך טראָגן אויסטערלישע ידיעות:

— דער הויכער בערל מיט דער מויד סטעפע, זיינען אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער — נייע בשורות:

— דער הויכער בערל ברענגט אַראָפּ אַ נייעם קלעזמער און שטעלט צונויף אַן אייגענע קאַפּעליע.

— אַשר וועט עס ניט איבערטראָגן. דער קלאַפּ איז צו־גרויס.

צו אַשרס אויערן דערגרייכן אויך די ידיעות וועגן בערלס פּלענער, און אין איין שיינעם טאָג לאָזט ער וויסן בפני כל עם ועדה, אַז ער איז מסכים צו לאָזן דעם הויכן בערל שפּילן די ערשטע פידל.

דעם דאָזיקן טאָג זוכט בערל אויף זיין פידל, גיט אַ פיר מיט די פינגער איבער די סטרונעס און לאָזט זיך מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי אַ זיגער גיין צו דער אַפּטייק. גוטע פריינט קלאַפּן אים איבער דער פּלייצע פאַר זיין העלדישקייט.

דער הויכער בערל ווערט אַשרס גליכן כדת־וכדין. דאָס הייסט בערל מעג מהיום־והלאה אויספירן די פונקציעס פון אַ באַלעבאָס, דיריגירן מיטן אָרקעסטער און שפּילן די ערשטע פידל.

שטאָט האָט צוריק אירע קלעזמאָרים.

אויף דער ערשטער חתונה נאָך דעם שטרייק, איז דער עולם נייגעריק צו זען, ווי אַזוי בערל, וועט זיך דאָס ספּראַווען אויף זיין ערשטן „אויפטריט" ווי אַ זיגער.

על פי תנאי דאַרף בערל היינט דיריגירן, אַשר דאַרף שפּילן די צווייטע פידל.

דער הויכער בערל איז היינט העכער און בלאַסער ווי געוויינלעך. עולם טיטשעט דאָס אויס פאַר — אימתא דציבורא, אָבער ער גיט זיך אַן עצה, בערל, ער שפּילט און טענער גיסן זיך. אַשר האַלט פאַרמאַכט די אויגן און זיינע פינגער מיט די צוויי

גאָלדענע רינגען ציטערן אַביסעלע אונטער אינעם צאַפּלדיקן ריטם פון שפּילן.
נאָך די ערשטע שטיקלעך לאָזט אשר וויסן, אַז ער גייט שפּילן „סאָלאָ" בלויז אַ
צוויי אייגענע קאָמפּאָזיציעס. ער וויל — הייסט עס — אַליין משמח זיין דעם עולם
פון קיינעם ניט באַגלייט. בערל גיט נאָך, די פּראָפּעסיע דערלויבט אַזאַ זאַך און דער
עולם כאַפּט מיט פאַרוווּנדערונג אויף אשרס נייַ וואָרט „סאָלאָ":

— פונוואַנען נעמט ער אַזויפיל ווערטער? עס שעפּט זיך דאָך גאָרניט ביי
אים אויס. ער קען — ווייזט אויס — טאַקע דעם גאַנצן „תרגום" פון אויסנווייניק.

אשר גלייכט אויס זיין אַביסל געבויגענעם קערפּער. זיין קנייטשנדיק פּאַרמעט־פּנים מיט די גדיכטע גרויע וואָנסעם אָנגעשטעלט אויפן עולם. ער באַטראַכט עט־לעכע רגעס די באַקאַנטע פּנימער אויף דער חתונה. אין די אויגן זיינע גליט אַ וועלט מיט טרויער. די פינגער נעמען שנעל, שנעל זיך צאַפּלען איבער דעם העלדזל פון דער פידל. איבערן זאַל צעגיסט זיך אַ ים מיט טענער און קלאַנגען. ער שפּילט איין שטיק נאָכן אַנדערן, כשופט אַרויס מעלאָדישע ניגונים. דער עולם גאַפט אין גרויס שטילשווייגעניש. מבינים סמאַטשקען מיט די ליפּן. אפילו זלמן דער חזן, וואָס האַלט ניט שטאַרק פון אשרס הויכע ווערטער, ווייל ער זעט אין זיי אַ קאָנקורענץ פאַר זיין אייגענער פּאָזיציע, אויך ער האַלט צוגעמאַכט די אויגן, שאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט און לענג, אַ סימן, אַז אויך ער איז מסכים. אשרס שפּילן — הייסט עס — האָט אַ ממשות. עס לאָזט זיך הערן, והא־ראיה, אפילו ער, זלמן חזן, וואָס ווערט ניט אַזוי נתפּעל פון יעדן קלעזמער, אָדער היינטוועלטיקן מוזיקער, קען זיך פאַר־גינען אַזאַ זאַך, ווי צובייגן אַן אויער און זיך איינהערן...

דער הויכער בערל שטייט אַן אומגעדולדיקער. אין איין האַנט האַלט ער די פידל, אין דער צווייטער — דעם בויגן, מען זעט ממש, אַז ער שטייט אויף שפּיל־קעס. דער טראָמפּייטניק קרעכצט און עס איז ניט קלאָר צי פון דעם, וואָס זיין אשת־חיל, האָט אים שוין היינט דערלאַנגט אַ פּאַרציע קאַלטס און וואָרעמס, צי פון הנאה, וואָס אשרס שפּילן פאַרשאַפט אים. דער באַס פינטלט פריילעך מיט די אויגן, אי צום עולם און אי צו בערלען, ווי ער וואָלט זאָגן: „נו, אַ מכה קענסטו, בערל, באַ־ווייזן אַזעלכע וווּנדער, ווי אשר, אפילו זאָלסטו טויזנט מאָל שפּילן די ערשטע פידל, וועסטו אַ קרענק קענען אַזוי שפּילן"...

אינמיטן שפּילן פאַלט די פידל אַרויס פון אשרס הענט. דער קערפּער זיינער בייגט זיך אומצופאַלן, עטלעכע פּאָר הענט כאַפּן אים אונטער, טאָן אים אויפמונ־טערן און פירן אים אָפּ אַהיים.

אשר גייט שוין מער פון בעט ניט אַראָפּ. דער הויכער בערל נעמט איבער די גאַנצע פירערשאַפט איבערן אָרקעסטער און פירט איין אַ „טריאָ" כהלכה. דריי קלעז־מאָרים שפּילן איצטער אויף יידישע חתונות און שמחות. אויס מיטן קוואַרטעט, אויס מיט ערשטע און צווייטע פידל.

גוטע פריינט קומען אשרן מבקר־חולה זיין, איבערגעבן אים טרייסט־ווערטער מיט מוסר־רייד:

— ר׳ אשר, ער איז דאָך אַ גאַנצער מומחה. ער שפּילט, ווי רופט איר עס? מיט נאָך צוויי שפּילט ער. דאָס הייסט דריי צוזאַמען. ער ספּראַוועט זיך גאַנץ גוט. נישקשה אַ גאַנץ פיינע קאַפּעליע.

אשר קרעכצט און די גוטע פריינט שיטן זאַלץ אויף זיינע וווּנדן:

— נו, האָט איר געדאַרפט איינרייסן אַ וועלט, כדי עס זאָלן זיין פיר קלעז־מאָרים? איר זעט דאָך בפירוש, אַז מען קען מיט דריי אויך יוצא זיין. עס איז ניט קיין חוק, ניט קיין דין און עס שטייט ניט געשריבן אינעם ספר פּראַלניק, אַז שפּילן מוזן דווקא פיר קלעזמאָרים. ווי רופט איר עס, ר׳ אשר, אויף אייער תרגום־לשון? האָט זיך עס אייך געלוינט?

אשר זיפצט און שווייגט. אין מוח פליט אים אַדורך אַ מחשבהלע, אַ פאַרגלייך צו דעם געשלאָגענעם איוב, מיט זיינע דריי גוטע פריינט, וואָס קומען אים טרייסטן. אשרס ליפּן באַוועגן זיך ניט צום רעדן, זיינע פּאַראַליזירטע הענט ליגן איבער דעם בעט־דעק, ווי שטיקער האָלץ.

— עס מוז דאָך זיין אַ שטיקל זין אין דעם — זאָגט איינער פון די גוטע פריינט — וואָס איר האָט אַזוי איינגעריסן אַ וועלט, געלייגט זיך אין דער לענג און דער ברייט; דווקא פיר קלעזמאָרים מוזן שפּילן אין דער קאַפּעליע...

— איר האָט בשום אופן ניט געוואָלט שלום מאַכן מיט זיך, מיט קהל און שפּילן מיט נאָך צוויי — מאַכט אַ צווייטער פון די גוטע פריינט — איר וואָלט אפשר ניט געוועזן געקומען צו דעם שטאַנד...

— קהל איז באַשטאַנען, פאַרוואָס האָט איר ניט געקענט יוצא זיין? — וווּנדערט זיך אַ דריטער פון די דריי גוטע פריינט — עפּעס שטעקט דאָך אין דעם...

אין אשרס פּנים לעשן זיך די אויגן, קוקן מיט גלעזערנעם גלאַנץ. די ליפּן זיינען בלייך, פאַרשמאַכט, די הויט פון פּנים — אַ גערונצלטע, אַ באַוואַקסענע.

די דריי גוטע פריינט וואַרטן אַז אשר זאָל זיי מיט די לעצטע כחות אויפקלערן דאָס רעטעניש, וואָס מאַטערט זיי. וואָס איז געוועזן די חכמה פון זיין עקשנות?

אשרס פּנים שטרעקט זיך צו די פּנימער פון זיינע גוטע פריינט, די ליפּן זיינע שעפּטשען:

—איי, וואָס ווייסט איר פון מוזיק — — — וואָס וועט איר שוין פאַרשטיין, אַז איך וועל זאָגן דעם זין פון מיין איינרייסן די וועלט? — — — איר האָט גע־וואָלט אַ קאַפּעליע מיט קלעזמאָרים, האָט איר עס איצטער, זאָל עס אייך וואויל באַקומען. פאַר אים דאָרט, איז געווען אַ „טריאָ״. איך האָב ניט געקענט איינגיין אויף קיין פּשרות. מיין קוואַרטעט האָט פאַרשפּילט און איך האָב פאַרשפּילט — — —

דער נדר

„כל עיר שגגותיה גבוהין מבית־הכנסת לסוף חרבה".
(שבת, י"א).

די גרויע ציגלנע געביידע, שכנא ראָזענס פאַבריק, פילט אוים אַ ווינקל פון אַ גאַס דורך וועלכער ס'שניידט זיך אַ ברייטער וועג צום בלויען טייך „פּיליצאַ", וואָס רינגלט אַרום דאָס שטעטל. אין דער פאַבריק ווערן געוועבט דיקע געוואַנדן פאַר פּרויען־טיכער און טוך־סחורות, וואָס ווערן צעשיקט איבער גאַנץ פּוילן. פון דער געביידע קוקן אַרוים לאַנגע שורות פענצטער מיט קליינינקע שויבן, בייטאָג ברענט אין זיי די זון, אין די אָוונטן צינדן זיך דאָרטן עלעקטרישע לעמפּלעך, גאָלדיקע פלעקן ליכט רייסן זיך אַרוים און בלענדן ביי פאַרבייגייער די אויגן.

די פאַבריק רוישט פון מאָנטיק פרי, ביז פרייטיק פאַרנאַכט, פאַרטויבט די גאַס מיט געקלאַפּ און געבראַזג. אין די פרייטיק־פאַרנאַכטן ווערט דאָס גערודער איבערגעהאַקט, די שטילקייט שטעלט זיך דעמאָלט אין די אויערן פון די אַרו־מיקע איינוואוינער, ווי אַ הוילע טויבקייט וואָלט זיך אין זיי איינגעגעסן. אַלע וויסן דעמאָלט, אַז דער „סמבטיון", ווי יידן רופן שכנא ראָזענס וועבעריי, רוט לכבוד שבת.

צוויי מאָל אין טאָג שפּאַצירט ר' שכנא אַדורך די לאַנגע זאַלן פון זיין פאַבריק. זיין הויכע געשטאַלט וויגט זיך גייענדיק, זיין פּנים, איינגערעמט אין אַ בכבור־דיקער באָרד, איז געווענדט צו די אַרבעטער, וואָס שטייען ביי די וועב־שטולן. ער וואַרפט אַ בליק דאָ, אַ בליק דאָרט, כאַפּט אויף דרך־אַרצדיקע באַגריסונגען, וואָס פלאַטערן צו אים פון אַלע זייטן.

אין דער פאַבריק אַרבעטן אַ דריטל יידן און צוויי דריטל — ניט־יידן. דאָס איז שכנאס פּרינציפּ; קיינער איז ניט אימשטאַנד אים ברענגען דערצו ער זאָל אָט דעם פּרינציפּ פאַרבייגן. ר' שכנא האָט דערביי זיין באַרעכטיקטע טענה:

— אין שטאָט זיינען פאַראַן איינוואוינער אַן ערך אַ דריטל יידן פון דעם סכום ערלים — להבדיל, — און אַ קימאַ־לן האָבן מיר, אַז מען טאָר ניט אַרויסרופן קיין קנאה־שנאה, היינט, וואָס איז דאָ דאָס געוואָלד?

קלאָרע דיבורים, וואָס ס׳איז גאָרניט שייך אָפּצופרעגן, נאָר יידן אנשי־שלומינו האָבן טענות, ווען אַ יידישער וועבער דרייט זיך אַרום ליידיק, שלאָגט אָפּ די טירן, זוכנדיק אַרבעט:

— היתכן, ר׳ שכנא? אדרבא פּסקנט אַליין. איר ווייסט דאָך יאָ, ווי שווער עס קומט אָן היינטיקע צייטן אַ יידן צו געפינען אַרבעט, דאַרף ער דאָך על פּי־יושר זיין קודם־לגוי אין אַ יידישער פאַבריק, איז עס גאָר פאַרקערט. אַן איפכאַ־מסתברא...

שכנא ראָזען האָט ניט קיין געדולד אויסצוהערן די טענות ביז צום סוף, ווייל מען זאָל אויסהערן אַלע זייערע טענות — טראַכט ער — איז אין לדבר סוף, ניט ער זיך אַ גלעט די באָרד, און טוט מיט ישוב־הדעת אַזוי זאָגן:

— יאָך פיר מיך אַזוי פון כמה יאָרן, און קיינער איז ניט ביכולת איבער־צומאַכן מיין התנהגות.

— אָבער, געוואָלד געשריגן, ר׳ שכנא — לאָזן די בעלי־טענות ניט אָפּ — ווי נעמט דאָס אַ ייד און פּירט איין אַ דין, אָדער רחמנא־ליצלן אַ גזירה ביי זיך אַליין?

— יאָך האָב מיר מיין דרך אין געשעפטס־ענינים — ענטפערט שכנא בנעי־מותדיק — איך וועל ניט לאָזן מע זאָל מיר זאָגן אַ דעה, אָדער אָנווייזן פעלערן. ביי מיר האָבן יידן, ברוך־השם, פּרנסה, מער קען איך ניט טאָן.

— ווו איז אהבת ישראל, ר׳ שכנא?...

— איך קען דאָך ניט איינרייסן מיט אַ שטאָט ניט־יידן! און אַ פאַבריק האָט אַ טבע — רוקט שכנא אַרויס רייד, וואָס זאָלן זיך לייגן אויפן שכל — אַז מען מוז זי פירן באַרעכנט. אַ פאַבריק קען געגליכן ווערן צו אַ זייגער, וווּ אַלץ מוז זיין אויפן אָרט, אויף אַ האָר, אויף דער רגע. עס איז פּשוט ניט שייך אַזאַ ענין ווי רחמנות. והשנית, פאַראַן נאָך אין שטאָט יידישע פאַבריקן, פאַרוואָס דאַרף איך דאָס טראָגן דעם גאַנצן עול?...

שכנא ראָזען פאָרט יעדן זומער קיין אויסלאַנד אין די וואַרעם־בעדער. טייל־מאָל טוט ער עס צוויי מאָל אין יאָר. ערגעץ אין ווייטע לענדער היילט ער דאָס געזונט, באָדט זיך אין אַזעלכע וואַסערן, וואָס זיינען אָנגעבריט פון ששת־ימי־בראשית פאַרן גוף, טרינקט אַזעלכע מיני שפּרודל־וואַסערן, וואָס מאַכן זיין פּנים פריש און פאַרטרייבן אַלע קנייטשן, וואָס קומען כידוע פון אַ סך זאָרגן.

פאַר גוטע פריינט קלאָגט זיך שכנא מיט מכלומרשטע תרעומות:

— אַרויסגעוואָרפענע נסיעות! נאָר וואָס דען, דאָקטוירים הייסן. מילא, מען זאָל זיך צוהערן צו אַלץ ,וואָס זיי הייסן, וואָלט געווען עק־וועלט און ווידער פאַר־

קערט, מען זאָל זיך שוין ניט צוהערן צום רופא, וואָלט די וועלט רחמנא־ליצלן, ניט געהאַט קיין קיום — — —

אַזוי פאַרענטפערט ר' שכנא ראָזען זיינע נסיעות אין די וואַרעם־בעדער און טאָן טוט ער עס, לשם עין־הרע, מען זאָל אים חלילה ניט פאַרטשעפּען מיט א בייז אויג...

ב.

איינמאָל אין א טאָג, אָנהייב חודש אלול, איז שכנא ראָזען צוריקגעקומען פון די וואַרעם־בעדער אין אויסלאַנד. ער איז געווען אויפגעלייגט, האַפערדיק. פון זיינע באַקן האָט געשפּריצט מיט א געזונטן, רויטלעכן קאָליר; אין די אויגן האָט געגליט א פלעמלדיקע שפּילעוודיקייט; אפילו דאָס גענגל זיינס איז געווען, ניט פון קיין מאַנסביל אין מיטן די זעכציקער, נאָר ווי פון א יונגערמאַנטשיק, אָקאָרשט נאָך דער חתונה, וואָס עסט קעסט אין שווערס הויז, לאָזט „דאָס פייגעלע אין וואַלד זאָרגן"...

פאַרנאַכט, ווען שכנא האָט שוין געהאַט דורכשפּאַצירט די גרויסע זאַלן פון דער פאַבריק, גענוי נאָכגעקוקט, אויב דער „זייגער", די מאַשינעריע קלאַפּט מיט דער פּינקטלעכקייט, וואָס ער האָט איינגעשטעלט, האָט ער געלאָזט רופן צו זיך, נחום דעם מויערער, אָט דעם, וואָס פאַרנעמט זיך מיט בויען הייזער אין שטאָט, אויך די שול, וואָס איז ממש אויף חידושים, האָט ער געבויט. נחום איז געקומען און שכנא האָט זיך מיט אים איינגעשלאָסן אין קאַנטאָר.

— זיצט, ר' נחום — ווייזט שכנא אָן אויף א שטול — איך האָב אייך געלאָזט רופן ,ווייל איך וויל בויען א ניי הויז.

— אדרבא — גיט נחום א ברום — ואדרבא.

— איך וויל אָבער — רעדט שכנא געלאַסן — עס זאָל זיין א הויז איינס אין שטאָט, אַזעלכעס, ווי איך זע אין די אויסלענדישע שטעט, ווי איך פאָר מיר היילן דאָס געזונט. א הויז מיט די אַלע קונצן, ניט זשאַלעווען קיין פליטערלעך, צאַצקעלעך, עס זאָל זיין אי למראות־עין און אי הנאה צו האָבן פון די חדרים. איר האָט דאָך אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות ביים בויען די שטאָטישע שול, איך מיין... איר פאַרשטייט דאָך: די פאַרבן, א קאַרניזל, א זייל. עפּעס א קאַפּעטשקע פון... יאָ און פענצטער א סך, ווייל איך האָב. איך וויל אַזא מין פּאַלאַצל, מיט, מיט...

נחום, א ייד א שווערער, א קרעפּקער מיט א שטענדיק אָנגעכמורעטן פּנים, בטבע א שווייגער, און א וואָרט איז ביי אים שוה־כסף, הערט אוים מיט קאָפּ שכנא ראָזענס רייד, לסוף טוט ער א האַלבן ברום און א האַלבן זאָג:

— פאַרגלייכט ניט א הויז מיט א שול. דאָס איז דאָך גאָטס הויז. ניטאָ קיין פאַרגלייך. ווידער וועגן א פּאַלאַצל...

— למשל, — מאַכט שכנא און רוקט זיך אַריין טיפער אין דער שטול.
ווערט שוין נחום אביסל האַפּערדיקער מיט רייד:
— עס שטייט דאָך בפירוש „אל תסתכל בקנקן אלא מה שיש בו"... דער עיקר איז דאָך אינעווייניק אין די חדרים, דאָס איבעריקע: די פאַרבעכצן, מיט די שמירעכצן, מיט די אַלע קונצן אין דרויסן, דאָס זיינען דאָך נאָר הוילע שמד־שטיק, אָפּצונאַרן דאָס אויג, ווייטער גאָרניט.
— זאָג מיר ניט וואָס עס שטייט — רייסט שכנא איבער נחומס בקיאות און גייט איבער אויף דו — איך וויל אַזוי. איך וויל הנאה האָבן, קוקנדיק אויף מיין הויז. קענסטו זיך אונטערנעמען מאַכן אַזאַ שטיקל אַרבעט? אויב יאָ, לייג אָוועק אַלע אַנדערע זאַכן, און מירן זיך נעמען צום הויז. איך האָב שוין אָפּגעקליבן אַ פּלאַץ.
— לויט אייערע רייד, ר' שכנא, ווילט איר דאָך אַ געביידע, אַ געמאַך, אַ הויכע, און העכער ווי די שול, להבדיל, וועל איך קיין הויז ניט בויען. אַנדערע טוען עס יאָ, איך וויל ניט, מען טאָר ניט.
— מען טאָר ניט אין דער זעלבער גאַס — טייטשט שכנא אויס דעם ענין — איז ערשטנס וועל איך מיין הויז בויען אַ תחום־שבת ווייט פון דער שול, והשנית, איז אונדז באַקאַנט, אַז צוליב די הויכע טיפּלעס פון די ערלים, האָט מען מתיר געווען בויען אַ העכער הויז אויך.
— איך וועל עס ניט טאָן. איך... איך קען ניט — ברומט נחום.
— זע איך דאָך, אַז האָסט ניט קיין חשק — מאַכט שכנא מיט אַ גמרא־ניגון — ביסט מן־הסתם געוואָרן אַ שטיקל נגיד, דער האָבער שטעכט דיך, וועל איך מיר אַראָפּברענגען אַ מענטש, אַן אַרכיטעקט — ווי זיי רופן אַזעלכן — פון דער גרויסער שטאָט, וועל איך אים אַראָפּברענגען און מ'עט זיך שטעלן בויען.
הויבט זיך נחום שווער אויף פון דער שטול, קוקט אָן אַ ווײַלע שכנאן, און רעדט געלאַסן:
— מילא, אַראָפּברענגען אַ מענטש, איז אַן ענין, עס איז אפילו אַן עסק מיט השגת־גבול, נאָר מילא, יעדער דאַרף דאָך פּרנסה, איז ניט שייך — השגת־גבול. איך וואָלט אָבער געוואָלט וויסן, ר' שכנא, וואָס מוזט איר עס אַזוי, אין היינטיקע ביטערע צייטן, ווען מען לאָזט דעם ייד ניט אָטעמען, מען ציט פון אים אַרויס דאָס חיות — האָבן אַ פּאַלאַצל מיט די אַלע צאַצקעס, קונצן? אַזוי זיכער זיינט איר דאָס ביי זיך? פונוואַנען ווייסט איר, אַז די שכנים אייערע, די ערלים, וועלן ניט חרוב מאַכן אייער פּאַלאַצל, האַ?
— שרעק מיך ניט. איך בין שכנא ראָזען!
— וויניק פּראָסטע הייזער — רעדט נחום ווייטער — האָב איך געבויט פאַר יידן קיין עין־הרע.

ווערט שוין ר' שכנא אומגעדולדיק:

— איך מעג דאָך האָבן אַ דעה איבער מיר אַליין, ר' נחום. איך וויל האָבן אַ שיין הויז. ווי זאָגט די גמרא: דירה נאה, אשה נאה, כלים נאים, מרחיבין דעתו של אדם... וואָס איז אייער לעצטע תשובה?

— איך ווייס ניט, ר' שכנא.

ג.

דער מויערער נחום דרייט זיך אין זיין שטוב הין און צוריק. זינט שכנא ראָזען, האָט אים פאָרגעשלאָגן צו בויען אַ „פּאַלאַצל" איינס אין שטאָט, קען ער זיך ניט אָרט קיין געפונען. די געדאַנקען פּייניקן, ער גריזשעט זיך פאַר עגמת־נפש, שלאָגט זיך כסדר מיט דער דעה, יאָ זיך נעמען צו דער אַרבעט, צי ניט?

נחום פלעכט צונויף די צוויי האַרטע, אויסגעפּראַצעוועטע האַנט־פלאַכן, הויבט זיי, ווי צו אַ געבעט און די ליפּן שעפּטשען: „וואָס טוט מען?".

ער שטעלט זיך אָפּ ביים פענצטער, דריקט צו זיין שטערן צו דער קאַלטער שויב און אַ געוויין רייסט זיך פון זיין לייב: ווי אַזוי ברעכט מען אַ שטומען נדר? ווען ער האָט פאַראַיאָרן פאַרטיק געמאַכט די שטאָטישע שול, וווּ ער האָט אריינגעלייגט זיין מוח, מאַרך און בלוט, האָט ער זיך געטאָן אַ נדר, ניט צו מאַכן קיין שום געביידע, וואָס זאָל אין דער געבוי־פאָרם האָבן אַן ענלעכקייט. בלויז פּראָסטע הייזער, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט — וועט ער בויען. דעם טאַלאַנט פון אַן אומן־יד, וואָס גאָט האָט אים געשאָנקען האָט ער מקריב געווען פאַר דער שול. היינט, ווי אַזוי קען ער ברעכן אַ נדר, און דעם גביר פאַרגלוסט זיך דווקא אַ פּאַלאַצל, אין אַזאַ ביטערער צייט פאַרגלוסט זיך עס אים, ווען יידיש בלוט איז ממש הפקר...

די טיר עפנט זיך און עס קומט אריין זיין ווייב ביילע, אַ לייביקע יידענע, מיט אַ דאָפּלטן גוידער, זי רעדט ניט אַרויס קיין וואָרט, גייט צו צו דער קיך, נעמט זיך עוסקן מיט דער וועטשערע.

זי וואַרפט בייזע בליקן אין זיין זייט, וואַרט־אָפּ אַ ווײַלע און הייבט אָן ריידן:

— וואָס ביסטו אַזוי פאַרטאָן אין רעיונות, נחום? שכנא וויל דיך מאָרגן זען, למען־השם מאָרגן פרי!

— וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף מיר? בורטשעט נחום — ער האָט דאָך שוין אַראָפּגעבראַכט אַן אַרכיטעקט, ער זאָל אים בויען דאָס „פּאַלאַצל", איז וואָס וויל ער פון מיר? איך וויל ניט בויען קיין פּאַלאַצן. איך האָב עס קיינמאָל ניט געטאָן!

— זעטס נאָר, ער האָט נאָך גאָר פּרעטענזיעס, ר' שכנא וויל אים געבן אַר־

בעט, ער וויל ניט דאָרט יענעם שמענדריק, וואָס ווייסט ניט, וואָס מען טוט מיט אַ ציגל, האָט ער נאָך גאָר טענות!

— איך האָב ניט קיין טענות.

— און וואָס וועט זיין, נחום? וואָכן־לאַנג גייסטו שוין אַרום ליידיק. יידן בויען ניט קיין הייזער היינט. עס זעט זיך ניט עס זאָל בעסער ווערן. מ׳עט דאָך אויסגיין פאַר אַ פּרוטה. ביסט דאָך ניט מער קיין יונגערמאַנטשיק, קענסטו דיר איינריידן, אויסביטן, וואָס דיר געפעלט? ר׳ שכנא וויל דיך באַגילטן!

— באַגילטן... — קרומט נחום נאָך דעם ווייבס רייד — באַגילטן וויל ער. געזעצן אין די וואָרעם־בעדער פּאַלאַצן, האָט זיך אים אויך אָנגעשמעקט. וואָס דאַרף ער אויפרייסן די אויגן ביי יענעם? ווייניק צרות האָבן מיר פון אונדזערע גויאישע שכנים?

— וואָס אַרט דאָס דיך? — רעדט ביילע מיט כעס — ר׳ שכנא איז אַן אָפּגעהיטענער ייד, אַ גרויסער סוחר, מעג ער זיך איינריידן. פאַר וואָס ניט? ער וויל הנאה האָבן פאַר זיין געלט, ווער קען אים שטערן?

— אַ שיין הויז — בורטשעט נחום — אַ פּאַלאַץ וויל ער, מיט קאַרניזן, פאַסאָדן, סלופּעס, דער גוט־יאָר וויים אים וואָס. איך זאָל אריינלייגן די זעלבע קענטעניש, ווי אין דער שול, געהערט אַ חוצפּה פון אַ גביר!

ביילע לאָזט די טעפּ אויף דער קיך, פאַרלייגט די הענט אונטער די באַקעס און שרייט:

— וואָס פאַר אַ „שמע קולנו" איז דיר אַריין אין קאָפּ? האָסט פאַרגעסן אין דיינע טעכטער, קיין גראָשן אויף נדן איז ניטאָ אין שטוב! נו יאָ, פונוואַנען זאָל זיין, אַז דו שפּילסט זיך ביי אַ שטיקל אַרבעט חדשים־לאַנג, יאָרן גאַנצע געמייסטרעוועט ביי דער שול. וואָס האָסטו געהאַט דערפון, ס׳קדחת מיט אַ נישט! וואָס איז דאָ צו ריידן. גיי וואַש דיך צו וועטשערע, מאָרגן וועסטו אַריבערגיין צו ר׳ שכנאַן.

נחום קען מער ניט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל. ער וואַשט זיך צום עסן, זעצט זיך צום טיש, קען קוים אַראָפּשלונגען אַ ביסן ברויט.

אַ גאַנצע נאַכט ראַנגלט ער זיך מיטן אייגענעם געוויסן. אַ יאָמער שטיקט אין אים, קען ניט אַרויס פון לייב: אַ נדר, אַ נדר, ווי קען מען ברעכן אַ נדר? דער רבונו־של־עולם וועט ניט מוחל זיין — — —

פאַרטאָגס איז ער איז געדאַנק אַליין זיך מתיר־נדר. די אָרעמקייט אין הויז איז גובר איבער אים. ער שטעלט זיך דאַווענען שחרית, נאָכדעם גייט ער אַוועק צו שכנא ראָזען אין קאַנטאָר.

שכנא זיצט אַן אויפגעלייגטער ביי זיין ביוראָ־טיש, מיט איין האַנט גלעט ער פאַרשיידענע מוסטערן פון טוך־סחורות, אין דער צווייטער — האַלט ער אַ פּאַר־

גרעסער־גלאָז. איין אויג איז ביי אים פארקוועטשט, דאָס צווייטע — שפּיזט אדורך דורכן גלאָז די שטיקלעך געוואַנד. דערביי רעדט ער פּאַמעלעך:

— מיישב געווען זיך, ר׳ נחום. זייער קלוג געטאָן. אַ מענטש דאַרף אַלץ טאָן מיט ישוב־הדעת, געלאַסן, אַזוי לערנען אונדז די חכמים. הייסט עס, אַז מיר שטעלן זיך אם־ירצה־השם בויען די דירה. נו, נו — — — —

— יאָ, ר׳ שכנא, אויב דער רבונו־של־עולם וועט מיר נאָר געבן כוחות...

ד.

נחום מיט זיינע געהילפן מויערער הויבט אָן בויען שכנא ראָזענס נייע הויז. גאַנצענע טעג ציען זיך צום פּלאַץ פורן מיט ציגל, צעמענט, געהילץ. מען בויט דאָס הויז טיף אין אַ גאַס, אריינגערוקט פון אַנדערע הייזער. שכנא רעכנט אין פראָנט אוועקצושטעלן אַ פּאַרקן מיט אייזערנע שטאַכעטן, געפאַרבט אויף אַ גלאַנציקן שוואַרץ. אינעווייניק, פּלאַנט שכנא צו פארפלאַנצן אַ גאָרטן מיט בוימער, בלומען פארשיידענע צמחים און דאָס „פּאַלאַצל" זאָל שטיין אין שאָטן פון די ביימער ארומגערינגלט מיט די בייטן בלומען, אַז עס זאָל זיין אַ דערקוויקעניש פארן אויג...

ר׳ שכנא האָט ליב די נאַטור — אהבת נפש. אין די וואַרעם־בעדער, למשל, לאָזט ער זיך אַוועק אויף לאַנגע שפּאַצירן אונטערן געפלעכט פון די ביימער־אַלייען, ניט איינמאָל רייסט זיך ביי אים אַרויס פון מויל אַ שעפּטש: „מה נאה אילן זה". אינדערהיים כאַפּט ער זיך אַמאָל אַרויס מיט אַ דראָשקע צום פרייען פעלד, הינטער דער שטאָט און מאַכט אַזאַ „לשוח־בשדה", אַנטציקט זיך מיטן שפּיל פון זון און שאָטן, מיטן שאָרכן פון די בלעטער, מיט די שמעקעדיקע גראָזן. ניט איינמאָל פאַרפליט צו אים אַ שטיין, וואָס איינער פון די גויאישע שכנים, אַמאָל טאַקע פון אַ זונדל, אַ תכשיט פון איינעם פון זיינע אַרבעטער — וואַרפט אים נאָך...

אויך היינט ביים בויען דאָס הויז, שטעלן זיך אַוועק די גויאישע שכנים, שילטן, וואַרפן שטיינער אויף די יידישע מויערער, זיינען באַנאַכט משתין אויף די ציגל, פאַראומווערדיקן יעדעס שטיקל אָרט. אָבער שכנאָן, אַרט דאָס ווייניק. ער וועט נאָר אַרומצוימען מיט אַ פּאַרקן — זאָגט ער — אייזערנע שטאַכעטן, וועט שוין דאָס גאַיעס ניט וואָגן צוקומען אַהער.

יעדן טאָג כאַפּט שכנא ראָזען אַראָפּ אַביסל צייט פון זיין פאַרנומענקייט אין פאַבריק און פאַרפאָרט צום הויז. ער באַטראַכט — מעשה מבין — די ווענט, די פענצטער, די טירן, און אַ צופרידענער מיט זיך, מיט דעם שיינעם בנין, וואָס וועט אַ ליאַדע טאָג פאַרטיק ווערן, מונטערט ער דעם בוי־מייסטער:

— פּאָסטאַרעט אייך, ר׳ נחום! זעט עס זאָל אַרויסקומען אַ כלי נאה, טאַקע אויף חידושים, איר קענט דאָך די מלאכה!

נחום, אַן אָנגעכמורעטער שאָקלט מיטן קאָפּ.

— זשאַלעוועט ניט קיין פענצטער — מונטערט אים שכנא — א הויז האָט בטבע ליב א סך זון, ליכט!

— מען קען דעם רבונו־של עולם דינען אפילו אין א פינצטערער דירה — בורטשעט נחום.

— איי, וואָס איז שייך צו ריידן —מאַכט שכנא און גייט צו דער דראָשקע, וואָס וואַרט אויף אים אין מיט גאַס.

חדשים לאַנגע, איבער א יאָר דויערט בויען דאָס הויז. נחום לייגט אַריין זיינע כוחות און קענטעניש. ער דאַרט און קוואַרט, ער רייצט זיך אַליין, ער שפּילט א צו־להכעיס מיט זיך אַליין. ער האָט מורא, אַז דאָס ברעכן דעם נדר, וועט אים דערפירן צום — תהום, צום שאול־תחתית. ער קען אָבער שוין ניט צוריקגיין, יעדן טאָג גיט ער נאָך דעם יצר־הרע אַלץ מער און מער, און דער יצר־הרע מאָנט פון אים, שפּילט זיך מיט אים, ווי א קאַץ מיט א מויז, רייסט פון אים אַרויס, וואָס מער קענטעניש, וואָס מער קונצן, אַזוי ווי ביי דער שול — להבדיל — — —

— אַלע שמד־שטיק איך נאָכגעגעבן, ר' שכנאָן — רעדט ער צו זיך אַליין מיט טיפער קרענקונג — פּליטערלעך, צאַצקעס אויף די דרויסנדיקע ווענט, מאַרמאָרנע סלופּעס ביים אַריינגאַנג, פּאַסאַדן, אויסגעבויגעכצן, קריצונגען, רחמנא־ליצלן ווי די תאווה איז גרויס. דאָס טעלערל פון הימל גיב אים, וועט עס אים זיין ווייניק, און דאָס אַלץ ווען דער ייד איז ניט זיכער מיטן אייגענעם שאָטן. די גויים קריצן מיט די ציינער, וואָרטשען, אַז דער ייד צעלייגט זיך אומעטום...

— — — — — — — — —

שכנא ראָזען מיט זיין הויז־געזינט, האָבן זיך אַריינגעצויגן אינעם נייעם הויז, וואָס איז געשטאַנען אויסגעפּוצט, למראות־עין: צוויי מאַרמאָרנע קופּאָלן, האָבן געגלאַנצט ביים סאַמע אַריינגאַנג צו דער פראָנט־טיר. ביי די פיר עקן האָבן זיך אַרויסגעהויבן פּאַרקיילעכטיקטע טורעמלעך, איבער די פענצטער און טירן — געשניצטע קאַרניזן, די ווענט אינדרויסן — ברוינלעך גלאַנציק. א לאַנגער פּאַרקן האָט אַרומגענומען די געביידע. דורך די שיטערלעכע שטאַכעטן, האָבן מענטשן אַריינגעקוקט, ניט געקענט אָנזעטיקן זיך מיט שכנאס „רוב עשרו”...

— נחום, האָט דאָ אַריינגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט, עס וואָלט אים געסטייעט פאַר עטלעכע הייזער — ריידן מענטשן צווישן זיך.

— אַזעלכע אויפּטועכצן, קונצן, ווי אין דער שטאָט־שול, להבדיל.

— געזען די באַפּוצונגען, די פאַרבן, אַזוי ווי אין דער שול. א חידוש אויף נחומען!

— שכנא וויל דוקא א בנין איינס אין שטאָט, מאַ, גיי האָב טענות...

— — — — — — — — —

א חנוכת־הבית פּראָוועט שכנא מיט אַ ברייטער האַנט. ער איז אַלעמען מכבד מיט כּל־הגוטס, אָרעם און רייך, קליין און גרויס.

יידן זיינען טועם, שטופּן זיך צום אויבן־אָן, ווינטשן שכנאן „לחיים". האַלטן זיין ווייבע, אויסגעצערטלטע האַנט:

— איר זאָלט זוכה זיין, ר' שכנא, צו אריכת ימים אין אייער נייער דירה!

— קיין עין־הרע, אַ דירה ביי אייך, אַ מלכות. זאָל אייך דער רבונו־של־עולם געבן הצלחה!

— פאַרנוצט אַלץ געזונטערהייט!

— זאָל גאָט העלפן, עס זאָלן זיין רואיקע צייטן, מען זאָל, חלילה, ניט וויסן פון קיין צרות —ברומט אַ ייד אין זיין ברייטער באָרד אַריין — ביטערע צייטן אין פּוילן. אַ ייד האָט זיך פּשוט ניט וווּ אַהינצוטאָן.

— שווערע צייטן, ווער ווייסט, וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אַז אַ ייד בויט זיך היינטיקע צייטן אַ הויז דאַרף ער רחמים, לחיים!

ביי אַ ווינקל פון טיש זיצט נחום דער מויערער. ער זעט דאָ אויס ווי אַן אומ־געבעטענער אורח אויף אַ גבירישער חתונה. די שבתדיקע בגדים ליגן אויף אים צעקנייטשט, פּאַסן ניט צו זיין פּנים, דורכגעאַקערט מיט ווינטן, רעגנס, זון; די הענט זיינע — אָדערדיקע, פאַרהאַרטעוועטע, רוען אויף דעם זוים פון טיש, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט כּל־טוב. ער טוט אַ זופּ פון גלעזל מיט בראָנפן ברעכט אָפּ אַ כזית פון אַן אייער־קיכל. עס גלוסט זיך אים קרעכצן, נאָר ער האַלט זיך איין, כּדי אום שבת ניט אַרויפשלעפּן אויף זיך נאָך מער טרויער...

ה.

קוים עטלעכע חדשים וואוינט שכנא מיט זיין הויז־געזינט אין זיין נייעם פּאַלאַץ.

אינעם עק שטאָט, האַרט ביי די „פּיאַסקעס" ווּו עס ליגן בערגער זאַמד צו פאַרהאַלטן דעם אָפּפאַל פונעם קליינעם טייך, ליגט דער שטרוי־מאַרק. דאָס איז אַ פאַרחושכטער, אָפּגעלאָזענער פּלאַץ. איינמאָל אין וואָך קומען זיך דאָ צונויף פּויערים און פּויערטעס פון די דערפער אַרום, ברענגען צו שלעפּן אויף וועגענער, אָדער טרייבן אָן צופוס חזירים, קליינע און גרויסע, זיי צעלייגן זיך אינעם רשות־הרבים פון מאַרק מיט געקוויטש, געיאָמער, מישן זיך אויס מיט די קולות פונעם „גאַיעס" און עס גייט אָן אַ האַנדל, מיט אַ האַנט־פּאַטשעריי פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט.

אַרום דעם שטרוי־מאַרק ציען זיך ווי אָדערן אויף אַ האַנט קליינע, ענגע געס־

לעך, פאַרחושכטע, פאַרשעמטע, בלויז די יידישע אָרעמקייט, דער דלות נעסטיקט אין זיי.

די הייזער אין די געסלעך, שטייען קוים, וואַרטן אויף דער מינוט ווען זיי וועלן זיך אוועקליינען, אויסרוען די מידע ביינער אויף די עלטערע יאָרן. די ווענט פון די הייזער זיינען אונטערגעפוילטע, די אויסגעהאַקטע שויבן פון די פענצטער זיינען פאַרשטאָפּט מיט שמאַטעס, דורך די דעכער רינט אריין דער רעגן, און מייז, שטשורעס, פאַרבלאָנדזשעטע קעץ, פירן דאָרט אָן אן אייגענע מלוכה.

דאָ וואוינען יידישע טרעגערס, קאַטאַרינקאַזשעס, מדינה־גייער, קאַליקעס, — אַלץ אָזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געחלומט צו דערגיין צו די רייכערע גאַסן פון שטאָט.

אין די טעג, ווען דער דייטש צעליגט זיך אין די שטעט און שטעטלעך פון פוילן, גיט מען אַרום אַ באַפעל, אין שטרוי־מאַרק מער ניט צו האַנדלען מיט חזי־רים, נאָר מען זאָל דאָרט אריינטרייבן טויזנטער יידישע נפשות פון שטאָט.

שכנא ראָזען מיט זיין גרוים הויז־געזונט, האָבן זיך באַזעצט אין אַ בוידעם־שטיבל, אין דער דירה פון טרעגער, דער שוואַרצער קיווע. אין שכנאס פּאַלאַצל, וואוינט איצט אַ דייטשער אָפיציר, דער הויפּט און נייער הערשער פון דער שטאָט — — —

אין דעם זעלבן חרובדיקן הויז, וווּ שכנא האָט זיך באַזעצט, האָט מען אויך אריינגעפּאַקט דעם מויערער נחום מיט זיין ווייב און טעכטער. יעדן פרימאָרגן האָבן זיך די דריי יידן באַגעגנט. דער שוואַרצער קיווע איז אַרום אין גאַס זוכן עפּעס אַ פאַרדינסטל, נחום שלייכט זיך אַרום גאַנצענע טעג מיט אַ גריזשעניש אין האַרצן, ער קען זיך ניט שענקען, וואָס ער האָט זיך געלאָזט איבעררייידן פון יצר־הרע און געבראָכן זיין שטומען נדר, און שכנא ראָזען שלעפּט זיך אַ דערשלאָגענער אינעם בית־המדרשל פון שטרוי־מאַרק, זאָגן תהילים, אָדער אַוועקזעצן זיך און אריינ־טראַכטן אין דעם, צו וואָס פאַר אַ מדרגה אַ מענטש קען דערגיין, אָדער פאַלן...

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען נחום ברומט אַרויס זיין רויען „גוט־מאָרגן" צו שכנאן, לאָזט ער פאַלן עטלעכע ווערטער

— האַ, ר' שכנא? נו, וואָס איז דאָס אַלץ מיטאַנאַנדער? גאָרניט. דער שטרוי־מאַרק, דער הימל, אַ וועלט. אָט איז זי די וועלט...

— וואָס איז דאָ אריינצוטראַכטן — מאַכט שכנא מיט אַ געבראָכענער שטי־מע — געווען אַמאָל אַ וועלט, געווען אַמאָל אַ שכנא ראָזען און מיט איינמאָל אויס... וואָס איז פאַראַן צו ריידן?

— געריסן זיך פּאַלאַצן צו בויען, ר' שכנא, האַ? מיט פּליטערלעך און קונצן. שטייט עס דאָס הויז, דאָס פּאַלאַצל אייערס, מיט גרויסע פענצטער, מיט די פּאַסאַדן,

קארניזן און דער ימח־שמו געוועלטיקט דארט אין די חדרים און צאפט יידיש בלוט — — —

— מען שמועסט, אז מען וועט אונדז אלע פונדאנען משלח זיין — רייסט זיך דער שווארצער קיווע ארויין אין נחומס רייד — יעדן טאג כאפט דער דייטש ארויס מחנות יידן און טראנספארטירט זיי ערגעץ אוועק. ווער ווייסט וואוהין?

— וואס איז שוין די נפקא־מינא? — קרעכצט שכנא — וואוהין.

די דריי יידן צעגייען זיך אינעם גרויען פרימארגן, יעדער זיין באזונדערן וועג.

ו.

איינציקווייז רוימט דער דייטש ארויס אלעמען פון די געסלעך ארום שטרוי־מארק. אין די פרימארגנס, ציען איצט פארטיעס צעבראכענע, דערשלאגענע יידן צו דער באן און פון דער באן — ערגעץ אין א וויסטן חושך אריין.

מיט איינער אזא מחנה יידן שלעפט זיך שכנא ראזען. אפגייענדיק עטלעכע גאסן אויפן וועג צו דער באן, שטעלט ער זיך פלוצלינג אפ, הייבט אויף די אויגן צום הימל און צעשרייט זיך געהאריש:

— קרוב זיבעציק יאר, האב איך דיך געדינט רבונו־של־עולם! היינט, האסטו אונדז איבערגעלאזן אויף הפקר, הפ — קר!

דאס לעצטע ווארט בלייבט אים שטעקן אין האלדז. דער געשריי ווערט אי־בערגעריסן אינמיטן. עס סטייען אים מער ניט די כוחות, ער פאלט אום אין מיטן וועג, ווי אן אונטערגעהאקטער סלופ.

— אוים מיט ר' שכנא ראזען — שעפטשעט א פארמאטערטער ייד פון דער מחנה — עס איז אים שוין וויילער ר' שכנאן, ווײלער פון אונדז — — —

— אוים מיט ר' שכנאן — כאפן אנדערע אונטער.

מיט די לעצטע יידן פון שטאט טרייבט מען דעם מויערער נחום.

אן אימהדיקע פוסטקייט הערשט איצט אין די אלטע הייזער, אין די ענגע געסלעך ארום שטרוי־מארק. ניטא מער קיין יידיש לעבן אין דער שטאט נעבן דעם בלויען טייך „פיליצא”.

ז.

ער איז אנגעקומען צום ראנד פון אפגרונט א ביסל א פארשפעטיקטער, דער מויערער נחום. ער איז שוין געווען פון די לעצטע יידן, וואס דער מלאך־המות, האט ניט באוויזן צו פארכאפן. זיין קרעפקער גוף, זיינע אויסגעפראצעוועטע הענט און דאס. וואס ער איז א גוטער בעל־מלאכה רייסט אים א סך מאל ארויס פון די

טויטן־קאַמערן. ער איז שוין אײַנגאַנצן אײַנגעבראָכן, אָבער אין מוח קנוילט זיך אַ פּלאָנטער, צערייסט די געהירן, צעשפּאַרט דעם שאַרבן. ער קען זיך בשום־אופן ניט מוחל זײַן פאַרוואָס ער איז געבליבן לעבן? פאַרוואָס האָט דער רבונו־של־עולם אים אויסדערוויילט פון דער גאַנצער עדה יידן פון זײַן היים־שטאָט, דווקא אים, נחום דעם מויערער? וואָס משטיינס־געזאָגט איז ער דאָס אײַנגאַנצן? אַ פּשוטער בעל־מלאכה, וואָס קען קוים זאָגן תהלים, דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, ווי אַלע יידן אין דער גאַנצער וועלט, דאָס אײַנגאַנצן און גראָד אים, האָט מען געלאָזט לעבן... פאַרוואָס קומט עס אים? ער איז דאָך גאָר אַ זינדיקער, געבראָכן אַ נדר — — —

די געדאַנקען מאַטערן אים: און אפשר איז ער געבליבן לעבן, כדי אויסצופירן אַ שליחות? אפשר — — —

— — — — — — — — —

אין יענע טעג, באַלד נאָכן גרויסן חורבן, שלעפּן זיך אויף די פּוילישע וועגן אײַנזאַמע געשטאַלטן, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, אײַנגעדאַרטע. זיי ציען צו זייערע אַמאָליקע היימען, ווי בלאָנדזשענדיקע חיות צו דער — נאָרע. איינער פון די וואַנדערנדיקע איז נחום דער מויערער. זײַן גוף איז אויסגעדאַרט און געבויגן. אַ באַוואַקסענער מיט אַ קאָפּ גרויע האָר, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט ברענענדיקע אויגן, ווי ביי אַ בלאָנדזשענדיקן וואָלף, שפּאַנט ער איבער שטעט און שטעטלעך אויסגעליידיקטע פון אַ יידישן נפש. ער שאַרט זיך אויף אומוועגן, דורך הינטער־געסלעך, גוייִשע אויגן קוקן אים נאָך מיט רציחה, באַוואַרפן אים מיט שטיינער, רייצן אָן אויף אים הינט, שעלטן:

— פאַרכעדיקער ייד, זון פון טייוול, פאַרשאָלטענע נשמה, וועלכע כאָלערע האָט דיך צוריק־געבראַכט?

נחום קוקט זיך ניט אום, נאָר שפּאַנט מיט די לעצטע כוחות ווייטער און ווייטער.

— דו הינטישער זון, זאָלן אַלע כאָלערעס פרעסן דײַן לייב! הינטיש־בלוט!

אומעטום פאַרטויבן אים די קלאַנגען פון די קלויסטער־גלאָקן, וואָס קומען אים אַקעגן, וויינענדיקע, הילכנדיקע מיט ווּיסטער בשורה. אומעטום שטייען די שולן — חרובע, מיט אויסגעהאַקטע שויבן, אַראָפּגעריסענע דעכער. אין אַ סך שטעטלעך איז פון די שולן געוואָרן — שטאַלן פאַר בהמות. אין אַנדערע וואוינען גוייִשע משפּחות, די ווענט זײַנען באַצירט מיט צלמים קליינע און גרעסערע. באַגעגנט ער ערגעץ אַ פּנים מיט טרויעריקע יידישע אויגן, ווייכט דאָס פּנים פון אים, יענער באַהאַלט זיך אויס, אַנטלויפט מיט שרעק, ווי פאַר אַ ניט־גוטן.

די פיס שלעפּן אים קוים, אין דער ברוסט שטעכט מיט פייערדיקע נאָדלען, נאָר ער שפּאַנט מיט די לעצטע כוחות פאָראויס. אַ ווילדער פאַרלאַנג ברענט אין

אים, וואָס שנעלער — כל־זמן די פיס טראָגן נאָך, דאָס האַרץ קלאַפּט נאָך — אָנ־צוקומען אינעם היים־שטעטל, כל־זמן עס איז ניט צו־שפּעט.

אין אַ שפּעט־זומער פאַרנאַכט קומט ער אָן אין זיין היים־שטאָט. ער קען דאָ יעדעם ווינקעלע, שטעגעלע, יעדעם שטיינדל איז אים באַקאַנט. ער שרעקט זיך ניט מער פאַר קיינעם. ער באַגעגנט עטלעכע שטאָט־איינוואוינער, באַקאַנטע גויים, זיי קוקן אויף אים מיט רציחה, האַס. זיי וואַרפן אויף אים ביטערע קללות. די גע־שפּאַנטקייט אין זיין אויסגעמוטשעטן גוף — לאָזט נאָך, עס באַהערשט אים אַ רואיקייט, ווי ביי אַ מענטשן, וואָס איז אַלע שטרויכלונגען בייגעקומען און שטייט פּנים־אל־פּנים פאַר אַ גרויסער, פריידיקער בשורה.

שפּעט אין דער נאַכט שלייכט ער זיך צו דער שול. זי שטייט אין איר גאַנ־צער פולקייט, נאָר די פענצטער זיינען אויסגעבראָכן, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. פון אינעווייניק טראָגט זיך אַ הירזשען פון פערד און אַ געשטאַנק. ער גלעט אין דער פינצטערניש די ציגלנע ווענט, די גרויסע טיר, ער וווּנדערט זיך, וואָס אין דער טיפער נאַכט רופן אים ניט די שדים אין שול אַריין, מכבד זיין מיט אַן „עליה צום ספר" — — — באַלד ניכטערט זיך אויס דער געדאַנק אין מוח: שדים וועלן ניט פּראַווען זייערע שטיק אין אַ פערד־שטאַל...

עס איז שפּעט אין דער נאַכט. אין שטאָט איז שטיל, אומהיימלעך שטיל. נחום קריכט זיך צו צו שכנא ראָזענס הויז.

דאָס „פּאַלאַצל" שטייט אין מיטן גאָרטן אין דער פולער שיינקייט, מיט די מאַרמאָרנע קופּאָלן, אַרומגערינגלט מיט ביימער, הויכע, מיט אויסגעשטרעקטע צווייגן און פולע בלעטער, זיי באַשיצן דאָס הויז מיט זייער שטאַנדיקייט, בלומען פאַרשפּרייטן פיינע ריחות. אויף דעם פאַרקן אין פראָנט, הענגט אַ גרויסע שילד מיט ריזיקע אותיות, וואָס נחום לייענט ביים בלאַסן לבנה־שיין: „דאָס הויז פון אונדזער פּוילישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע". אַ שוידער לויפט אים דורך אין לייב. ער קען גוט די פּוילישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. „וויפיל גלגולים דאָס הויז האָט דורכגע־מאַכט פון איין טומאה אַרויס אין דער אַנדערער אַריין"...

אינעם פּאַלאַצל איז שטיל און פינצטער.

נחום באַקומט זיך אַריין אין גאָרטן, שאַרט זיך פּאַמעלעך ביים הויז פון איין וואַנט צו דער אַנדערער. טרעט איבער בייטן בלומען. ער באַקומט אַרויס פון זיין בגד אַ בלעכן קענדל מיט אַ פליסיקייט, באַגיסט די ווינקל־ווענט, די טירן, די גראָזן און צינדט אונטער דאָס הויז.

* * *

קליינע פלעמלעך פלאַקערן אויף, פון די קליינע פלעמלעך גיט דאָ אַ ריס אַ גרויסער פלאַם, נאָך אַ גרעסערער, אַ ווילדערער, אַ פרייידיקער. ער שאַרט זיך אַרויס פון גאָרטן, לויפט איבער אַ פאַרוואַקסן פעלד און פאַלט אַוועק אויף דער ערד, ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים.

מיט די הוילע הענט גראָבט נחום אַ גרוב, פאַקט זיך אַריין אינעם גרוב און ווענדט דאָס פנים צום ברענענדיקן הויז. ער זעט ווי עס פלאַקערט, ווערט פאַר־לענדט. צונגען פייער לעקן אַרום די ווענט, איין צונג שלינגט איין די אַנדערע; די פלאַמען נעמען זיך אַרום, גלעטן זיך ליבלעך, רייסן זיך שקאַציש אַלץ העכער און העכער. ער הערט געוואַלדן פון מענטשן: מען רופט נאָך הילף, מען שרייט, שטעטלשע פייערלעשער קריכן אויף לייטערס, שפּריצן וואַסער, און דאָס פּאַלאַץ ברענט, יעדעס מאָל זעצט אַרויס פון אַן אַנדער ווינקל אַ פלאַם־פייער...

נחום ליגט אַ גאַנצע נאַכט אין פיבערדיקער פרייד. ווען דער פרימאָרגן ברעכט אויף מיט ליכט, זעט ער: די סילועטן פון חרובע ווענט פון וועלכע עס גייט אויף צום הימל אַ שטיקנדיקער שוואַרצער רויך.

מיטן לעצטן ביסל כוח, גראָבט ער דעם גרוב טיפער, טיפער.

אַ גאַנצן טאָג ליגט ער אין גרוב, וואַגט ניט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. די ערד זאַפּט איין די ציטערן פון זיין לייב, דעם שמאַך פון זיינע גלידער. די כוחות פאַרלאָזן אים שוין אינגאַנצן, דאָס האַרץ קלאַפּט קוים, קוים. אין מוח פלאָנטערט זיך אים די פרייד פון נצחון אינאיינעם מיט אַ לויב צום באַשעפער, וואָס האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט, געגעבן כוחות, אים געהאָלפן חרוב מאַכן זיינע אייגענע מעשי־ידי, דאָס הויז איבער וועלכן ער האָט געמוזט ברעכן דעם נדר. ער האָט אויס־געפירט זיין שליחות...

דער אָוונט פאַלט צו. אַ קעלט שטייפט זיינע גלידער, אין די שלייפן, אין די פלייצעס זעצט אַ שטעכיקע היץ, ווי פייערדיקע נאָדלען וואָלטן זיך איינגעשפּיזט טיפער און טיפער. די אויגן שליסן זיך אים שווער. ער קען שוין ניט מיט קיין אבר פון לייב אַ ריר טאָן, נאָר די פאַרשמאַכטע ליפּן עפענען זיך לייכט, מיט אַ שעפּטשען: „בידך אפקיד רוחי"...

אַ שפּיטאָל אָן קראַנקע

אין אַ טריבן הערבסט־טאָג איז לייב זאַנג אַריינגעפאַלן אין אַ שטעטל אין דער בורגאָניע, אַ געגנט פון וויין־גערטנער און פון אַלטע מידע פּריצישע שלעס־סער. די טונקעלע, קרומע געסלעך, האָבן אים פאַרכאַפּט מיט זייער מאָלעריש אַלט־פרענקישן אויסזען. עס האָט זיך אים, אינעם ערשטן אויגנבליק געדאַכט, אַז ער גע־פינט זיך אין אַ פאַרכשופטן קעלער, מיט טיפע קרומלעכע לאַבירינטן, פון וואַנען עס שטראָמען אַרויס ריחות, וואָס פאַרפירן, פאַרשכורן.

עטלעכע געבײַדעס זיינען געווען געבויט מיט די פאַדערשטע ווענט, ווי גראָב־בייכיקע פעסער און אין די פעסער — קלײנינקע פענצטערלעך, ווו עס זיינען געלעגן פלאַשן פאַרוואַקסן מיט בלאָטע און שימל. ביי יעדער פלאַש — אַן אויפשריפט מיט גאָלדענע אותיות, אַזאַ מין יחוס־בריוו, וועגן עלטער און אָפּשטאַם פונעם וויין.

אין די יחוס־בריוו האָט זיך אויך דערציילט, אַז פון די ווײַנען געניסן קיסרים בשעת זייערע מאָלצייטן. דערביי זיינען געווען אויסגערעכנט אַ שפּאַרע צאָל נע־מען פון מאָנאַרכן אין דער גרויסער וועלט, וואָס פון זייערע טישן גייט קיינמאָל ניט אַראָפּ די דאָזיקע מיוחסדיקע משקה.

לייב זאַנג האָט געקוקט אויף די ווײַנען. פּלוצלינג האָט ער געהערט ווי איי־נער רעדט צו אים:

— עה, מיין פריינט! מען קען זיך דערכאַפּן די נשמה מיט אַזאַ געטראַנקל, דערוואַרעמען די אַלטע פאַרפרוירענע ביינדלעך, כע־כע־כע!

אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, האָט זאַנג דערזען אַ נידעריק פויערל געהילט אין אַ שוואַרצן כאַלאַט, מיט אַ שוואַרץ ברייט־ראַנדיקן הוט אויפן קאָפּ, ווי עס טראָגן די פויערים אין דער בורגאָניע. דאָס פויערל, האָט מיט רויטלעכע, אָנגעלאָפּע־נע

און לאַכנדיקע אויגן, געווונקען צו זאַנגן און צו דער לאַקנדיקער משקה אינעם פענצטער. ער האָט געפּלאַפּלט צעהיצט פון די אייגענע רייד:

— ווי דו זעסט, מיין פריינט, איז דאָס אַלטער בורגאַניער, קענסט דיר מיט אַזאַ פּלעשל דעם מאָגן ניט פאַרדאַרבן, און פאַר אַזאַ יונגן בחור ווי דו, איז עס פייער צום בלוט. עס קען דיך אַזוי צעהיצן, ווי אַ יונג פערדל. קענסט דיך פאַר־לאָזן אויף דעם אַלטן זשאַן, ניט איין גלאָז פון דעם אַריינגעגאָסן שוין אין דאַרן בויך, אָט ווי דו קוקסט מיך אָן.

דאָס באַרעדעוודיקע פּויערל מיטן פריילעכן געמיט, האָט זיך צעלאַכט און זאַנג האָט אַנווייזנדיק אויף די פּלעשער אין פענצטער געזאָגט:

— אַזאַ אַלטן ווייַן זע איך טאַקע צום ערשטן מאָל.

— ווי איך זע, ביסטו אַ פרעמדער — צעגאַרטלט זיך דאָס פּויערל, ווי ער וואָלט אַנטדעקט אַן אוצר — עס שמעקט דיר ניט אָן אָט־אָ דאָס? איך מיין אַ קאַפּעטשקע כאַטש, די צונג בלויז צו באַנעצן? אין אַזאַ קאַלטן טאָג, ווי היינט וועט עס דערוואַרעמען. וואָלסט ניט געוועזן אַ בעלן אָט אויף אַ יענעם פּלעשל דאַרטן, אינעם ווינקל? איבער צוויי הונדערט יאָר אַלט, מיין פריינט?

— איך בין ניט קיין טרינקער — שמייכלט זאַנג — עס שמעקט מיך אפילו ניט אָן.

— איז וואָס טוסטו דאָ? ביי אונדז אין שטאָט דרייט מען זיך ניט אַרום סתם אַזוי מיט אַ ניכטערן מאָגן, און טרוקענער צונג. דאָ קומט מען נאָר אַ לעב טאָן! וואַרט, אפשר ביסטו נאָר אַ סוחר, געקומען אויף אונדזער יאַר־יריד, אפשר ביסטו נאָר אַ מעקלער, אַ רייזנדער, אַן אַרטיסט, אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט אפשר אָפּנעמען אַ שטיקל ירושה געטראָפן, האַ?...

— ניין ניט געטראָפן, מיין אַלטער! — שלאָגט זאַנג איבער דעם שטראָם־רייד פונעם פּויערל — איך בין פאַרביינעפּאָרן ביינאַכט, געוועזן מיד, האָב איך זיך סתם אַזוי אָפּגעשטעלט. איך האָב גאָרניט געוווּסט, אַז מען קען דאָ אַ לעב טאָן, זיך פאַרשכורן מיט הונדערט־יאָריקן ווייַן. עס איז גאַנץ שיין ביי אייך, וואוילע מענטשן, העפלעכע.

דאָס פּויערל צעשמייכלט פון זאַנגס לויב־רייד צערעדט זיך ווייטער:

— אויב מען קומט שוין יאָ צו אונדז, מוז מען באַנעצן די צונג מיט אַ גוט ביסל ווייַן, קיין אַנדער געטראַנק איז דאָ ניט פאַראַן. וואַסער טרינקען בלויז ביי אונדז די זשאַבעס פון טייך און די פיש. אויב האָסט חשק פאַרברענגען מיט אמתע פריינט, טאָ לאָמיר זיך אַריינכאַפּן אין דער קרעטשמע פון „פּאָטער רייַ־מאָנד״ אָט־אָ דאָרט קעגנאיבער. אַ גלעזל וועט אונדז ביידן ניט פאַרשאַטן.

— גוט, בלויז איין גלעזל!

זיי זיינען אריין אין אן אלטער, האלב־טונקעלער קרעטשמע. ביי הילצערנע טישן זיינען געזעסן מענטשן אין דארפישער און שטעטלשער קליידונג. באמעלעך, מיט הרחבת־הדעת און מיט א קהלת־געמיט פון „מע וועט גארניט פארשפעטיקן", האבן זיי פון טיי־גלעזער געזופט רויטן ווייץ, גערעדט וועגן וועטער, גערעטענישן, הויז־ווירטשאפט און — פרויען. דאס פויערל ביי זאגנס זייט, האט א פריילעכער ארומגעטענצלט. זיינע דריבנע אויגן, האבן געגלאנצט מיט דער תאוה פון א שכור, וואס דערוואַרט נאך אן איבעריקן טרונק. א פריילעכער האט ער אויסגערופן:

— העי, פאטער רעימאנד! דערלאנג צום טיש עטלעכע פלעשלעך! מיין נייער פריינט וויל אלעמען מכבד זיין. ער אליין איז ניט קיין טרינקער, לאמיר אים וויזן, וואס מיר קענען, כי־כי־כי!

דער עולם ביי די טישן האט אויף לייבן אנגעשטעלט אויגן פול מיט חידוש. דאס פויערל האט אים שנעל אונטערגערוקט א שטול און איידער ער האט זיך נאך רעכט אומגעקוקט, האט דער באלעבאס פון דער קרעטשמע, א צעיאכמערטער, פו־לער פראנצויז, מיט וואנסעלעך פארשפיצטע ארויף, אוועקגעשטעלט אויף א טישל עטלעכע גרויסע פלאשן מיט גלעזער. דאס פויערל האט פיבערנדיק פון אומגעדולד, אנגעגאסן די גלעזער ביז צו די ראנדן, ניט ווארטנדיק אויף כיבוד, האט ער דער ערשטער מיט איין שלוק אריינגעגאסן אין זיך דאס פולע גלאז און מיט א פאר־שעמטן שמייכל פון א פריילעכן קבצן, עס גלייך אנגעפולט אויפסניי.

— ווי דו זעסט, מיין פריינט — נעמט דאס פויערל ריידן אין אן אינטימען טאן און באלעקט מיט דער צונג, ליפן און וואנסעס — מיר גרייטן זיך דא צום גרויסן יריד, וואס הייבט זיך אן איבערמארגן. מען וועט דא פארקויפן אויף ליציטאציע די עלטסטע פלאש ווייז. דער וואס קויפט אזא פלעשל, און נעמט א קאפעטשקע אויף דער צונג, ווייסט שוין איינמאל פון א טעם גן־עדן, און אויב ער איז נאך פון דעם מכבד א יונג ווייבל מיט א גלעזעלע נו, נו, האט ער א דאפלטן גן־עדן...

די באקן ביים פויערל האבן געפלאמט, די אויגן האבן ביי אים געגליט פון עולם־הזהדיקער הנאה. די איבעריקע לייט, האבן שנעל אויסגעליידיקט די פלאשן, באשטעלט פרישע און זיך ארייגעלאזט אין רייד, ווי זיי וואלטן וועלן אויסשעפן אלע תענוגים, וואס אזא שעה קען געבן. לייב זאגנג, א געפלאגטער ייד פון פוילן, וואס האט שוין אויף זיינע פלייצעס אויסגעטראגן הונגער, פאגראמען, יארן פון פיין, אנגעקומען קיין פראנקרייך און זיך דא דערשלאגן צו דער מערכה פון א קאמי־וואיאזשאר — האט מקנא געווען דאס פריילעכע פויערל וואס ער געפינט פרייד, לעבנס־לוסט אין א גלאז זויערלעך, זיסן ווייז.

— זאג מיר, איך בעט דיך, — מאכט לייב צום פויערל — איך בין טאקע דא א פרעמדער, אבער איך וואלט וועלן וויסן מיט וואס דער היגער ווייז, איז אזוי

באַרימט? די פלאַשן אין די וויין־געשעפטן, זיינען דאָך עפּעס טאַקע גאָר גאַנצע מיוחסים.

דאָס פּויערל זשאַן און די לייט אַרום, האָבן אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער, ווי זיי וואָלטן אָקאָרשט געהערט דאָס אויסטערלישסטע נאַרישקייט. זשאַן האָט געבכאָבאַטשעט:

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט, ווער האָט פון דעם ניט געהערט? אויב דו האָלטסט אונדז פאַר אַזעלכע, וואָס מען קען זיי אָפּנאַרן, אַרט עס מיך אויך ניט. ביסט אַ בראַווער יונג, האָסט מכבד געווען מיט אַ גלעזל, וועל איך דיר דערפאַר דערציילן:

ער האָט ווידער אַריינגעצויגן אַ גלאָז, מיט פאַרהאָרעוועטע פינגער אָפּגעווישט די וואָנצעס און גערעדט:

— געווען איז עס מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אַלץ איז דאָ געווען פוסט, בלויז אַ ביידל איז דאָ געשטאַנען, דריי איינזאַמע מאָנאַכן, נזירים האָבן דאָ גע־וואוינט. איינמאָל, ווען עס איז זיי געווען זייער אומעטיק אויפן האַרצן, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט טראַכטן ווי אַזוי זיך פריילעך צו מאַכן. איז זיי איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק: פאַרפלאַנצן וויין אויף דעם קליינעם שטח. קלוגע חברה־לייט געווען, געוווּסט, אַז מיט וויין קען מען מער דערפרייען מענטשלעכע הערצער, דער־הייבן געפאַלענע נשמות, בעסער ווי מיט תפילות און סתם רייד. זיי האָבן געפלאַנצט וויינשטאָקן, געקעכלט די שפּראָצונגען ווי טייערן צירונג, ביז עס האָבן גענומען וואַקסן טרויבן, וואָס זייער וויין איז באַרימט געוואָרן אויף דער גאַנצער וועלט. מיט יאָרן שפּעטער, ווען עס האָט זיך דאָ אויפגעבויט אַ שטעטל האָט מען אויף דעם זעלבן אָרט אַוועקגעשטעלט אַ שפּיטאָל. אויסגעהאַלטן ווערט ער טאַקע פון די הכנסות פונעם וויינגאָרטן, וואָס די מאָנאַכן האָבן פאַרפלאַנצט. וואַרט נאָר צו, מיין פריינט — האָט זשאַן אַ ווונק געטאָן מיט זיינע פריילעכע אויגן, און פאַרענדיקט די באַ־טעטישע געשיכטע — וועסט עפּעס זען אויפן יריד. עס איז אַ יום־טוב, וואָס אַזוינס זעט מען אפילו ניט אינעם גרויסן פּאַריז.

2

לייב זאַנג האָט זיך געזעגנט מיטן פּויערל, צוגעזאָגט מאָרגן ווידער זיך צו טרעפן אין דער קרעטשמע פון „פּאָטער ריימאָנד". ער האָט געטראַכט, עס איז כדאי צו בלייבן אַן איבעריקן טאָג, בייצוזיין דעם יום־טוב. ער האָט געדונגען אַ צימער אין אַ האָטעל. דורך דעם האַלב־רונדן, געשניצטן פענצטער פון צימער, האָט מען ווי אין אַן אַנטיקוואַרער ראַם, געזען אַ שטיק פון שטעטל: די הייזער מיט קרומ־לעכע, הילצערנע דעכער, ווייסע ווענט, באַפּוצט מיט ברוינלעכע לאַדנס, גרינע טירן,

האָבן געשאַפן אַ שטימונג פון היימישקייט. אינמיטן שטעטל איז געשטאַנען, ווי אַ בכבודיקער יחסן, די שפּיטאָל־געביידע, מיט קאַרניזן, קאָלומנען, פּאַסאַדן, האַנט־שניצערייען, פאַרשפּיצטע טורעמלעך.

דעם זעלבן טאָג האָט ליבּ זאַנג זיך אַריינגעכאַפּט אין די שפּיטאָל־זאַלן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַרכאַאישע קונסט־ווערק: די סופיטן — געוועלבט מיט האָליץ פון אַ קאָליר פון צייטיקע קאַרשן, די ווענט — מיט פרעסקן פון פלעמישער קונסט. די דילן — געפלאַסטערט מיט אַ מאָזאַיק פון שטיינדלעך, ווי אָריענטאַלישע טעפּי־כער. קיין איין קראַנקער, האָט זיך ניט געפונען אין די שפּיטאָל־זאַלן. די בעטלעך זיינען געווען גלייך פאַרבעט, מיט אַ ציכטיק ריטמישער שפּילעוודיקייט. קראַנקן־שוועסטערן אין ווייסער קליידונג און נאָנעס אין טונקל־בלויען געוואַנד, האָבן זיך שטיל געשלייכט פון ווינקל צו ווינקל, זייערע טריט זיינען געווען — שוועבנדיקע, די קאָנטורן און פּראָפילן פון זייערע בלייכע פּנימער, האָבן זיך געצייכנט אויף דעם פאַרביקן הינטערגרונט פון די ווענט, ווי מאַסקעס אויסגעהאַקט פון ווייסן מאַרמאָר.

ליבּ זאַנג איז אַרוים פון שפּיטאָל, דאָס פויערל, זשאַן, האָט שוין אויף אים געלויערט, ווי אַ געטרייער הונט אויף זיין באַלעבאָס. מיט זיין קוויטשנדיק געלעכ־טערל, האָבן ער ליבן, ווידער אַריינגעשלעפּט אין דער אַלטער קרעטשמע און באַ־שטעלט עפּעס, איבערצושווענקען זיין „פאַרטרוקנטן האַלדז". אויף ליבּס פאַרוווּנ־דערונג וועגן דעם שפּיטאָל אָן קראַנקע, האָט זשאַן געענטפערט מיט אַ האַלבן מויל, צוגעווינקען וואוילינגעריש מיט איין אויג:

— פונוואַנען זאָלן זיך דאָ נעמען קראַנקע? אַלע זיינען פאַרהאַרעוועט, האָבן קיין צייט ניט קראַנק צו זיין. דערצו ערב דעם יערלעכן יריד, ווי קען מען איינליגן אין אַ בעט? דער געפערלעכסטער קראַנקער אפילו, וועט זיך ניט נאַריש מאַכן, ליגן זיך אין אַ בעט אַריין, ווען ער ווייסט, אַז מאָרגן וועט זיך גיסן ווייַן, און די שענסטע מיידלעך פון דער בורגאָניע, וועלן טאַנצן אין די גאַסן. וואָס דאַרפסטו מיין פריינט, קראַנקע? קוק מיך אָן! איך בין שוין באַלד אַ זעכציקער. מיין גאַנץ לעבן האָרעווע איך אויף אַ פאַרם, האַלט אויס אַ ווייב מיט קינדער, בין קיינמאָל ניט קראַנק געווען.

— קיינמאָל ניט? — פרעגט זאַנג.

— עהי, עס מאַכט זיך אַמאָל, די גלידער נעמען שטעכן, דאָס ליבע ברעכט פון פיבער און מידקייט, גיס איך אין מיר אַריין אַ פלעשל וויין פון אונדזער פאַרזיי, און עס שווענקט אַראָפּ אַלע קראַנקייטן, אָנשיקעניש. פאָלג מיך, טו אויך דאָס זעלבע. לחיים!...

צומאַרגנס האָט זיך אָנגעהויבן דער יריד. פון אַרום און פון ווייט, זיינען אָנגעפאָרן אויטאָמאָבילן, פערד־וועגענער מיט פויערים בעלי־גופים, גרויס־שטאָטישע סוחרים, פיין־שמעקער, ווייןַ"קאָנעסעירס", זולל־וסובאַניקעס.

טויזנטער מענער און פרויען פון דער אַרומיקער געגנט, זיינען אָנגעפאָרן אין זייערע פאַרביקע טראַכטן. מיידלעך און ווייבלעך, אויסגעפוצט מיט ווייסע הויבלעך אויף די קעפ און פאַרבונדן מיט שלייערן, מיט ברייט־פאַלדיקע, קאָלירקע קליידלעך, מיט פאַרטוכער אויף די בייכער און אויף די פיס — הילצערנע געשניצטע סאַנדאַלן. זיי האָבן געקוויטשעט, געלאַכט מיט צעהיצטע פנימער, צעפלאַמטע באַקן, פולע זאַפטיקע ליפּן, גליאיקע אויגן פול מיט רייץ און תאווה. די מענער האָבן געטראָגן שווארצע לאַנגע כאַלאַטן, היט מיט ברייטע ראַנדן אויף די קעפּ און שטעקנס אין די הענט. די אַלע צונויפגעקומענע מענטשן, וואָס זייער איינציקע זאָרג איז איינצוהאַנדלען גוטע משקה, גוט אָפּצועסן און אַ הוליע־טאָן אויפן היימישן שטייגער, האָבן ווי קינדער זיך געשפּילט, געפרייט זיך מיט זייער וואווילזיין.

לייב זאַנג האָט זיך אַרומגעדרייט אויף דער שמחה, ווי אַן אומגעריכטער אורח. ער האָט אַרומגעזוכט זיין באַקאַנטן פויערל, אים אין ערגעץ ניט געפונען. מן־הסתם — האָט לייב געטראַכט — ליגט ער ערגעץ אין אַ וויין־קעלער, טרינקט און איז זיך משמח. ניט יעדן טאָג איז יום־טוב און ניט יעדן טאָג גיסט זיך וויין אין די גאַסן...

די ליציטאַציע האָט זיך אָנגעהויבן: אינמיטן מאַרק אויף אַן עסטראַדע, זיינען געשטאַנען די חשובי־העיר, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע קליידער. לעבן זיי, אויף אַ טיש — אַ צענדליק פאַרבלאָטיקטע פלאַשן. איינער פון די פּני האָט געהאַלטן אַ פּאַטעטישע רעדע. ער האָט גערעדט וועגן דעם שטאָטישן שפּיטאָל, ווי ער ווערט אויסגעהאַלטן פון די וויינטרויבן, וואָס וואַקסן אויפן אָרט, ווו די מאָנאַכן האָבן אַמאָל געוואוינט. מיט אַ רירנדיקער שטימע האָט ער גערעדט וועגן די קראַנקע און אַלטע לייט, וואָס ליגן אין שפּיטאָל, מען מוז זיי געבן אַ בעט, מעדיצינישע הילף, פון זייערט־וועגן ווערט דאָ דער וויין יאָר־איין, יאָר־אויס ליציטירט און פאַרקויפט. ער האָט געבעטן יעדן באַזונדער, היינט נאָך, דעם שפּיטאָל, מיט די אייגענע אויגן זען, ווי עס גייט דאָרט צו.

ער האָט געענדיקט רעדן. דער עולם האָט אים אַפּלאָדירט. באַלד איז דער וויין־פאַרקויף אַריין אין גאַנג: איינער פון די שטאָט בעלי־בתים, האָט אויפגעהויבן אַ פלאַש, דערציילט, אַז דער וויין איז איבער צוויי־הונדערט יאָר אַלט, דער וויין האָט איבערגעלעבט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, נאַפּאָלעאָנען, די וועלט־מלחמה. ער האָט אויסגערופן אַ גוזמאַדיקן פּרייז. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש, און די אַלטע מיוחסדיקע פלאַש איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ פּרייז פופציק מאָל אַזויפיל פון אַן עכטער פלאַש שאַמפּאַניער.

נאָך דער פּלאַש, האָט ער אויפגעהויבן אַן אַנדערע. געהאַלטן אין האַנט אײ־בער אַלעמענס קעפּ: „זי שטאַמט נאָך פון די צייטן פון די דריי אײנזאַמע מאַנאַכן — האָט ער געדונערט — עס איז אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר”.

טויזנטער פּאָר אויגן זײַנען געווען צוגעשמידט צו דער פאַרבלאַטיקטער פּלאַש: גיריקע אויגן, צעפּלאַמטע, שכורלעכע, תאווהדיקע. די פּלאַש האָט געריצט, גע־צאַפּלט אין אַלעמענס אויגן אין שכורלעכן טאַנץ.

די ליציטאַציע האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע שעה צייט, נאָכדעם האָבן מענטשן גענומען שטראָמען צום — שפּיטאָל. לייב זאַנג האָט זיך אויך מיטגעכאַפּט. אין אַלע זייטן האָט ער געזוכט זיין באַקאַנטן פויערל, זשאַן, און ניט געזען. ער איז אַריין אינעם ערשטן זאַל און צו זיין גרויס שטוינונג, האָט ער געזען אַלע בעטלעך פאַרפולט מיט חולאים, אַלטע און יונגע. מענער זיינען געלעגן אין איין זאַל, פרויען — אין אַ צווייטן. לייב איז געבליבן שטיין אַ פאַרבליפטער פון דעם בילד, וואָס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. טייל פון די חולאים האָבן געקרעכצט, אַנדערע האָבן געהאַט בלייכע פּנימער, געקוקט אויף די באַזוכער מיט רחמנות־בליקן און טרויער.

פונוואַנען האָבן זיך דאָ גענומען אַזויפיל קראַנקע? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — האָט דער יום־טוב שוין געזאָלט פאַרשאַטן? ער האָט געקוקט אויף די קראַנקן־שוועסטערן, יענע האָבן צניעותדיק געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געווען פאַרנומען מיט די קראַנקע. ער איז אַריין אין אַ ווייטערדיקן זאַל. אין אַ ווינקל אויף אַ בעטל האָט ער דערזען זיין באַקאַנטן פויערל זשאַן. ער איז געלעגן אַ צונויפגעקאָרטשעטער; מיט אויגן פול טרויער, האָט ער געקוקט אויף די באַ־זוכער. זאַנג איז צו אים צו און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס, מיין פריינט? ווי קומסטו אהער? היינט גאָר ביסטו קראַנק געוואָרן, ווען אין שטאָט גיסט זיך וויין און מיידלעך טאַנצן אין די גאַסן? האָסט זיך מן־הסתם איבערגעגעסן, צופיל געטרונקען.

זשאַן האָט זיך ניט קיין ריר געטאָן.

— פונוואַנען האָבן זיך דאָ גענומען אַזויפיל קראַנקע, ערשט מיט צוויי טעג צוריק זיינען דאָך אַלע בעטלעך געווען ליידיק.

זשאַן האָט אַ פאַרשעמטער געוואָנדן זיין פּנים צו לייבן. ער האָט אַ ניט־צופרידענער געוואָרטשעט:

— ניטאָ קיין יושר אויף דער וועלט, ניטאָ. זיי האָבן מיך געכאַפּט, מיך, אַן ערלעכן מענטשן, וואָס לעב אַלעמאָל פון פּראַצע און דאָ אַריינגעפּאַקט אויף גאַנצע דריי טעג און דריי נעכט. ביז איבערן יריד דאַרף איך דאָ ליגן אין געהאַקטע צרות, ניט נעמען קיין טראָפּן וויין אין מויל אַריין, נאָר זען, ווי עס גלאָצן אויף מיר נאָ־רישע ציגן און פרעגן בהמהדיקע שאלות, ווי איך פיל, צי מען באַהאַנדלט מיך גוט? איך דאַרף זיי ענטפערן, מאַכן אַ פרום פּנים און נאָכזאָגן אמן...

— ווער האָט דיך געכאַפּט און אַריינגעפּאַקט אויף דריי טעג, וואָס פּלאַפּלסטו?

— ווער עס האָט מיך געכאַפּט, פרעגסטו? די שטאָט־טאַטעס! די בעלי־טובות, די קהל־פּאַרזאָרגער, די רייכע ווייַן־סוחרים! די אַלע קראַנקע, וואָס דו זעסט היינט, זיינען ניט קיין חולאים, קיין איינער פון זיי איז ניט חולה, זיי זיינען געזונטער פון די פערד אין מאַרק...

דאָס פּויערל האָט געמאַכט אַ סודותדיקע מינע, אַ ווונק געטאָן מיט די אויגן און אַנטשוויגן געוואָרן.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט — האָט לייב אָנגעשטעלט אַ מכלו־מערשט פאַרחידושט פּנים — איך גלויב, אַז דו האָסט שוין היינט אַזויפיל געטרונקען, אַז דו ווייסט פּשוט ניט, וואָס דו פּלאַפּלסט.

זשאַן האָט זיך אויפגעריסן פון אָרט.

— איך האָב היינט געטרונקען? איך האָב נאָך מיין האַלדז ניט באַנעצט! עס איז דער ביטערסטער טאָג אין מיין לעבן!

אַ קראַנקן־שוועסטער איז צוגעקומען, אַ בליק געטאָן אויף זשאַנען און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ווען די קראַנקן־שוועסטער האָט זיך דערווייטערט, האָט ער גענומען ריידן שטיל:

— ביי אונדז זיינען פאַראַן ווייניק קראַנקע. דאָ טרינקט מען וויין — האָט ער צוגעגעבן מיט שטאָלץ — מען דאַרף דאָך אָבער אַ גאַנץ יאָר אויסהאַלטן דאָס שפּיטאָל און דעם וויין פון די מאָנאַכנס־פּאַרזיי, מוז מען פאַרקויפן פאַר אַ טייערן פּרייז, לייגט מען דעריבער אַריין אין די בעטן עטלעכע צענדליק מענטשן, מען הייסט זיי קראַנק זיין, כדי די באַזוכער זאָלן זען...

— וואָס באַקומען די „קראַנקע" פאַר די דריי טעג?

— זיי רוען זיך קודם אויס. קריגן צו עסן, אַביסל מזומנים, עטלעכע פלאַשן וויין. פאַראַן אַזעלכע, וואָס לויפן פרייוויליק נאָך דער מציאה. איך וויל דאָס ניט! איך קען ניט ליגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט. איין זאַך קען איך דיר זאָגן, מיין פריינט, אַז מען ליגט אין אַזאַ ציכטיק בעט עטלעכע טעג, עטלעכע נעכט און די שוועסטערן מיט זייערע פרומע פּנימער באַדינען דיך, מוז מען אויף אַן אמת קראַנק ווערן. עפּעס פיל איך זיך שוין ניט פויגלדיק היינט. דער מאָגן דרייט און אין קאָפּ קלאַפּט, ווי האַמערס וואָלטן געזעצט. איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געהאַט. דער טייוול האָט זיך מן־הסתם אַריינגעכאַפּט צו מיר אין לייב. ווער קען ליגן אויף אַזאַ ווייך בעט. אוי אַ גלעזל רויטן וויין, וואָלט מיך געשטעלט אויף די פיס!

דאָס פּויערל האָט זיך אויסגעצויגן אין דער לענג פון בעט, מיט אַ פילאָ־זאָפישער רעזיגנירטקייט אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און זיי אַראָפּגעלאָזן אויפן גלאַטקייט פונעם ליילעך. לייבן האָט אַרומגענומען אַ רחמנות אויף דעם „קראַנקן"

גוטמוטיקן פויערל. ער האָט זיך דאָך אַ גאַנץ יאָר געגרייט, פיבערדיק געוואַרט אויף דעם יום־טוב, און איצטער, וואַרט ער, אַז דער יום־טוב זאָל זיך וואָס גיכער ענדיקן, כדי ער זאָל קענען אומגעשטערט טרינקען „זיין" גלעזל. ער איז ערשט איצטער געקומען צו דער מסקנא, אַז אַלץ טויג אויף כפרות...

— וואָס קען איך פאַר דיר טאָן, מיין פריינט? — האָט לייב געפרעגט — איך בלייב נאָך דאָ היינט, אויב דו ווילסט עפּעס, זאָג, שעם זיך ניט. איך מיין...

— היינט גאָרניט — האָט ער געבורטשעט — מען היט פון אַלע זייטן. דאָס צווייטע מאָל, ווען ווער ווער וועסט קומען. גערענק, קום ניט אין קיין יריד־טעג, ניט אין יום־טוב טעג. בעסער קום אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. עס איז דאָ אַלעמאָל פרייליך. מען קען דאָ צו יעדער צייט דערפרייען דאָס געמיט. פאַרגעס ניט דעם אַדרעס פון „פּאַטער ריימאָנדס" קרעטשמע!

— איך וועל ניט פאַרגעסן „פּאַטער ריימאָנדס" קרעטשמע!

3

דעם זעלבן אָוונט האָט לייב זאַנג אויסגעטרונקען אין „פּאַטער ריימאָנדס" קרעטשמע עטלעכע גלעזלעך. ער איז אַרויס אינעם דרויסן. דאָס שטעטל איז געלעגן באַגאָסן מיט לבנה־שיין: זילבער און בלוי. אַלץ האָט געטאַנצט פאַר זיינע אויגן: דאָס קלויסטערל, די שפּיטאָל־געביידע, דער ברונעם אין מאַרק, די פּוסטע עסטראַדע, קעץ איבער דעכער, דער מאָנומענט מיט די נעמען פון די שטעטלשע געפאַלענע אין יער וועלט־מלחמה, דאָס פויערל זשאַן מיט פאַרבלאָטיקטע פלעשער אין די הענט. לייב האָט געזען אַ פאַרוואַנדלונג: אָט איז זיין היים־שטעטעלע אין פּוילן: עס טאַנצט די ציג אויפן דאַך, גאָדל שמש טאַנצט אויף די פענצטער פון אַלטן בית־המדרש, די משוגענע יוכבדל, דרייט זיך אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, אַנטעק דער שבת־גוי, מיטן אויסגעגערונענעם אויג, טאַנצט מיט אַ ווייסער חלה אין האַנט...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז ער געלעגן אין אַ בעט אין שפּיטאָל. אַרום אים, האָבן חולאים געדעדט, געלאַכט, גענעסן פרישטיק. אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט צו אים געשמייכלט. לייב האָט זיך פאַרשעמט, פון דעם, וואָס ער האָט נעכטן אָוונט אין דער קרעטשמע איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און געלאָזט זיך צום אַרויסגאַנג. דורכגייענדיק אַ זאַל, האָט ער ווידער דערזען זשאַנען, יענער איז געלעגן אין אַ טיפן שלאָף און שווער געכראָפּעט.

— —

לייב זאַנג איז אויסגעפאָרן דאָס לאַנד אין דער לענג און ברייט, ווידער איז אים מיט אַ צייט שפּעטער אויסגעקומען צו זיין אין דער געגנט. ער האָט זיך אַריינ־

געכאַפּט אין דעם שטעטל, אַריין אין דער קרעטשמע פון „פּאַטער רײמאָנד", באַ־שטעלט אַ גלאָז ווײַן, פאַרקנופּט אַ שמועס מיטן קרעטשמער וועגן זייטיקע זאַכן און לסוף זיך נאָכגעפרעגט אויף זשאַנען.

דער קרעטשמער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געמאַכט אַ טרויעריקע מינע:

— אַך! ער געפינט זיך אין שפּיטאָל! ער איז זייער קראַנק, ווער ווייסט אויב ער וועט נאָך אַראָפּ פון בעט. אַ שאָד, אַ שאָד. אַ פריילעכער טייוול דער זשאַן, אַ גוטער יונג!

— שוין לאַנג ליגט ער אין שפּיטאָל? — האָט לייב געפרעגט — ווען איך בין דאָ געווען איז ער דאָך געווען געזונט.

— ער ליגט אין שפּיטאָל זינט דעם לעצטן יערלעכן יריד. מען האָט אים אוועקגעלייגט און ער איז שוין מער פון דאָרט ניט אַרויס. איך קען זיך ניט דער־מאָנען, ער זאָל ווען געווען קראַנק זיין. אַזוי איז עס — האָט דער קרעטשמער אָנ־געשלאָגן אַ רעזיגנאַציע־טאָן און אין אַ שיסל געוואַשן די קלעפּיקע גלעזער — מיר קענען גאָרניט העלפן.

לייב האָט זיך געלאָזן צום שפּיטאָל. ער איז אַריין אינעווייניק: די בעטלעך פונעם ערשטן זאַל, זיינען געשטאַנען פאַרבעטע, ציכטיקע. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ נאָנע, ווי אַ געגאָסענע פיגור. אירע הענט זיינען געלעגן אויף די קניען און מיט די פינגער געצערטלט אַ שנור שוואַרצע קרעלן. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער אומהיימלעכער שטילקייט, לייב איז אַריין אינעם צווייטן זאַל. ער האָט דערבליקט אַ בעטל אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ מענטש צוזאַמענגעדרייט ווי אַ קנויל. אויפן דערנעבנדיקן נאַכט־טישל זיינען געווען אָנגעשטעלט רפואות. עס האָבן זיך געטראָפן שאַרפע ריחות פון כלאָראָפאָרם, און פון קלעפּיקע פליסיקייטן. לייב איז צו נענטער, זיך איינגעקוקט אינעם פּנים.

זשאַן איז געווען מוראדיק פאַרענדערט. די נאָז — ביינערדיק פאַרשפּיצט, די באַקן באַוואַקסן מיט אַ שטעכיק גרויען אָנוווקס, די אויגן — געשלאָסן. די אַנט־בלויזטע ברוסט אַרויסשטאַרטשענדיק פון אַ דורכזיכטיקער הויט איבער ביינער, האָט קוים זיך באַוואויגן אינעם אָטעם־ריטם.

אַ קראַנקן־שוועסטער, געהילט אין ווייסן, איז צוגעקומען. זי האָט שטיל גע־זאָגט צו לייבן:

— איר זענט זיינער אַ קרוב?

— ניין. אַ פריינט.

— איר וועט מוזן באַלד פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. ער איז שווער קראַנק. ווער ווייסט אויב ער וועט לאַנג אָנהאַלטן.

— אויף וואָס איז ער קראַנק? איך מיין, וואָס פאַר אַ קראַנקייט?

די שוועסטער האָט אַ ווײלינקע געשוויגן, פון אירע מויל־ווינקלען און פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט טרויער.

— שווער צו זאָגן. די דאָקטוירים אַליין קענען ניט געבן קיין ריכטיקע דיאַג־נאָזע. זיי האָבן געטאָן אַלץ, אים צו ראַטעווען. ער האָט ווייטיקן, ער צאַנקט איין, דאָס איז אַלץ...

דער שוועסטערס פּנים האָט זיך גערויטלט. זי האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און צוגעגעבן:

— מיר האָבן דאָ זעלטן אַזעלכע קראַנקע. עס איז ניט צו פאַרשטיין, וואָס פון זשאַנען איז געוואָרן. ער איז אַלעמאָל געווען אַ פרייליכער, אַ געזונטער, נאָר ווייזט אויס יעדער האָט זיין ריי. היינט איז זשאַנס ריי געקומען...

זשאַן האָט געעפנט די אויגן. לייב זאַנג האָט געזען שטאַרע, לעשנדיקע אויגן אָן אַ סימן פון לעבנס־לוסט. די אויגן האָבן לאַנג געקוקט אויף לייבן, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס דערגרונטעווען.

— זשאַן — האָט לייב געזאָגט — דערקענסט מיך ניט? איך בין געקומען דיך זען, אין אַ פּראָסטן וואָכן־טאָג, אַזוי ווי האָסט מיך געהייסן.

די אויגן ביי זשאַנען האָבן אַ לייכטן ציטער געטאָן.

לייב האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין שוין געווען ביי „פּאַטער ריימאָנד", וואָס מאַכסטו זיך נאַריש? אפשר וועלן מיר איבערשוועקנקען די העלדזוער?

— אך... פּאַטער ריימאָנד... אָ, — האָט ער מיט די לעצטע כוחות גע־שעפּטשעט — דער יריד...

ער איז שטיל געבליבן. דער קאָפּ זיינער האָט זיך טיפער געגראָבן אין קישן.

— איר קענט דאָ מער ניט בלייבן — האָט די קראַנקן־שוועסטער זיך געוואָנדן צו לייבן — ער איז זייער אָפּגעשוואַכט. עס איז אים שווער אַרויסצוברענגען אַ וואָרט.

לייב האָט פאַרלאָזן דאָס שפּיטאָל. אינדרויסן האָבן אויף אים אַ ווייע געטאָן ריחות פון בליענדיקע בוימער, פון זילבער־געצווייט און די שיינקייט פון אַ פריילינגס־טאָג, איידער די זון פאַרגייט.

ער האָט גענומען גיין איבער די גאַסן פון שטעטל. אָפּגעשטעלט זיך ביי די פענצטער פון די וויין־געשעפטן, וווּ עס זיינען געלעגן די זעלבע פאַרבלאָטיקטע פלאַשן, אַזוי ווי ער האָט זיי געזען דאָס ערשטע מאָל; נעבן די פלאַשן — געדרוקטע פּאַפּירן מיט גאָלדענע אותיות.

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ מוראדיקער אומעט. ער האָט געוואָלט שרייען, אויסברעכן אַ פענצטער, עפּעס טאָן. ער האָט געוואַנדערט איבערן שטעטל אָן אַ ציל. די טריט האָבן אים ווידער געפירט צום שפּיטאָל. די זון — אַ פלאַמיקע, אַ

צעפּלאַקערטע האָט געניִדערט איבער די טורעמלעך פון שפּיטאָל, איבער די קאַרניזן, שניצונגען און אַלץ געצונדן אין פייערדיקן גאָלד. אַ פענצטער אין דער שפּיטאָל־געביידע האָט זיך געעפנט. עס האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ פון אַ נאָנע, געהילט אין ווייסן, אירע אויגן האָבן גענומען בלאָנדזשען אין אַלע זייטן פון שטעטל, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט, אָדער וואָלט געוואָלט עפּעס מבשר זיין. לייבס אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט די אומעטיקע בליקן פון דער נאָנע. באַלד האָט דער גלאָק פונעם נאָענטסטן קלויסטער זיך צעוויגט מיט אַ קלאַנגען־געוואָי און אַלעמען פייערלעך אָנגעזאָגט די בשורה פון זשאַנס פאַרגיין...

גורל

1.

אין סוף חודש פון יאָר ניינצן־ניין־און־דרייסיק, איז דער יונגער דאָקטאָר מאַרסעל בלאַנק, אַן אָפיציר אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, אָנגעקומען קיין פּאַריז. געלויערט פון יעדן ווינקל אַרויס.

געקומען איז ער פון אַ פאַרוואָרפן פעסטונג־שטעטל אין די אַלפּן־בערג, וווּהין ער איז אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה געשיקט געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. ער האָט געהאַט אַ דערלויבעניש צו בלייבן אין פּאַריז בלויז דריי טעג.

די שטאָט האָט געאָטעמט מיט מלחמה־אומרו, מיט אומהיימלעכער שטימונג. אַ פייכטער נעפּל האָט דעם טאָג פון ערב ניי־יאָר אָנגעפולט די לופט. די פענצטער פון די הייזער און געשעפטן זיינען געווען באַדעקט מיט לענגלעכע פּאַסן־פּאַפּיר, כדי זיי זאָלן בעת אַ באָמבאַרדירונג ניט פּלאַצן מיטאַמאָל. דער שיטערער פּאַרקער פון מענטשן אויף די גאַסן, בולוואַרן, האָט אָנגעזאָגט וועגן דעם גרויל וואָס האָט געלויערט פון יעדן ווינקל אַרויס.

שפּעט אין אָוונט, האָט דאָקטאָר בלאַנק זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ גרויסער קאַפע אויף מאָנפּאַרנאַס, ער האָט דאָרט געזאָלט טרעפן זיינע פריינט מיט וועלכע ער האָט ביי טאָג זיך אָפּגעשמועסט צו באַגעגענען.

דאָס גרויסע קאַפע־הויז איז געווען געפּאַקט פון ווינקל צו ווינקל, איבערגע־פולט מיט באַשטענדיקע געסט און צופעליקע באַזוכער. עס האָבן זיך דאָ געפונען: מענער געקליידעטע אין טאָקסידאָס, פייערלעך, עלעגאַנט. מיליטער־לייט פון פאַר־שיידענע ראַנגען, פרויען מיט רייץ און פעטלייביקייט, מיט גראַציע, חאוה אין די

אויגן; באַשמינקטע, דעקאָלטירטע. דער עולם האָט געשמאַק געגעסן די טראַדיציאָ־נעלע ניי־יאָר שפּייזן: אויסטערס מיט ווייסן ווין, ראַקעס מיט קילן מאַיאָנעז, גע־בראָטענע קוראָפּאַטוועס מיט אַרבעסלעך, זאַפטיקע סאַלאַדן און דאָס פּאַרטרונקען מיט ווײַנען פון באַקאַנטע פראַנצויזישע קעלערן.

דאָקטאָר בלאַנק האָט זיך דערשלאָגן צו אַ טישל, וווּ עס זיינען געזעסן זיינע באַקאַנטע, אַ מאַן און אַ פרוי. ער האָט זיך מיט זיי באַגריסט, צוגערופן אַ קעלנער און באַשטעלט פאַרשיידענע געטראַנקען.

— עס האָט זיך דאָ אַ סך געענדערט — האָט מאַרסעל באַמערקט — ניטאָ מער די זעלבע געסט ווי פאַר דער מלחמה. ניטאָ קיין אויסלענדער, קיין אַמעריקאַ־נער מיט זייערע ברייטע שמייכלען און פאַרוווּנדערונג אין די אויגן, אפילו די מאָנ־פּאַרנאַסער קינסטלער זיינען כמעט ניטאָ, בלויז מיליטער־לייט און מן־הסתם אויפ־געקומענע גבירים זיינען דאָ פאַראַן.

— זעסט אויס פּרעכטיק, מאַרסעל — האָט די יונגע פרוי שמייכלענדיק גע־זאָגט — אָפּגעברענט פון דער זון, פריילעך, עס איז אַ פאַרגעניגן אויף דיר צו קוקן. מיר זיינען אַזוי גליקלעך, וואָס ביסט געקומען.

— איך דאַנק דיר, סימאָן. דו און דיין מאַן זיינען די איינציקע פריינט מיינע אין פּאַריז, טאַקע צוליב אייך, האָב איך געבעטן אַ דערלויבעניש צו קומען קיין פּאַריז. ווען איך זע אייך דערמאָנט זיך מיר אין די אַלטע גוטע צייטן, ווען איך האָב דאָ שטודירט, געהוּלגערט, געווען איינזאַם און איר האָט מיר אַזויפיל געהאָלפן. אויך דו, סימאָן, זעסט אויס פיין, רייצנדיק.

— ווי לאַנג בלייבסטו דאָ, מאַרסעל?

— בלויז נאָך צוויי טעג!

— אַ שאָד וואָס בלייבסט בלויז אַזאַ קורצע צייט. היינט, אַז מען זעט אַ באַקאַנטן פריינט איז דאָך אַ געווינס. ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין?

דער דאָקטאָר האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס דאַרף מען זאָרגן, וואָס עס וועט זיין. אָט זיצן מיר דאָ, מיר טרינקען גוטן ווין, פּלאַפּלען געמיטלעך, באַוווּנדערן איינער דעם אַנדערן, וואָס נאָך דאַרף מען? ווידער וועגן דעם קורצן באַזוך מיינעם אין פּאַריז, איז, ערשטנס, האָב איך אויף לענגער ניט געקענט באַקומען קיין דערלויבעניש, און צווייטנס, פּאַריז איז היינט ניט אינטערעסאַנט, עפּעס אַזאַ מוראַדיקער אומעט. אַחוץ אייך האָב איך דאָ קיינעם ניט. איר ווייסט דאָך, איך האָב זעלטן געזוכט פריינט.

— אונדזער שטאָט איז אפילו אין איר אומעט און טרויער אויך שיין — האָט סימאָנס מאַן זיך אָנגערופן.

— אין צוויי טעג דארפסטו זען גוט צו פארברענגען, מארסעל — האָט סימאָן געלאַכט — עס איז נאָך פאַראַן פאר א יונגען מענטשן ווו זיך משמח צו זיין, כאָטש עס איז מלחמה־צייט...

— עס אינטערעסירט מיך ניט. איך וועל זיך גוט אויסשלאָפן, ארייננכאַפן זיך אין עטלעכע מוזעאומס און דאָס אַלץ, אויף קיין סורפריזן ווארט איך ניט. וואָס משטיינס־געזאָגט קען איך שוין זיך צעהוליען?

— ביסט נאָך אַלץ דער זעלבער אַסקעט — מאַכט סימאָנס מאַן — אַלץ פארנומען מיט זיך און האָסט ניט קיין צייט פאַר אביסעלע עולם־הזה...

הארט נעבן זייער טישל, איז געשטאַנען נאָך א ליידיק טישל, באַדעקט מיט א בלענדנדיק־ווייסן טישטוך אויף וועלכן עס זיינען געווען אָנגעשטעלט פינקלדיקע, קרישטאַלענע גלעזער מיט הויכע העלדזער און נידעריקע באָקאַלן פאַר שאַמפּאַניער. עס איז אויך געלעגן זילבער־געשיר פאר א ריי מאכלים און אין מיטן — א ווייסינ־קער טאָוול מיט אַן אויפשריפט: „רעזערווירט".

נאָענט צו האַלבער נאַכט, זיינען צום ליידיקן טישל צוגעקומען צוויי פרויען. פאַראויס זיי, איז געגאַנגען דער קעלנער פייערלעך און מיט א געמאַכטן שמייכל אויפן פנים. ער האָט דרך־ארצדיק אַרויסגערוקט די שטולן און געזאָגט:

— קוים באַוויזן איינצוהאַלטן דעם פּלאַץ. אַזויפיל געסט היינט, גאַרניט ווי אין מלחמה־צייט. ווייזט אויס, אז מענטשן ווילן זיך פארגעסן — האָט ער צוגעגעבן אָנשלאָגנדיק א פילאָזאָפישן טאָן.

די פרויען האָבן אים געדאַנקט און זיך צוגעזעצט ביים טישל.

איינע פון די צוויי פרויען איז געווען אַן עלטערע, געקליידט אין שווארצן זייד, מיט א פנים פון א גוטער, הארציקער מאַמען. די האָר — פון א גרוי בלוילעכן זילבער־קאָליר, זיינען געווען געטורעמט אויף איר קאָפּ מיט א זאָרגפעלטיקער גלאַט־קייט. איבער דעם שווארצן קעלנערל, וואָס האָט ארומגענומען איר האַלדז, האָבן געגרוט עטלעכע שנירלעך באַראָקאָ־פּערל. די צווייטע — א יונגע, שלאַנקע, מיט א קאָפּ שווארצע האָר, וואָס זיינען געפאַלן איבער איר נאַקן־ווייסקייט פון הויכן שטערן פאַרקעמט אויף הינטן. איר געשניצט פנים, האָט זיך מיט דער בלייכקייט אַרויסגעשניטן צווישן די געפּרעסטע פאַרקעמטע האָר און — טונקעלן קלייד, ווי א מיסטישע אָנציענדיקע שיינקייט. זי האָט אויסגעזען ווי פרויען, וואָס מען זעט אויף דער בינע, אָדער וואָס געבן אמאָל א שוועב־פאַרביי אויף א גאַלאַ־פאַרשטעלונג אין אַן אָפּערע־הויז.

דער קעלנער האָט זיי באַדינט, צוגעטראָגן וויינען און קליינע געשמאַקע שפייזן.

דער דאָקטאָר און זיינע פריינט האָבן באַטראַכט די יונגע פרוי מיט שעפּטשען פון אַנטציקונג. אַלע דריי האָבן מיט פאַרשיידענע אַנצוהערענישן באַמערקט אויפן קול, אַז דאָס נייע יאָר הייבט זיך אָן וווּנדערלעך און מיט אַ גוטן סימן — אָט זיינען פיינע שכנים. די יונגערע האָט געשמייכלט און די עלטערע האָט געזאָגט:

— אַ דאַנק!

צוועלף ביינאַכט, האָט זיך געהערט אַ קלונגען, צוזאַמען מיט קולות און ווינטשונגען צום נייעם יאָר. ביי ביידע טישלעך האָבן די מענטשן, פרעמדע איינער דעם אַנדערן זיך געווינטשן גליק און אָנגעקלאַפּט די גלעזער מיט ווײַן איינער ביים צווייטן.

דאָקטאָר בלאַנק און זיינע באַקאַנטע האָבן זיך פאָרגעשטעלט פאַר די צוויי פרויען. ביים צווייטן טיש האָט די יונגע פאָרגעשטעלט דער עלטערער:

— מיין מוטער! און מיין נאָמען איז ראַשעל מענדעז.

די יונגע פרוי האָט אַ זופּ־געטאָן פון איר ווײַן, זיך געוואָנדן אין דאָקטאָרס זייט:

— איר שטייט אין פּאַריז?

— איך ווינטער איבער אין די אַלפּן־בערג. צוויי טויזנט מעטער הויך, צווישן אייביקן שניי, זון, בלומען, סאָסנע־ביימער, קראַנקע.

איבער דעם בלייכן פּנים פון דער יונגער פרוי, האָט אַ ראָזעווער טאָן זיך צעשפּילט. זי האָט מיט אירע ליפּן באַרירט דעם ראַנד פון גלאָז און ווייטער געפרעגט:

— שוין לאַנג זיינט איר דאָרטן?

— עטלעכע חדשים. עס איז זייער גוט צו זיין אַ צייט ווייט פון דער גרויסער שטאָט. איצטער, אויב סימאָן, מיין פריינטס פרוי, וועט מיר אַנטשולדיקן, וועל איך אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אַז איר זענט אַן אַנציִענדיקע פרוי.

— עס איז פאַר אייך אַ סורפּריז צו באַקענען אין פּאַריז אַ שיינע פרוי? — האָט ראַשעל געפרעגט און מיט אירע שוואַרצע פולע אויגן אַ שמייכל געטאָן.

— מעגלעך אַ סורפּריז, אַ צופאַל, אָבער זייער אַן אָנגענעמער — איז דאָקטאָר בלאַנק ניט אָפּגעשטאַנען.

* * *

די גרופּע מענער און פרויען ביי ביידע טישלעך זיינען שוין געווען שטאַרק פאַרטאָן אין אַ לייכטן שמועס. אייגנטלעך האָט ראַשעל גערעדט און אַלע האָבן

זיך צוגעהערט. זי האָט גערעדט וועגן דער מלחמה, וואָס איז נאָך אַ פאָרשפּיל, מען ווייסט נאָך ניט פון קיין צרות אַ חוץ דאָס לויפן אין די נעכט אין די שוץ־קעלערן, בשעת די סירענעס צעוואָיען זיך. אָט שרייבט דער מאַן אירער, וועלכער געפינט זיך ערגעץ אין דער אַרמיי, אַז ער קומט אָפּ מיט לייענען דעטעקטיוו־ראָמאַנען, לאַנג־ווייליקט זיך...

— אייער מאַן? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעריסן אירע רייד — מענדעז? איז ער ניט אַ זון פון דעם שטראַסבורגער יידישן באַנקיר שאַרל מענדעז?

— יאָ, דער עלטסטער זון, עמיל.

— איך קען אים זייער גוט. אינאיינעם מיט אים שטודירט אין איין פאַ־קולטעט אויף דער סאָרבאָן. יאָ, איך קען אים!

— זייער מענלעך — האָט ראַשעל געשאָקלט מיטן קאָפּ.

—אַ קליינע וועלט — האָט סימאָן זיך אָנגערופן — איצט זיינען מיר שוין אַלע באַקאַנטע.

סימאָן האָט זיך געשפּילט מיט אַ שטיקל זילבער־געשיר איבערן טיש. דער בליק פון ראַשעלן איז געפאַלן אויף די לענגלעכע שיינע פינגער. זי האָט גע־זאָגט צו סימאָנען:

— איר האָט זייער שיינע הענט, מאַדאַם, דערלויבט אייער האַנט.

סימאָן האָט זיך פאַרוויטלט, עפּעס געשטאַמלט און אויסגעשטרעקט איר האַנט.

ראַשעל האָט אַ ווײַלע באַטראַכט די האַנט, געקוקט אויף די שטריכן, קנייטשעלעך און פריילעך באַמערקט:

— איר שפּילט אויף אַן אינסטרומענט, אמת?

— איך שפּיל קלאַוויר.

— זי איז אַ באַקאַנטע פּיאַניסטין — האָט סימאָנס מאַן אַ זאָג געטאָן.

— איך זע וואונדערלעכע שטריכן ביי אייך, בוייגעוודיקע, גראַציעז עלאַס־טישע. הענט פאַר מוזיק. אייערע הענט זאָגן אויך, אַז איר זענט גליקלעך.

סימאָן האָט זיך איבערגעקוקט מיט איר מאַן, מיט בליקן פון הסכמה און וואַרעמקייט.

— אויב איר קענט לייענען פון די קנייטשן אויף די הענט — לאַכט דאָקטאָר בלאַנק — אָט זיינען מיינע הענט און זאָגט מיר, וואָס מיט מיר וועט פּאַסירן, צי איך וועל זיך אַראָפּקייקלען פון אַ באַרג, אויפגעריסן ווערן פון אַ גראַנאַט, אָדער זיך פאַרליבן גאָר? — ביי די ווערטער האָט דער דאָקטאָר אויסגעשטרעקט זיינע ביידע הענט מיט די פלאַכן אַרויף.

ראַשעלס פּנים איז געוואָרן ערנסט, פייערלעך. זי האָט גענומען דעם דאָק־

טאָרס רעכטע האַנט צווישן אירע פינגער, לאַנג באַטראַכט דעם האַנט־פלאַך. אירע ליפּן זיינען געוואָרן צוזאַמענגעפּרעסט און איר געזיכט האָט זיך אָנגעכמורעט:

— עס זיינען ביי אייך פאַראַן זייער פיל געבראָכענע ליניעס, דאָקטאָר — רעדט זי שטיל ווי פאַר זיך, שווייגט עטלעכע רגעס און הויבט איר קול — אייך דערוואַרטן ניט קיין אָנגענעמע זאַכן. עס ווייזט אויף אַן אומגליק, אויף אַ גרויס אומגליק.

אין דאָקטאָרס לייב, האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן. אַ פּראַקטיקער ברי האָט דורכגעשטאָכן זיינע גלידער.

— פאַרוואָס פאַרשאַפסטו אַ מענטשן בחינמדיקע צרות? — ווענדט זיך די מוטער צו דער טאָכטער מיט אַ פאַרוואורף אין קול — לאָז שוין אָפּ מיט דיינע נאַרישקייטן!

די אַלטע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום דאָקטאָר:

— הערט ניט, וואָס זי זאָגט אייך. עס איז ביי איר אַזאַ מין שפּילעריי, אין ווערטער און האַנט־זעעריי.

דאָקטאָר בלאַנק האָט זיך צעלאַכט אויפן קול:

— וואָס אַזעלכעס זעט איר אויף מיין האַנט? איר מעגט מיר זאָגן. אייער מוטער האָט מיך שוין געטרייסט.

— נו, עס איז דאָך מלחמה־צייט — האָט די יונגע פרוי געפּרוּווט אויסטייטשן איר האַנט־זעאונג — יעדן מענטשן, יעדן פון אונדז דערוואַרטן פאַרשיידענע סורפּריזן, איינעם אַנגענעמע, אַ צווייטן — שלעכטע, איינעם — לעבן, אַ צווייטן — ווער ווייסט...

די גרופּע ביים טיש, האָט זיך געוויצלט איבער אירע פאַראויסזאָגונגען און אינסטינקטיוו געהאַלטן די הענט וואָס מער דערווייטערט.

— מאַדאַם מענדעז — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — מילא, מיך האָט איר שוין פאַרמשפּט צו שרעקלעכע זאַכן. איך ווייס אייגנטלעך ניט פאַרוואָס איר זאָלט מיר זיין אַזאַ שונא, אָבער דערלויבט מיר אייך צו פרעגן, וואָס זאָגן אייערע שטריכן אויף די הענט, וואָס דערוואַרט אייך?

— נו, נו, לאַכט ניט מיין ליבער דאָקטאָר — האָט זי איבערגעשלאָגן זיינע רייד און געוואָרן בלייך — וועגן זיך אַליין, קען מען ווייניק־וואָס וויסן.

זי האָט צו אירע ליפּן צוגעטראָגן אַ פינקלדיק גלעזל מיט אַ קאָניאַק פון אַ פיינעם אַראָמאַט, אַ זופּ געטאָן און צוריקגעשטעלט דאָס גלעזל. זי האָט אויסגעגלייכט אירע הענט אויפן טיש צווישן גלעזער, האַלב מיט וויין, שטיקלעך ניט־דערברענטע סיגאַרעטן, אַש, איבערבלייבעכץ פון שפּייזן. אירע הענט — לאַנגע, שיינע איידעלע, ווייבלעך־דינע, מיט געצערטלטע פינגער, ווו די פאַרשפּיצטע לאַ־

קירטע נעגל שטרעקן זיך אין בלוטיקן גלאַנץ. זי האָט די הענט איבערגעקערט מיט די פלאַכן אַרויף, געקוקט אויף זיי מיט אַ ביטולדיקער קאָקעטעריי און גערעדט:

— ניט אינטערעסאַנט. ביי מיר גייען און ציען זיך גלייכע ליניעס. קיין איינע ניט איבערגעבראָכן. דאָס מיינט אַ לעבן אָן ענדערונגען. איך גלויב, אַז איך האָב זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן...

— הער אויף צו פּלאַפּלען — האָט די מוטער זי געוואָרנט — אָדער זי רעדט נארישקייטן, אָדער שליסט זיך איין גאַנצענע טעג אין איר סטודיאָ און מאָלט.

— איר זענט אַ מאָלערין? — האָט דער דאָקטאָר געפּרוּווט מיט דער פראַגע ענדערן דעם שמועס — אַזוי ווי איך האָב נאָך איין טאָג צו פאַרברענגען אין פּאַריז, וואָלט איך געוואָלט באַזוכן אייער סטודיע. איר וועט דאָך זיכער ניט אָפּזאָגן אַ פראַנצויזישן מיליטערמאַן דעם כבוד, איידער ער גייט זיך אַריבערקלייבן אין דער בערג־איינזאַמקייט.

— אויב עס אינטערעסירט אייך מיין מאָלעריי, פאַרבעט איך אייך אויף מאָרגן אין מיין סטודיע. איך פאַרבעט אייך אַלעמען — האָט זי צוגעגעבן — איך צווייפל אָבער, צי איר וועט געפינען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אייך איבעראַשן.

— איר איבעראַשט אונדז גענוג — האָט דער דאָקטאָר געלאָזן גערעדט.

אַ מינוט, צוויי האָט קיינער ביי די טישלעך ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט. יעדער אין זיך, האָט דערפילט אַ קליינע ענדערונג אין דער שטימונג. אין דער קאַפּע איז אָנגעגאַנגען אַ גערודער, געלעכטערס, בגילופנדיקע קולות. אַן אָרקעסטער האָט אַרויסגעפּלייצט וויגנדיקע פול מיט בענקשאַפט „טאַנגאָס" און פרייליכע טאַנץ־מוזיק. פּלוצלינג האָט אַ קול זיך אַ קייקל געטאָן איבער די הונדערטער קעפּ:

— נידער מיט די דייטשן! וויוו לאַ־פראַנס!

דאָס געשריי איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון הונדערטער מיילער, מיט דונערנדיקע געשרייען, ווי עכאָס אין בערג.

די אַלטע האָט צוגערופן דעם קעלנער, באַצאָלט דעם רעכענונג פאַר איר מיט דער טאָכטער, מיט אַ צולאָג פון אַ גרויסן טרינק־געלט. דער קעלנער האָט זיך געבייגט, געדאַנקט.

אַלע ביי ביידע טישלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט.

זיי זיינען אַרויס אויף דער גאַס.

די שטאָט איז געלעגן אַ פינצטערע, אַן אויסגעליידיקטע, אַ שטיקנדיקע פייכטקייט, האָט זיך איינגעפרעסן אין די פּנימער און אין קערפּער.

ראַשעל מיט איר מוטער האָבן געוואוינט אין דער מאָנפּאַרנאַס־געגנט. דער דאָקטאָר האָט זיי אַהיים באַגלייט. אַלע דריי זיינען געגאַנגען שווייגנדיקע און גע־

טראָגן אין זיך די עטלעכע שעה פון פרייד און טרויער, שעהן וועלכע האָבן זיי צוזאַמענגעהאַלטן ביי אַ גלעזל־וויין. אַלע צופעליק־באַגעגנטע אין אָנהייב פון אַ יאָר, וואָס שטייט פול מיט סכנות.

צוקומענדיק צום הויז ווו זי האָט געוואוינט, האָט ראַשעל זיך אָנגערופן:

— נעמט ניט ערנסט מיינע רייד. אייגנטלעך האָב איך אייך געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געזען, אָבער נעמט דאָס ניט ערנסט. איר פאַרשטייט דאָך: געווען אַ געמיטלעכער, לייכטער קאַפע־געשפּרעך, איבערהויפּט אַ ניי־יאָר אָוונט, ווען מען טרינקט אַביסל איבער דער מאָס. קומט אַריין מאָרגן אין סטודיע ווען איר ווילט!

— איר דאַרפט זיך ניט פאַרענטפערן. עס איז געווען זייער אָנגענעם אייך צו הערן. אַפילו אייערע ניט פרייליכע נביאות פאַרמאָגן אויך רייץ.

די יונגע פרוי האָט זיך צעלאַכט. איר געלעכטער האָט זיך צעטראָגן אויפן פינצטערן בולוואַר, ווי אַפּהילכנדיקע זילבער־קלאַנגען אין אַ ליידיק, ריזיקן האָל.

די עלטערע פרוי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, דאָקטאָר. זי איז ניט קיין שלעכטע, מיין טאָכטער. זי האָט זיכער גאָרניט געמיינט.

ער האָט זיך געזעגנט מיטביידע פרויען און זיך געלאָזן גיין צום האָטעל. אַן אומהיימלעך געפיל האָט זיך צעלייגט איבער זיין געמיט. אַ שרעק האָט אין אים אָנגעשלאָגן און וויברירט אין אַלע גלידער. אינעם באַוווּסטזיין האָט אויפגעטויכט עפּעס אַ גרויליק פיינלעך פאַרגעפיל. ער האָט אויסגעלאַכט דעם געדאַנק: וואָס אַ קאַפּריזנע, שיינע פרוי רעדט... וואָס פאַר אַ ווערט האָבן דאָס אַזעלכע פאַראויס־זאָגונגען? עס איז אַ ביליקע אָפּנאַרעריי, וואָס מען שרעקט דערמיט יונגע מיידלעך און שול־בחורים. ווי קומט ער, דאָקטאָר בלאַנק, אַ מענטש וואָס שרעקט זיך ניט פאַר קיין שום לויערנדיקע געפאַרן, האָט ניט מורא פאַרן טויט, זאָל זיך אַזוי שרעקן פאַר די רייד פון אַ פרוי.

ער האָט פאַרלאַנגזאַמט זיינע טריט, ווידער אַריין אין אַ קאַפע, אָפּגעזעסן אַ שטיקל צייט און אַרויס אינעם דרויסן. אויפן הימל האָט אַ גרויער פרימאָרגן־פאַס זיך דורכגעריסן. דער נעפּל האָט אָנגעהויבן צעגיין. ער איז אַרויף צו זיך אין צימער און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט.

.2

דאָקטאָר בלאַנק האָט זיך אויפגעריסן פון שלאָף. אין קאָפּ איז אים געלעגן אַ בליייערנע שווערקייט. עס האָט אים געהאַמערט אונטערן שאַרבן. ער איז אינגאַנצן געהאַט אָנגעשלאָפן אַ צוויי שעה צייט, און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכטן, אַז ער

איז אָפּגעשלאָפן א וועלט. ער האָט זיך דערמאָנט, וועגן דעם צוזאָג צו באַזוכן ראַשעל מענדרעז אין איר סטודיע. אויפן זכרון זיינען אים געקומען אירע רייד פון ביינאַכט, זיי האָבן אים אַ קרעמפּ געטאָן אין לייב מיט אַנגסטן. ער האָט זיך אָבער באַלד צעלאַכט, אַריין אין באָד־צימער און אַן אויפגעלייגטער געלאָזט לויפן א שטראָם הייסע וואַסער איבער זיין שטאַרק־געבויטן קערפּער.

א שטיק פאַר האַלבן טאָג איז ער צוגעפאָרן צו דער וואוינונג פון ראַשעל מענדרעז.

זי האָט אים אויפגענומען א געהילטע אין איר פּרימאָרגן פּעניואַר. זיך אַנט־שולדיקט,, וואָס זי האָט זיך אַביסל פאַרשלאָפן און אַז די מוטער איז שוין אוועק פאַרברענגען דעם היינטיקן טאָג ביי אירן א ברודער אין א פאָר־שטעטל פון פּאַריז. ראַשעל האָט אים אַריינגעפירט אין אירע רייך־מעבלירטע צימערן און פון דאָרט אין איר סטודיע.

ער איז אַריין אין א פיר־עקיקן צימער מיט צוויי גלעזערנע סופּיט־פליגלען. די ווענט זיינען געווען באַהאָנגען מיט מאָלערייען: פלאַמיק־רויטע, זוניקער גאָלד, צווישן א פּריילעכן גרין; א וואַרעמער לאַשטשענדיקער ברוין גלעט און רוט צווישן א טיפן בלוי; א געמיש פון בלומען, צעוואָרפענע, וואַקסנדיקע, היימישע, איבער זיי, צווישן זיי — שטילע פאַרחלומטע לאַנדשאַפטן: לאָנקעס, ביימער, א הויז פאַר־רוקט אין שאָטן, שטיל־לעבנס, פרוכטן, ביכער, שטוב־חפצים.

אינמיטן צימער זיינען געווען צעשטעלט סקולפּטור־שטיקער, אַנטיקוואַרע חפצים, וואַזעס, רויע שטיקער האָלץ.

ער האָט באַטראַכט די מאָלערייען. ער האָט ניט געזען אין אירע אַרבעטן קיין שום זאַך, וואָס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין איר עקסצענטרישער, מיסטיש־פאַרחלומטער נאַטור, כאַראַקטער. אַלע אירע אַרבעטן זיינען געווען נאַטוראַליסטיש, קלאָר, אויס־געשעפּטע טעמאַטיק, געזען מיט א ניכטער אויג. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער יונגער פרוי. זי איז געזעסן אין א לייכטער וויג־שטול, איר קערפּער געהילט אין א זיידענעם פּעניואַר, דאָס פּנים מיט די ניט־פאַרקעמטע האָר, די גאַנצע געשטאַלט אירע האָט זיך יאָ געקענט אַריינפּאַלן אין דעם געמיש פון קאָלירן און אַנטיקן. אירע אויגן זיינען געווען האַלב־פאַרמאַכט, ווי זיי וואָלטן געדרימלט, אָדער גע־חלומט. לייכט וויגנדיק זיך, האָט זי א זאָג געטאָן:

— איר קענט מיין מאַן, זאָגט איר, דאָקטאָר?

— מיר האָבן שטודירט צוזאַמען.

— דאַרפט איר דאָך אים גוט קענען!

— ער איז ניט אַ מענטש מיט וועלכן מען קען זיך באַפריינדן — האָט מאַר־סעל קווענקלענדיק זיך געזאָגט — און עס געהערט ניט צום גוטן טאָן ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיינער מיט אייך אַרויסצוזאָגן וועגן אים מיין מיינונג.

— איר מעגט מיר זאָגן.

— ער איז אַלעמאָל געווען אַ בייזער, אַ קרענקלעכער, אַ צעפּיעשטשעטער, דאָס אַלץ צוליב זיין פּאַטערס מיליאָנען. ער האָט אויף מיר געקוקט פון אויבן־אַראָפּ, ווייל ער האָט געוווסט, אַז מיין פאָטער איז אַ פּשוטער אַרבעטער, אַ סטאָליער, וועמען עס האָט זיך פאַרגלוסט צו האָבן אַ זון — אַ דאָקטאָר. איך פלעג זיך אָפט טרעפן מיט אייער מאַן אויף סטודענטישע צוזאַמענקונפטן. כמעט שטענדיק האָט אַרום אים געהערשט אַן אַטמאָספערע פון ניט־צופרידנקייט, קיין זאַך איז אים ניט ניחא געווען.

— המ... ער איז אַזעלכער — האָט די פרוי געזאָגט און ברייטער געעפנט אירע שיינע אויגן.

אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, נאָכדעם האָט זי אַ זאָג געטאָן אין אַ הייטערן טאָן:

— ווי געפעלן אייך מיינע פאַרבן?

— איר פאַרמאָגט אַ סך שטימונג, אָבער איך זע ניט, אַז אייערע אַרבעטן זאָלן האָבן עפּעס צו טאָן מיט אייער האַנט־זעעריי, אָדער אַנדערע מיסטישע שטיק.

— איר טראַכט, זע איך אַ סך, וועגן די רייד מיינע פון ביינאַכט. לאָמיר אָננעמען, איך האָב אייך געוואָלט איבערשרעקן. מענער האָבן שטאַרק מורא, גלויבן אין אַלץ, וואָס אַ שיינע פרוי זאָגט זיי, צאַפּלען זיך אין די רייד, ווי אַ פליג אין שפּינוועבס.

— פאַרוואָס האָט איר מיך געוואָלט אָנשרעקן? מיר קענען זיך דאָך אפילו ניט.

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך אייך ניט אָפּגעשראָקן, איך האָב אייך געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געזען אין די שטריכן פון אייערע הענט. איר, אָבער, דאָקטאָר, זיינט שוין ציי זיכער מיט זיך, איר לאַכט פון מיר, אייער האַלטונג איז אַזאַ פעסטע, אַזאַ זיכערע און דאָך האָט איר מורא, ווייסט איר פאַרוואָס?

— ניין.

— ווייל איר ווייסט זייער גוט, אַז דער גורל קען זיך מיט יעדן מענטשן אַ שפּיל טאָן. איר ווילט עס נאָר ניט אַרויסווייזן.

— איר זיינט דאָך אויך זיכער אין זיך.

— איך האָב אַ גרונט צו גלויבן, אַז קיין בייז וועט מיר ניט געשען.

— פון וואַנען אַזאַ זיכערקייט?

זי האָט זיך אויפגעשטעלט פון דער וויג־שטול, איר פּנים איז געווען צערויטלט, אין די אויגן האָט געגליט אַ פלעמלדיקע צערייצטקייט. זי האָט געענטפערט:

— דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע, אָבער לאָמיר אייך מיט עפּעס מכבד זיין, און איך וועל זיך איבערטאָן.

— ניין, בעסער דערציילט!

זי איז אַרויס פון דער סטודיע, אַ ווײַלע געזוימט זיך און צוריק־געקומען,

האַלטנדיק איןביידע הענט אַ זילבערנע טאַץ, וואָס אויף איר זיינען געשטאַנען פלאַשן מיט פאַרשיידענע געטראַנקען. זי האָט די טאַץ אַוועקגעשטעלט אויף אַ טיש, אָנגעגאָסן צוויי גלעזלעך, איינס דערלאַנגט דעם דאָקטאָר און איינס פאַר זיך.

אירע האָר זיינען איצטער געווען פאַרקעמט און איר געשטאַלט געהילט אין אַ זיידענער קימאָנאָ. די נאַקעטע אָרעמס אירע האָבן זיך אָנגעשלאָגן אָן טונקעלן זייד, ווי צוויי פלאַטערנדיקע פליגל.

זי האָט פּאַמעלעך געזופּט. דער דאָקטאָר האָט איינגעעטעמט דעם פיינעם ריח פון געטראַנק, געוואַרעמט דאָס גלעזל אין האַנט און איר געבעטן דערציילן וועגן זיך.

זי איז צוגעגאַנגען צו אַ קליינער שאַפע, אויפגעמאַכט אַ טירעלע, אַרויסגע־נומען אַ הילצערן שעכטעלע, פונעם שעכטעלע אַרויסגענומען אַ שטיקל צקנייטשטן פּאַרמעט, עס דערלאַנגט מאַרסעלן.

— דאָס באַשיצט מיך און גיט מיר זיכערקייט — האָט זי מיט אַ פרומער מינע געזאָגט.

— דאָס?

— לייענט!

דער דאָקטאָר האָט באַטראַכט דאָס שטיקל פּאַרמעט, געלייענט עטלעכע שורות געשריבן אין העברעאיש, צוזאַמענגעשטעלט אין אַ סדר. עס האָט זיך דאָרט גע־רעדט וועגן געזונט, הילף פון רבונו־של־עולם.

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אייך, מאַדאַם מענדעז? וואָס איז עס?

— אַ קמיע פון אַ זייער פרומען יידן.

— ווי קומט עס צו אייך?

— איך האָב עס פון אים באַקומען, ווען איך בין געווען אַ קינד. ער האָט געהאַט אַזעלכע טיפע אויגן — האָט ראַשעל פּאַטעטיש אויסגערופן.

— איך פאַרשטיי אייך ניט, וועגן וואָס רעדט איר?

— איך בין געווען דאָס דריטע קינד ביי מיינע עלטערן, די ערשטע צוויי קינדער זיינען געשטאָרבן. איך בין געווען כסדר קראַנק און שוואַך. מיינע עלטערן, נעבווירעגע אין דרום־פראַנקרייך, האָבן דעמאָלט געוואוינט אין פּאַריז, אינעם יידישן קוואַרטאַל. איינמאָל האָט זיך מיין פּאָטער דערוווּסט, וועגן אַ ייד, וואָס איז פון ירושלים אָנגעקומען קיין פּאַריז, און וואָס העלפט אָרעמע און דערשלאָגענע. מיין פּאָטער האָט מיך געבראַכט צום אומבאַקאַנטן מאַן. איך געדענק נאָך זיין אויסזען. ער איז געווען פון מיטעלן עלטער, מיט גוטע, טיפע אויגן. ער האָט אויף מיר לאַנג געקוקט, געקרעכצט, אַרויסגעלייגט זיינע הענט אויף מיין קאָפּ און מיך געבענטשט.

מיין פּאָטער האָט געוויינט, דערציילט וועגן דעם אומגליק, וואָס קלאַפּט אָן אין זיין טיר און רויבט אַוועק דאָס לעבן פון זיינע קינדער. דער מאַן האָט דאַן אַרויס־גענומען דאָס שטיקל פּאַרמעט, אויפגעשריבן עטלעכע ווערטער און עס מיר איבער־

געגעבן מיט אַ ברכה. דערביי האָט ער געזאָגט צו מיין פֿאָטער, אַז מען דאַרף ניט גלויבן אין קיין נסים, די קמיע, וועט מיך אַלעמאָל דערמאָנען, אַז איך זאָל זיך שטאַרקן, איבערהאַלטן, גלויבן אין אייגענעם כוח. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך זיך גענומען בעסערן. און אָט זעט איר, ווי איך זע היינט אויס ביי מיינע זעקס און צוואַנציק יאָר.

— ניט שלעכט — האָט מאַרסעל אַ ברום געטאָן — מען קען זאָגן, פּרעכטיק, רייצנדיק.

— פֿון יענער צייט אָן האַלט איך דאָס שטיקל פּאַרמעט, היט עס אָפּ און בין זיכער, אַז די ברכה פֿון יענעם אומבאַקאַנטן מאַן רוט אויף מיר.

דעם דאָקטאָר האָט אָנגעכאַפּט אַ חשק זיך צעלאַכן אויף אַ קול, נאָר ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ראַשעלס פּנים, וואָס איז געווען צעפֿלאַמט, מוראַדיק ערנסט און דאָס שטיקל פּאַרמעט קראַמפּהאַפֿט געהאַלטן צווישן די פֿינגער פֿון אַ האַנט, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— דאָס אינגאַנצן?

— יאָ. איך בין זיכער, אַז מיין גלויבן באַשיצט מיך פֿון אַלעם בייזן.

— ווי אַזוי קומט איר צו האַנט־זעעריי און צו די אַלע עקסצענטרישע שטיק, וואָס, דעם אמת־זאָגנדיק, גיבן זיי אייך צו אַ מיסטישן כאַראַקטער.

— זאָגט ניט עקסצענטרישע שטיק, היט זיך מיט רייד!

— איך האָב עס ניט געמיינט — האָט מאַרסעל זיך פֿאַרענטפֿערט.

— יענער פֿאַרנאַכט אינעם צימער פֿון דעם גאָטספּאַרכטיקן מאַן און אויך, וואָס מיין פֿאָטער, האָט מיך שטענדיק, ווען איך בין עלטער געוואָרן — געוואָרנט, אַז איך זאָל היטן דאָס שטיקל פּאַרמעט, האָט אויף מיר אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז איך האָב אָנגעהויבן גלויבן אין אַ העכערער קראַפֿט, וואָס באַשיצט, פֿאַרהיט, שטראָפֿט, שלאָגט. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפֿן אין שטודירן אַלערליי געהיימע צייכנס, פֿון האַנט. איך גלויב, אַז הענט זיינען די מעכטיקסטע אינסטרומענטן אין מענטשלעכן קערפּער. יאָרן דורכאַנאַנד, האָב איך דאָס געלערנט, הונדערטער ביכער שטודירט, געלערנט אַנאַטאָמיע, געגאַנגען אויף אַלערליי ספּיריטיסטישע סעאַנסן און אויסגעלערנט. איך בין זיך זעלטן טועה, איך קען לייענען די צייכנס פֿון אַ מענטש־לעכער האַנט...

דאָקטאָר בלאַנק האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט ווייטער גערעדט:

— מיינע עלטערן האָבן מיך געוואָרנט, געמוסרט, אָנגעשריגן. מיין פֿאָטער האָט מיר שטרענג געזאָגט, אַז דאָס איז קעגן גאָט. מען טאָר ניט גלויבן אין קיין שום מיסטישע כוחות, אָדער צייכנס, אַ חוץ אין דער געטלעכער קראַפֿט, אין דער גרויס־קייט פֿון באַשעפֿער, וואָס באַשיצט יעדעס באַשעפֿעניש, פֿון דעם קלענסטן ווערימל

אין די ערד־טיפעניש, ביז דעם מענטש. מען האָט פון מיר מער ניט געקענט אויס־װאָרצלען, דאָס, װאָס איך האָב מיר אַרײַנגענומען אין קאָפּ. און אַזאַ בין איך שוין געבליבן.

אויף די גלעזערנע דאַך־פליגלען האָט גענומען פאַלן אַ פּוכיקער שניי. אין דער סטודיע איז געװען טונקל. בײדע האָבן איצט געשװיגן. זי האָט זיך אַװעקגעזעצט אויף אַ קלײנער סאָפע, אָנגעלענט איר קאָפּ אויף אַ קישן. אירע באַקן האָבן גע־פלאַמט אירע אויגן האָבן געגליט מיט שכורלעכן רייץ.

נאָך אַ קלײנער װײַלע שװײַגן, האָט זי לאַכנדיק װײַטער גערעדט:

— מען מוז דאָך אין עפּעס גלויבן. יעדער מענטש, האָט דאָך זײַן אײַנ־בילדונג.

— נאַרישקײטן — האָט דער דאָקטאָר אַ ברום געטאָן.

איר געלעכטער האָט זיך געשטיקט.

— און איר, דאָקטאָר, דערצײלט עפּעס װעגן זיך.

— דאַכט זיך, איר װייסט שוין אַלץ װעגן מיר: איך גלויב ניט אין קײן שום געהײמע צייכנס. איך גלויב אַפילו ניט אין דעם, װאָס איר האָט געפּלאַפּלט בײַ־נאַכט, אָבער אַלץ אַרום אײַך, מיט אײַך, איז אינטערעסאַנט, פאַרשפּילט און פאַר־שכורט.

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר. צוגעזעצט זיך אויף דער סאָפע. זײַן קאָפּ איז געפאַלן אויף איר אַקסל. זי האָט אַ לײַכטן שװידער געטאָן, לײַכט אָפּגעשטופּט זײַן קאָפּ.

— מען דאַרף ניט — האָט זי געשטיקט די רייד מיט אַ שעפּטשען — איך... איך...

ער האָט דערפילט איר פלאַמענדיקן פּנים, איר הײסן אָטעם אויף זײַן גע־זיכט. דער ריח פון איר פולבלוטיקן לײַב, דער שטילער פאַרפום פון אירע װעש, האָבן אים פאַרשכורט. די ליפּן אירע — זאַפטיקע, האָבן זיך אײַנגעזױגן אין זײַן בלוט. עס האָט פון איר געשמעקט מיט געזונט, מיט פרישן בלומען־ריח און די ציטערן, צאַפּלעניש פון איר לײַב, זײַנען געװען רײַך מיט גלוסטונג, באַגער.

דאָס צימער איז פול געװאָרן מיט אַ שעפּטשען, אָפּגעהאַקטע רייד און געװאָי פון װינט...

דער שניי איז געפאַלן דיקער און פולער איבער די פליגלען פון דאַך.

אַ שאַרפער קלונג בײַ דער טיר, האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער שטילקייט פון דער סטודיע, װי אַ גרילץ אינמיטן אַ לירישן געבעט. ראַשעל האָט זיך אויפגע־כאַפּט, פאַרגאַפט זיך אומגעקוקט איבער דער סטודיע. זי האָט שנעל צורעכט־גע־

מאַכט אויף זיך די צעלאָזענע האָר, מיט די פינגער אַ וויש־געטאָן איבער די נייעס און ברעמען, פאַרשפיליעט אויף זיך די קימאָנאָ ,געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף מאַרסעלן און געלאָזן זיך צו דער אַריינגאַנגס־טיר.

זי איז באַלד צוריקגעקומען, אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ טעלעגראַמע.

— אַ טעלעגראַמע פון מיין מאַן — האָט זי געזאָגט, אויפמאַכנדיק דאָס פּאַפּיר

— ער ווינטש מיר אַ גליקלעך יאָר.

זי האָט דאָס פּאַפּיר געלאָזט פאַלן פון האַנט.

— ווי אַזוי האָט איר זיך באַקענט מיט עמיל מענדעז? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— אויף אַ באַל ביי מיינע פריינט. ער האָט זיך אין מיר פאַרליבט, כסדר געקומען אין הויז. מיין פאָטערס געשעפטן זיינען אַוועק שלעכט, ביז איבערן קאָפּ פול מיט חובות. עמיל האָט פאַרגעשלאָגן רייכטום, גליק...

— ער איז פונקט דער קעגנזעצלעכער כאַראַקטער פון אייך, ראַשעל.

— לאָמיר בעסער וועגן אים ניט ריידן, ווייל מיין געמיט וועט באַלד צער־טרייסלט ווערן. מיין חתונה מיט אים איז געווען אַן אומגליק, אַ טעות אַלץ מיט אַנאַנדער. ער איז דעגענערירט, בייז, אייפערזיכטיק, צולהכעיסדיק... ווו געפינט איר זיך אין די אַלפּן־בערג?

— אויף דער פראַנצויזיש־איטאַליענישער גרענעץ, אינעם שטעטל בריאַנסאָן. פאַראַן דאָרט אַ גרויסע סאַנאַטאָריע. קראַנקע קומען דאָרט אַהין פון ווייטע מקומות. זיי קומען וויאַנענדיקע און בליען אויף. עס איז דאָס שענסטע שטעטל אין די אַלפּן. מאָרגן אָוונט, וועל איך שוין דאָרט זיין.

— דערציילט.

— עס איז היינט דאָ ווייניק קראַנקע זעלנער, וואַנדער איך אַרום אין די בערג. ביינאַכט ווערט די פעלדזן־נאַקעטקייט איינגעהילט אין אַ בלויער סודותפולער ליכט. עס צינדט זיך אין דיר אָן אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט, נאָך עפּעס וואָס איז אומ־באַגרייפלעך, נאָך עפּעס, וואָס מען קען בשום־אופן ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס איז. פאַר אייך, ראַשעל, מיט אייער גלויבן אין מיסטעריעזע כוחות וואָס פירן מיט מענטשן, מיט זיין גורל, וואָלט זייער גוט געווען צו וואוינען אין אַזאַ שטעטל אין די בערג, איר וואָלט זיך האַרמאָניש צוגעפּאַסט.

זי האָט געשוויגן, גענומען דאָס שטיקל פּאַרמעט, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און באַהאַלטן אינעם הילצערנעם קעסטעלע.

— איך דאַרף זיך שוין גרייטן אין וועג אַריין — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט

— עס איז געווען וווּנדערבאַר צו פאַרברענגען אַ טאָג מיט אייך, ראַשעל! איר זיינט איינע פון די שענסטע פרויען, וואָס איך האָב באַגעגנט...

אויף איר פּנים האָט געשפּילט אַ צאַרטע רויטקייט. זי האָט אָנגעפילט די גלעזלעך מיט אַ נייעם געטראַנק, גענומען אין האַנט איין גלעזל, דאָס צווייטע — דערלאַנגט אים. אירע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— זייט פאַרזיכטיק.

זיי האָבן ביידע געטרונקען. זי איז צוגעגאַנגען צו אַ וואַנט־שפּיגל און זיך איינגעקוקט.

— איך וועל אייך באַגלייטן צום באַן — האָט זי אַ זאָג געטאָן — וואַרט צו, איך וועל זיך איבערטאָן.

זי איז אַרויס פון דער סטודיע.

ער איז געבליבן אַליין. ער האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט אירע מאָלערייען. ער האָט ערשט דערזען, אַז זי דערזעט די דינסטע שטריכן פון אַ בלום, די פיינסטע טענער פון אַ געוויקס. ער האָט אויך באַמערקט אויף דער טיר אַ זילבערן שיידל מיט אַ מזוזה. אין לייב האָט אים אַ פלייץ־געטאָן אַ וואַרעמקייט, און אין האַלדז, האָט אים גענומען שטיקן פון אַן איבערגעלאָפן געפיל פון געריירטקייט.

זיי זיינען אַרויס אין גאַס. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט. איבער די טראָטואַרן איז געלעגן אַ געדיכטער שניי. אויטאָבוסן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן, געפּאַקט מיט מענטשן, פון קאַפע־טירן, האָט אַרויסגעשלאָגן אַ היימישע וואַרעמקייט.

זיי זיינען אַריין אין אַ קליינעם, אָפּגעלעגענעם רעסטאָראַן, געגעסן, געטרונקען מיט גרויס אַפּעטיט. אַרום אַכט אַזייגער, ווען אַ געדיכטע פינצטערניש האָט איינ־געהילט פּאַריז, זיינען זיי צוגעפאָרן צום באַנהויף „גאַר דע ליאָן".

.3

דער שנעל־צוג „פּאַריז־וואַנטימיל" האָט געשניטן אין דער געדיכטער פינצ־טערניש פון דער נאַכט, די וועגן איבער דער בורגאָניע, צענטראַל־מאַסיוו. דורכ־געפלויגן פאַרשנייטע פעלדער און וועלדער, שטעט און שטעטלעך, וואָס זיינען גע־לעגן פינצטערע אין שרעק פאַרן שונאס עראָפּלאַנען. פון צייט צו צייט האָט זיך דורכן וואַגאָן־פענצטער אַריינגעריסן אַ צאַפּלדיק פלעמל פון אַ סעמאַפאָר אויף אַן איינזאַמער סטאַציע.

דאָקטאָר בלאַנק איז געזעסן אין אַ ווינקל פון וואַגאָן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אינעם צוגענאָגלטן קישעלע. אין מוח האָט אים געהאַמערט אַ קנויל מיט געדאַנקען, איינער איבער דעם אַנדערן. די געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אַרום ראַשעל מענדעז.

ער האָט געבענקט נאָך דער פרוי, וואָס ער האָט ערשט פאַרלאָזן, געבענקט נאָך איר ליִיב, נאָך איר שמעקנדיקער הויט, נאָך דער זייַדענער געדיכטקייט פון אירע האָר, אַפילו נאָך אירע רייד, וואָס האָבן גלעטנדיק שטרענג אים פאַראויסגעזאָגט אַ גרויס אומגליק. ער האָט געבענקט נאָך איר, און אינסטינקטיוו, זיך פאַר איר געשראָקן. ער האָט געהאַט אַ געפיל, אַז די פרוי טראָגט אין איר ווייבלעכקייט, אין איר גאַנצער געשטאַלט דעם פלאַטער פון אַ סכנה, וואָס וועט פאַלן אויף זיין קאָפּ...

ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר איר מאַן, דעם צעבאַלעוועטן, האַלב־קרענקלעכן, פאַרקערט, עס האָט אים געלאָקט דאָס, וואָס ער בענקט נאָך אַ פרוי פון איינעם, וועמען ער האַסט, פון איינעם אַ מאַן, וועמענס גאַנצע איינרעדעניש איז וואָס זיין פאָטער איז אַ מעכטיקער באַנקיר.

מאַרסעל איז געווען אין אָנהייב פון די דרייסיקער. זיין פאָטער איז מיט אַ סך יאָרן צוריק געקומען פון אַ קליין פּויליש שטעטל קיין פראַנקרייך, באַזעצט זיך אין דער שטאָט באָרדאָ, גענומען שווער אַרבעטן, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט ווי אַ סטאָליער, און געזאָרגט, אַז זיין איינציקער זון, מאַיר, פון וועלכן עס איז געוואָרן מאַרסעל — זאָל אויסוואַקסן אַ לייט און אים זיין אַ נחת, אַן אָנשפּאַר אויף די עלטערע יאָרן.

ער איז געווען אַ פעסט־געבויטער מאַן, מאַרסעל, מיט אַ קנאָכיקן פּנים פון וועלכן עס האָט אַרויסגעקוקט זעלבסט־זיכערקייט, ווירדע. דורך שווערער אַרבעט, דורך יאָרן פון ניט דערעסן, ניט דערשלאָפן, אין די פרימאָרגנס און שפּעט אין די נעכט שלעפּן פּעק אויף די פּאַריזער באַן־הייף — האָט ער דערגרייכט דעם טיטל דאָקטאָר, און גראָד דעמאָלט איז אויסגעבראָכן די מלחמה, מען האָט אים גלייך גענומען אין דער אַרמיי אַריין.

דער צוג איז אָנגעקומען אין דער שטאָט ליאָן. מאַרסעל האָט געפילט אַ דערלייכטערונג אינעם געמיט. דורך די לעצטע צוויי טעג, האָט ער זיך געפילט געענדערט, אַ שעמעוודיקייט, געמישט מיט אַ נייגעריקייט, האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין געזיכט. די וועלט, וואָס ער האָט זיך אַליין אויפגעבויט, מיט אַן אייגענער באַנעמונג און טעאָריעס, האָט אים איצטער אויסגעזען, ווי צוזאַמענגעשטעלט פון קאַרטן, וואָס ס׳גענוגנט בלויז אַ שנעל מיטן פינגער און אַלץ זאָל זיך צעפאַלן.

אין צוויי שעה שפּעטער איז ער שוין געזעסן אין אַן אויטאָבוס, וואָס האָט גענומען דעם וועג צו די אַלפּן־בערג, דורך דער אַלטער שטאָט גרענאָבל.

דער אויטאָבוס האָט זיך געדרייט אין דער פעלדזיק, פאַרשנייטער הויכקייט, צווישן זיג־זאַגישע וועגן — שניטן אין די בערג. איבערן קאָפּ האָבן געהאָנגען פעלדזן־

בלאָקן אין אַלע צורות און פאָרמען. פּלוצלינג איז אַ ריזיקער שטיין ארויפגעפאַלן אויפן דאַך פון דעם אויטאָבוס מיט אַ מוראדיקן טרימאַסק. דער שאָפער האָט נאָך באַוויזן האַסטיק אָפּצושטעלן די מאַשין. מאַרסעל איז אַ צעטרייסלטער אויפגע־שפּרונגען. אין דער ערשטער רגע האָט אים אַ האַמער געטאָן אין מוח: „אַן אומ־גליק. ראַשעלס אָנזאָג". דער שאָפער האָט אָבער באַלד אַלעמען בארואיקט, אַז עס איז נאָר אַן „אַוואַלאַנש", צוליב דעם שניי און רעגן, קייקלען זיך אַראָפּ שטיינער פון די בערג. ער האָט אַלעמען געבעטן ארויסגיין און העלפן פריי מאַכן דעם וועג.

מיט קייטן אויף די רעדער, האָט איצט דער אויטאָבוס זיך געקייקלט העכער און העכער. די לופט איז אויך געוואָרן קלאָרער. דער אומעט, וואָס האָט געהאַלטן מאַרסעלן די גאַנצע צייט, זינט ער האָט פאַרלאָזן פּאַריז, האָט איצטער אביסל נאָכ־געלאָזט. ער האָט זיך איינגעקוקט אינעם האָריזאָנט, און געזען די וועלט אין איר געטלעכער קראַפט.

שפּעט אין אָוונט איז ער אָנגעקומען אין שטעטל בריאַנסאָן.

— —

די טעג זיינען געלאָפן רואיק, לויטערע. דאָקטאָר בלאַנק, האָט געפּרוּווט ארויסרייסן פון זיך דאָס געשטאַלט פון ראַשעל מענדעז און איר פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אַן עפּיזאָד. ער האָט אָבער ניט געקענט. ער האָט די פרוי ליב געהאַט מיט אַלע פייערן פון זיין לייב. וואָס מער ער האָט איינגעזען די סכנה פון באַגעגענען איר נאָכאַמאָל, אַלץ מער האָט עס אים געצויגן צו איר. טיף אין הארצן האָט ער זיך געשראָקן פאַר אירע פאַראויסזעאונגען. אין יעדער קליינינקייט, וואָס האָט געהאַט אַ שטיקעלע פּלאָנטער, אַ קרומע ליניע, האָט ער געזען — דראָאונג, אומגליק וואָס לויערט אויף אים. אין יעדער שיינער פרוי, וואָס ער האָט באַגעגנט אין דעם שטעטל צווי טויזנט מעטער הויך, האָט ער געזען — ראַשעלן. אין גלעט פונעם ווינט, האָט ער דערפילט די באַרירונג פון אירע הענט, פון אירע ליפּן. אין די שאַרפע בערג־ריחות, האָט ער געפילט דעם ריח פון איר פולבלוטיקן קערפּער, פון איר הייסן אָטעם...

ער איז געווען זיכער אַז ער וועט שוין מער ראַשעלן ניט באַגעגענען. עס איז נאָר געווען אַ מיראַזש, וואָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן זיין דרייסיק יאָריקן עלטער, און אויפגעטרייסלט זיין געמיט...

4.

סוף ווינטער איז אָנגעקומען אַ באַפעל: דער רעגימענט מיטן מיליטערישן שפּיטאָל, וואָס שטייט אין בריאַנסאָן, זאָל זיך איבערגרופּירן און אַ גרויסער טייל זאָל זיך איבערטראָגן אין די צפון־געגנטן פון פראַנקרייך.

אויפֿן צווייטן טאָג, האָט דאָקטאָר בלאַנק פֿאַרלאָזן דאָס שטילע שטעטל בריאַנ־סאָן, וואָס זעט אויס ווי אַן אָדלער־נעסט אויף אַ שפּיץ פֿון אַ פֿעלדז. נאָך עטלעכע טעג פֿון אַרומוואָגלען איז ער מיט זיין שפּיטאָל אָנגעקומען אַרום ניינציק מייל פֿון דער צפֿון־זייט פֿון פּאַריז.

אין יענעם אָנהייב זומער איז דער דייטש באַפֿאַלן פֿראַנקרייך. אין עטלעכע טעג צעריסן און צעטראַמפּלט דאָס לאַנד. ווי אַ מיליטער־דאָקטאָר, האָט זיך מאַר־סעל געפֿונען נאָענט פֿון די שלאַכטן. אָן אַ שיעור מאָל איז דער טויט געשטאַנען פֿאַר זיינע אויגן אין טויזנטער געשטאַלטן, געררייצט זיך מיט אים, געכאַפּט אים ביים קאַרק, איינגעביסן זיך און אים אָפּגעלאָזן. יעדעס מאָל איז ער פֿון אַזאַ געראַנגל מיטן טויט און אַלערליי סכנות, אַרויסגעקומען אַ גאַנצער, אַ געזונטער, מיט מער לוסט נאָך צום לעבן.

אין יעדער סכנה, אין וועלכער ער האָט זיך געפֿונען, האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, אַז אָט־אָט און עס איז שוין געקומען דער סוף, ער וועט זיך שוין פֿון גורל ניט אַרויסדרייען, און אָט ווערן די רייד ראַשעלס פֿאַרוואַנדלט אין אַן אמת: — עס מוז געשען, וואָס עס איז פֿאַר אים אָנגעצייכנט... קוים איז די געפֿאַר אַריבער, האָט ער זיך אַליין צעלאַכט פֿון דער שרעק, וואָס ער לאָזט איינגראָבן אין זיין לעבן, אפֿילו זיך אויסגעזידלט פֿאַר בלויז לאָזן אַזאַ נאַרישן געדאַנק זיך צעוואַקסן אין מוח, און יעדעס מאָל, בשעת אַ סכנה, פֿלאָנטערט ער זיך אַרוים, דערמאָנט אין דער פּרוים פּלאַפּלעריי אין איינעם פֿון אירע עקסצענטרישע אָנפֿאַלן...

— —

איינמאָל אין אַ שעה, ווען די בענקשאַפֿט צו ראַשעלן האָט אים געדריקט מיט מוראַדיקע יסורים און געוווּסט האָט ער, אַז דער דייטש וועט באַלד פֿאַרפֿלייצן פּאַ־ריז, האָט ער געשיקט אַ טעלעגראַמע צו איר: אויב זי קען, זאָל זי גיין צו דער שפּאַנישער גרענעץ, וואַרטן אויף אים אין דער שטאָט בלואַ, אינעם האָטעל „די גאָלדענע טויב".

5.

דער טאָג האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרגיין. די זון האָט אין פֿלאַמיקן גאָלד געלאָשן אירע שטראַלן אינעם טייך „לואַר", צעברענט די שפּיצן און טורעמלעך פֿון די אַלטע פּריצישע שלעסער, וואָס ליגן צעוואָרפֿן לענג־אויס דעם ברייטן, זינגעוו־דיקן טייך.

אין יענעם פֿאַרנאַכט, האָבן מחנות מענטשן געוואָגלט ביי די ברעגן פֿון טייך, געזוכט שוץ און אַנטרינונג. מיט די לעצטע כוחות זייערע — ווי מידע וואַנדערער

אין דער מדבר, וואָס זוכן כּאַטש אַ שאָטן — האָבן די מחנות מענטשן געוואָלט דערגרייכן אַ בריק איבערן טייך, אַריבערצוכאַפּן זיך אויף יענער זייט, איידער די בריק וועט פונעם שונא אויפגעריסן ווערן.

ראַשעל מענדעז איז שוין זייט עטלעכע טעג געווען אַריינגעדרענגט אין דער לויפנדיקער מענטשן־מאַסע. זי האָט זיך געפינען אויף די וועגן, וואָס פירן צו די שפּאַנישע גרענעצן.

דעם ערשטן טאָג האָט איר נאָך אָפּגעגליקט, דאָ זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ וואָגן, דאָ אָנהענגען זיך אויף אַ מיליטערישן טראַק און אַזוי אַרום אַריינגעיאָגט איבער פערציק מייל. אויפן צווייטן טאָג איז זי געלאָפן דורך ברענענדיקע שטעטלעך, דורך אויסגעליידיקטע דערפער, ווו מען האָט אין גרויס בהלה אפילו ניט אַרויסגעפירט די בהמות פון די שטאַלן. אומעטום האָט זיך געהערט דער מאָנאָטאָנער געברום, ווי פון גלאָקן־קלאַנגען אויף איינזאַמע וועגן:

— לעז אַל—מ—אַן! לע באָ—ש, לע—באָ—ש! דייטשן! פּאַסקודנע דייטשן.

ווען ראַשעל האָט זיך איינמאָל צוגעזעצט אין אַ ראָוו, אָפּצורוען עטלעכע מינוט, האָט זי אָנגעטראָפן אויף אַ יונגער יידישער פרוי, וואָס האָט אין דעם פּאַניק פאַרלוירן איר מאַן. די פרוי האָט ווי אַ פאַרווונדעטע חיה געזוכט שוץ, געיאָמערט און ניט געוווּסט, וואָס מיט זיך צו טאָן.

ראַשעל האָט זי אויפגעמונטערט, געטרייסט, אָנגעבאָטן איר הילף, צוגעזאָגט צו גיין צוזאַמען, ביז זי וועט צוריק־געפונען איר מאַן. די פרוי האָט זיך שטאַרק דערפרייט, אָנגעכאַפּט זיך אין ראַשעלס אָרבאָט. אין צווייען איז אין אַזאַ מוראדיקן עלנט אַביסעלע היימלעכער. אין מיטן גיין האָט ראַשעל גערעדט צו איר און סתּם אַזוי, אָנווייזנדיק אויף דער שיינקייט אַרום:

— די פריצישע שלעסער שטייען אַזוי רואיק צווישן דער אויסגעבעטער סאַמעט־גרינקייט ווי מאָנומענטן פון אַ ראָמאַנטישער צייט. ווער ווייסט וויפיל מאָל זיי האָבן שוין צוגעזען דעם מאַרש פון היימלאָזע, פון די וואָס אַנטלויפן פון הינטער דעם דייטשם מעסער. דאָרט, אין יענעם שלאָס, מיט די טורעמלעך און קאָלאָנען, וואוינט זיכער אַן אַלטער סקלעראָזער מאַרקיז, וואָס בענקט נאָך זיינע פריילעכע יאָרן פון אַמאָל. אין יענעם דאָרט, מיט דעם ענגבריקל, מיט דעם ווינט־האָן אויפן דאַך, וואוינט אודאי אַ פראַנצוויזישער גראַף, וואָס איז בייז אויף דער מלחמה, ווייל מען שטערט אים אין זיינע הוליאַנקעס.

— איך האָב ניט קיין כּח אפילו זיך אומצוקוקן — האָט די צווייטע פרוי געקלאָגט — די פיס פּלאַצן מיר פאַר ווייטיק. שוין דריי טעג לויפן מיר אָן אָפּרו, קוים אַ טראָפּן וואַסער געהאַט אין מויל. ווי לאַנג קענען מיר נאָך אַזוי לויפן? מיר וועלן דאָך פאַלן פון די פיס.

— מען דאַרף זיך האַלטן, מען וועט אַלע צרות איבערקומען — האָט ראַשעל זי געטרייסט — מיר וועלן באַלד אָנקומען אין אַ שטאָט. איך בין זיכער, אַז איר וועט אייער מאַן געפונען, אפשר וועלן מיר זיך דערשלאָגן צו אַ ווינקל, איין נאַכט איי־בערצושלאָפן.

— איר זייט אַ וווּנדערלעכער מענטש — האָט די פרוי זיך געטוליעט צו ראַשעלן — איר פאַרמאָגט אַזויפיל האָפענונג, אַזוי פיל גוטסקייט. וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איך טרעף אייך ניט אויפן וועג? איך וואָלט אומגעקומען און קיינער פון די טויזנטער לויפנדיקע מענטשן, וואָלטן זיך דאָך אפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר.

— מיר וועלן נאָך היינט זיין אין דער שטאָט בלוא — האָט ראַשעל גע־שעפּטשעט און אַ ווילדע פרייד האָט זיך צעברויזט אין איר קערפּער.

אין יענעם פאַרנאַכט, האָבן ביידע פרויען זיך דערשלעפּט צו דער שטאָט בלוא, וואָס ליגט צעטיילט אין צוויי טיילן אויף ביידע ברעגן פון גרינלעך־בלויען טייך — לואַר.

עס האָט שוין דאָ געווימלט ווי אין אַ בינענשטאָק פון אויטאָמאָבילן, זעלנער, פרויען, מענער, קינדער, פערד, שטוב־חיות, בהמות. יעדעס ווינקעלע איז געווען פאַרכאַפּט. די קראָמען זיינען געשטאַנען אויסגעליידיקטע. מען האָט זיך געריסן איבער אַ ביסל וואַסער, געשריגן, געוויינט, געוואָרפן, גערעדט אויף אַלערליי קולות און לשונות.

ראַשעל האָט מער ניט געהאַט קיין כח צו מאַכן אַ טריט. זי האָט געקוקט אין אַלע זייטן, געזוכט אים, מאַרסעלן און קוים זיך דערשלעפּט צום האָטעל „די גאָל־דענע טויב״. זי האָט זיך ניט געקענט דערשלאָגן אַריין אינעווייניק און האָט זיך מיט דער פרעמדער פרוי, איר באַגלייטערין, אַוועקגעלייגט ביי אַ מויער, זיך צו־נעשפּאַרט און אַריינגעפאַלן אין אַ שלאָף.

מיטן שפּראָץ אויף טאָג, האָט זיך געהערט אַ זשומען. אין דער גרויער הימל־ווייטקייט, האָבן זיך געטראָגן עטלעכע עראָפּלאַנען. אין געציילטע רגעס האָבן זיי זיך דערנענטערט צו דער שטאָט בלוא. באַלד האָט אַ דונערן אויפגעוועקט די גאַנצע צונויפגעקנוילטע מאַסע. קראַכן, פלאַמען, מעכטיקע שמעטערן האָבן שוין אויפ־געריסן די לופט. אַלץ אַרום האָט געברענט: הויז, אויטאָמאָביל, מענטש, חיה, ערד, שטיינער.

ווילדע פאַרצווייפלטע קולות, האָבן זיך אַריינגעריסן אינעם געדונער:

— די בריק! די בריק! די בריק ווערט אויפגעריסן!

ראַשעל האָט געשלעפּט איר באַקאַנטע ביים אָרעם. געלאָפן דורך פייער און

פֿאַלנדיקע װענט, געלאָפֿן צו דער — בריק, װאָס פֿאַרבינדט בײדע טײלן שטאָט. די פֿרוי האָט זיך אין ספּאַזמאַטישן אַנגסטן־שגעון אַרױסגעריסן פֿון ראַשעלס פֿעסטן האַנט־גריף און געלאָפֿן אין אַן אַנדערע זײַט. נאָך אױפֿכאַפּנדיק יענערס געשרײ, איז ראַשעל, װי אַ פֿאַרװירטע געלאָפֿן צו דער ברענענדיקער בריק. אַן איבערמענטש־לעכע אימפּעט האָט זי געטראָגן. זי איז אַרױף אױף דער בריק, דורכגעריסן זיך דעם שטיקנדיקן רױך, פֿלאַמען, פֿאַלנדיקע שטײנער, זאַמד, אַ מוראַדיקע בעלקע אין פֿלאַ־מען האָט זיך אַ ריס געטאָן, געפֿאַלן פֿאַר איר פּנים. זי האָט אַריבערגעשפּרײזט דאָס פֿײער און געלאָפֿן פֿאָראױס ביז זי האָט דערגרײכט — ערד. פֿאַרבײַ איר זײַנען גע־לאָפֿן מענטשן אין שגעון־פּאַניק. אין די רגעם האָט אַ געשרײ זיך אַרײַנגעריסן אין איר לײַב, איר אינגעװײד האָט זיך אַ טרײסל געטאָן.

— ראַשעל! ראַשעל מענדעז!

אַ מיליטערמאַן, מיט צעקנײטשטע, צעריסענע מלבושים, מיט אַ פֿאַרסאַ־זשעטן פּנים, האָט זי אַרײַנגעכאַפּט אין אירע אָרעמס.

— ראַשעל! דו?...

— דאָקטאָר בלאַנק!

— יאָ. מיר זײַנען דאָך אין בלױאַ.

זײ האָבן זיך פֿעסט געהאַלטן בײַ די הענט און איבער זײ, אַרום זײ, האָט מען געיאָגט, געשטױסן, געשטופּט און זײ פֿאַרטריבן װײַטער.

6.

דעם יוני־פֿרימאָרגן, האָט די זון פֿרײלעך, שטיפֿעריש געטונקען אירע שטראַלן אין די פּערלדיקע טױ־טראָפּנס, װאָס האָבן געפֿײכטיקט איבער גראָזן, בױמער, װעל־דער און פֿעלדער. שאַרפֿע פֿרי־זומער ריחות זײַנען אױפֿגעגאַנגען פֿון דער ערד, פֿון די סטױגן הײ אױף די פֿעלדער, װאָס זײַנען כּסדר געטראָטן געװאָרן פֿון מענטש־לעכע פֿיס און קערפּערס. דאָס גראָז אַ מחיהדיקס, אַ זאַפֿטיקס האָט גערײצט די מענטשלעכע אױגן, זײערע גלידער, װאָס האָבן זיך געצױגן צו דער ערד אױסגעצױ־פּאַלן און רוען, רוען, אײַנזױגן די שמעקעדיקע פֿײַכטקײט, ליגן און אַפֿילו אױסגײן — — —

קײנער פֿון די לױפֿנדיקע האָט ניט נאָכגעגעבן די תּאווה פֿון אױסציִען זיך, רוען כאָטש אַ װײַלע. דער אימפּעט, די שרעק, דער גרויל, האָט געטריבן װאָס װײַ־טער פֿון דײַטש, אַ מײַל װײַטער, אַ יאַרד װײַטער.

ראַשעל האָט אויף זיך געטראָגן אַ לייכטן שטויב־מאַנטל. איר פּנים איז גע־וועזן בלייך און רייצנדיק, די האָר — ניט פאַרקעמטע, האָבן זיך געכוואַליעט איבער איר געזיכט. די אויגן זיינען ביי איר געווען רויט פון ניט־שלאָפן. איר שטימע איז געווען פריש און מונטער. זי האָט באַוואָרפן מאַרסעלן מיט פראַגן, אויף וועלכע ער האָט ניט געקענט ענטפערן מיט אמאָל:

— איר זעט, איך לעב, בין געזונט — האָט ער געזאָגט האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס — איך לעב, נאָר איך בין אויף גרויסע צרות.

— פאַרוואָס האָט איר מיר פּלוצלינג געשיקט אַ טעלעגראַמע?

— איך האָב ניט געקענט מער אויסהאַלטן. איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַז איך וועל אייך באַגעגענען.

איר שטימע האָט זיך געבראָכן:

— איך האָב וועגן אייך אַ סך געטראַכט, איבערהויפּט אין די לעצטע טעג. דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געגלויבט, אַז איך וועל אייך נאָך אַמאָל באַגע־גענען, אַפילו, ווען איך בין געלאָפן קיין בלואַ. טויזנטער מענטשן זיינען געלאָפן אויף דעם זעלבן וועג. ווייזט אויס, אַז דער גורל איז פאַרט גענעדיק צו אייך.

אין אירע אויגן האָבן אַ פּלייץ געטאָן טרערן.

— איר זעט גוט אויס, ראַשעל — האָט ער פאַרקירעוועט דעם שמועס — די צרות האָבן ניט געמינערט פון אייער פּראַכט אַפילו אויף אַ האָר.

— איצט קענען מיר מאַכן דעם וועג צוזאַמען — האָט זי געזאָגט.

— עס איז אַפילו ניטאָ קיין שום וועג, וווהין צו לויפן. דער דייטש וועט סיי ווי אָניאָגן, נאָר מיר וועלן פּרווון זיך צוקריגן צו די שפּאַנישע גרענעצן, אפשר וועט מען זיך קענען אַרויפכאַפּן אויף אַ מיליטערישן וואָגן. איך בין דאָך נאָך פאָרט אַן אָפיציר אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, הגם די אַרמיי איז שוין צעקלאַפּט.

זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום הויפּט־וועג; מענטשן און וועגענער, האָבן זיך פאַרחושכטע געשלעפּט, ווי טשערעפּאַכעס. עס איז געווען אַ קנויל, אַ פּלאָנטער פון מענטשלעכע לייבער און מאַטאָרן.

— מיר וועלן אַריינשניידן אין וואַלד — האָט מאַרסעל געזאָגט — סיי ווי ניטאָ וואָס צו פאַרלירן.

ווידער זיינען אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען, אויפגעריסן די בריקן. פאַר־טיק געוואָרן מיט די באָמבעס, האָבן זיי אין געציילטע רגעס זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריק איבער דער מענטשן־מאַסע, מיט די פּראָפּעלערס געזשומעט און מיט קוילן געשניטן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אויף דער ערד באַוואויגן, געשניטן גלייך, סימעטריש, ווי מיט אַ שאַרף פון אַ מעסער איבער אַן אָנגעצייכנטער ליניע.

מענטשן זײַנען געפֿאַלן אײנער איבערן אַנדערן, זיך צעלאָפֿן אין די גריבער, האָט װער דערגרײכט אַ בױם, אַ גרוב. — איז ער גערעטעװעט געװאָרן.

ראַשעל און דער דאָקטאָר זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרוב, מיט די פּנימער זיך אײַנגעגראָבן אין דער שמעקענדיקער ערד און באַלד, װי נאָר דער גערױש פֿון די שטאָלענע פֿײגל האָט זיך דערװײַטערט, זײַנען זײ אױפֿגעשפּרונגען און געלאָזן זיך צום װאַלד, װאָס האָט זיך געצױגן פֿון בײדע זײַטן װעג.

זײ זײַנען אַװעקגעפֿאַלן אונטערן שאָטן פֿון אַ בױמער־געפֿלעכט. עס איז דאָ געװען שטיל, אַז מען האָט געהערט דעם פֿרײַען פֿױגל־פֿלי, דעם שאַרך פֿון זאַפֿטיקן גראָז, דעם ליבע־פֿלאַטער פֿון דער פֿליג, דעם רױש פֿון די בױמער. עס האָט זיך זײ בײדן געגלוסט אײביק דאָ בלײַבן, ניט באַװעגן זיך, ניט אַ ריר טאָן מיט קײן אבר, נאָר אַזױ צוטוליען זיך צו דער שמעקענדיקער ערד, ליגן, ליגן...

זײ זײַנען געלעגן אונטערן שאָטן פֿון דעם בױמער־געפֿלעכט און געשװיגן. שױן אַ װײַלע, װי עס האָט זיך ניט געהערט דאָס זשומען פֿון די שטאָלענע פֿליגל.

— איר האָט עפּעס געהערט פֿון עמילן? — האָט דער דאָקטאָר פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן — װוּ געפֿינט ער זיך?

— מײַן מאַן? ער איז צװײ מאָל דעם װינטער געװען אין דערהײם. ער איז נאָך בײזער און װילדער געװאָרן. ער איז אַרומגעגאַנגען אַ װאָרטשנדיקער, קײן זאַך האָט ער ניט געקענט פֿאַרלײדן. ער איז אין מײַן סטודיע אַרומגעלאָפֿן אַ צערײצטער, געװען אײפֿערזיכטיק אױף מײַנע װערק, װאָס איך האָב געמאָלן, בשעת ער איז ניט געװען אין דער הײם. ער האָט גענומען אַלץ ברעכן, האַקן, פֿאַרניכטן.

— פֿאַרװאָס פּלוצלינג?

— דער קראַנקלעכער, אױסגעפֿײַנערטער אינסטינקט זײַנער — — —

— װאָס האָבן מיר זיך צערעדט? מיר מוזן דאָך װײַטער לױפֿן. דער טאָג שטײט ניט, לאָמיר כאָטש דערגײן ביז דער שטאָט טור, אײדער די נאַכט פֿאַלט־צו.

זײ זײַנען בײדע צוגעפֿאַלן אײנער צום אַנדערן, דערפֿילט אײנער דעם אַנדערנס אָטעם. די ליפּן זײערע האָבן זיך אײַנגעזױגן אײנע אין דעם אַנדערנס בלוט. די אָרעמס זײערע האָבן זיך פֿאַרפֿלאָכטן.

איבער זײ האָט געשפּילט זון און שאָטן.

ראַשעל האָט געשעפּטשעט:

— איך בין אַזױ גליקלעך, װאָס דו ביסט דאָ. איך האָב זיך שױן אַזױ געשראָקן, װעגן דיר. אפֿשר זײַנען טאַקע אַלע צײכנס און זעענישן, ניט מער װי נאַרישע אײַנרײדענישן? איך האָב אָבער מורא פֿאַר דיר, פֿאַר... מיר.

— נײן, נײן — האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטאָן — ניט נאַרישע אײַנרעדע־

נישן. דו דאַרפסט זיך ניט שרעקן, דיר וועט זיכער גאָרניט געשען, דו ביסט באַשיצט, באַשירעמט.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין ביים ראַנד פון וואַלד.

ווידער זיינען זיי געגאַנגען דורך ברענענדיקע שטעטלעך. די מידקייט האָט געבראָכן די פיס. די מיט־יוני היץ האָט אויסגעמאַטערט, ביז פאַרשמאַכטקייט.

אָפּגעגאַנגען עטלעכע מייל זיינען זיי ווידער אַרויס אויפן וועג, וואָס פירט צו דער שטאָט טור. אַ מיליטערישער טראָק, אָנגעלאָדנט מיט פרויען, קינדער איז אָנגעפאָרן. דאָקטאָר בלאַנק האָט זיך צוגעקראָגן צום שאָפער, געבעטן ברויט. דער זעלנער האָט מיט דעם דרך־ארץ פאַר אַן אָפיציר, אַרויסבאַקומען פון ערגעץ אַ זעלנעריש ברויטל, אַ פלאַש רויטן ווייַן, דערלאַנגט מיט אַ זאָג:

— מיר האָבן גאָרניט מער. אַלץ פאַרטיילט צווישן היימלאָזע, ציווילע.

דער דאָקטאָר האָט געדאַנקט, גענומען ראַשעלן אונטערן אָרעם און אַוועק.

זיי האָבן ביידע געריסן שטיקער ברויט, געשלונגען מיט וועלפּישע אַפּעטיטן, פאַרטרונקען מיט ווייַן, אַביסל געשטילט דעם הונגער און זיך געשלעפּט ווייטער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. טויזנטער וואַנדערנדיקע מענטשן, פאַרפּייניקטע, רעזיגנירטע, אַפּאַטישע צום גאַנצן גרויל, צום פּיינלעכן שפּיל פון לעבן און טויט, וואָס גייט אָן פאַר זייערע אויגן, האָבן זיך געוואָרפן אויף די פעלדער, אויף די סטויגן היי, וואָס זיינען ערשט מיט צוויי טעג צוריק אָפּגעשניטן געוואָרן, און שוין אַזוי געבליבן אויף הפקר, געוואָרן געלעגערס פאַר געפּלאָגטע מענטשן.

מאַרסעל און ראַשעל האָבן זיך אויך אַנידערגעוואָרפן אויף אַן אָפּן פעלד. די פיס האָבן זיי שוין ניט געדינט צום גיין. די פוס־זוילן זיינען שוין געווען אָנגעשוואָלן פון היץ, קאָנקריט און שטיין. זיי האָבן קוים צוזאַמענגעשלעפּט אַביסל שטרוי.

זיי האָבן זיך געטוליעט קערפּער צו קערפּער. עס איז געווען דער עקסטאַז־אויסברוך פון געפינען זיך, פון אַ גרויסער האָפענונג וואָס האָט אין זיי געגליט, עס איז אויך געווען דער עקסטאַז פון פאַרגעסן זיך. זאָל זיין, וואָס וועט זיין, אפילו אויסגיין, אומקומען, פאַרגיין...

זיי האָבן זיך איינגעגראָבן אין דעם ביסל שטרוי, טיפער, טיפער אין דער שמעקנדיקער, אָנגעגליטער ערד. קערפּער פאַרוואָרפן איבער קערפּער, אָטעם — צו אָטעם...

7

אַ ראָזעווער פּאַס ליכט, האָט זיך צעגליט אויפן הימל, אַביסל העכער פונעם ראַנד פון דער ערד. אַ נייער טאָג איז געבוירן געוואָרן.

זיי האָבן זיך אויפגעריסן פון אַ מוראַדיקער באָמבאַרדירונג, וואָס איז אָנגע־גאַנגען איבער דער שטאָט טור, גאַרניט ווייט, ווו זיי האָבן זיך געפונען. די ערד האָט זיך געטרייסלט און פלאַמען פייער מיט שוואַרצן רויך, האָבן זיך פאַר זייערע אויגן געריסן צו די הימלען. ער האָט אַרויסגעשלעפּט די שטרויעלעך פון אירע האָר, פאַרשפּיליעט אויף זיך די צעקנייטשטע מיליטערישע בגדים. זי האָט מיט אירע האַנט־פלאַכן געריייניקט די הויט פון איר פּנים,ביידע האָבן געלאַכט פון זייער מעמד און מיט אַן אויפגעהייטערט געמיט זיך געלאָזן גיין, ניט ווייסנדיק וווּהין.

איבערן וועג זיינען מענטשן געלאָפן אין בהלה, ווי בינען אין אַ ברענענדיקן בינענשטאָק זיינען זיי געלאָפן. ווידער האָט אַ הילכיקער געבראַזג אויפגעריסן נאָענט. דאָס גערויש איז געוואָרן שטאַרקער. האַרט איבער די קעפּ, האָבן די פּראָ־פּעלערס געהוזשעט מיט רוגזה, געהאָגלט מיט קוילן. ראַשעל און מאַרסעל האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אונטער אַ בוים ביים ראַנד פון וואַלד.

אויפן וועג איז געלאָפן אַ פרוי מיט אויסגעשפּרייטע הענט, ווי פליגלען. זי איז קוים צוגעקומען צום גראָבן און אומגעפאַלן פון אַ קויל, וואָס האָט איר גע־טראָפן. ראַשעל האָט דאָס דערזען, קראַמפּהאַפט אָנגעכאַפּט מאַרסעלס אָרעם, אַ שעפּטשע געטאָן: „אָ, גאָט, דאָס איז דאָך מיין באַקאַנטע". זי איז בליץ־שנעל אויפגעשפּרונגען, זיך אַ לאָז־געטאָן צו דער פרוי, וואָס איז געפאַלן ביים ברעג פון גרובן. ראַשעל האָט זי אַריינגעכאַפּט אין אירע אָרעמס, געוואָלט זי אַריינשלעפּן אין גרובן, אין דער זעלבער רגע האָט אַ האָגל געטאָן מיט קוילן און ביידע פרויען־קערפּערס זיינען אומגעפאַלן.

דאָס אונטערהאַקן צוויי מענטשלעכע קערפּערס, האָט קוים געדויערט עטלעכע רגעס. דאָקטאָר בלאַנק איז געבליבן ווי פאַרשטאַרט. ער האָט קוים באַוויזן נאָכ־צולויפן ראַשעלן, אַריינגעשפּרונגען אינעם גרובן, געזען די שיינע הענט פון ראַשעל מענדעז, אויסגעשטרעקט מיט די פלאַכן אַרויף און איבער זיי — שטראָמעלעך בלוט.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ וואָרף געטאָן ראַטעווען ביידע פרויען. ער האָט פיבערדיק געזוכט זייערע וווּנדן, דעם פּולס זייערן. ראַשעלן האָט ער שוין ניט גע־קענט העלפן. דער קערפּער אירער האָט אַ לעצטן צאַפּל געטאָן. די אומבאַקאַנטע פרוי איז געווען פאַרווונדעט אין אָרעם. ער האָט נערוועאיש, טרייסלענדיק זיך, וואָ־יענדיק ווי אַ געשלאָגענער הונט, געזוכט עפּעס, כדי צו פאַרבונדן אירע וווּנדן. ער האָט זיינע הענט אַריינגעטאָן אין די טאַשן, אַרויסצובאַקומען אַ נאָז־טיכל. זוכנדיק, איז פון איין טאַש פון זיין ראָק אַרויסגעפאַלן אַ שטיקל צעקנייטשטער פּאַרמעט און קיין טיכל ניט געפונען. ער האָט צעריסן דער פרויס העמד, פאַרבונדן אירע

ווונדן, נאָכדעם האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס שטיקל פּאַרמעט און דערקענט — ראַשעלס קמיע — — —

אין זיין מוח האָט אַ גליאיקע נאָדל געשטאָכן, ווי דורך אַ נעפּל האָט עפּעס אויפגעטויכט. ער האָט זיך דערמאָנט ביינאַכט האָט ראַשעל זיך צוגעדעקט מיט זיין מלבוש, גענישטערט אין די טאַשן, מיט דעם אויסרייד, אַז זי זוכט אַ סיגאַרעט, ווייזט אויס, האָט זי דאָרטן באַהאַלטן דאָס שטיקל פּאַרמעט, די קמיע, אין וועלכער זי האָט אַזוי שטאַרק געגלויבט, באַהאַלטן עס, כדי ער, מאַרסעל בלאַנק, זאָל באַשיצט און באַשירעמט ווערן פון אומגליקן, פון אַלעם־בייזן...

אַנטיקוואַרע סאָפּע

די אַלמנה פּלאָרענס מאַדען איז פון דער ווייטער פּראָווינץ געקומען קיין ניו־יאָרק, געקויפט אויף אַ שטילער גאַס אַ קליין, אַלט הויז מיט מעבלירטע צימערן, וואָס האָט געזאָלט פאַר איר ווערן אַ קוואַל פון פּרנסה אויף די עלטערע יאָרן.

פון איר אַמאָליקער עשירות און באַלעבאַטישקייט האָט זי מיטגעבראַכט אַביסל אָפּגענוצטע מעבל און פאַרשיידענע שטוב־חפצים, וואָס זיינען צו איר געקומען בירושה פון דער מאַמען, פון דער באָבען, פון אַ דור צו אַ דור. איצט האָט זי מיט די זאַכן באַשיינט די צימערן פון איר הויז.

צווישן די אַלטע מעבל־שטיקער, וואָס האָבן זי באַגלייט אין דער נייער היים, איז געווען אַ סאָפּע, אַ האַלב־רונדע, אַ באַקוועמע, מיט שניצונגען אויף די ברוינלעכע האָלץ־געזימסן און מיט אַ גרינלעך־טונקעלן פּלוש איבערגעצויגן. די סאָפּע, וואָס האָט אַ סך יאָרן געדינט אַ בכבודיקער אַמעריקאַנער משפּחה, האָט די אַלמנה אַריינגעשטעלט אין איינעם פון אירע שענסטע צימערן פון דעם ציגלנעם הויז.

דער ערשטער וואָס האָט פאַרנומען דאָס דירהלע מיט דער גרינער סאָפּע, איז געווען אַ מיטליאָריקער מאַן, אַן איינזאַמער, אַ צוריקגעהאַלטענער, וואָס האָט ליב געהאַט צו שכורן און אַ באַטרונקענער וואַלגערן זיין שווערן קערפּער אויף דער סאָפּעווייכקייט. דער מאַן איז געווען אַ פּלעגער פון בלומען און פּלאַנצן אין איינעם פון די שטאָטישע פּאַרקן. יעדן שבת נאָכמיטיק, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט, האָט ער נעבן זיך אַוועקגעשטעלט אַ טישעלע מיט געטראַנקען און אַזוי געשכורט, ביז זונטיק שפּעט אין דער נאַכט. אין די צוויי טעג און נעכט פון דער

סוף וואָך, האָט ער קיינעם אין הויז ניט געוואָלט זען, נאָר געטרונקען, געזונגען, געקלאַפּט אינעם דיל, אין די ווענט צו די שכנים, שעה׳ן־לאַנגע גערעדט אינעם הויז־טעלעפאָן צו קיינעם ניט, נאָר בלויז צו ווייזן זיינע שכנים, אַז ער, פּרענק, איז ניט געקלאַפּט אינעם דיל, אין די ווענט צו די שכנים, שעהן־לאַנגע גערעדט אינעם הויז־טעלעפאָן צו קיינעם ניט נאָר בלויז צו ווייזן זיינע שכנים, אַז ער, פּרענק, איז ניט קיין פאַרלאָזענער. אָט רעדט ער צו זיינע פריינט, דערציילט זיי אינטערעסאַנטע מעשהלעך. אָט וויל ער, רופט ער אָן די שענסטע פרויען פון שטאָט, וועט זיי איינלאַדן צו פאַרברענגען מיט אים אין זיין צימער, טאַקע דאָ אינעם הויז, זיי וועלן זיכער קומען צו אים. זיין שטימע — אַ זיסלעכע, אַ זינגעוודיקע, צעצויגענע, גיסט זיך איבערן טעלעפאָן־טרייבל מיט ווערטער:

— טייערע, שוין אַזוי לאַנג דיך ניט געזען, איך בענק נאָך דיר, דו ווייסט דאָך, אַז טאָג און נאַכט זיינען מיינע געדאַנקען פאַרנומען נאָר מיט דיר. יאָ, קום פאַרנאַכט, קום זיכער, איך וועל וואַרטן...

זינט ער וואוינט דאָ אינעם הויז, האָט נאָך קיין איין פרוי, אַ חוץ דער באַלעבאָסטע די אַלטע פלאָרענס מאַדען, די שוועל פון זיין צימער ניט באַטרעטן.

אָפּגעוואוינט אינעם הויז אַ צייט, האָבן די שכנים מער ניט געקענט אויסהאַלטן פון זיינע שכרות־אָנפאַלן, האָט אים די באַלעבאָסטע געמוזט אַרויסוואַרפן, צוזאַמען מיט עטלעכע חפצים, אַ סך פלעשער, ביכער, און נאָך דעם זעלבן טאָג. האָט זי דאָס צימער מיט דער גרינער סאָפע פאַרדונגען צו אַן איינזאַמען מוזיקער.

דער מוזיקער, אַ שטילער מאַן, אַ דאַרער, אַ ביינערדיקער, מיט אַן אַסמאַטישן אָטעם — האָט זיך אַריינגעצויגן מיט אַ קליינער וואַליזע און אַ טשעלאָ. ער איז אַריין אין זיין נייער דירהלע זייער שטיל, קיינער האָט ניט געוווסט, אַז אַ נייער מענטשן איז צוגעקומען אינעם הויז.

אין די ערשטע טעג, האָט מען פון זיין צימער ניט געהערט קיין קלאַנג. אויף זיין טיר האָט שוין געהאָנגען אַ ווייס קאַרטל, וואָס האָט אַלעמען אָנגעזאָגט דעם נאָמען מיט דער פּראָפעסיע. ערשט אויפן דריטן טאָג האָט דער נייער איינוואוינער אַ לויף־געטאָן מיט זיינע פינגער איבערן אינסטרומענט און אַלעמען אין הויז אָנגעזאָגט, אַז ער איז דאָ — — —

גאַנצענע טעג פלעגט דער מוזיקער שוין אָפּזיצן אויף דער סאָפע, דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דעם אַנטיקוואַרן, געשניצטן האָלץ־געזימס און געשפּילט. די שכנים פון די מעבלירטע צימערלעך, האָבן זיך צוגעהערט צום שפּילן פון דעם איינזאַמען טשעליסט, אין די מעלאָדישע טענער האָבן זיי געהערט דאָס אייגן געוויין און אייגענעם געמיט־צושטאַנד.

ראָבערט, איינער פון די הויז־איינוואוינער, אַ מענטש אַ שטילער, וואָס האָט ליב

אונטערצוהערן ביי יענעם אונטער דער טיר, אויפכאַפּן דאָ אַ שאָרך, דאָ אַ בינטל רייד און דערנאָך אין שטילע סודותדיקע טענער צעטראָגן צווישן די איינוואוינער, האָט שוין וועגן דעם מוזיקער געהאַט צו דערציילן, אַז ער איז אַן אַנטוישטער קינסטלער, אינמיטן פון זיין אויפבלי, האָט זיך דער טאַלאַנט ביי אים אויסגעלאָשן און איז געבליבן ווי אויף אַ ווינגדיקער וואָגשאָל — ניט אַהין און ניט אַהער; דערגאַנגען איז ער קוים צו ווערן אַ דריט־ראַנגיקער מוזיקאַנטל אין אַ צווייט־ראַנגיקן נאַכט־קלוב אין ניו־יאָרק, וווּ ער שפּילט אין די שעהן פון פאַר און נאָך האַלבער נאַכט, פאַרוויילט געסט און פאַרליבטע פּאָרלעך.

יעדעס מאָל נאָך אַ קאָנצערט פאַר די אייגענע ענגע פיר ווענט, פלעגט שוין ווער פון די שכנים אונטערטראָגן דעם מוזיקער לויב־ווערטער:

— איר שפּילט מייסטערהאַפט. עס איז אַ פאַרגעניגן אייך צו הערן!

נאָך אַזעלכע קאָמפּלימענטן, האָט זיך אים אַ וואַרעמקייט צעגאָסן איבערן קערפּער, און באַלד האָט זיך איבערן הויז געהערט אַ גאַמע מיט טשעלאָ־קלאַנגען, ווי טיפע קרעכצן, פאַרשטיקטע געוויינען און קינדישע יאָמערן.

איינמאָל, נאָך האַלבער נאַכט, האָט מען אים אין נאַכט־קלוב אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. דער מוזיקער האָט די בשורה אויפגענומען רואיק, און שוין נאָכדעם אַרומ־געבלאָנקעט איבער די גאַסן ביזן גרויען פאַרטאָגנס. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער פאַרמאַכט די פענצטער, אויפגעדרייט דעם גאַז פונעם קליינעם גאַז־אויוועלע אינעם ווינקל און אַריינגעזעצט זיך אין דער טיפקייט פון דער סאָפע.

אין אַ ווײַלע שפּעטער, האָבן די שכנים אויפגעבראָכן די טיר און אַ שפּי־טאָל־אַמבולאַנס האָט דעם פאַרשטייפטן קערפּער ערגעץ אַוועקגעפירט.

אין דעם צימער האָט זיך אַריינגעצויגן אַ יונגע שיינע פרוי. אין די ערשטע טעג איז דער הויז־חלל פאַררייסן געוואָרן פון פיינע פּאַרפום־ריחות, געלעכטערס, געזאַנגעכצער, וואָס האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון איר צימער. נאָכדעם האָבן אין די אָוונטן אָנגעהויבן צו איר קומען מאַנספּערשוינען. זיי האָבן זיך אַריינגעשלייכט שטילע, איינגעקאָרטשעטע, מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, געכאַפּט אַ שנעלן בליק אינעם הויז־שפּיגל, וואָס שטייט האַרט ביים אַריינגאַנג און מיט אומרואיקע באַוועגונגען געבלאָנדזשעט צום צימער פון דער יונגער פרוי.

אינעם צימער פון דער יונגער פרוי איז די ליכט אין די אָוונטן געווען טונקל און די רייד — געדעמפּטע, איינגעהאַלטענע, שאָרכנדיקע.

פאַר דער באַלעבאָסטע האָט זיך די יונגע פרוי באַקלאָגט:

— איך האָב אַ סך פריינט אין ניו־יאָרק. ניט געקענט זיך אויסהיטן. זיי האָבן באַקומען מיין אַדרעס. עטלעכע פון זיי זיינען מיינע קאָזינס. איצטער קומען זיי מיך באַזוכן, אָבער זיי בלייבן בלויז אַ קורצע צייט און גייען אַוועק.

די באַלעבאָסטע מאַכט אַ העפלעך פּנים און זאָגט:

— עס איז זייער גוט, אַז אַ מענטש האָט אַ סך פריינט, איבערהויפּט אין אַזאַ ניו־יאָרק...

איינמאָל אַ פאַרנאַכט איז די אַלמנה אַרויס פון איר קעלער־דירה מיט צע־פלאַמטע באַקן, בלייכער נאָז און די אויגן האָבן ביי איר געגליט מיט כעס און בושה. זי איז האַסטיק אַריין צו דער יונגער פרוי. באַלד האָט זיך געהערט דער אַלטערס כריפּנדיק געשריי:

— שוין זאָלט איר נעמען אייערע זאַכן און אַרויס פון דאַנען! אויב ניט מעלד איך גלייך דער פּאָליציי. שוין, די מינוט זאָלט איר אַרויס! ביי מיר וואוינען בלויז אָנשטענדיקע מענטשן! איך האָב שוין געזען ווער עס זיינען אייערע פריינט, אייערע קרובים! אַרבעטן זאָלט איר גיין! ניט טאָן אַזעלכע שטיק!

פון יענעם צימער האָט זיך געהערט אַ שטיל העשן, אַ געיאָמער, געבעט־ווערטער:

— איך גיי שוין אַוועק. איך בעט אייך. איך מוז אויסהאַלטן אַן אַלטע קראַנקע מאַמע, איך...

— מען ווייסט שוין די תירוצים — שרייט די אַלטע — שוין די מינוט וויל איך אייך זען אויף יענער זייט שוועל פון מיין הויז!

די יונגע פרוי איז אַוועק און גלייך ווי די הויז־טיר האָט זיך הינטער איר פאַרמאַכט, איז די אַלמנה צוגעפאַלן צו דער סאָפע און מיט אירע האַנט־פלאַכן, מיט די פינגער, מיט די נעגל, לאַנג און פאַרזיכטיק גערייניקט, גערייניקט, געגלעט דעם גרינעם אָפּגעריבענעם פּליוש צוזאַמען מיט די געשניצטע געזימסן. אין הויז און אינעם צימער זיינען נאָכדעם לאַנג געבליבן די פאַרפום־ריחות, וואָס האָבן איינגעזאַפּט זיך אין די ווינקלען, אינעם מעבל, אין יעדן אַלטן חפץ...

דאָס צימער האָט נאָכדעם פאַרנומען אַ מיטל־יעריקער מאַן, וואָס איז כסדר אַרומגעגאַנגען אין ווייכע שטעק־שיך, געקאָכט פאַר זיך אויפן גאַז־אויוועלע פאַר־שיידענע קאַשע־מאכלים, קיינמאָל ניט געעפנט קיין פענצטער און קיין שאָרך איז קיינמאָל ניט אַרויס פון דאָרט. שוין עטלעכע יאָר האָט דער מאַן געשריבן אַ פילאָ־זאָפיש ווערק און געוואַרט אויף אַ בריוו, וואָס זאָל אין זיך טראָגן אַ גוטע בשורה, אַז דאָס ווערק איז דורך אַ פאַרלעגער אָנגענומען געוואָרן.

זיין איינציקער פריינט אין הויז איז געווען ראָבערט, דער וואָס צעטראָגט רכילותלעך אין שטילע, גדעמפטע טענער. אים, ראָבערטן, פלעגט ער אָקעגנטראָגן יעדעס מאָל די זעלבע פראַגע:

— פאַרוואָס ענטפערן זיי ניט?

ראָבערט האָט זיך אָנגעשטויסן וועמען ער מיינט מיט דעם „זיי"...

— זיי וועלן ענטפערן — האָט ראָבערט אים פאַרזיכערט — עדער אין זיין ריי.

איינמאָל איז פלאָרענס מאָדען אריין צו דעם שרייבער אין צימער איינמאָנען פאַר אַ וואָך דירה־געלט. זי האָט דעם מאַן געטראָפן ליגן אויף דער סאָפע. ער איז געווען טויט. איין האַנט איז געווען פאַרוואָרפן אראָפ־צו, אין דער האַנט איז געווען פאַרקוועטשט אַ בריוו. פלאָרענס האָט ארויסגעצויגן דעם בריוו און געלייענט: „מיר האָבן באַשלאָסן אייער בוך ארויסצוגעבן. מיר שלאָגן אייך פאָר אַזאַ און אַזאַ סומע האָנאָראַר. מיר וואַרטן אויף אייער ענטפער און מיר וועלן צוגרייטן דעם קאָנטראַקט". אונטערגעשריבן איז געווען אַ באַקאַנטער ניו־יאָרקער פאַרלעגער.

די אלמנה האָט דעם טויטן קערפּער פון דעם מאַן אראָפּגעהויבן פון דער סאָפע און אוועקגעלייגט אויף דעם אויסגעריבענעם טעפּיך איבערן דיל. זי האָט געזען אַ שלעכטן סימן אין דעם שפּיל פון לעבן און טויט, וואָס גייט אָן פאַר אירע אויגן. אויך איר מאַן, אַ דערפאָלגרייכער סוחר, האָט אויף דער סאָפע געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע, ווען עס איז אים אָנגעקומען די פינצטערע בשורה, אַז זיין איינציקער זון איז געפאַלן אין קריג...

* * *

די סאָפע איז אַלט געוואָרן. די אלמנה האָט דאָס מעבל־שטיק מער ניט געקענט האַלטן אין די צימערן פון אירע איינוואוינער. זי האָט אָבער ניט געהאַט קיין האַרץ עס צו נעמען און אַזוי מיר ניט, דיר ניט ארויסוואַרפן אין גאַס, אָדער גאָר אראָפּטראָגן אין קעלער. זי האָט זיך פאַרטרויט פאַר די שכנים:

— איך קען ניט נעמען מיט מיינע אייגענע הענט אַ זאַך, וואָס איז צו מיר צוגעבונדן אַזויפיל יאָרן און עס ארויסוואַרפן, איך קען ניט.

די איינוואוינער האָבן איר געעצהט אוועקצושטעלן די סאָפע אינעם פאָדער־הויז.

דער טונקל־גרינער פּלוש איז שוין געוואָרן אינגאַנצן אויסגעריבן. דאָ און

דאָרט האָט אַ שפּרונג־פּעדער זיך אַרויסגעריסן מיט אַן אַנדייט, אַז עס איז געקומען די צייט אויסצורוען די אַלטע ביינער.

שטייענדיק אין פאָדער־הויז, איז דער סאָפע באַשערט געווען נייע געשעענישן:

מענטשן האָבן ביים אַרויף און אַראָפּגיין די טרעפּ צוגעזעצט זיך אויף איר אָפּרוען, כאַפּן אַ שמועסל, אַרויפגעלייגט אַ פּעקל, געכאַפּט אַ דרימל. האָט אַ בחור באַגלייט אַ מיידל שפּעט ביינאַכט, איינע וואָס וואוינט אין הויז, זיינען זיי שוין ביידע אַריבער די שוועל, צוגעזעצט זיך אויף דער סאָפע און אין דער נאַכט־שטיל־קייט צווישן די טונקעלע ווענט פונעם אַלטן הויז פאַרגאַנגען אין אינטימער פרייד, טוליענדיק קערפּער צו קערפּער אין פאַרשכורנדיקער פאַרגעסונג...

אַ סך אַזעלכע נעכט מיט ליבע־פיבערן פון יונגע פּאָרלעך, מיט צערטלעכקייטן און שטילע ציטערן, האָט די אַלטע סאָפע איבערגעטראָגן...

זי האָט אַלעמען געטריי געדינט, אפילו דעם עפּילעפּטיקער, דזשימי, וואָס האָט אַ קליין אַנטיק־געשעפטל אין אַ ווינקל פון אַ גאַס אין מערב־זייט פון ניו־יאָרק, און גראָד אין אַ זונטיק, ווען אין הויז זיינען אַלע איינוואוינער ביי זיך אין די צימערן, האָט ער ניט געקענט דערגיין צו זיך אויפן צווייטן שטאָק און זיין עפּי־לעפּסיע־אַנפאַל איבערגעווייטיקט אויף דער סאָפע, ביז דער דאָקטאָר איז געקומען.

עס איז אויף דער סאָפע געקומען די צייט פון צעפאַלונג. די שפּרינג־פעדערן האָבן מיט חוצפּה אַרויסגעזעצט, מען האָט שוין מער אויף איר ניט געקענט זיצן רואיק און הנאה האָבן פון איר באַקוועמלעכקייט. דעמאָלט, האָט די באַלעבאָסטע, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת מיט זיך אַליין, באַשלאָסן זי אַראָפּצושטעלן אין קעלער אַריין, דאָרט ווו דער ריזיקער ברען־אויוון דערוואָרעמט דורכן פאַראָסטעטן רערן־געפלעכט דאָס גאַנצע הויז. ביים אַוועקנעמען די סאָפע פון פאָדער־הויז, האָט פלאָ־רענס מאַדען געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער צו די איינוואוינער:

— איך האָב עפּעס ניט קיין האַרץ אַרויסצוואַרפן אויפן מיסט אַן אַלטן פריינט, וואָס האָט דיר פאַרשאַפט געטרייער און אָנגענעמע מינוטן.

אין קעלער איז די סאָפע געבליבן שטיין אַ פאַרגעסענע, אַ פאַרלאָזענע. דינינקע שיכטן שטויב האָבן זיך געזעצט אויף איר. אין די פרימאָרגנס האָט די זון דורך די קליינע קעלער־פענצטערלעך אַריינגעשיקט שמאָלינקע שטראַלעכלעך פון צוואַ־רעמטן גאָלד, וואָס האָבן זיך צעלייגט איבער איר און געוואָרעמט איר אינגעוויד. אַמאָל איז אַ פאַרבלאָנדזשעטע, עלנטע קאַץ פאַרקראָכן אין דער אויסגעבעצטער טיפ־קייט און דאָרט אויסגעוואָרעמט פאַר זיך אַ היים.

אין הויז האָט זיך אַרײַנגעצויגן אַ יונג פּאָר־פֿאָלק, װײַטע קרובים פֿון דער אַלמנה. דאָס יונגע. חנעוודיקע ווײַבל, האָט געהייסן פּעגי און דער מאַן — ווילי. צו קריגן אַ דירהלע איז זיי ניט אָנגעקומען אַזוי לײַכט, אַרומגעלאָפֿן פֿאַר דער חתונה און נאָך דער חתונה און גאָרניט געפֿונען. פֿלאָרענס האָט זיי געטאָן אַ טובה, אַרײַנגענומען צו זיך אין הויז. דאָס פּאָר־פֿאָלק האָט דאָס נײַע דירהלע אויסגעצירט, אויסגעפּוצט מיט פֿאַרשיידענע קלייניקייטן. געפֿעלט האָבן נאָר עטלעכע מעבל־שטיקלעך.

איינמאָל איז ווילי אַראָפּ אין קעלער עפּעס פֿאַרריכטן. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער סאָפֿע און אַ וואָלקן מיט שטויב האָט אַ זעץ געטאָן פֿון איר אינגעווייד, אינאיינעם מיט אַ גרילצן פֿון די שפּרינג־פֿעדערן און דער געיאָמער פֿון קעץ, וואָס האָבן אין בהלה גענומען פֿון דאָרט לויפֿן. ווילי איז אויפֿגעשפּרונגען. אַ גליקלעכער געדאַנק האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ: ער האָט באַטאַפּט דאָס פֿײַנע אַנטיקווארע האָלץ מיט די שניצונגען און אָרנאַמענטן אַרום די זוימען און נאָך דעם זעלבן טאָג, האָט ער זי אַרויפֿגעשלעפּט צו זיך אין צימער.

— וואָס וועסטו מיט דער שמאַטע טאָן? — האָט פּעגי אַ דערשטוינטע געפֿרעגט — די סאָפֿע זעט דאָך אויס אַ סך עלטער פֿון אונדז ביידן צוזאַמען!

— ביז מיר וועלן האָבן געלט גענוג צו קויפֿן אַ נײַע, וועלן מיר דערווײַל דאָס איבערניצעוועין. מיר וועלן דערפֿון מאַכן אַ צאַצקע — האָט ווילי געלאַכט — עס איז דאָך אַן אַנטיקוואַרע מעבל־שטיק. זע נאָר די שניצונגען, די פֿיגורלעך, די בלומען, דעם גאָלד אַרום דעם האָלץ!

— מען ווערט דאָך דערשטיקט פֿון שטויב און פֿון דעם געשטאַנק! — האָט פּעגי געשריגן.

— אַ גאַנצע מחנה קעץ האָט געוואוינט אינעווייניק. ווײַזט אויס אַ מאַמע־קאַץ האָט דאָ געהאָדעוועט אירע קינדער און אייניקלעך — האָט ווילי געשריגן אַ באַגייסטערטער פֿון דעם אוצר, וואָס איז אים אומגעריכט געפֿאַלן אין האַנט אַרײַן — איך וועל אַלץ אויסרייניקן און וועסט עפּעס זען!

פּעגי האָט זיך געקרומט און ווילי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געצוימט די שפּרינג־פֿעדערן, באַצויגן מיט אַ נײַעם גרינעם געוואַנט, ביז זי האָט צוריק באַקומען איר אַמאָליקע ווײַכקייט און באַקוועמלעכקייט.

ביים באַנײַען די סאָפֿע, האָט דאָס פּאָרפֿאָלק אײַנגעלאַדן די אַלמנה פֿלאָרענס, געוואָלט איר מאַכן אַ פֿריילעכע איבעראַשונג.

— אומעגלעך... — האָט די אַלטע געשעפּטשעט — ניט צו פֿאַרשטיין... זי זעט דאָך ווידער אויס ווי נײַ!

— איר האָט געדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ שמאַטע דאָס איז געווען! — האָט פּעגי אויסגערופן מיט שטאָלץ — ווילי האָט פון דעם געמאַכט אַ לייט!

די אַלטע האָט לייכט אויפגעציטערט, פאַרמאַכט די אויגן אין עטלעכע רגעס איבערגעלעבט איר אַמאָל:

ווען זי האָט חתונה געהאַט, האָט איר מאַן אַהיימגעבראַכט די אַנטיקוואַרע, באַקוועמע סאָפע. זיי האָבן זיך ביידע אויף איר אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך געטו־ליעט צו איר, געקושט איר איבערן פּנים, די אויגן, די ליפּן, געשעפּטשעט איר צערטלעכע רייד. אין עפּעס מער ווי מיט צוויי צענדליק יאָר שפּעטער איז ער גע־שטאָרבן אויף דערזעלבער סאָפע. און דערנאָך — ווייטערדיקע אומגליקן — — —

זי האָט געעפנט די אויגן: אויף דער סאָפע זיינען געזעסן ווילי און פּעגי, שמייכלענדיקע, צופרידענע פון זייער אינטימקייט, פון דער שטילער נעסט, וואָס זיי האָבן זיך אַליין איינגעאָרדנט. ווילים אָרעם איז געווען פאַרוואָרפן איבער פּע־גיס ווייסן נאַקן, מיט זיינע שפּיצן פינגער האָט ער געגלעט אירע זיידענע האָר, וואָס האָבן געכוואַליעט אין אַ וואַרעמער, ברוינער שאַטנדיקייט. פּעגי האָט זיך געטו־ליעט צו אים מיט לאַשטשענדיקער צערטלעכקייט און גאַרנדיקן רייץ.

דער אַלמנה האָט אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. ווידער האָט אין מוח גענומען האַ־מערן אַ מוראַדיקער געדאַנק: דער צוזאַמענפלעכט פון לעבן און טויט. דער טויט, וואָס קויערט אַרום דעם מעבל־שטיק. אַט אַזוי — האָט עס געהאַמערט אין מוח — איז זי דאָך מיט איר מאַן אויף דער זעלבער סאָפע געזעסן. קען עס דאָך אויך מיט ווילין טרעפן. זי האָט שטיל אַרויסגערעדט:

— ניט געדאַרפט אויפפרישן אַן אָפּגענוצט שטיק. עס האָט זיך ניט געלוינט. בעסער געדאַרפט זי לאָזן שטיין אין קעלער, אָדער אַרויסוואַרפן און אַ סוף דער־מיט. איך אַליין האָב עס געדאַרפט שוין פון לאַנג אַרויסוואַרפן און פּטור.

— אַרויסוואַרפן?! — איז ווילי אויפגעשפּרונגען און זיך צעלאַכט — האָסט מאָדנע געדאַנקען, באַבעשי. זע ווי גוט איך האָב עס געמאַכט. נאָך בעסער ווי ניי. זעי דיך צו, אַט־אַ־דאָ!

— ניין, ניין... — האָט די אַלטע געשעפּטשעט מיט שרעק — איך מוז שוין גיין. איך האָב אַזויפיל אַרבעט אין הויז.

* * *

איינמאָל אַ טאָג, ווען ווילי און פּעגי זיינען אין הויז ניט געווען, איז פלאָרענס אַרויף צו זיי אין צימער. מיט איר איז מיטגעגאַנגען אַ טרעגער, וועלכער האָט גענומען די סאָפע און זי אַראָפּגעטראָגן אינעם קליינעם גאָרטן־הויף.

די אַלמנה האָט אים באַצאָלט פאַר דער מי און ווען ער איז אַוועק, האָט זי מיטביידע הענט גענומען גלעטן דאָס געשניצטע האָלץ, דעם נייעם איבערצוג. נאָכדעם האָט זי מיט אַ נאַפּט־פּליסיקייט באַגאָסן דאָס מעבל־שטיק, מיט ציטערדיקע הענט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און אונטערגעצונדן.

אַ פלאַם האָט אַ זעץ־געטאָן אין דער הויך. באַלד האָבן זיך גענומען קנוילן פּלעמלעך מיט שוואַרצן, שטיקנדיקן רויך. דאָס האָלץ מיט די אָרנאַמענטן האָט געקנאַקט פריילעך, לוסטיק. צונגען פייער האָבן געגלעט, געלעקט דאָס אַלטע חפץ. אין עטלעכע מינוטן איז פון דעם געבליבן אַ הויפן גליאיקע שפּרינג־פעדערן.

די אויגן ביי דער אַלמנה האָבן געטרערט, אין מוח האָט איר געהאַקט ווי מיט צענדליקער האַמערס. עס האָט זיך איר געדוכטן, אַז איר אייגן לעבן גייט דאָ אויף און ווערט פאַרוואַנדלט אין קויל און אַש. די פינגער פון די הענט זיינען ביי איר געווען פאַרפלאָכטן. זי האָט געקוקט, געקוקט אין פייער ביז פונעם לעצטן שטי־קעלע איז געוואָרן שוואַרצער סאַזשע און אַש...

דער אוצר

שוין צום וויפילטן מאָל האָט מאַרגאַרעט היינט געלייענט דעם בריוו. פון די אותיות האָט אויף איר געוויייעט מיט טרויער און פרייד. מאַרסעל שרייבט, אַז ער האָט זי נאָך שטאַרק ליב, ער בענקט נאָך איר, נאָר ער ווערט אַלט, האָט שוין באַלד ניט קיין כח צו אַרבעטן און קען לענגער ניט וואַרטן אויף איר צוזאָג אים אַריבער־צוברענגען קיין אַמעריקע, אויב וועט ער דאָס מאָל פון איר ניט באַקומען געלט אויף הוצאות, וועט ער מוזן אויפהערן שרייבן בריוו און אפשר איר אויך פאַרגעסן.

זי האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו, פון אַ שופלאָד האָט זי אַרויסגענומען אַ באַנק־ביכל, מיט די בליקן דורכגעלאָפן די ציפערן פון איר אָפּגעשפּאָרטן פאַרמעגן. די ציפערן האָבן זיך אויסגעלייגט אין אַזאַ קליינער סומע, אַז עס האָט איר פאַר־קוועטשט ביים האַרצן, זי האָט אין זיי געזען אַן אָפּגרונט מיט לויטער נולן. זי איז נאָכדעם צו צום קליינעם וואַנט־שפּיגל, איינגעקוקט זיך און געזען אַ פאַרעלטערט פּנים, גראָב, מיט אַן אָנגעלאָפענער, רויטלעכער הויט אין וועלכן עס רינצלען זיך קנייטשן אין קרומלעכע ליניעס, די אויגן — מידע, די ליפּן — דינע, בלייכע. ליפּן, וואָס קענען מער ניט רייצן דאָס אויג פון אַ מאַן...

* * *

מיט אַ שפּאָרע צאָל יאָרן צוריק איז מאַרגאַרעט אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

געקומען איז זי פון פראַנקרייך צו אירער אַ שוועסטער אין ניו־יאָרק. די שוועס־טער, אַן אַלטע מויד, אַן איינזאַמע, אַ קאַרגע, וואָס האָט יאָרן־לאַנג געוואוינט אין אַ ציגעלנעם הויז אויף דער מערב־זייט פון ניו־יאָרק, האָט ביים באַגעגענען איר

יונגערער שוועסטער מאַרגאַרעט, אַפּילו ניט קיין שמייכל געטאָן און זי קאַלט אויפֿ־גענומען. זי איז געווען זיכער די אַלטע מויד, אַז עס וועט קומען אַ שיינע, אַ רייצנ־דיקע מיידל, וואָס וועט זיך קענען אָנשפּאַרן אויף די אייגענע פֿיס, אויף די איי־גענע פּלייצעס, זי האָט מאַרגאַרעטן געקענט בלויז אַלס אַ קינד. איצט, אַז זי האָט געזען אַז איר יונגערע שוועסטער איז ניט קיין שיינע, קיינער וועט זיך מיט איר ניט אַרומכאַפּן, די גרויסע שטאָט וועט זי ניט צערטלען, האָט זי מיט שרעק איר פֿאָראויסגעזען דעם אייגענעם ביטערן גורל, וואָס באַגלייט זי דעם גאַנצן לעבן אין איינזאַמקייט...

די אַלטע מויד האָט שנעל פֿאַר איר יונגערער שוועסטער אויסגעזוכט אַ שטעלע אַלס אַ דינסט, ניט געלאָזט איר צופֿיל פֿאַרלירן צייט אין דער נייער היים. מיט אַ צייט שפּעטער האָט זי געהייסן אַראָפּטראָגן מאַרגאַרעטס זאַכן אינעם קעלער פֿון הויז און אַליין אַוועק אין אַ ווייטן מאָנאַסטיר ערגעץ אין קאַנאַדאַ און געוואָרן אַ נאָנע.

— — — — — — — — —

מאַרגאַרעט איז געווען אַ דאָרפֿס־מיידל פֿון דער בורגאָניע־געגנט אין פֿראַנק־רייך. זי איז יונגערהייט אַוועק פֿון דער היים — קיין פּאַריז, געטאָן דאָרט אַלערליי אַרבעטן, געוואַלגערט זיך יאָרן־לאַנג אין פֿרעמדע היימען, ביז איינמאָל האָט זי אויף אַ באַל באַגעגנט מאַרסעלן, אַ מויערער, אַ ציגל־לייגער פֿון אַ פּאַריזער פֿאָר־שטעטל. זיי האָבן זיך פֿאַרליבט. דעמאָלט האָט זי געשריבן צו איר שוועסטער קיין ניו־יאָרק און די שוועסטער, האָט איר אַרויסגעשיקט די נויטיקע פּאַפּירן. ווען זי האָט די פּאַפּירן באַקומען האָט זי פּלוצלינג דערזען מיט איינמאָל אַזויפֿיל אומ־געריכטן גליק, וואָס רינגלט זי אַרום, האָט דעריבער אַ האַפֿענונג זיך אין איר צע־גליט, זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פֿאָרן קיין אַמעריקע, אָנזאַמלען אַ שטיקל פֿאַרמעגן, אַריבערנעמען מאַרסעלן און זיי וועלן דאָרט חתונה האָבן.

מאַרגאַרעט איז אַוועק קיין ניו־יאָרק, מיטגענומען האָט זי אין זיך אַ טיפֿע בענקשאַפֿט צו מאַרסעלן, אַ בענקשאַפֿט ניט איינצושטילן, ניט צו פֿאַרגעסן.

מאַרגאַרעט האָט אין ניו־יאָרק געשפּאָרט אויף אַ בילעט פֿאַר מאַרסעלן און אויף אַ דירהלע פֿאַרביידן. נאָכדעם ווי אַ קליינינקע סומע איז שוין געווען פֿאַר־צייכנט אין דעם באַנק־ביכל, איז זי פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, אָפּגעלעגן אַ סך חדשים אין אַ שפּיטאָל אָן אַ גואל, אָן קיינעם. ווען זי איז אַרויס פֿון דאָרטן האָט זי ווידער גענומען אַרבעטן צו דערגרייכן איר איינציקן ציל, דעמאָלט האָט אויס־געבראָכן די מלחמה.

מאַרסעל האָט דאָרט אין זיין היים־שטאָט געוואַרט אויף דער גוטער בשורה,

וואָס זאָל אין איין פרימאָרגן אַריינפּלאַטערן אין זיין שטוב און אים אָנזאָגן, אַז פון היינט אָן, דאַרף ער ניט מער שלעפּן ציגל איבער מויערן, ער וועט זיך שוין אַביסל אויסרוען, שלאָפן אַביסל לענגער, טרינקען רויטן וויין וויפיל דאָס האַרץ וועט גלוסטן, טוליען זיך נעבן מאַרגאַרעטס לייב און איר שעפּטשען ליבע־רייד. ער האָט צו מאַר־גאַרעטן געשריבן וואַרעמע בריוו פול מיט ליבע און בענקשאַפט. זי האָט יעדן בריוו געלייענט עטלעכע מאָל, די ווערטער זיינע געצערטלט, געגלעט און אים געענטפערט, אַז באַלד וועלן זיי זיין צוזאַמען, צוזאַמען אויף אייביק.

זי איז שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן, אירע הענט זיינען געוואָרן מיד, ניט געקענט טאָן קיין סך אַרבעט און ניט דערגאַנגען צו דעם פולן סכום אויף אַ שיפס־בילעט פאַר איר געליבטן מאַרסעל.

* * *

זי האָט איצטער געהאַט אַ שטעלע ביי אַ קליינער משפחה אין ניו־יאָרק. דער הויפּט פון דער משפחה אוירווינג גלאַס, איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין אַ שטאָט־ביבליאָטעק, זיין ווייב איז געווען אַ קרענקלעכע, אַ שטילע, ניט געקענט טאָן אַליין די שטוב־אַרבעט, זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער און מאַרגאַרעט האָט זיך געאַרבעט עטלעכע טעג אַ וואָך.

דער בריוו וואָס איז היינט אָנגעקומען פון מאַרסעלן, האָט זי אינגאַנצן צע־טרייסלט, אויפגערודערט איר געמיט. זי האָט שוין איצטער געזען דעם ביטערן גורל, וואָס האָט ניט אויסגעמיטן איר שוועסטער, האָט זיך אויך אויף איר אַרויפגעוואָרפן, זי וועט שוין ניט אויסמיידן דאָס, וואָס איז פאַר איר אָנגעצייכנט.

זי האָט אָפּגעוואַרט ביז פאַרנאַכט, ווען מיסטער גלאַס איז געקומען פון דער אַרבעט און אַ ניט־דערייסטע צו אים צוגעשטאַנען מיט רייד:

— מיסטער גלאַס, איך וויל אייך בעטן, אפשר איז מעגלעך איר זאָלט מיר העלפן?

— וואָס מיינט איר העלפן?

— איך דאַרף געלט. איך בין שוין אין אַמעריקע פיל יאָרן און ביז היינט ניט געקענט אָנקלייבן אַ סומע אויף אַ שיפס־בילעט פאַר מיין חתן מאַרסעל אין פראַנקרייך. אַלץ ווערט מיט יעדן טאָג טייערער, די פּאָר דאָלאַר, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט זיינען וויניקער ווערט...

— וואָס קען איך אייך העלפן? — האָט אוירווינג גלאַס געפּרוווט איינהאַלטן

איר שטראָם רייד — איך האָב ניט קיין אָפּגעשפּאָרט געלט. איך קען קוים אויס־קומען מיט מיין געהאַלט. עס איז מיר אוממעגלעך אייך צו העלפן.

— וואָס טוט מען? — האָט מאַרגאַרעט געפרעגט מיט פאַרצווייפלונג אין קול — איך מוז האָבן געלט.

— מען דאַרף זוכן אַן עצה, מאַרגאַרעט.

— איך קען שוין לענגער ניט וואַרטן. מאַרסעל וועט מיך אָוועקוואַרפן. איך האָב אים ליב...

אוירווינג גלאַס האָט איר באַטראַכט מיט אַ שנעלן זייטיקן בליק: אירע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן. איר געראָנצלט פּנים איז געווען בלייך, צעשראָקן.

— האָט איר גאָרניט מיטגעבראַכט פון פראַנקרייך? איך מיין עפּעס אַ ווערטפולע זאַך, וואָס מען וואָלט געקענט פאַרמשכונען? אויב ניט וועט מען מוזן זוכן אַן אַנדער עצה. דערמאָנט זיך נאָר!

אין מאַרגאַרעטס מוח האָט עפּעס אויפגעטויכט. אין איר זכרון האָט אַ צאַפּל געטאָן, עפּעס זייער דינס, ווי אַ שפּיץ פון אַ נאָדל:

— איך ווייס. איך האָב געהאַט מיט זיך עפּעס אַ פּעקל בילדער...

— בילדער?

— ווען איך האָב געוואוינט אין פּאַריז, האָב איך געאַרבעט ביי דער משפּחה דעסאָלען, רייכע וויין־הענדלער. אין דעם זעלבן הויז, האָט געוואוינט אַ מאָלער, האָט ער מיך פאַרבעטן אַרויפצוקומען אין זיין סטודיע און פּאָר אים פּאָזירן. ווען איך האָב נאָר געהאַט אַביסל פרייע צייט, בין איך אַריין צו אים. ער האָט געוואוינט אין אַ קליין צימער, עס איז דאָרט געווען קאַלט, טרויעריק, אָפּגעלאָזן, אָבער פול מיט פרעכטיקע בילדער פון פרויען, אַזוי רייצנדיק, שיין, פול מיט קאָלירן, אַז איך פאַרשטיי ניט, ווי אַזוי ער האָט דאָס געמאַכט. ער איז געווען אַן אָרימער, אַ קרענק־לעכער, ליב געהאַט צו טרינקען אַ סך אַלקאָהאָל, אָבער ער איז געווען אַ וואוילער. ער האָט ניט געהאַט קיין געלט מיר צו באַצאָלן פאַרן פּאָזירן, האָט ער מיר אָוועק־געגעבן אַ פּעקל בילדער און געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ מיט וואָס ער קען מיך באַ־לוינען. איך האָב ניט געוואָלט נעמען, אָבער ער האָט מיך גענויט זיי אָנצונעמען.

— וווּ זיינען זיי איצט?

— זיי דאַרפן זיך געפינען אין קעלער, וווּ מיין שוועסטער האָט געוואוינט.

אוירווינג גלאַס האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע און געזאָגט:

— אויב איר האָט צייט, גייט צו אין יענעם הויז און ברענגט דאָס פּעקל בילדער אַהער. אפשר זיינען זיי עפּעס ווערט, מען קען ניט וויסן...

— — — — — — — — —

צווישן דעם אנגעוואָרף אינעם קעלער פון דעם אַלטן הויז אויף דער מערב־זייט, ווו די שוועסטער האָט יאָרן־לאַנג געוואוינט, האָט מאַרגאַרעט געזוכט און גע־זוכט דאָס פּעקל, וואָס זי האָט מיט פיל יאָרן צוריק אַהערגעבראַכט. זי האָט אַלצ־דינג איבערגענישטערט, געפונען אירע אַן אַלטע וואַליזע, דער שוועסטערס עטלעכע שטוב־חפצים, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן צו א פּעקל פּאַפּירן און לייוונטן, וואָס זיינען געווען ביי די ברעגן צעפרעסן פון מייז, ווערים, געווען פול מיט קויט, שטויב. זי האָט דאָס אַרויפגעשלעפּט און געבראַכט אינעם הויז פון אוירווינג גלאָס.

* * *

אוירווינג גלאָס, דער ביבליאָטעקאַר, איז א געבויגענער געשטאַנען איבער זיין שרייב־טיש און מיט ביידע האַנט־פלאַכן אויסגעגלייכט א צעקנייטשטע לייוונט: א פּאָרטרעט פון א ליגנדיקער פרוי.

— עס איז פּרעכטיק, געטלעך. דאָס האָט זיכער געמאָלן א גרויסער מייסטער!

ער האָט שנעל אַוועקגעלייגט די לייוונט, א כאַפּ געטון א געראָלטן פּאַפּיר, אויפ־געוויקלט און געזען א צייכענונג פון א נאַקעטער פרוי.

— דאָס בין איך — האָט מאַרגאַרעט אַרויסגעשעפּטשעט און א רויטקייט האָט א שפּיל געטאָן אויף איר פאַרעלטערטן פּנים — איך געדענק, דאָס האָט ער מיך אַזוי געמאָלן.

— עס איז וווּנדערלעך — האָט גלאָס געברומט — א מייסטער־ווערק!

— ער איז געווען אַזאַ וואוילער — האָט מאַרגאַרעט ווייטער גערעדט, ווי אויפוואַכנדיק פון א טיפן חלום — נאָר ער האָט צופיל געטרונקען. ניט געשלאָפן, גאַנצענע נעכט אַרומגעשלייכט זיך אין אַלע ווינקלען פון פּאַריז, ווי א קלאָשאַר.

— זענט איר געווען זיין מאָדעל? אינטערעסאַנט.

— ניט שטענדיק, בלויז אפשר א יאָר צייט, אַזוי לאַנג ווי איך האָב גע־אַרבעט ביי דער משפּחה דעסאַלען. ער האָט געפונען אַנדערע פרויען, שענערע. ער האָט געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין שיינע, נאָר איך האָב א שיינעם קערפּער, מיט האַרמאָניש, ריטמישע ליניעס. מיין קערפּער זעט אויס ווי א גרויסע פידל, האָט ער געזאָגט.

— המ...

— מיסטער גלאָס, איר מיינט, אַז מען קען דאָס פאַרקויפן און קריגן עפּעס געלט?

— איך וויים ניט, נאָר ווי מיר דאַכט זיך, איז עס אַן אוצר. דער אונטער־שריפט איז פון איינעם פון די גרעסטע מאָלער, וואָס האָבן געלעבט אין פּאַריז. זיינע בילדער זיינען היינט ניט אָפּצושאַצן.

מאַרגאַרעט האָט זיך א וואַקל געטאָן. זי האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים ברעג פון טיש.

— מיסטער גלאַס, האָט אויף מיר רחמנות, וואַרט ניט, טוט עס פאַר מיר. גייט צו וועמען מען דאַרף. איך מוז האָבן געלט! איך וועל פאַרלירן מאַרסעלן. איך וויל אים אַהערברענגען. איך בין אַליין, האָב ניט קיינעם...

—באַרואיקט אייך, מאַרגאַרעט איך וועל טאָן אַלץ. עס וועט נעמען אַ צייט. מען מוז די בילדער שאַצן, זוכן אַ גוטן קונה. איך וועל זען אַלץ זאָל גוט זיין.

* * *

ניט אַזוי שנעל האָט מאַרגאַרעט באַקומען געלט פאַר די בילדער. אוירווינג גלאַס האָט זיי געטראָגן צו קונסט־מבינים. איינער האָט געזאָגט, אַז די בילדער זיינען געפעלשטע, דער צווייטער האָט זיך געקווענקלט, אַלע האָבן זיך אַנטציקט מיט דער מייסטערשאַפט פון די ווערק און צו קיין טאָלק איז ניט געקומען.

נאָך לאַנגע חדשים אַרומלויפן איבער גאַלעריעס און צו קונסט־הענדלער, נאָך אַ סך אויספּרוּוועכצן, זיינען די בילדער פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ ריזיקער סומע געלט. מאַרגאַרעט איז מיט איינמאָל רייך געוואָרן.

דעם זעלבן טאָג איז זי אַוועק קויפן אַ שיפס־בילעט און מיט ציטערדיקע פינגער, האָט זי אויפגעשריבן אַ טעלעגראַמע צו מאַרסעלן, וווּ זי האָט אים אָנגעזאָגט די ווּנדערלעכע בשורה פון זייער ביידנס אויפריכטונג.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען זי איז אין אַ פאַרנאַכט אַהיים געקומען פון אַ טאָג אַרומזוכן אַ פּאַסיקע רייכע דירה פאַר ביידן, האָט זי ביי דער טיר פון איר צימער געפונען אַ טעלעגראַמע.

זי האָט אין דער ערשטער מינוט מורא געהאַט צו עפענען. עפּעס האָט ז ניט געגלויבט, אַז אַלץ זאָל זיך צונויפקומען אין מיט פון אַ גליקלעכער שעה, אַז מיט איינמאָל זאָל אַזוי פיל פרייד זי אַרומנעמען. זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ שטול, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געעפנט דאָס פּאַפּיר און קוים דערלייענט דעם אינהאַלט, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט אין עטלעכע שורות: „מאַרסעל דיוואַל איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכער רושטאָוואַניע. ער געפינט זיך אין שפּיטאָל אין זייער אַ שווערן צושטאַנד". אונטערגעשריבן איז געווען: לואיז דיוואַל, מאַרסעלס פרוי".

מאַרגאַרעט האָט געלאָזט פאַלן דאָס פּאַפּיר פון די הענט און אַ מידע איז זי געבליבן זיצן אין דעם שטול.

— צו־שפּעט — האָט זי געשעפּטשעט — צו־שפּעט געפונען דעם אוצר...

אַ צאָל פון די דערציילונגען זיינען
גענוען געדרוקט אין „צוקונפט",
„קיום", „קעמפער", „פאָרווערטס".

פון זעלבן מחבר דערשינען:

דאָס ראָד פון מזל, דערציילונגען, „ציקאָ" ביכער־פארלאַג.
ניו־יאָרק, 1949.

(פרעמירט פון צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקאָ 1949)

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
22־טן סעפּטעמבער 1952, אין דער
דרוקעריי „הײמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47־7752. בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir en
el día 22 de Septiembre de 1952, en
los Talleres Gráficos H E U M A N,
Pasteur 333 - Tel. 47-7752 - Bs. As.